שיחות קודש
תשמ״ח
— א —

יום ב׳ דר״ה – ש״פ וישלח, י״ד כסלו

•

מאת

כבוד קדושת

אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

שניאורסהאן

מליובאוויטש

הנחת הת׳ בלתי מוגה



הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תשע"ו

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושש לבריאה

להערות:
SifreiSichosKodesh@gmail.com

פתח דבר

לתועלת הרבים מוצאים אנו בזה ליקוט מקונטרסי השיחות של כ"ק אדמו"ר זי"ע - ההנחות ד"ועד הנחות התמימים" שיצאו לאור בשעתם. השיחות הם רשימות השומעים בלבד - ולא הוגהו ע"י כ"ק אדמו"ר (מלבד אלו שמצויין אחרת).

*

הוצאה זו היא צילום מההנחות כפי שיצאו לאור בפעם הראשונה, ולא עלה בידינו לתקן טעויות הדפוס וכיו"ב שנפלו בהקונטרסים. ועוד, שלע"ע עדיין לא מצאנו העתק מכל החוברות שהתפרסמו בשעתו, ובקשתינו שטוחה, מכל מי שיש ברשותו הנחה שלא הגיע לידיינו - שימציאה לידינו בהקדם, ע"מ לזכות את הרבים.

*

במפתח שבראש הספר רשמנו כל השיחות שנאמרו בתקופה הנכללת בספר (כמצויין בדף השער). השיחות המצויות בספר זה רשומות **במדוגש**, ואלו שלע"ע חסרות רשומות בכתב רגיל. בשיחות המוגהות שהתפרסמו בשעתם ציינו כוכב לצידם, ובכמה מהם לא נכללו כ"א חלק מהבלתי מוגה - ההשמטה או ההשלמה - בלבד (היות שחלק המוגה נדפס במקומו - בספר השיחות, בההוספות ללקו"ש, בסדרת תורת מנחם, ועוד). בעריכת המפתח סמכנו ע"פ רוב בספר "מפתח מאמרים ושיחות" בעריכת הרה"ת ר' יוסף יצחק הלוי שגלוב.

* * *

ויהי רצון, שע"י "חידוש הישנות" בתורת כ"ק אדמו"ר, נזכה לשמוע עוד שיחות ומאמרים, בקרוב ממש.

המוצאים לאור

ז' אדר ראשון*, ה'תשע"ו

---

* ראה לקו"ש חכ"א ע' 317.

מפתח



שיחות קודש
תשמ"ח
— א —

שיחת

יום ב׳ דר״ה

ה׳תשמ״ח




הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה



מפתח

בס"ד. שיחת יום ב' דראש השנה, ערב שבת קודש, ה'תשמ"ח.

הנחת הת' בלתי מוגה

כ"ק אדמו"ר שליט"א נטל ידיו הק' לסעודה.

[צוה להכריז שאלו שעדיין לא נטלו ידיהם לסעודה, יטלו עכשיו. וגם – שאמירת לחיים תהי' קודם השקיעה].

א. ס'איז ידוע וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו האט דערציילט[1] וועגן דעם רבי'ן (מהורש"ב) נ"ע, וואס ער איז געווען זיין בן יחיד און זיין ממלא מקום (מיט אלע ענינים שבזה) – אז בסיום פון דעם צווייטן טאג ראש השנה פלעגט ער זאגן א מאמר חסידות, און פלעגט דערמאנען א תורה פון אלע נשיאים און דערמאנען די נשיאים בשמם, בזה הלשון (בערך): דער בעש"ט, דער מגיד, דער אלטער רבי, דער מיטעלער רבי, דער צמח צדק, און דער רבי מהר"ש.

– כמובן, אז דער רבי נ"ע האט אים ניט גערופן "רבי מהר"ש", נאר "דער טאטע" וכיו"ב, אבער אזוי איז דער לשון (דער רבי מהר"ש) ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האט איבערגעגעבן. וכדלקמן.

ב. וויבאלד אז דער רבי נ"ע האט דערמאנט די נשיאים מיט זייערע נעמען כנ"ל – איז פארשטאנדיק אז ס'איז בתכלית הדיוק און דערפון גופא קען מען ארויסנעמען א לימוד. ובפרט אז ער האט עס דערמאנט אין א מאמר חסידות – כידוע וואס ר' הלל פאריטשער האט געזאגט[2] אז בשעת א רבי זאגט א מאמר חסידות איז דאס כמעמד הר סיני, בדוגמא ווי עס שטייט בא הקהל "מפי הגבורה שומעה", "שהמלך שליח הוא להשמיע דברי הא-ל"[3], אדער נאכמער דערפון – ע"ד ווי "שכינה מדברת מתוך גרונו"[4], וואס איז נאכמער ווי "שליח הא-ל".

איז דאך פארשטאנדיק, אז יעדער זאך אין א מאמר חסידות איז בתכלית הדיוק, כולל אויך דעם אופן ווי מ'האט דערמאנט די נעמען פון די נשיאים.

זעט מען אין דעם א דבר פלא[5]:

---

1) ראה שיחת ליל ב' דר"ה תש"ד (ס' השיחות תש"ד ע' 3. הקדמה לקונטרס פב – נדפס בסה"מ תשי"א ע' 3 הערה 4. לקו"ש חי"ד ע' 376 הערה 4. אגרות קודש כ"ק אדמו"ר שליט"א ח"ג ע' תסט הערה 4). 2) ראה גם ד"ה וישלח תשמ"ג (סה"מ תשמ"ג ע' נב). שיחת ש"פ תשד"מ הערה 4 (יודפס בלקו"ש חכ"ו בהוספות). שיחת ש"פ מטו"מ תשמ"ב סס"ג ועוד. 3) רמב"ם סוף הל' חגיגה. 4) מחז"ל הובא בכ"מ (או"ת להה"מ מג, סע"ג. תניא פל"ד. אגה"ק סכ"ה (קלט, ריש ע"ב). ועוד). וראה זח"ג רלב, א. לקו"ת ואתחנן ג, ד ובהנסמן במ"מ שם (בהוצאת קה"ת, תשד"מ ושלאח"ז). 5) בכ"ז – ראה גם שיחות: ליל ה (ס"ז) וליל ו (סי"ג) דחה"ס תשמ"ו.

מ'האט אנגערופן דעם בעש"ט דוקא מיטן תואר "בעש"ט", אע"פ וואס דאס איז ניט שמו אשר יקראו לו בלשון הקודש שניתן לו בשעת כניסתו לברית עולם.

עד"ז דער "מגיד" - איז א תואר, ניט זיין שם פרטי.

נאכמער דארף מען פארשטיין בנוגע צו דעם "אלטן רבי'ן" און דעם "מיטעלן רבי'ן": ס'איז מובן ופשוט אז בחייהם האט מען זיי ניט אנגערופן מיט די תוארים ("אלטער רבי", "מיטעלער רבי"), נאר לאחרי הסתלקותם בדורו של הצ"צ, האבן עמא דבר [ניט "בר" מחוץ, נאר חסידים בפנים] זיי אזוי אנגערופן: "דער אלטער רבי" - ניט מצד זקן בשנים אדער בימים, נאר מצד דעם דור - זקן שבנשיאים (וואס דאס איז בעיקר שייך ניט אזוי בדור השני (פון דעם מיטעלן רבי'ן), נאר אין דור השלישי (דור הצ"צ)); און דער "מיטעלער רבי" - אלס דער "מיטעלער" צווישן דעם אלטן רבי'ן און דעם צ"צ.

אעפ"כ זעט מען אז בשעת מ'האט זיי דערמאנט בראש השנה - האט מען זיי דערמאנט דוקא בשם דער אלטער רבי און דער מיטעלער רבי.

עד"ז איז דער פלא בנוגע צום תואר "צמח צדק"[5]: דער נאמען "צמח צדק" איז בפשטות על שם ספרו צמח צדק[6], וואס ספרו איז געדרוקט געווארן כמה שנים לאחרי הסתלקות הצ"צ[7]. ביז אז עס זיינען גאר דא אזוינע וואס האבן געוואוסט נאר וועגן דעם ספר צמח צדק, און ניט וועגן דעם בעל המחבר, און דורך דעם ספר האבן זיי געוואוסט און גערופן דעם בעל המחבר - בעל המחבר ספר "צמח צדק", און דערנאך האט מען אים גערופן בקיצור - "דער צמח צדק".

עד"ז אויך בנוגע צו דעם נאמען "רבי מהר"ש" - איז פארשטאנדיק אז בנו, דער רבי נ"ע, האט אים ניט אנגערופן "רבי מהר"ש" אין א ראשי תיבות! ווארום ער איז דאך געווען בנו, איז א שאלה[8] צי ער האט אים געקענט אנרופן מיט זיין נאמען "רבי מהר"ש", אדער אויב ער איז יוצא בכבודו אים אזוי אנצורופן אן צוגעבן נאך טיטולן.

ווערט די שאלה: ווי האט ער אים גערופן. צי האט ער אים אנגערופן "דער טאטע" אן קיינע טיטולן, און מ'האט אליין פארשטאנען וועמען ער מיינט, אדער "דער טאטע" מיט זיין טיטול.

---

6) ראה גם בית רבי סוף חלק ג. 7) ראה רשימת ספריו בהוספות לדרך מצותיך (ע' 410) ובסו"ס המפתחות לספרי הצ"צ (ע' קלה ואילך). ובכ"מ. 8) ראה ים של שלמה קידושין פ"א סס"ה. פתחי תשובה יו"ד סר"מ סק"ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

בנוגע צו דעם רבי'ן נ"ע בדור שלאח"ז – איז אונינו שמענו אז כ"ק מו"ח אדמו"ר האט אים גערופן "דער טאטע", אן קיין טיטול לפנ"ז אדער לאח"ז, און מ'האט אליין פארשטאנען וועמען ער מיינט. עד"ז אויך בכתב – געפינט מען ער זאל אים רופן "דער טאטע". לפעמים האט ער צוגעגעבן אויך טיטולן, אבער בכתב איז דאס פארשטאנדיק, משא"כ בדיבור.

בנוגע לפועל דארף מען מברר זיין בא די וואס זיינען דעמולט געווען און האבן געהערט די מאמרי חסידות, און געדענקען ווי ער האט געזאגט, און האבן דערצו אויך משים לב געווען צו מדייק זיין בזה. ווארום אפילו אויב זיי האבן געהערט און געדענקען – אבער אויב זיי האבן דערצו ניט משים לב געווען, איז א שאלה צי מ'קען זיך אויף דעם פארלאזן. וכמחז"ל[9] געבראכט להלכה[10], אז "כל מילתא דלא רמיא עלי' דאניש לאו אדעתי'".

בכל אופן בנוגע אלינו – זעט מען אז כ"ק מו"ח אדמו"ר האט אים אנגערופן דער רבי מהר"ש (אין א ראשי תיבות), במילא איז פארשטאנדיק די חשיבות בדבר, ובמילא – אויך די חביבות וואס דארף אין דעם זיין. ומצד חביבות הדבר, איז מתאים אז מ'זאל דערפאר אזוי אויך אנרופן בנו וממלא מקומו (דער רבי מהורש"ב נ"ע), ובנו של ממלא מקומו (כ"ק מו"ח אדמו"ר).

דער עיקר איז אבער ניט אזוי דער דיוק הפרטים כו', נאר תוכן הענין, אז בסיום פון דעם צווייטן טאג ראש השנה פירט מען זיך צו דערמאנען אלע נשיאים בשמם: דער בעש"ט, דער מגיד, דער אלטער רבי, דער מיטעלער רבי, דער צמח צדק, דער רבי מהר"ש, דער רבי נ"ע, און דער רבי נשיא דורנו.

ג. אין חסידות איז מבואר דער גודל העילוי פון א ניגון, אז דאס איז "קולמוס הלב"[11], די הארץ גיט זיך ארויס אין א ניגון, נאכמער ווי "נפשי יצאה בדברו"[12]. ובפרט א ניגון אן ווערטער[13], וואס דאס ברענגט א שטארקערע כלות הנפש ווי א ניגון מיט ווערטער, כמבואר בכ"מ און פארשטאנדיק בפשטות.

דעריבער איז מן הראוי אז מ'זאל דערמאנען די נשיאים בקשר מיט זייערע ניגונים, א ניגון פון (אדער המיוחס צו) יעדער נשיא, אדער המיוחס צו צוויי אדער כמה נשיאים. און דערביי אויך דערמאנען דעם נאמען פון יעדער נשיא צוזאמען מיט זיין ניגון.

---

9) שבועות מב, א. וש"נ. 10) ראה רמב"ם הל' טוען ונטען פ"ו ה"ד. ועוד. 11) ראה לקו"ד ח"ג תקי, ב. 12) שה"ש ה, ו. וראה המשך תרס"ו ע' תצג. ועוד. 13) ראה גם שיחת יום ב' דר"ה תשמ"ה ס"ד.

הנחת הת' בלתי מוגה

ד. ויה״ר אז נוסף לזה וואס יעדער ניגון זאל אויפטאן דאס וואס דער בעל הניגון האט געוואלט עס זאל אויפטאן, זאל יעדער ניגון, און צירוף כולם יחד, זאל ממהר זיין דעם ניגון העשירי[14] פארבונדן מיט דעם נס העשירי, און "עלי עשור"[15], בגאולה האמיתית והשלימה, ווען עס וועט זיין "אז ישיר משה ובני ישראל"[16], "שר לא נאמר אלא ישיר"[17],

ולא עכבן אפילו כהרף עין[18] - נאך אין דעם צווייטן טאג ראש השנה.

ובפרט אז בקביעות שנה זו גייט מען אריין גלייך פון ראש השנה אין שבת, ווען עס ווערט די עלי׳, "ויכולו"[19], פון ראש השנה - ווערט דאס א הכנה גלייך צו אריינגיין אין יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים[20], און די עבודה דעמולט איז מתוך מנוחה בגשמיות וברוחניות וברוחניות ובגשמיות גם יחד.

און ס׳ווערט "האזינו השמים ואדברה ותשמע והארץ אמרי פי"[21], און מ׳הערט דאס פון משה רבינו, וואורום "הקיצו ורננו שוכני עפר"[22], ווי עס שטייט אין ספרים[23] אז עס זיינען פאראן כמה דרגות אין תחיית המתים, און צדיקים קמים מיד. וכמפורש בחז"ל[24] בנוגע צו משה רבינו, אז בשעת מ׳וועט אויפשטעלן דעם ביהמ"ק השלישי - וואס דאס איז גלייך בתחלת הגאולה - "משה ואהרן יהא עמנו", און זיי וועלן אנווייזן ווי מ׳זאל מקריב זיין קרבנות וכיו"ב.

וועט מען הערן "האזינו גו׳" פון משה רבינו, גואל ראשון הוא גואל אחרון[25],

בגאולה האמיתית והשלימה, אזא גאולה וואו עס וועט ניט בלייבן קיין איין און איינציקער איד אין גלות[26], נאר "בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו"[27] וועלן אלע גיין - "קהל גדול ישובו הנה"[28]: "קהל" - ניט בלויז אלס יחידים, נאר "קהל" לשון יחיד, איין קהל, וואס דאס איז נאכמער פאר ציבור, און "קהל

---

14) ראה מכילתא בשלח טו, א. תרגום לשה"ש א, א. נת׳ באוה"ת שה"ש בתחלתו. 15) תהלים צב, ד. 16) בשלח שם. 17) סנהדרין צא, ב. 18) ע"פ מכילתא ופרש"י בא יב, מא. 19) בראשית ב, א. וראה ד"ה ויכולו שנאמר בההתוועדות. וש"נ. 20) תמיד בסופה. 21) ר"פ האזינו. 22) ישעי׳ כו, יט. 23) זח"א קמ, א. 24) תוד"ה אחד - פסחים קיד, ב. וראה יומא ה, ב. 25) ראה שמו"ר פ"ב, ד. זח"א רנג, א. שער הפסוקים להאריז"ל פ׳ ויחי. תו"א ר"פ משפטים. לקו"ש חי"א ע׳ 8 ואילך. 26) ראה לקו"ש חי"א ע׳ 1 ואילך. 27) בא י, ט. 28) ירמי׳ לא, ז.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

גדול": א "קהל" גופא באופן של גדלות ("קהל גדול"), "ישובו" – מלשון תשובה, "הנה" – לשון נוכח, ולשון שמחה[29], ולשון זריזות, זריזות הכי גדולה, ביז תיכף ומיד ממש.

ה. ובפרט אז בקביעות שנה זו גייט מען אריין גלייך פון ראש השנה אין שבת (כנ״ל) – וואס בשבת איז "כל מלאכתך עשוי׳"[30], אלע ענינים זיינען שוין אפגעטאן מלמעלה, ועד״ז זיינען אלע ענינים שוין אפגעטאן געווארן מלמטה, נאך בערב ראש השנה, ווי עס שטייט אין טור[31], אז שוין בערב ר״ה "לובשים לבנים ומתעטפים לבנים" ווייל מ׳איז דעמולט זיכער אז זוכים בדין, ביז אז דאס ווערט נתגלה אויך צו אוה״ע.

און ס׳איז געבליבן מערניט ווי דער "עמדו הכן כולכם"[32] און "צופוצן די לעצטע קנעפלעך"[33], ובאמת איז דאס אויך שוין אפגעטאן געווארן – ווארום ע״פ שו״ע איז דאס (צופוצן די קנעפלעך) א מלאכה אסורה בשבת[34] [צי מן התורה אדער מדברי סופרים, אבער חביבין עלי דברי סופרים כו׳[35]], ובפרט אז דאס איז אן ענין פון "מכה בפטיש", וואס דאס איז פון די ל״ט מלאכות – "אבות מלאכות ארבעים חסר אחת"[36] – במילא גייט דאס אויך אריין אין "כל מלאכתך עשוי׳".

און וויבאלד אז אלע ענינים זיינען שוין אפגעטאן געווארן מלמטה און מלמעלה, דארף שוין דער אויבערשטער זיכער ברענגען די גאולה, במעשה בפועל, ובפשטות, ביז בפשיטות מן הפשיטות – אז מ׳האט דא למטה משיח צדקנו, דוד מלכא משיחא, בכל עצמותו.

און אין אן אופן פון "שמח תשמח רעים האהובים"[37], נאך העכער פאר עונג הבלתי מורגש[38], ביז – פריצת כל הגדרים – גילוי עצמותו ית׳ דא למטה בתחתון ומטה שאין תחתון למטה ממנו.

*

כ״ק אדמו״ר שליט״א צוה לנגן הניגונים, ובהקדמה לכל ניגון

---

29) ספרי ופרש״י קרח יח, ח. 30) מכילתא ופרש״י יתרו כ, ט. טושו״ע (ודאדה״ז) או״ח סש״ו ס״ח (סכ״א). 31) סו״ס תקפ״ב. מירושלמי ר״ה פ״א ה״ג. יל״ש ואתחנן רמז תתכה. 32) מכתב כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ – נדפס בסה״מ קונטרסים ח״ב שצז, ב. אגרות קודש שלו ח״ד ע׳ רעט. 33) שיחת שמח״ת תרפ״ט. 34) ראה טושו״ע ודאדה״ז או״ח סש״ב. 35) ראה ע״ז לה, א. ירושלמי ברכות פ״א ה״ד. ע״ז פ״ב ה״ז. 36) משנה שבת עג, סע״א. 37) נוסח ברכת נשואין. 38) ראה המשך שמח תשמח תרנ״ז ע׳ 89 ואילך (סה״מ תרנ״ז ע׳ רסה ואילך). ד״ה שמח תשמח תשמ״ז.

- להכריז שם בעל הניגון. וניגנו (ניגונים בלי מלים): ניגון שלש תנועות (מהבעש״ט המגיד ואדה״ז). ניגון מאדמו״ר הזקן (תנועה דתפלת ר״ה). ניגון אדמו״ר האמצעי (הקאפעליע). ניגון אדמו״ר הצ״צ. ניגון אדמו״ר מהר״ש. ניגון אדמו״ר מהורש״ב. ניגון אדמו״ר מהוריי״צ (הבינוני). שאמיל (לכ״ק אדמו״ר שליט״א).

* * *

ו. מאמר (כעין שיחה) ד״ה ויכולו גו׳.

לאחר המאמר התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן "הוא אלקינו", ובאמצע הניגון עמד מלא קומתו ורקד זמן ממושך.

* * *

ז. ס׳איז ידוע דער פתגם פון דעם אלטן רבי׳ן, איבערגעגעבן דורך נשיא דורנו[39] - אז מ׳דארף לעבן מיט דער צייט, מיט פרשת השבוע און מיט דעם שיעור חומש בפרשת השבוע.

דעריבער וועט מען זיך אויך אפשטעלן (עכ״פ בקיצור) אויף אן ענין אין היינטיקע שיעורים (דיום ב׳ דר״ה) - אין היינטיקן שיעור חומש, ועד״ז - אויך אין היינטיקן שיעור רמב״ם [בהתאם לזה וואס דער רמב״ם שרייבט בהקדמתו לספרו משנה תורה "אדם קורא בתורה שבכתב תחלה ואחר כך קורא בזה כו׳"], וואס איז הולך ומתפשט.

אין היינטיקן שיעור חומש און שיעור רמב״ם געפינט מען אן ענין פארבונדן מיט ראש השנה. ובהקדים:

אין ראש השנה איז מודגש די מעלה פון אידן. ווי אונטערשטראכן אין דעם עצם ענין פון קביעות ראש השנה ביום ששי למעשה בראשית, און ניט בכ״ה אלול שבו נברא העולם[40]. וואס דער טעם לזה איז - ווייל ביום הששי איז באשאפן געווארן אדם הראשון[41], וואס בשביל ישראל נברא כל העולם[42], אדם איז שלימות כל הבריאה, וואס דערפאר איז ער באשאפן געווארן "יחידי"[43], אנדערש ווי אלע אנדערע נבראים וועלכע זיינען אלע באשאפן געווארן פאַרוויין[44], משא״כ אדה״ר איז באשאפן געווארן "יחידי", נאך

---

39) "היום יום" ב חשון. ספר השיחות תש״ב ע׳ 29 ואילך. 40) ויק״ר רפכ״ט. 41) ראה חדא״ג מהרש״א לר״ה כז, א. וראה לקו״ת נצבים מז, א ואילך. נא, ב. ד״ה זה היום תרנ״ז. תרפ״ד. תש״ד. תש״ט תשמ״ז. ועוד. 42) פרש״י ר״פ בראשית. 43) משנה סנהדרין לז, סע״א. גמרא שם לח, א. 44) חדא״ג מהרש״א למשנה שם.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

פאר זיין בן זוג, זיין "עזר כנגדו"[45], וועלכע איז באשאפן געווארן כמה שעות לאחרי זה.

ואין להאריך בזה, ואפילו לא לקצר בזה - אבער מ׳דארף באווארענען, אז דאס נעמט ניט צו די מעלה פון דעם "עזר כנגדו", ואדרבה - בראש השנה איז מודגש דוקא די מעלה פון דעם "עזר כנגדו", ווי מ׳זעט אז אין דרושי רבותינו נשיאינו פון ראש השנה[46] איז מען מדגיש דעם ענין פון "בינה (יתירה) ניתנה באשה יותר מבאיש"[47].

ביז אז דאס אז אויך אראפ אין א הנהגה בפועל, אז די רביים פלעגן אריינגיין צו זייער "עזר כנגדו" (למעליותא[48]) די נאכט פון ראש השנה, און רעדן מיט זיי א פאָר ווערטער, אנווינטשן א גוטן יאר וכו׳.

און וויבאלד אז די הנהגה איז דערגאנגען צו אונז - אע״פ וואס דאס איז געווען א הנהגה פרטית שלהם, און ס׳איז געווען א צייט וואס מ׳האט דערפון ניט געוואוסט, דערנאך איז דורכגעגאנגען צייט ביז עלה בדעתו של נשיא דורנו דאס צו מגלה זיין, און פון דעם זמן ווען עלה בדעתו איז אויך דורכגעגאנגען צייט ביז ער האט עס מגלה געווען, און ביז דאס איז נתפרסם געווארן, און מ׳זאל דערצו אויך משים לב זיין, כנ״ל (ס״ב), אז שימת לב איז אַן עיקר [וכמדובר כמ״פ אז בנוגע כמה ענינים איז מען ניט משים לב ביז אז עס קומט צוגיין איינער און מאכט דערפון א שטורעם וכו׳] - איז א ראי׳ אז דערפון איז דא א הוראה לכאו״א. איינע פון די הוראות איז - בנוגע דעם גודל הענין פון שלום בית.

און דורך דעם ווערט אויך אויפגעטאן שלום בפמליא שלמעלה ושלום בפמליא שלמטה - וואס דאס איז דאך פארבונדן מיט ענינו של ראש השנה.

אומקערנדיק זיך לענייננו - זעט מען אז ראש השנה ברענגט ארויס די מעלה פון אידן, וואס דעמולט איז נברא געווארן אדם הראשון "יחידי" (אנדערש ווי אלע אנדערע נבראים), מצד דעם וואס ער איז שלימות הבריאה, און דאס גייט איבער צו יעדער אידן, ווארום "נברא אדם יחידי" בכדי צו לערנען יעדער אידן אז ער איז אַן "עולם מלא" און בשבילו נברא העולם[49].

---

45) בראשית ב, יח. וראה יבמות סג, א. 46) ד״ה יו״ט של ר״ה וד״ה יחיינו תרנ״ס. 47) נדה מה, ב. 48) ראה יבמות שם. 49) סנהדרין שם. וראה מכתב ח״י אלול תשמ״ב - נדפס בלקו״ש חכ״ד ע׳ 611 ואילך.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

ח. דער ענין - פון מעלת ישראל - שטייט בהדגשה און מיט א הוספה - אין היינטיקן שיעור רמב״ם:

אין די פריערדיקע פרקים זאגט דער רמב״ם די תנאים אויף הכשרת דבר מאכל להיפך הטהרה - אז דוקא משקה איז מכשיר א דבר מאכל להיפך הטהרה[50], און דערצו דארף מען האבן אז דער דבר מאכל זאל זיין נעקר מן הקרקע ("כל האוכלין הגדילין מן הקרקע אינן מקבלין טומאה עד שיעקרו כו׳"[51]), און אויך די משקה דארף זיין תלוש ממקורו ("אינו הכשר עד שיוכשרו אחר שנעקרו במים התלושין מן הקרקע כו׳"[52]).

[והטעם לזה[53] (וואס דער מאכל און די משקה דארפן זיין נעקר ונתלש ממקורם) - ווייל כל זמן זיי זיינען מחובר למקורם ווי זיי זיינען באשאפן געווארן דורך דעם אויבערשטן, קענען זיי ניט מקבל קיין היפך הטהרה (ווי קען א נברא של הקב״ה מקבל זיין היפך הטהרה?!), בכדי עס זאל ווערן דער ענין פון "להבדיל בין הטהור גו׳"[54] - דארף דער מאכל נעקר ווערן ממקורו און די מים דארפן נתלש ווערן ממקורן].

ולאחרי זה איז דער רמב״ם מאריך אין היינטיקן שיעור[55], אז בכדי דער דבר מאכל זאל ווערן מוכשר להיפך הטהרה ע״י המשקה, דארף אויך זיין "שיתן עליהם (המשקה על המאכל) ברצון בעלים ואחר שנעקרו מן הקרקע כו׳ ונתלשו המשקין".

און נאכמער: "משקין שנתלשו מן הקרקע שלא ברצון אינן מכשירין, לפיכך אדם או כלים כו׳ שנבללו במשקין ונתלשו שלא ברצון אע״פ שנגעו אוכלין באותן משקין ברצון לא הוכשרו, שהרי אותן המים שלא לרצון נתלשו וכאילו הן עדיין בקרקע שאינן מכשירין"[56]. און ער גיט אויף דעם ווייטער כמה דוגמאות, ומהן: "הטובל במים שעל בשרו תלושין ברצון, אבל העובר במים כל המים שעל בשרו אינן תלושין ברצון"[57], ובמילא איז דאס ניט מכשיר.

דערפון זעט מען דעם כח נפלא פון א אידן:

אין אלגעמיין האט מען אין תורה דעם כלל פון "פסיק רישי׳". ווי דאס איז אין הלכות שבת [דבי׳ קיימינן], אז אע״פ וואס נאר "מלאכת מחשבת אסרה תורה"[58], איז אבער בנוגע דעם פאל פון "פסיק

---

50) ריש הל׳ טומאת אוכלין. 51) שם רפ״ב. 52) שם הלכה ח. 53) בכ״ז - ראה גם לקו״ש שמיני תשמ״ה ס״ד. ואילך. 54) ויקרא יא, מז. 55) שם רפי״ב (וראה גם שם פ״א ה״ב). 56) שם ה״ג. 57) שם פ״ג ה״ה. 58) ביצה יג, ב. חגיגה יו״ד, ריש ע״ב.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

רישי׳״, אע״פ וואס אינו מתכוין - איז די מלאכה אסור, ווארום די פעולה האסורה איז א זיכערע תוצאה פון דער מלאכה וואס דער אדם טוט.

משא״כ בנדו״ד זעט מען, אז אע״פ וואס ס׳איז ״פסיק רישי׳״ אז ״העובר במים״ איז מכריח אז די וואסער זאלן נתלש ווערן - אעפ״כ, וויבאלד אז דאס איז שלא ברצונו (ביז אז דאס קען אים גאר מזיק זיין), איז די מים ניט מכשיר להיפך הטהרה!

ביז, ווי ס׳איז משמע פון רמב״ם, אז אפילו אויב ער האט א ברירה און קען גיין אין אן אנדער דרך (ניט דורך מים) - איז אויב ער איז ״עובר במים״, איז ״המים שעל בשרו אינן תלושין ברצון״.

דערפון זעט מען די מעלה און דעם כח פון א אידן - וואס איז אונטערשטראכן בראש השנה, כנ״ל: נוסף לזה וואס כל העולם נברא בשביל ישראל, קומט צו אז אפילו לאחרי שנברא העולם, און ס׳איז מוכרח ע״פ טבע אז ער זאל ווערן נאס, ביז נאכמער - אז דאס ווערט א כלל והלכה אין תורה פון ״פסיק רישי׳״ - פונדעסטוועגן איז א איד אויף דעם בעל-הבית און דאס איז תלוי בדעתו וברצונו!

ט. אין היינטיקן שיעור חומש - זעט מען אויך די מעלה גדולה פון אידן, און אויך בקשר מיט ראש השנה:

אין דעם סיום פון שיעור חומש שטייט[60] ״הרנינו גוים עמו״, ופרש״י: ״ישבחו האומות את ישראל כו׳ שדבקו בהקב״ה״.

וואס דער טעם אויף דעם איז - ווייל די וועלט און גוים זיינען באשאפן געווארן בשביל ישראל, ביז ווי עס שטייט פריער בפרשתנו[61] ״יצב גבולות עמים למספר בני ישראל״, ופרש״י ״בשביל מספר שבעים נפש של בני ישראל שירדו למצרים הציב גבולות עמים שבעים לשון״. און דעריבער איז די עבודה פון די ״גוים״ באשטייט אין ״הרנינו..עמו״, צו משבח זיין אידן.

און דאס שטייט בגלוי אין ראש השנה - ווען אידן טוען אויף דעם ״תמליכוני עליכם״, אז דער אויבערשטער זאל זיין ״מלך ישראל״ און אויך ״מלך על העולם כולו״[62], און ״וידע כל פעול כי אתה פעלתו״[62], כולל אז ״הרנינו גוים עמו״, וויבאלד אז זיי דעהערן אז זיי באקומען כל טוב דורך אידן וואס בשביל ישראל נבראו.

און דאס קומט ארויס נאכמער בגלוי אין חג הסוכות, ווען

---

59) שבת עה, סע״א. 60) האזינו לב, מג. 61) שם, ח. 62) תפלת העמידה דר״ה.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

אידן זיינען מקריב שבעים פרים כנגד די שבעים אומות[63], וואס דורך דעם איז מען מגין אויף די שבעים אומות, ווי עס שטייט אין מדרש[64] אילו היו אומות העולם יודעים מה הי׳ המקדש יפה להם קסטריות [מצור למחנה של אנשי מלחמה[65]] היו מקיפים אותו כדי לשומרו.

וואס דאס איז בחג הסוכות בכל שנה ושנה. עאכו״כ בשנה זו - א שנת הקהל, "הקהל את העם האנשים והנשים והטף גו׳"[66].

י. ויה"ר אז בקרוב ממש זאל מען זוכה זיין צום קיום מצות הקהל ברוחניות, ביז הקהל בפשטות - בביהמ״ק השלישי.

ובפרט אז בשנה זו גייט מען אריין גלייך פון ראש השנה אין שבת, גלייך אין יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים, און שבת שובה, וואס טוט אויף דעם ענין פון לאתבא צדיקיא בתיובתא[67], ווארום אידן זיינען שוין צדיקים פון ערב ראש השנה, ווען לובשים לבנים ומתעטפים לבנים וויבאלד אז מ׳איז זיכער אז זוכים בדין, במילא ווערט אויפגעטאן בראש השנה (וואס ענינו איז תשובה), ועאכו"כ בשבת שובה - דער ענין פון לאתבא צדיקיא בתיובתא.

און אלע אידן גייען, "בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו", אין ארצנו הקדושה, "ארץ אשר גו׳ תמיד עיני ה׳ אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"[68], "רשית" חסר אל"ף, וואס די "אחרית שנה" האט מען שויך איצטער, גלייך נאך תקיעת שופר בר״ה - כידוע דער פירוש[69] אין "כל שנה שרשה בתחלתה מתעשרת בסופה"[70], אז דער "מתעשרת בסופה" ווערט אויפגעטאן דורך תקיעת שופר[71],

ובפרט תקיעת שופר צוויי טעג ראש השנה, מיט ברכת שהחיינו, וואס כאטש אז אין דעם איז פאראן א שקו"ט וכו׳[72], איז אבער לאחרי ווי מ׳מאכט שהחיינו (דורך די פארשידענע עצות לזה) - איז דאס בפועל "שהחיינו" מיטן גאנצן שטורעם, קומט אויס אז מ׳האט צוויי טעג פון תקיעת שופר און ברכת שהחיינו כו׳ - צוויי טעג וואס זיינען איין "יומא אריכתא"[73].

---

63) סוכה נה, ב. פרש"י פינחס כט, יח. שם, לה. 64) במדב"ר פ"א, ג. וראה ויק"ר פ"א, יא. שהש"ר פ"ב, ג (ה). 65) פי׳ מהרז"ו לויק"ר שם. 66) וילך לא, יב. 67) הובא בלקו"ת שמע"צ צב, ב. שה"ש נ, סע"ב. ועוד. וראה זח"ג קנג, ב. 68) עקב יא, יב. 69) ראה סה"מ תרכ"ח ע׳ קעג. קעח. וראה סה"מ תרכ"ז ע׳ שצח ואילך. סה"מ קונטרסים קיח, א. קכא, ריש ע"ב. 70) ר"ה טז, ריש ע,ב. 71) ראה גם אגה"ק סי"ד. אוה"ת ר"ה ע׳ א׳שסט. ד"ה יו"ט של ר"ה תרל"ה. ועוד. 72) ראה שו"ע ודאדה"ז או"ח סו"ס תר ובנ"כ שם. 73) שו"ע אדה"ז שם ס"ד. וש"נ.

הנחת התו׳ בלתי מוגה

און פון דעם "יומא אריכתא" גייט מען אריין גלייך אין יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים[20], יום שכולו ארוך[74], "שגם בתחלתו הוא ארוך" (ווי דער אלטער רבי טייטשט[75]) ד.ה. אז עצמותו ית׳, וואס ער איז למעלה מזמן ומקום, ווערט נמשך אין למטה בגדרי הזמן, אז עס ווערט א "יום שכולו ארוך" – "שגם בתחלתו הוא ארוך".

בגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, "ורוח אלקים מרחפת על פני המים"[76] זה רוחו של מלך המשיח[77], יחידה הכללית[78] – ווערט ער נתלבש אין א גוף גשמי, און נעמט ארויס אלע אידן פון גלות.

ובפשטות – אז תיכף ומיד ממש זאל מען גיין טאנצן לקבל פני משיח צדקנו, בפרט אז ס׳איז א שנת "תשמח" – "אז תשמח בתולה"[79] נאך בראש השנה, און בהמשך לזה טאנצט מען ביז אין שמיני עצרת ושמחת תורה, "בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו".

אח״כ בירך ברכת המזון.

------ * ------

74) בתו״א שבהערה הבאה הובא בשם מארז״ל. וראה קידושין לט, ב. תמיד בסופה. וראה גם אוה״ת תצא ע׳ תתקנז. 75) תו״א תולדות יח, סע״ד. מאמרי אדה״ז תקס״ט ע׳ יב. 76) בראשית א, ב. 77) ב״ר פ״ב, ד. פ״ח. א. 78) רמ״ז לזח״ג רס, ב. אוה״ת נצבים ע׳ א׳רעו. סה״מ תרכ״ז ע׳ טז. ד״ה והניף תרח״ץ. סה״מ תרצ״ט ע׳ 207. ועוד. 79) ירמי׳ לא, יב – מהפטרה דיום ב׳ דר״ה.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

לזכות

הרה"ת הו"ח אי"א

ר' יששכר דוב וזוגתו מרים שיחיו

ווייס

בניו ובתו ובני משפחתם שיחיו

הכתובת להשיג ה"הנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 03-984887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448

שיחת

ש"פ האזינו (התוועדות א')

ה'תשמ"ח



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה

מפתח

בס"ד. שיחת ש"פ האזינו, שבת שובה (התוועדות א'), ה'תשמ"ח.

הנחת הת' בלתי מוגה

א. אין יעדן שבת זיינען פאראן כמה מעלות וענינים. ובפרט אין די שבתות מיוחדות פון דעם יאר, ווי דער היינטיקער שבת - וואס קומט אויס אין א חודש מיוחד, חודש תשרי, וועלכער ווערט געבענטשט פון דעם אויבערשטן אליין, ובכח זה בענטשן אידן כל חדשי השנה, כידוע די תורה וואס דער אלטער רבי האט געהערט פון מגיד אין מעזריטש בשם הבעש"ט[1], מיט שאר כל העילויים אין דעם חודש תשרי.

ועאכו"כ די שבתות אין דעם חודש מיוחד - זיינען ספעציעל אויסגעטיילט אפילו פון שאר ימי החודש. ועאכו"כ דעם היינטיקן שבת - וואס האט אין זיך כמה מעלות:

ס'איז דער שבת וואס קומט נאך ראש השנה, ווען עס ווערט דער "ויכולו"[2] ועלי' פון אלע עניני ראש השנה. ובפרט בקביעות שנה זו - ווען דער שבת קומט במסיבות ממש גלייך נאך ראש השנה, אזוי ווי ס'איז געווען בראש השנה בפעם הראשון, וואס איז געווען ביום הששי (יום בריאת האדם), און גלייך דערפון איז מען אריין אין שבת (ווי גערעדט בא דעם פריערדיקן צוזאמענקומען זיך[3]). והיות אז שנה זו איז ווי יענע קביעות - שטייט דאך אין ספרים (פון ברי סמכא) אז דעמולט ווערט נמשך א מעין פון דעם ענין ווי ס'איז געווען בפעם הראשון, וכמ"ש[4] "הימים האלה נזכרים ונעשים"[5], נוסף צו "נזכרים" קומט עס אויך אראפ אין "ונעשים", עשי' בפועל.

נוסף לזה איז דער שבת אויך שבת שובה (ע"ש ההפטרה "שובה ישראל"), אדער שבת תשובה (דער שבת פון די עשרת ימי תשובה).

ע"פ הנהוג לאחרונה, אז אין אזא קביעות מאכט מען א צווייטע התוועדות בשבת זו בהמשך צו דער התוועדות פון יום ב' דראש השנה, איז מובן אז וועגן די ענינים בשבת זו אלס המשך צו ראש השנה איז מער מתאים רעדן אין דער התוועדות שני'; משא"כ אין דער איצטיקער התוועדות פאסט מער רעדן וועגן די מעלה פון דעם שבת מצ"ע - אז ס'איז שבת שובה, אדער שבת תשובה.

[המשך השיחה - הוגה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א, ונדפסה לעיל.

בסיום השיחה אמר:]

---

1) מכתב כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ - נדפס בקובץ מכתבים שבסו"ס תהלים אהל יוסף יצחק ע' 193. אגרות קודש שלו ח"ג ס"ע תל ואילך.. "היום יום" כה אלול. 2) בראשית ב, א. 3) במאמר (ד"ה ויכולו) ושיחת יום ב' דר"ה. 4) אסתר ט, כח. 5) ראה רמ"ז בס' תיקון שובבי"ם הובא ונת' בס' לב דוד להחיד"א פכ"ט.

ב. דערפון האט מען אויך די הוראה בנוגע צו שבת שובה - דער שבת פון די עשרת ימי תשובה [וואס וויבאלד אז די עשרת ימי תשובה זיינען ימים רצופים - דארף דאך צווישן זיי זיין א שבת. [ואע"פ אז בשנה זו איז אויך יוהכ"פ שבת, איז אבער עיקר ענינו יוהכ"פ, און שבת איז א דבר נוסף]:

אין כתבי האריז"ל[6] שטייט אז די שבעה ימים רצופים פון די עשי"ת (בין ר"ה ויוהכ"פ) זיינען כנגד די שבעה ימים פון אלע וואכן שבשנה שעברה, ובמ"א[7] מבואר אז זיי זיינען אויך א הכנה און זיינען ממשיך חיות צו די שבעה ימים פון אלע וואכן בשנה הבאה.

קומט לפי"ז אויס אז שבת שובה איז כנגד אלע שבתות פון שנה שעברה און שנה הבאה.

דארף מען דאך אויסנוצן דעם שבת שובה אויף דעם ענין התשובה בפשטות, סיי אין מחשבה ודיבור ("בפיך ובלבבך"[8]), און סיי אין מעשה ("לעשותו"[8]), והמעשה הוא העיקר - מעשה שבמחשבה, מעשה שבדיבור און מעשה שבמעשה.

ויש לקשר זה מיט היינטיקן שיעור תניא[9], וואו עס רעדט זיך וועגן אותיות במעשה דיבור ומחשבה, און וועגן עשי' ודיבור שבמחשבה - וואס אותיות זיינען מלשון "אתא[10] בוקר"[11], זיי זיינען מגלה דעם ענין למטה.

ג. ויה"ר אז דורך די עבודה אין ראש השנה ויוהכ"פ (הנקרא "ראש השנה") ועשרת ימי תשובה בכלל, ובפרט שבת שובה - זאל צוקומען נאכמער אין די המשכת החיות על כל ימי השנה, אז ס'ווערט א לעבעדיקער יאר, א שנה טובה ומתוקה בגשמיות וברוחניות וברוחניות ובגשמיות גם יחד,

ביז אין אן אופן פון "מחי' חיים יתן לך חיים"[12], כולל - אז יעדער איד ווערט א מקור החיות פאר אלע אידן סביבתו,

נוסף לזה וואס ער איז זיך אליין מחי' - "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום"[13], וואס "היום" גייט בכלל אויף ראש

---

6) סידור האריז"ל (להר"ש מרשקוב) - עשי"ת. פע"ח שער תפלות ר"ה פ"ז. שער הכוונות דרושי ר"ה (לפני דרוש א). 7) שיחת ש"פ האזינו (התוועדות א') תשד"מ בתחלתה. ברכת ערב יוהכ"פ אחרי תפלת מנחה תשמ"ז ס"ט. 8) נצבים ל, יד. וראה קיצורים והערות לתניא ע' צג. סה"מ תרע"ח ע' תרג. תרפ"א ע' שכג ואילך. תשי"א ע' 320 ואילך. 9) סי"ט [256 - האותיות הנגלות לנו... - קכט - כנודע]. 10) ל' הכתוב - ישעי' כא, יב. 11) תו"א מב, ב. ובכ"מ. 12) יומא עא, א. וראה לקו"ש חי"ד ע' 461. 13) ואתחנן ד, ד.

השנה[14], אבער בפסוק זה גייט עס אויף כל יום ויום, אז בכל יום ויום איז "אתם הדבקים בה' אלקיכם", באופן אז הוי' ווערט "אלקיכם", כחך וחיותך[15], כפירוש המילות בשם "אלקים"[16].

וכאמור, נוסף אויף דעם וואס מ'שטייט אליין אין אן אופן פון "אתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום", ווערט מען א "נר להאיר" און מ'ווירקט אזוי אײַן אויך אויף אנדערע אידן.

און כשם ווי ס'איז געווען בפעם הראשון, אז די צו וועמען משה האט געזאגט "ואתם הדבקים גו'", זיינען דערנאך אריין אין ארץ הקודש (ווארום אלע ענינים בלתי רצויים זיינען בטל געווארן, און דוקא די וואס "דבקים בה' אלקיכם" קענען ארייַנגיין אין ארץ ישראל) - אזוי וועט אויך זיין איצטער, ואדרבה - באופן נעלה יותר (ווארום בכל שנה ושנה ווערט נמשך אן אור חדש עליון יותר וואס איז נאך קיינמאל ניט געווען[17]), אז לאחרי דעם חושך כפול ומכופל פון גלות, וועלן אלע אידן עולה זיין אין ארץ הקודש.

ובפרט בשנה זו - שנת "תשמח", וואס שמחה איז פורץ אלע גדרים און אלע מדידות והגבלות, אפילו די פון (לא עכבן) כהרף עין.

און מ'גייט "עם ענני שמיא"[18], "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[19] - שלימות העם, אין ארץ הקודש, "ארץ אשר גו' תמיד עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"[20] - שלימות הארץ,

וכספם וזהבם אתם[21] - אזוי ווי די שלל בכיבוש ארץ ישראל בפעם הראשון (דורך די וואס "דבקים בה' אלקיכם") - כספם וזהבם ברוחניות, אהבה ויראה[22], וואס דאס איז שורש כל רמ"ח מצות עשה ושס"ה לא תעשה (ווי עס שטייט אין תניא[23]) - שלימות התורה ומצוותי', ועאכו"כ כספם וזהבם בגשמיות, ובפשטות - אז דער אויבערשטער בענטשט אידן מיט עשירות מופלגה נאך בזמן הגלות.

און בשעת מ'האט די אלע דריי שלימות'ן, שלימות העם, שלימות התורה ושלימות הארץ - ווערן בטל אלע מדידות והגבלות,

און מ'גייט אין ביהמ"ק השלישי שבהר הקודש, שבירושלים עיר

---

14) ראה זח"ב לב, ב וברמ"ז שם. זח"ג רלא, א. 15) ראה לקו"ת שלח מ, ג. בלק עג, ריש ע"ג. דרושים לר"ה סב, ד. ועוד. 16) שו"ע או"ח ס"ה. 17) אגה"ק סי"ד. 18) דניאל ז, יג. וראה סנהדרין צח, א. 19) בא י, ט. 20) עקב יא, יב. 21) ישעי' ס, ט. 22) תו"א ר"פ וישב. ועוד. 23) פ"ד.

הנחה הח' בלתי מוגה

הקודש, שבארץ הקודש, תיכף ומיד ממש הן נגאלין, ומתוך שמחה וטוב לבב.

* * *

ד. מ'דארף אויך ארויסנעמען א הוראה פון שבת שובה במיוחד בשנה זו - זייענדיק א שבת שובה אין א שנת הקהל.

וואס אע"פ אז חיוב מצות הקהל מן התורה איז ביום שני[24] (אדער ביום ראשון[25]) פון חג הסוכות - אעפ"כ געפינט מען אז דאס האט דורכגענומען דעם גאנצן יאר, אזוי אז דער גאנצער יאר (וואס קומט "מקץ שבע שנים"[26]) ווערט אנגערופן "שנת הקהל".

דארף מען דערפון ארויסנעמען א הוראה, און א הוראה בקשר מיט שבת שובה. און א הוראה וואס איז פארשטאנדיק פאר "האנשים והנשים והטף" - ווארום כאטש אז אין דעם זיינען אויך פאראן ענינים פון רזין דרזין כו', איז אבער וויבאלד אז הקהל איז פאר אלע אידן, "האנשים והנשים והטף", דארף עס זיין פארשטאנדיק אויך פאר זיי, כולל אויך פאר טף - וואס כאטש אז מ'ברענגט זיי כדי "לתת שכר למביאיהם"[27], איז אבער סוף סוף ניכר אין די טף ווען זיי וואקסן אויס דעם חינוך וואס זיי האבן באקומען פון "מביאיהם".

און בשעת מ'איז עס זיי מסביר אין אותיות לפי ערכם - קען מען עס זיי זיכער געבן צו פארשטיין.

ה. איינער פון די ענינים אין שנת הקהל המפורש בכתוב איז - אז דאס קומט "מקץ שבע שנים במועד שנת השמיטה", אלס המשך וסיום צו שנת השמיטה.

דערפון איז מובן אז די עבודה פון הקהל דארף קומען נאך די הכנה פון דער עבודה בשנת השמיטה.

אין וואס באשטייט די עבודה פון שנת השמיטה? איז דאס פארשטאנדיק פון פשטות ענין השמיטה:

לאחרי "שש שנים תזרע שדך ושש שנים תזמור כרמך" איז "בשנה השביעית שבת שבתון יהי' לארץ שבת לה' שדך לא תזרע

---

24) ראה תוד"ה כתב - סוטה מא, א. 25) ראה פרש"י סוטה שם, ב - ד"ה מאימת. 26) וילך לא, יוד. 27) חגיגה ג, א. פרש"י וילך שם, יב.

הנחת הת' בלתי מוגה

וכרמך לא תזמור גו'"[28]. ומבואר בטעמי המצוות אז דער טעם ותוכן פון שמיטה איז[29]: א) "כאשר ישבתו בשנה ההיא יתעוררו לדרוש את ה'"[30], ער זאל אויסנוצן דעם זמן פנוי פון עבודה גשמית אין שדה אויף זיך מערער פארנעמען מיט עבודה רוחנית. ד.ה. אז שמיטה איז קובע אין דעם מענטשן דעם געפיל און דערהער אז דער עיקר איז זיין עבודה רוחנית און ניט עבודה גשמית.

און נאכמער: ב) שמיטה קומט באווייזן אז "אין דבר מיוחד ברשותו רק שהכל ברשות אדון הכל"[31], דער אויבערשטער. ד.ה. אז ניט נאר וואס דער אדם איז פארבונדן מער מיט רוחנית, נאר דורך דעם ווערט אויך זיין גשמיות איידעלער, ביז אז ער דערהערט אז די גשמיות גופא איז "הכל ברשות אדון הכל".

וואס אע"פ אז בשנת השמיטה האט מען נאר שובת געווען ממלאכת האדמה (אין "שדך" און "כרמך"), ניט פון די אנדערע מלאכות (ל"ט מלאכות), און מ'זעט דאך אז אידן טיילן זיך אויף פארשידענע סוגים, זבולון (בעלי עסק) וישׂשכר (מארי תורה), און ניט אלע אידן פארנעמען זיך מיט עבודת האדמה - איז אבער תורה על הרוב תדבר[32] ודיבר הכתוב בהווה[33], און על הרוב ובהווה איז עיקר המאלכה באשטאנען פון עבודת האדמה.

ועוד ועיקר: פרנסה וחיי האדם בפשטות איז תלוי באופן ישר אין מלאכת הארץ - ווארום "ארץ ממנה יצא לחם"[34], ו"לחם לבב אנוש יסעוד"[35], אין דעם באשטייט עיקר קיום כל אדם, ניט נאר א צדיק, נאר אפילו "אנוש" מלשון חלישות (דער סוג הכי תחתון בתוארי האדם)[36].

דערפון איז פארשטאנדיק, אז דורך שביתת האדמה בשנת השמיטה באווייזט מען אז א) דער מענטש איז פארנומען מער מיט רוחניות, און ב) אז "הכל ברשות אדון הכל", אפילו די אנדערע באשעפטיקונגען פון דעם מענטשן (וואס זיינען ניט פארבונדן מיט מלאכת האדמה). וע"ד ווי עס שטייט בנוגע צו שבת (וואס שמיטה איז "שבת לה'", "כשם שנאמר בשבת בראשית"[37]) - אז דאס איז אן עדות "לקבוע בנפשותינו אמונה בחידוש העולם" בכלל[38], אע"פ וואס שבת איז נאר איין טאג פון וואך כו'.

---

28) בהר כה, ג-ד. 29) ראה לקו"ש חכ"ד ע' 202 ואילך. 30) ספורנו ר"פ בהר. 31) חינוך מצוה שכח. וראה חינוך מצוה פד. 32) מו"נ ח"ג פל"ד. 33) ב"ק נד, א במשנה. ועוד. 34) איוב כח, ה. 35) תהלים קד, טו. 36) לקו"ת שה"ש כד, ד. וראה ס' הליקוטים - דא"ח צ"צ ערך אנוש וש"נ. 37) פרש"י בהר שם, ד. 38) חינוך מצוה לא-לב.

הנחה הת' בלתי מוגה

ו. דער ביאור בזה איז מובן פון דעם פארגלייך פון שנת השמיטה ("שבת לה'") צו יום השבת ("שבת בראשית"):

ס'איז ניט דער פשט אז דורך העדר המלאכה בשנת השמיטה פעלט אים עפעס אין גשמיות, נאר אדרבה – ווי עס שטייט[39] "וצויתי את ברכתי להם בשנה הששית ועשת את התבואה לשלש השנים". ביז אז מ'האט דעמולט ניט נאר תבואת השדה (צרכים הכרחיים), נאר אויך תבואת הכרם (עניני עונג).

ד.ה. אז דער אויפטו פון שנת השמיטה איז, ניט די שלילה פון גשמיות, נאר אדרבה: א איד האט דעמולט א ריבוי גשמיות, אבער ער דערהערט אז די אמת'ע מהות פון זיין גשמיות איז רוחניות – ברכתו של הקב"ה.

ע"ד ווי דאס איז ביום השבת: ס'איז ניט דער פשט אז צוליב איסור מלאכה בשבת פעלט אין גשמיות, נאר אדרבה – "כל מלאכתך עשוי'"[40], ס'איז בפירוש דא "כל מלאכתך", ביז אז שבת מצוה לענגו באכילה ושתי', בבשר שמן ויין ישן ומאכלים טובים בכלל – א חיוב וואס איז ניטא בימי החול [ואדרבה – בימי החול איז א שאלה ע"פ הלכה, ועאכו"כ ע"פ מדת חסידות, בנוגע צו אכילת בשר שמן. ביז אז אפילו דער דור המדבר האט ניט געגעסן קיין בשר תאוה אלע מ' שנה במדבר, נאר בשר של קרבן[41]], און בכדי האבן בשר שמן דארף מען דאס קאכן (בא ניט קיין געקאכטע פלייש פעלט תענוג), אבער לאידך גיסא – טאר מען בשבת ניט קאכן ח"ו, נאר "כל מלאכתך" איז "עשוי'": מ'האט דעמולט א ריבוי בגשמיות ביז באופן של עונג (בשר שמן ויין ישן וכו'), אבער מ'דערהערט אז דאס איז הימלדיקע עסן.

ע"ד ווי דער ענין פון "לחם מן השמים": דאס איז געווען לחם וואס האט זיי געשפייזט, אבער מ'האט געפילט אז דאס איז "לחם מן השמים", הימעלדיקע ברויט, אינגאנצן אנדערש פון לחם מן הארץ (וועלכע מ'האט דעמולט געקויפט פון תגרי אוה"ע) – "טעמו כצפיחית בדבש"[42] וכו'.

ז. דערפון האט מען די הוראה פון שנת השמיטה – א הוראה נצחית ניט נאר אויף שנת השמיטה, נאר אויף אלע צייטן און אלע ערטער – אז א איד דארף דערהערן ווי זיין גשמיות איז באמת רוחניות, וואס קומט דוקא דורך ברכתו של הקב"ה.

---

39) בהר שם, כא ואילך. 40) מכילתא ופרש"י יתרו כ, ט. טושו"ע (ודאדה"ז) או"ח סש"ו ס"ח (סכ"א). 41) חולין יז, א. רמב"ם הל' שחיטה פ"ד הי"ז. 42) בשלח טז, לא.

הנחת הת' בלתי מוגה

און די הוראה איז אפילו ווען מ׳געפינט זיך אין חוץ לארץ (וואו מ׳איז זיך ניט נוהג במצות שמיטה), אפילו אין זמן הגלות - ווייל מ׳דערזעט אויף דעם אידן (אין חוץ לארץ) ווי ער איז דורכגענומען מיט די השתוקקות צו דער צייט ווען ער וועט שוין קענען זיין אין ארץ ישראל און דארט מקיים זיין מצות שמיטה און זען בגלוי ווי ״הכל ברשות אדון הכל״, במילא שטייט ער שוין איצטער אין א מעמד ומצב מעין זה.

און דאס אלעם שטייט נאכמער בהדגשה אין שבת שובה וואס קומט ״מקץ שבע שנים״:

לכל לראש וויבאלד אז דאס איז שבת - איז דעמולט נאכמער בגלוי די עבודה הנ״ל פון שבת און שבת בשנים - אז מ׳דערהערט ווי כל מהות הגשמיות איז רוחניות.

ובפרט בשבת שובה, וואס ענינו איז א שבת פארבונדן במיוחד מיט תשובה, וואס אמיתית מהות התשובה איז - אז דער איד שטעלט זיך אינגאנצן איבער פון זיין מעמד ומצב שלפנ״ז, ביז אז ער ווערט א נייע מציאות לגמרי (וואס דערפאר ווערן בטל זיינע עוונות און די עונשים שלהם, ווארום ער איז א נייע מציאות, ניט אט דער וואס האט עובר געווען אויף די עוונות).

דערפאר גיט שבת שובה נאכמער כח אויף די עבודה פון שמיטה - צו איבערשטעלן זיך מיט אן אנדער קוק אויף וועלט, אז כל מציאות הגשמיות איז באמת רוחניות.

ח. ולאחרי ההקדמה פון שנת השמיטה קומט מען דערנאך צו שנת הקהל (״מקץ שבע שנים במועד שנת השמיטה״):

ענינו פון הקהל איז מפורש בכתוב - אז אלע אידן זאלן זיך צוזאמענקלייבן, ״האנשים והנשים והטף״ צו הערן קריאת התורה ע״י המלך, און דאס זאל בא זיי אויפטאן די נקודה אחת פון ״ליראה את ה׳ אלקיכם כל הימים אשר אתם חיים על פני האדמה״.

דערפון האט מען די הוראה בפועל - בנוגע צו די הוראה פון כ״ק מו״ח אדמו״ר אז יעדער איד דארף טאן כל התלוי בו אין הפצת היהדות בכלל און הפצת המעינות חוצה במיוחד - צו יעדער איד אן אויסנאם, אנשים נשים וטף:

מ׳זאל ברענגען די מעינות - די קוואלן פון פנימיות התורה אליין - אין חוצה, ביז אין חוצה שאין חוצה ממנה, אזוי אז יעדער נקודה פון עולם וחוצה זאל זיין אנגעדירט מיט די מעינות פון פנימיות התורה, און ניט ברענגען דארט נאר א ביסל פון די מעינות, באופן פון ״די מחסורו״ אדער אפילו ״לעשרו״, נאר אין אן אופן פון ״יפוצו״.

הנחות התו׳ בלתי מוגה

און די הפצה זאל זיין צו אלע אידן, ניט נאר צו אנשים ונשים, נאר אויך צו טף, אז מ׳זאל זיי געבן די מעינות אין אן אופן פון "יפוצו" – ע"ד ווי דאס איז בנוגע צו אכילה שלהם, אז מ׳גיט זיי מערער בכדי זיי זאלן דאס קענען צוברעקלען, און דערנאך בלייבן איבער פירורים, ווי דאס איז אויך אין הלכה.

ט. ויה״ר אז פון דעם דיבור בכל ענינים אלו זאל דאס אראפקומען אין מעשה בפועל, און דאס ווערט א מעשה אלס חלק פון מעשינו ועבודתינו במשך שית אלפי שנין דהוה עלמא, וואס ברענגט די גאולה[43].

און שוין איצטער בזמן הזה – האט מען די אלע ענינים דלע״ל כמונח בקופסא (כמשל הידוע פון דעם רבי׳ן מהר״ש[44], לכתחילה אריבער), און מ׳גיט אפ א אידן די קופסא און דער שליסל מיט וועלכע ער עפנט אויף די קופסא און נעמט אלץ וואס געפינט זיך דארט אינעווייניק; מ׳עפנט עס אויף – און מ׳גיט א קוק אז מ׳געפינט זיך אין קדש הקדשים, בביהמ״ק השלישי, בהר הקודש, בירושלים עיר הקודש, בארץ הקודש, למטה מעשרה טפחים, תיכף ומיד ממש.

* * *

י. מאמר (כעין שיחה) ד״ה שובה ישראל גו׳.

* * *

יא. ס׳איז אויך רגיל אפצולערנען אן ענין אין פרשת השבוע צוזאמען מיט פירוש רש״י, אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר און אן ענין אין הייינטיקן שיעור רמב״ם, כפי המנהג שנתפשט והולך ונתפשט.

בנוגע צו פרש״י האט מען מעורר געווען אויף אן ענין וואס איז פארבונדן מיט ראש השנה – פרש״י עה״פ[45] "זכור ימות עולם", וואס ההתהוות הזמן (והמקום) איז פארבונדן ביט ראש השנה[46].

אין פסוק שטייט "זכור ימות עולם בינו שנות דור ודור שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך". און רש״י איז מפרש: "בינו שנות דור ודור – דור אנוש שהציף עליהם מי אוקינוס ודור המבול ששטפם. ד״א...להכיר להבא שיש בידו להיטיב לכם ולהנחיל לכם ימות המשיח והעולם הבא". "שאל אביך – אלו הנביאים שנקראים אבות כו׳".

---

43) תניא רפל״ז. 44) ד״ה ביום השני תרכ״ט. ובכ״מ. 45) פרשתנו (האזינו) לב, ז. 46) ראה גם ד״ה ויכולו דיום ב׳ דר״ה.

הנחה הת׳ בלתי מוגה

״זקניך - אלו החכמים״, ״ויאמרו לך - הראשונות״.

האט מען זיך אפגעשטעלט אויף דער רש״י - און אנשטאט מעורר זיין אויף די מלא קלאץ קשיא׳ס בפרש״י זה, האט מען געפרעגט א קשיא, וואס איז באמת בכלל קיין קשיא ניט.

מ׳האט געפרעגט: וויבאלד אז רש״י איז דא מפרש דעם כפל ״דור ודור״ - פארוואס האט עס רש״י ניט מפרש געווען פריער עה״פ[47] ״מלחמה ה׳ בעמלק מדור דור״?

בשעת מ׳טראכט זיך אבער אריין אין דעם זעט מען אז דאס איז קיין קשיא ניט. ווייל בא מלחמת עמלק איז די כוונה אין ״מדור דור״ בפשטות: דורו של משה ודורו של יהושע [אין תרגום איז ער מפרש אן אנדער פירוש בזה. אבער ע״ד הפשט איז דער פירוש - דורו של משה ודורו של יהושע]. אדער - אז דאס איז א ציווי לדורות. משא״כ בפרשתנו איז ניט מובן דער כפל ״דור ודור״.

וואס מ׳האט פארזען זיינען די ריבוי קלאץ קשיא׳ס אין דעם פרש״י:

ערשטנס: וואס וואלט געפעלט אין פשוטו של מקרא אויב רש״י וואלט דא גארניט מפרש געווען. לכאורה איז דאס אן איינפאכער פסוק: ״זכור ימות עולם״, מ׳זאל געדענקען דעם עבר, און ווי טוט מען דאס - דורך ״שאל אביך ויגדך״, וואס ער דערציילט וועגן א דור שלפנ״ז, און ״זקניך ויאמרו לך״ וועגן צוויי דורות לפני זה. ועפ״ז איז אויך מובן בפשטות דער כפל ״דור ודור״ - דער דור שלפניו (דור אביו) און ב׳ דורות שלפניו (דור זקנו)!

קומט רש״י און זאגט אן אנדער פירוש, און ניט סתם אן אנדער פירוש, נאר א פירוש וואס איז אינגאנצן ניט ע״ד הפשט, ביז אז יעדער ווארט אין פסוק איז ער מפרש היפך הפשט ממש (לכאורה):

1) ״דור ודור״ מיינט בפשטות כנ״ל - די צוויי דורות שלפניו. פארוואס דארף רש״י מחדש זיין אז דאס מיינט דור אנוש ודור המבול - דור אנוש ודור המבול מאן דכר שמי׳?!

2) ״אביך״ מיינט בפשטות דיין פאטער (ווי מ׳האט פריער געלערנט ״כבד את אביך״[48]), אדער זיין רב (דקרוי אב[49]). וע״ד זקניך״ מיינט בפשטות דיין זיידע. קומט רש״י און איז דאס מוציא מדרך הפשט און מפרש אז ״אביך״ מיינט גאר ״הנביאים״, און ״זקניך״ מיינט ״החכמים״.

---

48) יתרו כ, יב. ואתחנן ה, טז. 49) ראה פרש״י במדבר ג, א.

3) אויב רש״י זאגט שוין א פירוש אז "ויאמרו לך" מיינט "הראשונות" - האט ער געקענט זאגן א געשמאקערן פירוש, אז דאס מיינט ימות המשיח ועולם הבא (ווי רש״י זאגט אין זיין צווייטן פירוש). וואס עפ״ז וואלט געווען מער פארשטאנדיק דער פירוש אז "אביך" מיינט "הנביאים" און "זקניך" מיינט "החכמים" - ווייל אן אב וזקן כפשוטו קענען דאך ניט וויסן וואס וועט זיין בעתיד (בימות המשיח כו׳), משא״כ א נביא וחכם. ולאידך: לויט דעם פירוש "הראשונות" ווערט די שאלה - צי דען דארף מען אויף דעם נוצן נביאים וחכמים?!

וכפי שיתבאר לקמן.

יב. אין די הערות פון טאטן אויפן זהר פרשתנו[50] [חכמת האמת - פנימיות התורה], שטעלט ער זיך אויף דעם מאמר הזהר[51] עה״פ[52] "כי חלק ה׳ עמו יעקב חבל נחלתו" - "דלא יהב להו לרברבא ולא למלאכא ולא לממנא אחרא כו׳", אז "רברבא הוא השרפים שבבריאה כו׳, מלאכא הוא החיות שביצירה, ממנא הוא האופנים שבעשי׳, והוא ע״ד מלאך שרף שליח האמור בהגדה כו׳, ותיבת אחרא האמור כאן הוא ע״ד אני הוא ולא אחר האמור שם כו׳, ובסמוך על אל נכר[53] נקט מלאכא וממנא ולא הזכיר רברבא, כי אל נכר הוא מצד עה״ד טו״ר שזה מתחיל מיצירה ולמטה משא״כ בבריאה ל״ש לומר אל נכר, כי אין רע נוגע בכסא כבודו של הקב״ה שהוא עולם הבריאה, עולם הכסא".

וואס דאס האט אויך א שייכות מיט ראש השנה - ווען ס׳איז מודגש די מעלה פון אידן, "חלק הוי׳ עמו", אז בשבילם נברא העולם, לפיכך נברא האדם יחידי, און דעריבער האט מען זייער הנהגה ניט אפגעגעבן צו קיין מלאך, אע״פ וואס א מלאך איז א שליח של הקב״ה[54], ביז אז בעת שליחותו ווערט ער אנגערופן בשם "הוי׳", כמבואר באגה״ק[55].

דארף מען פארשטיין דער ענין אין דער הערה בעבודת ה׳. וכפי שיתבאר לקמן.

יג. אין היינטיקן שיעור רמב״ם איז מען מסיים הלכות טומאת אוכלין, וואס באשטייט פון א ריבוי פרקים.

וכפי שיתבאר לקמן אן ענין אין דעם שיעור רמב״ם בקשר מיט "לתקן הדיעות וליישר כל המעשים"[56].

---

50) ע׳ תסה. 51) זח״ג רחצ, ב. 52) פרשתנו לב, ט. 53) שם, יב. 54) לקו״ת ויקרא א, ג. ועוד. 55) סכ״ה. 56) רמב״ם סוף הל׳ תמורה.

יד. בהמשך צו די עבודה פון תיקון הדיעות, אין וועלכע מ'דארף טאן מיט א שטורעם - איז איצטער א זמן המתאים, אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה פאר מסיבות פארבונדן מיט תיקון הדיעות, הקמת בתי חב"ד, שיעורי תורה וכיו"ב, זאל איצטער ארויפגיין זאגן "לחיים", און מזמין זיין די מסובים כאן צו די מסיבות.

און די וואס קענען - וועלן זיך משתתף זיין בגשמיות, און די וואס קענען ניט בגשמיות - וועלן זיך משתתף זיין ברוחניות, דורך מחשבה, שבמקום של מחשבתו של אדם שם הוא נמצא, כתורת הבעש"ט[57] בביאור הכתוב[58] "שרפים עומדים ממעל לו", אז דורך דעם וואס מחשבתם איז "ממעל לו", ווערט בא זיי "עומדים ממעל לו".

אבער ווען עס רעדט זיך וועגן אידן, וואס "חלק הוי' עמו",[1] איז מחשבתם נאך העכער פאר מקום השרפים ומקום כל המלאכים (כנ"ל פון די הערות על הזהר), ביז אין דעם אויבערשטן אליין כביכול - ובמקום שמחשבתו של אדם שם הוא נמצא!

לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "והריקותי לכם ברכה".

* * *

טו. דער ביאור בפרש"י:

בשעת דער בן חמש לערנט די פסוקים בפרשתנו, וואו משה איז "מתרה" את ישראל[59], און ער קומט צום פסוק "זכור ימות עולם בינו שנות דור ודור גו'", ווערט ביי אים נתעורר א שאלה: וואס איז דער חידוש אין דעם אז אידן דארפן געדענקען דעם עבר בכדי וויסן אז זיי זאלן זיך אויפפירן כדבעי - צי דען דארף מען דערצו אנקומען צו משה רבינו?! דער קינד פארשטייט פון זיך אליין, אז ער דארף געדענקען און אפלערנען פון דעם עבר בכדי זיין אפגעהיט אין זיין הנהגה - איז וואס דארף מען אויף דעם אנקומען צו משה רבינו.

ובפרט אז מ'האט שוין געלערנט אז "וינסו אותי זה עשר פעמים"[60] וכו'.

דעריבער קען רש"י ניט מפרש זיין דעם פסוק "זכור ימות עולם גו'" כפשוטו, ווייל דעמולט ווערט די שאלה: מאי קמ"ל כנ"ל. דערפאר זאגט ער זיין פירוש, אז "בינו שנות דור ודור" מיינט "דור אנוש שהציף עליהם מי אוקינוס ודור המבול ששטפם" - ווייל מיט דעם איז מובן דער חידוש:

---

59) פרש"י ריש פרשתנו. 60) שלח יד, כב.

וויבאלד אז דור אנוש איז געווען פאר דעם דור ההפלגה, ווען "משם הפיצם ה' על פני כל הארץ"[61], איז מובן אז אנשי דור אנוש זיינען געווען בסמיכות מקום צו גן עדן, דער ארט וואו אדם הראשון איז געווען (אנוש איז געווען בן שת בן אדם), ד.ה. בסמיכות ארץ ישראל (ווארום דער בן חמש ווייסט אז גדן עדן איז במסיכות צו ארץ ישראל).

וואס לפי"ז קומט אויס אז דערביי האט פאסירט א נס הכי גדול אז "הציף עליהם (דור אנוש) מי אוקינוס": ע"ד הטבע איז שייך אז א ים אדער א א נהר זאל זיך אמאל איבערפלייצן אויף דער יבשה לעבן ים (אע"פ וואס בכלל גייט דער ים ניט איבער גבול היבשה); אבער "מי אוקינוס" (וואס גייט אויף דער גרעסטער ים בעולם) איז לגמרי ניט בסמיכות צו ארץ ישראל - אעפ"כ, צוליב חטא דור אנוש האט דער אויבערשטער אים גענומען און געבראכט לעבן ארץ ישראל און "הציף עליהם"!

עד"ז איז אויך געווען א חידוש בנוגע "דור המבול ששטפם": דער דור המבול איז אויך געווען פאר דעם דור ההפלגה. במילא זיינען זיי אויך געווען בסמיכות מקום זה לזה (בסמיכות צו ארץ ישראל). אעפ"כ, צוליב זייער חטא האט דער אויבערשטער געבראכט א מבול על כל הארץ כולה!

און מצד דעם חידוש אין די עונשים - איז פארשטאנדיק וואס דוקא משה רבינו האט דא אויפגעטאן מיט זאגן "זכור ימות עולם בינו שנות דור ודור": דער עצם ענין אז מ'דארף געדענקען דעם עבר און זיך פירן כדבעי, איז טאקע קיין חידוש ניט. דא איז דער חידוש פון משה רבינו, אז מ'זאל געדענקען דור אנוש און דור המבול, וואס צוליב זייער הנהגה בלתי רצוי', אז געקומען אזא עונש חמור ונס גדול, אז "הציף עליהם מי אוקינוס" (בנוגע דור אנוש), און געבראכט א מבול על כל הארץ: במילא דורך דערהערן וועגן דעם, וועט דאס נאכמער פארשטארקן די החלטה פון אידן צו זיך פירן כדבעי.

טז. דערביי גיט אבער רש"י צו נאך א פירוש ("דבר אחר") - ווייל אין דעם ערשטן פירוש איז דא א ניטא גלאטקייט:

דער בן חמש למקרא קען פרעגן: ווי קען מען פארגלייכן דער חטא פון א יחיד צו דער חטא פון דור אנוש און דור המבול, וואס איז געווען פון כל הדור: ביי אנוש שטייט "אז הוחל לקרוא בשם ה'"[62], און באם מבול "מלאה הארץ חמס"[63]. וואס דערפאר האבן

61) נח יא, ט. 62) בראשית ד, כו. 63) נח ו, יג.

זיי באקומען אזא עונש באופן נסי. איז ווי קען מען דערפון ברענגען א ראי׳ צו א חטא פון א יחיד (אדער כמה יחידים)?

דעריבער זאגט רש״י נאך א פירוש: "בינו שנות דור ודור, להכיר להבא שיש בידו להיטיב לכם ולהנחיל לכם ימות המשיח והעולם הבא". און יעדער איד האט א חלק לעוה״ב ("כל ישראל יש להם חלק לעוה״ב[64]), אזוי ווי ס׳איז געווען בימי צאתך מארץ מצרים אז יעדער איד האט געהאט גפנו ותאנתו. דעריבער האט עס א שייכות צו יעדער יחיד.

און לויט דעם איז נאכמער מובן פארוואס רש״י איז מפרש אז "אביך" מיינט "נביאים" און "זקניך" מיינט "חכמים" - ווייל בכדי וויסן וועגן ימות המשיח און העולם הבא, דארף מען אנקומען צו נביאים, און נאכמער - חכמים (דערפון וואס דער פסוק גיט אויך צו "זקניך אלו החכמים", איז מובן אז זיי גיבן צו א הוספה לגבי הנביאים).

און דאס וואס רש״י איז מפרש "ויאמרו לך - הראשונות", קען מען מפרש זיין אויף צוויי אופנים: ע״פ המדובר כמ״פ, אז רש״י איז ניט מוכרח מפרש זיין בכל מקום לויט ביידע פירושים וואס ער ברענגט, נאר ער קען אמאל ברענגען א פירוש וואס שטימט נאר לויט איין פירוש. ובנדו״ד: "הראשונות" איז לויט דעם ערשטן פירוש אין רש״י, אז "דור ודור" גייט אויף דור אנוש און דור המבול (וועלכע זיינען געווען בדורות "הראשונות"), משא״כ לויט דעם צווייטן פירוש (אז דאס גייט על העתיד, ימות המשיח ועולם הבא) דארף דא רש״י גארניט מפרש זיין.

יז. דער ענין אין די הערות אויפן זהר - בעבודת ה׳:

בשעת מ׳קומט פון ראש השנה, ווען עס ווערט באנייט דער ענין פון "חלק ה׳ עמו", זאגט מען א אידן אז אע״פ וואס בכלל איז דא א כלל אז "אין סומכין על הנס"[65] און אלע ענינים פירן זיך ע״פ טבע - דארף ער וויסן אז ער איז "חלק ה׳ עמו", "דלא יהב להו לרברבא ולא למלאכא ולא לממנא אחרא כו׳", נאר ער און אלע זיינע ענינים נעמען זיך פון עצמות ומהות אליין כביכול.

דערנאך גיט דער זהר צו נאך א חידוש - אז "אין עמו אל נכר", "דלא דבר להו לישראל לא מלאכא ולא ממנא אחרא". והענין יש לומר:

מ׳וואלט געקענט מיינען אז בשלמא בנוגע צו דעם נפש האלקית

---

64) משנה סנהדרין ר״פ חלק. 65) פסחים סד, ב.

פון א אידן – איז אויף דעם זאגט מען "חלק ה' עמו", "דלא יהב להו לרברבא כו'", משא"כ אבער בנוגע (לאחרי ווי דער נה"א איז זיך מתלבש אין) דעם נפש הבהמית פון דעם אידן, וואס נעמט זיך פון קליפת נוגה[66] – דאס האט מען יע אפגעגעבן צו מלאכים ודרכי הטבע כו'. איז דער זהר מחדש, אז אפילו בנוגע צום נה"ב פון א אידן איז "אין עמו אל נכר".

ועפ"ז איז מובן (בעבודת ה') פארוואס דא איז דער זהר מדייק און זאגט אויף דעם נאר "דלא דבר להו לישראל לא מלאכא ולא ממנא אחרא", "קנקט מלאכא וממנא ולא הזכיר רברבא" – ווייל דער נה"ב ("אל נכר") "הוא מצד עה"ד טו"ר שזה מתחיל מיצירה ולמטה משא"כ בבריאה ל"ש לומר אל נכר, כי אין רע נוגע בכסא כבודו של הקב"ה שהוא עולם הבריאה, עולם הכסא", דער נה"ב נעמט זיך אדער פון יצירה ועשי' (אבער ניט פון בריאה), אדער פון למעלה מעלה, דער אויבערשטער אליין, כמבואר אין דעם זהר.

יח. אין היינטיקן שיעור רמב"ם דארף מען אליין ניט זוכן אן ענין בתיקון הדיעות, ווארום דער רמב"ם אליין שרייבט דער גרעסטער ענין פון תיקון הדיעות:

"אע"פ שמותר לאכול אוכלין טמאין כו' חסידים הראשונים היו אוכלין חולין בטהרה ונזהרין מן הטומאות כולן כל ימיהם, והן הנקראים פרושים, ודבר זה קדושה יתירה ודרך חסידות שיהי' נבדל אדם ופורש כו', שהפרישות מביאה לידי טהרת הגוף כו', וטהרת הגוף מביאה לידי קדושת הנפש מן הדעות הרעות, וקדושת הנפש גורמת להדמות בשכינה, שנאמר[67] והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני ה' אלקיכם".

ויש לקשר זה מיט דעם ביאור הנ"ל אין זהר, אז א איד איז "חלק ה' עמו", וכשאתה תופס בחלק מן העצם אתה תופס בכולו[68] – א איד איז איין זאך מיט עצמות ומהות, און "לא יהב להו לרברבא ולא למלאכא ולא לממנא אחרא כו'". און דערפאר, איז טהרת הגוף און קדושת הנפש שלו "גורמת להדמות בשכינה", "והתקדשם והייתם קדושים גו'" – נשמתא דילהון קדישא, רוחא דילהון קדישא, נפשא דילהון קדישא, גופא דילהון קדישא[69], בדוגמא ווי קדושת הקב"ה, ווי ס'וועט נתגלה ווערן בשלימות בשעת עס וועט זיין "נגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו גו'".

וכידוע דער סיפור פון חסידים הראשונים, אז אמאל נאך א

66) תניא פ"א. פ"ו. 67) ראה שמיני יא, מד. 68) כש"ט הוספות סקט"ז. וש"נ. 69) זח"ג ע, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

חסיד'ישער פארברענגען איז איינער פון די משתתפים אין דער התוועדות געגאנגען אין גאס באנאכט, און וויבאלד אז די התוועדות האט אויף אים געהאט א ריכטיקע השפעה, איז ער געווען שמח וכו'. אין וועג טרעפט ער א פאליסמאן, און דער פאליסמאן פרעגט ביי אים: "קטא אידיאט", ווער גייט עס. זייענדיק אונטער די השפעה פון דער התוועדות - האט ער געענטפערט: "אין עוד אידיאט", אדער "ביטול אידיאט" (ווי די נוסחאות בזה זיינען)!

וואס דער פירוש אין דעם איז, אז א איד דארף וויסן און מרגיש זיין אז בשעת ער גייט אין גאס, איז דאס ניט ער וואס גייט, נאר דאס איז עצמות ומהות וואס גייט! אַי ער האט א גוף מיט רמ"ח אברים וכו' - איז דאס אלץ בטל במציאות צו זיין נשמה וחלק הוי' שבו, און מצד די נשמה ווערט ער א גייער - "ביטול אידיאט" (ניט סתם ביטול, נאר דער ביטול גופא ווערט א גייער).

וויבאלד אז דער סיפור איז דערגאנגען לדורנו זה - איז פארשטאנדיק אז דערפון איז דא א הוראה אויך בזמננו. דלכאורה קען איינער מיינען, אז איצטער איז די גאנצע זאך ניט שייך - ווארום מ'געפינט זיך אין ארצות הברית, און מ'גיט א קוק ארום, זעט מען א גרויסע וועלט, און א מלכות של חסד, וועלכע מ'דארף מברך זיין וכו'.

זאגט מען אים, אז וויבאלד דער סיפור איז צו אים דערגאנגען, איז דערפון א הוכחה אז דאס איז ניט בלויז א הנהגה וואס איז שייך אין א קליין שטעטל מעבר לים - נאר "לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה היא, לא בשמים היא גו' ולא מעבר לים היא גו', כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו"[70] [וואס על יסוד זה איז דער ספר התניא] - אז בשעת א איד גייט אין גאַס אין ארצות הברית, דארף ער וויסן אז עס גייט עצמות ומהות.

ובפרט לאחרי ווי מ'האט שוין געלערנט תניא, און ס'איז געווארן א "יחוד נפלא כו'"[71], מער נאך ווי "קרוב אליך הדבר מאד גו'".

און מצד זיין ביטול צו עצמות ומהות - ווערט ער "אידיאט", א גייער.

און דאס איז, כאמור, "קרוב אליך הדבר", און "קרוב מאד"!

[כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה להכריז הסדר, וגם ע"ד אמירת ברכה אחרונה ע"י אלו שאכלו או שתו כשיעור. ואח"כ אמר:]

---

70) נצבים ל, יא ואילך. 71) תניא פ"ה.

יט. מ'דארף מכריז זיין, אז די וואס האבן געגעסן אדער געטרונקען כשיעור - דארפן מאכן א ברכה אחרונה, און זיכער וועלן זיי מאכן א ברכה אחרונה. די וואס האבן נאר געזאגט "לחיים" ניט כשיעור - האבן נאר גערארפט מאכן א ברכה ראשונה, און דארפן ניט מאכן א ברכה אחרונה.

אבער העמד ישראל על חזקתם, אז זיכער האט מען געטרונקען "לחיים" כשיעור, אדער כפליים מזה אדער נאכמער דערפון, ובמילא איז מען מחוייב אין א ברכה אחרונה. די שאלה איז נאר צי מ'האט אויך געגעסן מזונות כו', דארפן זיי זאגן דעם נוסח אויך בנוגע לאכילת מזונות, אדער נאר בנוגע צו שתיית משקה.

ויה"ר אז פון דעם רעדן וועגן שיעורים - זאל מען קומען צו דעם זמן ווען עס וועט זיין "כולה משקה", בפתגם פון דעם אלטן רבי'ן[72], למעלה מכל מדידה והגבלה, ובפרט שטייענדיק בזמן רעוא דרעוין, ביז אז עס ווערט גילוי עצמות ומהות למטה, וכמ"ש "ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו גו'", ברעוא דכל רעוין, ובעגלא דידן ממש.

אח"כ נתן המזונות להר"ר מ.י. שיחי' (עבור האורחים).

---

72) הובא בהמשך וככה תרל"ז פמ"ז.

הנחת הת' בלתי מוגה

לזכות

הרה"ת הוו"ח אי"א

ר' יששכר דוב וזוגתו מרים שיחיו

ווייס

בניו ובתו ובני משפחתם שיחיו

הכתובת להשיג ה"הנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 03-984887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448

שיחת
ש"פ האזינו (התוועדות ב')
ה'תשמ"ח



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה
שנת הקהל

מפתח

בס"ד. שיחת ש"פ האזינו, שבת שובה ה'תשמ"ח.

- התוועדות ב', (המשך ליום ב' דר"ה) -

הנחת הת' בלתי מוגה

כ"ק אדמו"ר שליט"א נטל ידיו הק' לסעודה. אח"כ צוה להכריז שעדיין יכולים ליטול ידים לסעודה (לפני השקיעה), ואלו שלא יטלו ידיהם, יזדרזו באמירת "לחיים" לפני השקיעה.

א. די* התוועדות קומט בהמשך צו די התוועדות פון ראש השנה. און כאטש מ'געפינט זיך ביום השבת שלאחרי ר"ה, פונדעסטוועגן, וויבאלד אז דער יום השבת קומט בסמיכות ממש לר"ה, איז דאס בהמשך אחד ונקודה אחת מיט ר"ה.

וואס דער ענין פון המשך אחד ונקודה אחת געפינט מען בהלכה בנוגע די ב' ימים דר"ה אז "ב' ימים טובים של ר"ה...נחשבים כיום א' ארוך וקדושה אחת"[1].

ועד"ז געפינט מען בנוגע יום השבת אז עס איז א נקודה אחת, ווי עס שטייט אין מכילתא[2] "הרי הגוים שהקיפו את ארץ ישראל וחללו ישראל את השבת, שלא יהו ישראל אומרין, הואיל וחללנו את מקצתה נחלל את כולה, ת"ל מחללי' מות יומת, אפילו כהרף עין", דאס הייסט, וויבאלד אז יום השבת איז א נקודה אחת, איז ווען ניט דער פסוק "מחללי' גו'" וואלט מען געמיינט אז ווען מ'איז מחלל את מקצתו איז מחולל כולו, דעריבער ברענגט די מכילתא א לימוד מיוחד אז איסור חילול שבת איז אויף כל רגע ורגע[3].

און וויבאלד אז בקביעות שנה זו איז דער יום השבת בסמיכות ממש צו ר"ה, קומט אויס אז אלע דריי טעג (ב' ימים דר"ה ויום השבת) ווערן איין המשך ונקודה אחת (ובפרט אז כו"כ פרטי דינים פון ר"ה - ניט נאר בנוגע לשלילה, איסור מלאכה, נאר אויך בנוגע לחיוב - ווערן נמשך ביום השבת).

איז דערפאר א זמן מתאים צו ממשיך זיין רעדן בביאור עניני ר"ה, און ווי זי איז א נקודה אחת, כדלקמן.

ב. אין דער ענין פון א "נקודה" איז פאראן צוויי קצוות: פון

---

*) כמה ענינים משיחות דלקמן - נכללו בחלק מההתוועדות שהוגה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א וי"ל בקונטרס בפ"ע ("משיחות ש"פ האזינו, שבת שובה, התוועדות א' וב'").

---

1) רמב"ם הל' יו"ט ספ"א. וראה שו"ע אדה"ז או"ח סת"ר ס"ג ואילך. 2) עה"פ תשא לא, יד. 3) וראה צפע"נ עה"ת תשא שם. לקו"ש ח"ח ע' 50 ואילך.

איין זייט האט זי ניט קיין ציור, ווארום אויב זי האט עפעס א ציור איז דאס ניט קיין "נקודה" נאר א "שטח" אדער א "קו". ולאידך גיסא ווערט נמשך פון די "נקודה" די אלע פרטי הציור פון "קו" און "שטח". דאס הייסט: אז זיי זיינען כלול אין די "נקודה".

וכידוע אויך בנוגע לענין ה"נקודה" בחכמת החשבון: כאטש די נקודה" איז למעלה ממקום, ד.ה. אז לגבי די נקודה איז דער מקום ניט תופס מקום [דאס וואס דער מקום איז תופס ציור "הנקודה" איז דאס נאר מצד גדר הגשמיות, ווארום דאס איז די איינציקע וועג צו מצייר זיין א נקודה, אבער ענין הנקודה איז למעלה ממקום] - פונדעסטוועגן איז דוקא פון די "נקודה" נמשך א "קו" און א "קו" אָן הגבלה - עד אין קץ, ביז א ריבוי "קוין" וואס פון זיי ווערט א "שטח" הכי גדול עד אין קץ. דאס הייסט אז די ריבוי פרטים פון "קו" ו"שטח" זיינען כלול אין די "נקודה".

ג. ענין הנ"ל ב"נקודה" איז מודגש בכללות ענין דר"ה, ובהדגשה יתירה בר"ה שנה זו וואס איז א שנת הקהל, און איז אויך מודגש אין דעם יום השבת (שבסמיכות לר"ה), שבת שובה, כדלקמן.

דער ענין ה"נקודה" ווי זי איז מודגש בר"ה:

דער[4] אויפטו פון ראש השנה - יום ששי למעשה בראשית, יום ברא אדה"ר - איז, וואס אין דעם טאג האט אדה"ר מכתיר געווען דעם אויבערשטן אלס מלך, און האט אויפגעפאדערט און איינגעווירקט אז די גאנצע בריאה זאל אנערקענען און נעמען אויף זיך די מלכות פון דעם אויבערשטן; דורך זיין אויפפאדערונג: "בואו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה' עושנו"[5], און דער אויבערשטער איז דעמולט "ה' מלך גאות לבש"[6].

ועד"ז איז דאס בכל ר"ה וואס ענינו איז "שתמליכוני עליכם"[7] - זיינען אידן, אתם קרויים אדם[8] ע"ש אדה"ר[9], "עם קרובו"[10] פון דעם אויבערשטן, מכתיר דעם אויבערשטן למלך, און דער אויבערשטער איז מקבל די הכתרה און ווערט "מלך ישראל"[11] און ביז - "מלך על כל הארץ"[12], אז אלץ ווערט דורכגענומען מיטן מלכות

---

4) בהבא לקמן - ראה מכתב מוצש"ק פ' נצו"י כ"ה אלול. שיחת ש"פ נצו"י תשמ"ז ס"י ואילך. וש"נ. 5) תהלים צה, ו. וראה זח"א רכא, ב. ח"ג קז, ב. תקו"ז תנ"ו (צ, ב). 6) תהלים צג, א. פדר"א פי"א. 7) ר"ה טז, א. לד, ב. 8) יבמות סא, א. 9) ראה לקו"ת נצבים מז, ב. 10) ל' הכתוב - תהלים קמח, יד. 11) ישעי' מד, ו (תפלת מוסף דר"ה (ברכת מלכיות)). 12) תפלת העמידה דר"ה (חתימת מוסף ברכת "אלקינו כו' מלוך כו'"), וכן בקידוש ובברכת הפטרה.

הנחת הת' בלתי מוגה

פון דעם אויבערשטן.

ד. דער ענין פון הכתרת המלך איז א "נקודה" סיי בנוגע די עבודה פון אידן וואס פועל'ן די הכתרה און סיי בנוגע דעם אויבערשטן וואס איז מקבל די הכתרה:

בנוגע צו אידן: די עבודה פון "תמליכוני עליכם" באשטייט פון אן איין און איינציקער נקודה - קבלת עול מלכות שמים, אז מ'איז זיך אינגאנצן מבטל צו דעם אויבערשטן, און מ'דערהערט אז די גאנצע אייגענע מציאות איז נאר "לשמש את קוני"[13], צו דינען דעם אויבערשטן. וואס דאס איז אַן אלגעמיינע ביטול צו דעם אויבערשטן - ניט אפהענגיק און ניט פארבונדן מיט אויסרעכענען פרטים ווי מ'זאל בפרטיות דינען דעם אויבערשטן.

לאידך גיסא, איז די נקודת הביטול פון "תמליכוני עליכם" כולל און ווערט נמשך בכל פרטי כחות הנפש: נאכדעם וואס מ'האט די נקודה אחת פון קבלת עול מלכות שמים (וואס איז העכער פאר פרטים) - קומט עס אראפ און דאס נעמט-דורך דעם מענטשן אינגאנצן, אין אלע זיינע פרטיות'דיקע כחות, און מחשבות און דיבורים ומעשים: "שופר" (וואס טוט-אויף די נקודה אחת פון "תמליכוני עליכם") איז מלשון און מ'פארבינדט עס מיט "שפרו מעשיכם"[14], מעשים רבים, און אט די אלע פרטים זיינען כלול באופן פון א "נקודה" וואס איז כולל הכל.

ועד"ז בנוגע דעם אויבערשטן: עצם נקודת המלכות ווי זי איז העכער פון התפשטות און גילוי (ביז צו בחי' עצמות וואס איז העכער פון מלוכה, און אפילו פון די דרגא פון "מלך מלכי המלכים") - איז צוזאמען דערמיט וואס זי איז כולל אלץ (במכ"ש וק"ו ווי דאס איז בא נשיא וואס "הנשיא[15] הוא הכל"), איז זי באופן פון א "נקודה" וואס איז כולל הכל.

דאס הייסט אז דער ענין פון "תמליכוני עליכם" פועל'ט אז אידן (וואס זיינען מכתיר דעם אויבערשטן), און דער אויבערשטער (וואס ווערט "מלך ישראל"), ווערן נתאחד אין איין מציאות ונקודה אחת, בדוגמת הבן (וואס "בנים[16] אתם לה' אלקיכם") וואס מציאותו איז פון עצמות האב, עד"ז זיינען אידן א מציאות אחת מיט דעם אויבערשטן, "חלק אלקה ממעל ממש"[17], וואס העצם כשאתה תופס בחלקו אתה תופס בכולו[18], און נאכמער אז מ'איז ניט מחלק צווישן דעם "חלק" און דער "עצם" ווארום "ישראל[19] וקוב"ה כולא חד"

---

13) סוף קידושין. 14) ויק"ר פכ"ט, ו. 15) פרש"י חוקת כא, כא. 16) ראה יד, א. 17) תניא רפ"ב. 18) כתר שם טוב סקס"ז בהוספות. 19) ראה זח"ג עג, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

(אפילו ווי דאס איז בלשון תרגום), אידן זיינען חד ממש מיט עצמות ומהות (אפילו העכער פון בחי' בן ואב), און ס'איז אי אפשר לחלק ביניהם.

וידוע די צוויי פירושים[20] אין "חלק אלקה ממעל ממש": (א) "ממש" אז מ'איז מדגיש אמיתית הדבר, אז ס'איז ממש חלק אלקה. און (ב) "ממש" מלשון "ממשות", דאס הייסט אז דורכדעם וואס אידן מיטן אויבערשטן זיינען חד ממש ווערט נמשך למטה מטה באופן של ממש.

ביז אז דורך אידן ווערט נמשך בכל העולם כולו דעם ענין פון "מלך על כל הארץ", אז ס'איז ניכר בגלוי אין וועלט און אין אלע נבראים אז זייער גאנצע מציאות איז פון "אמיתת המצאו", כלשון הרמב"ם בתחלת ספרו: כל הנמצאים משמים וארץ ומה שביניהם לא נמצאו אלא מאמיתת המצאו", ביז אז די גאנצע וועלט ווערט א דירה לעצמותו ומהותו ית'[20*].

ה. יעדער ענין הויבט זיך אָן פון תורה, איז אויך תורה א נקודה שכולל הכל:

אין תורה איז פאראן א ריבוי ענינים ביז א ריבוי אין סוף. וכלשון המשנה "הרבה להם תורה ומצוות"[21]. צוזאמען דערמיט, זיינען אלע פרטים פון תומ"צ כלולים אין די עשרת הדברות[22].

ועד"ז געפינט מען בנוגע די לוחות עצמם: עס שטייט אין ירושלמי[23] עה"פ[24] "מזה ומזה הם כתובים" אז אין די עשרת הדברות זיינען נכלל געווארן גאנץ תורה שבכתב ושבעל פה, ואפילו מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש איז ניתן למשה מסיני[25], און די עשה"ד גופא זיינען נכלל אין דעם דיבור ראשון "אנכי ה' אלקיך"[26], און דער דבור ראשון איז נכלל אין דער ערשטער ווארט פון עשה"ד - "אנכי" (ר"ת "אנא[27] נפשית כתבית יהבית"), וואס איז נכלל אין דער אות אל"ף פון "אנכי"[28], און דער אות אל"ף איז כלול אין די קוץ ונקודה אחת מיט וועלכער מ'הויבט אָן שרייבן דעם אות אל"ף, ביז מהותו עצמותו ית' וואס לא אתרמיז בשום אות וקוץ[29] אפילו ניט

---

20) ראה "היום יום" כ"ג מנחם אב. אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ד ע' תד. תז. *20) תנחומא נשא טז. ועוד. תניא פל"ו. ובכ"מ. וראה ד"ה זה היום תשמ"א (קונטרס ר"ה תשמ"ח) פי"ב ובהנסמן שם. 21) מכות כג, ב. 22) ראה פרש"י משפטים כד, יב. 23) שקלים פ"ו ה"א. 24) תשא לב, טו. 25) ראה מגילה יט, ב. ירושלמי פאה פ"ב ה"ד. לקו"ש חי"ט ע' 252. וש"נ. 26) יתרו כ, ב. ואתחנן ה, ו. נסמן בלקו"ש חכ"ה ע' 382 הערה 53. 27) שבת קה, א -ע"פ גירסת הע"י. 28) ראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ז ע' קמו. וראה ספר השיחות תש"ג ע' 144. ועוד. 29) ראה זח"ג יא, א. רנ, ב. לקו"ת פינחס פ, ב. ובכ"מ.

אין אַ נקודה.

ועד"ז געפינט מען בנוגע מתן תורה וואס איז קשור מיט ר"ה, ואדרבא ר"ה איז העכער פון מ"ת:

עס שטייט אין מכילתא[30] אז בא מ"ת האט דער אויבערשטער געזאגט אידן: קבלו מלכותי ואח"כ אגזור עליכם גזירות.

"גזירות" זיינען די פרטי המצוות וואס זיינען אלע גזירותיו ית' [כמבואר במאמרי כ"ק מו"ח אדמו"ר[31] אז אויך די מצוות וואס ווערן אנגערופן "משפטים", ווייל זיי האבן א טעם שכלי - דארף מען מקיים זיין ניט (נאר) מצד דעם טעם שכלי נאר באופן של קבלת עול מצד ציווי המלך, אזוי ווי "חוקים" - "חוקה חקקתי וגזירה גזרתי" ו"אין לך רשות להרהר אחרי'"[32]]. און די הקדמה להגזירות איז "קבלו מלכותי", דער ביטול כללי צום מלך.

אט דער ענין פון "קבלו מלכותי ואח"כ אגזור עליכם גזירות" איז בכללות בא מתן תורה, אבער בשעת מען טיילט דאס אויף צוויי, איז דער ענין פון "אגזור עליכם גזירות" בשעת מתן תורה, און דער ענין פון "קבלו מלכותי" בראש השנה.

און נאכמער: ר"ה איז ניט נאר דער ענין פון "קבלו מלכותי", נאר אדרבא אידן טוען דעמולט אויף בהכתרת המלך - "תמליכוני עליכם".

ו. דער ענין ה"נקודה" אחת שכולל הכל איז מודגש ביותר בר"ה בשנה זו - ר"ה פון א שנת הקהל.

דער ציווי פון הקהל איז "הקהל את האנשים והנשים והטף גו' ליראה את ה' אלקיך"[33], און ווי דער רמב"ם[34] שרייבט בנוגע די פרשיות וואס ווערן גלייענט בהקהל פאר אלע אידן ע"י דעם מלך: "חייבין כו' לשמוע באימה וביראה כו' כיום שניתנה בו בסיני כו', ויראה עצמו כאילו עתה נצטווה ומפי הגבורה שומעה, שהמלך שליח הוא להשמיע דברי הא-ל".

דאס הייסט אז דער תוכן פון הקהל איז אחדות, ביטול ושלילת ההתחלקות פון "אנשים נשים והטף", אז אלע אידן סיי "חכמים גדולים שיודעים כל התורה כולה", און סיי "מי שאינו יכול

---

30) עה"פ יתרו כ, ג. ועוד. 31) סה"מ קונטרסים ח"א פ"ד, א. שם קס, א. סה"מ אידיש ע' 46. ועוד. 32) יומא סז, ב. פרש"י ר"פ חוקת. תנחומא חוקת ג, ח. במדב"ר פי"ט, א. שם, ח. ועוד. 33) וילך לא, יב-יג. 34) הל' חגיגה פ"ג ה"ו.

לשמוע"[35], ווערן פאראייניקט אין איין קהל, א מציאות ונקודה אחת, א "נקודה" וואס איז כולל אין זיך די ריבוי פרטים פון אידן ווי זיי שטייען אין אן אופן פון א "נקודה".

און דער תוכן האחדות איז צו ווירקן אויף אלע הערער די זעלבע נקודה: "ליראה את ה' אלקיך", ביז תכלית שלימות היראה – יראה עילאה – נקודת הביטול צו דעם אויבערשטן "כיום שניתנה בו בסיני...כאילו עתה נצטווה בה ומפי הגבורה שומעה", מ'איז מקבל מלכותו ית' עי"ז וואס מ'הערט קריאת הפרשיות פון דעם מלך, "הנשיא הוא הכל"[15] – "שליח הא-ל" וואס פועל'ט בא אידן דעם ביטול וקבלת עול מלכות שמים, נקודת הביטול וואס איז כולל אלע פרטי העבודה, ווי גערעדט פריער.

ז. אט די נקודה פון "תמליכוני עליכם" פון ר"ה, כולל די הדגשה מיוחדת בשנה זו פון "ליראה את ה'" – ווערט נמשך על כל השנה כולה, און דריקט זיך אויס אין טאג-טעגלעכן לעבן:

התחלת היום הויבט זיך אן מיט זאגן "מודה אני לפניך כו'", וואס דאס איז ע"ד די עבודה פון "תמליכוני עליכם": "מודה אני" איז ביטול והודאה פון זיין גאנצע מציאות, וואס די ביטול איז א נקודה עצמית וואס איז העכער פון התחלקות (וואס דערפאר קען מען זאגן "מודה אני" אויך אין דעם מעמד ומצב פון פאר "נעגל וואסער"[36]), וביחד עם זה איז די נקודה כולל אלע פרטי העבודה פון דעם גאנצן טאג.

ובפרטיות יותר: נאכדעם וואס דער ביטול והודאה כללית פון "מודה אני" ווערט נמשך אין די כחות הנפש אין אן אופן פון הבנה והשגה, וואס דאס איז ידיעת אלקות לאחרי ההתבוננות בעבודת התפלה, קומט מען דערנאך לתכלית השלימות: תכלית הידיעה שלא נדעך[37].

ובלשון הידוע פון א גדול בישראל, "אני[38] מתפלל לדעת זה התינוק": א תינוק האט ניט קיין מושג אין ספירות אדער וועגן סדר השתלשלות וכו', אז מ'זאל דארפן שולל זיין דעם ענין אז "אליו ולא למדותיו", ווייל ער ווייס ניט וועגן "מדותיו", ער ווייס נאר וועגן עצמותו ומהותו ית', און דערפאר בשעת ער דאוונט איז זיין כוונה לעצמות ומהות ממש. און אויף דעם האט דער גדול בישראל געזאגט אז אויך בשעת ער דאוונט, דאוונט ער "לדעת זה התינוק". ד.ה. אז זיין כוונה איז לעצמות ומהות.

---

35) רמב"ם שם. 36) ראה קונטרס ענינה של תורת החסידות סי"א ובהערות שם. 37) ראה בחינות עולם ח"ח פ"ב. עקרים פ"ד מ"ב ספ"ל. של"ה קצא, ב.
38) ראה שו"ת הריב"ש סקנ"ז. הובא ונת' בסהמ"צ להצ"צ שרש מצות התפלה רפ"ח.

וכידוע דער לשון פון דעם אלטן רבי'ן בדביקותו[39] "איך וויל ניט דיין גן עדן, איך וויל ניט דיין עולם הבא, איך וויל מערניט אז דיך אליין". דאס הייסט אז נאכן שלימות הידיעה אין די מעלה פון ג"ע און עוה"ב - האט ער דערגרייכט לתכלית השלימות אז "איך וויל מערניט אז דיך אליין", עצמות ומהות.

און דאס וואס דער צמח צדק ברענגט די צוויי ענינים (תפלה לדעת התינוק און די דביקות פון דעם אלטן רבי'ן) אין "שרש מצות התפלה", איז צו מדגיש זיין אז "תכלית הידיעה" איז "שלא נדעך", ניט די ידיעה והשגה וכו' נאר דער ביטול והתאחדות (סיי בא בעלי השגה און סיי בא תינוקות) מיט מהותו ועצמותו ית', "דיך אליין".

[ולהעיר ממנהג החסידים, אז "שרש מצות התפלה" איז פון די ענינים אין חסידות וואס מ'הויבט אן לערנען נאך בר-מצוה אדער אפילו פאר דעם. ווארום בשעת מ'הויבט אן לערנען חסידות, ידיעה והשגה באלקות, דארף מען גלייך מדגיש זיין אז "תכלית הידיעה שלא נדעך"].

און דאס האט אויך א קשר מיט די תפלה "שיר המעלות ממעמקים"[40] וואס מ'זאגט בעשי"ת אנהויבנדיק פון ר"ה[41]: "ממעמקים", עומק לפנים מעומק, גיט אויף די בחי' פון עומק שלמעלה מגדר התחלקות כו'. צוזאמען דערמיט איז דאס נמשך ופועל אין אלע פרטים ופרטי פרטים, ביז אז די אלע פרטים זיינען זיך מתאחד און ווערן א מציאות אחת מיט די נקודת העומק שלמעלה מגדר התחלקות.

ח. בכל האמור קומט צו אַן עילוי מיוחד מצד די קביעות פון ר"ה בשנה זו וואס קומט בסמיכות ממש ליום השבת:

שבת איז ענינו "ויכולו השמים והארץ וכל צבאם"[42], ביטול המציאות באופן של ("ויכולו" מלשון) כליון, ביז אז אלץ ווערט נכלל בבחי' התענוג ("ויכולו" מל' תענוג)[43].

דאס הייסט: פון איין זייט איז די גאנצע מציאות הבריאה בתכלית השלימות און ניט נאר בשלימות פון "טוב מאד" (וואס שטייט ביום הששי)[44], נאר אויך די שלימות וואס ס'קומט צו ביום השבת - "באת שבת באת מנוחה"[45]; צוזאמען דערמיט איז די גאנצע בריאה אין

---

39) סהמ"צ להצ"צ שם פ"מ. 40) תהלים קל, א. 41) בהבא לקמן - ראה בארוכה ד"ה שיר המעלות שנאמר בההתוועדות. וש"נ. 42) בראשית ב, א. 43) ראה אוה"ת עה"פ (כרך א' מב, ב ואילך. כרך ג' תקח, א ואילך). ועוד. 44) בראשית א, לא. 45) פרש"י בראשית ב, ב. פרש"י ד"ה ויכל - מגילה ט, א. תוד"ה חצבה - סנהדרין לח, א. וראה ב"ר פ"י, ט.

אן אופן פון כליון וביטול, אז אלע נבראים ווערן נתעלה און נכלל אין א נקודה אחת: נקודת התענוג [נוסף אויף דעם וואס מ'האט גערעדט פריער (סעיף א) אז יום השבת איז א נקודה אחת].

קומט אויס אז בשנה זו, איז די נקודה פון "תמליכוני עליכם" (פון ר"ה) נתעלה אין די נקודת התענוג פון יום השבת, און זיי ווערן א נקודה אחת.

און דאס איז בהדגשה יתירה ווען אין יום השבת גופא שטייט מען לאחרי חצות היום, בזמן "רעוא דרעוין", שלימות התענוג[46], ובפרט בסמיכות לסיומו וחותמו פון יום השבת, לאחרי וואס עס זיינען שוין נתגלה געווארן אלע ענינים פון שבת (כולל אויך די זמן פון תוספת שבת) ווי זיי שטייען אלע אין נקודת התענוג הפשוט.

און צוזאמען דערמיט איז מען דאס מקשר מיט א סעודה גשמית - המשכת בחי' התענוג ביז למטה מטה.

ט. והמעשה הוא העיקר[47]:

שטייענדיק בסיום וחותם פון יום השבת וואס קומט און איז בהמשך אחד ונקודה אחת מיט ר"ה, דארף יעדער איינער און איינע מיט-נעמען די נקודה פון ר"ה, "תמליכוני עליכם", בכדי דאס צו ממשיך זיין און מגלה זיין אין פרטי פרטים, אין אן אופן אז מ'איז דורכגענומען און פאראייניציקט מיט די נקודה, ביז אז "ישראל וקוב"ה כולא חד"[19], מ'איז איין מציאות מיט מהותו ועצמותו.

און כאטש אז דאס איז א דרגא הכי נעלה - מאנט מען דאס פון כאו"א מישראל, און "איני מבקש כו' אלא לפי כחן"[48], ובלשון הכתוב[49] "לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה היא לא בשמים היא גו' ולא מעבר לים היא גו' כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו".

און נאכמער, לאחרי גילוי תורת החסידות בנפש איז דאס ניט נאר "קרוב גו' מאד", נאר ס'ווערט א "יחוד נפלא שאין יחוד כמוהו"[50], ווי גערעדט פריער[51].

און פון דער אחדות צווישן אידן און דעם אויבערשטן - "ישראל וקוב"ה כולא חד" - ווערט דאס נמשך אין וועלט, "ונגלה כבוד הוי' וראו כל בשר יחדיו"[52], אז ס'ווערן בטל אלע מדידות

---

46) ראה המשך תרס"ו ע' תקמה. ובכ"מ. 47) ראה אבות פ"א מי"ז. 48) במדב"ר פי"ב, ג. 49) נצבים ל, יא-יד. 50) תניא פ"ה (ט, ב). 51) בהתוועדות א' סי"ח. 52) ישעי' מ, ה.

הנחת הת' בלתי מוגה

והגבלות פון סדר השתלשלות, און עס ווערט המשכת וגילוי עצמות ומהות בכל העולם כולו, דירה לו – לעצמותו – בתחתונים,

כן תהי' לנו, במהרה בימינו ממש, בשעתא חדא וברגעא חדא, ביז די נקודה שלמעלה מהתחלקות הזמן – לא עכבן כהרף עין[53], תיכף ומיד ממש.

* * *

י. נוסף צו דעם וואס מ'האט גערעדט פריער וועגן די סמיכות פון יום השבת צו ר"ה אז די ב' ימים דר"ה און דער יום השבת ווערן איין נקודה, און בנוסף לזה וואס אין דער שבת ווערט דער "ויכולו" (מלשון שלימות) פון כל עניני ר"ה – איז אויך פאראן דער ענין פון שבת זה עצמה, און דאס איז – כמודגש "בשמו אשר יקראו לו" (וואס איז מורה על תוכן הדבר, כתורת הבעש"ט)[54] – "שבת שובה" אדער "שבת תשובה" – ענין התשובה.

ע"ד ווי מ'האט גערעדט פריער וועגן דעם ענין הנקודה שכולל הכל, עד"ז איז אויך דער ענין התשובה א נקודה אחת הכולל הכל. און דאס איז סיי בנוגע לענין התשובה כפשוטה, אויף ענינים בלתי רצויים, און אויך, ועאכו"כ, בנוגע לשלימות התשובה, "והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה"[55], וכדלקמן.

און דאס שטייט בהדגשה יתירה בשעת די קביעות פון שבת שובה איז בסמיכות און קומט בהמשך צו ר"ה, ובפרט א ר"ה פון א שנת הקהל, במוצאי שנת השביעית "שבת לה'"[56].

יא. דער ענין פון תשובה כפשוטה, ווי זי איז א נקודה אחת הכולל הכל:

תשובה איז כולל און מתקן כל עניני תומ"צ, "אין לך דבר שעומד בפני התשובה"[57], ווארום תשובה איז העכער פון כל הענינים[58], און תשובה טוט אויף אז דער אדם זאל נתעלה ווערן צו א נייעם מעמד ומצב באין ערוך צו זיין מעמד ומצב ווי ער איז געווען לפנ"ז, ביז אז ער ווערט א "נייע מציאות" (ע"ד ובדוגמת חידוש ההתהוות מאין ואפס המוחלט), ובדרך ממילא ווערן נתתקן אלע ענינים.

---

53) מכילתא ופרש"י בא יב, מא. 54) שעהיוה"א בתחלתו. 55) קהלת ז, יב. וראה בשיחה המוגהת ס"ב ואילך. וש"נ. 56) בהר כה, ב. שם, ד. 57) רמב"ם הל' תשובה ספ"ג. 58) ראה לקו"ת אחרי כו, ד. סהמ"צ להצ"צ מצות וידוי ותשובה בארוכה. ועוד.

הנחת הת' בלתי מוגה

און ווי דאס איז מודגש בלשון חז"ל[59] "תשובה (און דערנאך) ומעשים טובים":

לכאורה[60] איז דער סדר אז פריער דארף זיין "מעשים טובים" און דערנאך, אויב ס׳איז פאראן עפעס א חסרון אין די "מעשים טובים", איז מען דאס מתקן דורך תשובה, האט דאך געדארפט שטיין "מעשים טובים (און דערנאך) ותשובה"?

איז דער ביאור בזה: די נקודה כללית פון תשובה - קירוב והשבה צו דעם אויבערשטן - איז פועל אז אלע "מעשים" וואס קומען דערנאך זאלן זיין, כפי רצון ה׳, "מעשים טובים".

ויש לומר אז עד"ז געפינט מען בכללות בבריאה. חז"ל זאגן[61] אז "תשובה קדמה לעולם", און דאס איז בכדי אז אלע מעשים זאלן זיין באופן אז דער אויבערשטער זאל דערנאך מעיד זיין אז "והנה טוב מאד"[45], "מעשים טובים".

יב. ובעומק יותר:

ס׳איז מבואר בפנימיות התורה, "חכמת האמת" אז דער אמת׳ער מהות פון תשובה איז ניט (נאר) די תשובה וואס מ׳טוט אויף א געוויסן חטא וועלכן מ׳איז באגאנגען ח"ו, נאר בעיקר - תשובה מלשון "והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה", דאס אומקערן זיך פון א אידן צו זיין מקור און אמת׳ן מהות, כביכול - וואס דאס איז דער אויבערשטער, "האלקים אשר נתנה", וואס "כל הנותן בעין יפה נותן"[62], "מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה"[63], ביז צו די בחי׳ וואס איז למעלה פון גדר "ידו", עצמותו ומהותו ית׳.

ובלשון הכתוב אין די הפטרה פון שבת שובה[64] - "שובה ישראל עד הוי׳ אלקיך", מ׳קערט זיך אום "עד הוי׳ אלקיך". ובזה גופא צוויי אופנים: "עד ועד בכלל" און למעלה מזה "עד ולא עד בכלל", דאס הייסט, ניט נאר בבחי׳ הגילויים (גבול), נאר אויך בבחי׳ העצמות, די בחי׳ פון ולא עד בכלל[65], ולמעלה מזה "ושובו אל ה׳"[66], וואס איז נאך העכער פון "שובה גו׳ עד הוי׳ אלקיך"[67].

דאס הייסט: ענין התשובה איז די עצמיות׳דיקע פארבונד פון אידן מיטן אויבערשטן, דורך די נשמה, עצם נקודת היהדות, דאס

---

59) אבות פ"ד מי"ז. 60) ראה לקו"ת מטות פב, א. שמע"צ פה, א. שה"ש יז, ג. 61) ראה פסחים נד, א. ב"ר פ"א, ד. 62) ב"ב נג, א. וש"נ. 63) נוסח ברכה שלישית דברכת המזון. 64) הושע יד, ב. 65) ראה לקו"ת פקודי ד, ד ואילך. המשך תרס"ו ע׳ יז ואילך. 66) הושע שם, ג. 67) ראה המשך תער"ב ח"א ע׳ קמב ואילך. ד"ה שובה ישראל שנאמר בההתוועדות א׳. וש"נ. ובכ"מ.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

פינטעלע איד, וואס מצד די נקודה איז ניטא און ס'איז ניט שייך קיינע חילוקים צווישן "ראשיכם שבטיכם"[68] און "חוטב עציך ושואב מימיך"[69], די חילוקים זיינען נאר בחיצוניות, אבער ניט מצד עצם הנפש, כתורת אדה"ז[70] מיוסד אויפן פסוק[71] "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד"

[ולהעיר אז דער תוכן פון פרשת "שמע" איז קבלת עול מלכות שמים, כמארז"ל[72] "למה קדמה פרשת שמע לוהי' אם שמוע כדי שיקבל עליו עול מלכות שמים תחילה ואח"כ מקבל עליו עול מצוות", וואס דאס איז די נקודה כללית פון קבלת עול מלכות שמים - "קבלו מלכותי" (און נאכמער "תמליכוני עליכם") וואס איז כולל כל פרטי עניני המצוות, "אגזור עליכם גזירות"]:

"א איד ניט ער וויל און ניט ער קען זיין אפגעריסן פון אלקות", מצד זיין עצמיות'דיקע פארבונד מיט "ה' אחד", ביז די בחי' פון "יחיד" וואס איז העכער פון "אחד"[73], ביז נאך העכער - עצמות ומהות ממש.

פון דעם איז פארשטאנדיק אז ענין התשובה איז א נקודה אחת - די פארבונד פון אידן מיט דעם אויבערשטן, און איז א נקודה וואס איז כולל הכל - אלע פרטי ענינים פון אידן, פון דער פשוט שבפשוטים "חוטב עציך ושואב מימיך" - וואס אויך בא זיי איז די נקודת היהדות בשלימות (כנ"ל) ביז דער גדול שבגדולים "ראשיכם שבטיכם": יעדע מעלה ושלימות וואס ער דערגרייכט איז דאס נאר א שלימות לפי מצבו בהווה, און ניט לפי ערך דעם מצב צו וואס ער קען און דארף נתעלה ווערן בעתיד, ועאכו"כ לע"ל, ווען עס וועט זיין די שלימות פון כל הענינים "כמצות רצוניך"[74], ובמילא דארף זיין "כל ימיו בתשובה"[75], זיך אומקערן צו זיין שרש ומקור, ווערן איין מציאות מיט עצמותו ומהותו ית'.

יג. ביחד עם זה וואס תשובה איז אן ענין של נקודה, ווערט דאס נמשך למטה בגדרי הזמן - "שבת שובה":

ס'איז ידוע אז "שבת (איז) אותיות תשב"[76], וכמבואר בכ"מ אז

---

68) נצבים כט, ט. 69) שם, י. 70) ראה "היום יום" כ"ה תמוז ובכ"מ. 71) ואתחנן ו, ד. 72) ברכות יג, א. 73) ראה תו"א וארא נה, ב ואילך. אמ"ב שער הק"ש ע' פח. ועוד. וראה לקו"ש חי"א ע' 11. ד"ה אתם נצבים (הב') תשל"ס. 74) לשון תפלת מוסף. וראה תו"א ויחי מו, ד ואילך. תו"ח שם צה, א ואילך. המשך וככה תרל"ז פי"ז ואילך. ועוד. 75) שבת קנג, א. וראה תניא פל"א. לקו"ת ריש פרשתנו. 76) אגה"ת ספ"י. לקו"ת פרשתנו (דרושים לשבת שובה) סו, ג.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

"ענין שבת וענין תשובה הכל אחד, דהיינו חזרת הדברים למקורן ושרשן"[77].

און אויב דאס איז געזאגט געווארן בנוגע לכל שבת, איז עאכו"כ אז דאס איז אזוי ב"שבת שובה". ובפרט לויט דעם וואס מ'האט גערעדט פריער[78], ע"פ המבואר בסידור האריז"ל[79] אז שבת שובה איז כולל אלע שבתות דשנה שעברה כדי זיי צו מתקן זיין און משלים זיין, און איז אויך משפיע לכל השבתות פון דעם קומענדיקן יאר[80].

יד. אין דעם אלעם קומט צו אין שבת שובה בשנה זו:

א) ס'איז א שבת שובה פון א שנת הקהל, וואס סיי מצד דעם תוכן פון הקהל - אחדות ישראל אין די נקודה פון קבלת עול - און סיי מצד דעם וואס ס'איז מוצאי שביעית, "שבת לה'" - איז דער תיקון ושלימות בשבת שובה פון כל שבתות השנה שעברה (וואס דער גאנצער יאר איז געווען "שבת לה'" ועאכו"כ אירע שבתות) באופן נעלה יותר. און ס'איז פועל אויך בנוגע לשבתות (ועל ידם - אויך אין די ימות החול) פון דעם נייעם יאר, שנת הקהל (ווי גערעדט אין דער פריערדיקע פארברייינגען[81]).

ב) מצד די סמיכות פון שבת שובה לר"ה: כאטש אז דאס וואס מ'האט גערעדט פריער בנוגע שבת שובה איז שייך בשבת שובה שבכל שנה, איז אבער וויבאלד אז (כמבואר לעיל) ר"ה ושבת שובה האבן אין זיך דעם זעלבן תוכן - התקשרות העצמית פון אידן מיט דעם אויבערשטן ווי ס'איז מודגש אין דעם ענין פון "תמליכוני עליכם" פון ר"ה, ובענין התשובה פון שבת שובה - איז וויבאלד אז בשנה זו קומען זיי בסמיכות ביז אז זיי ווערן בנקודה אחת, קומט צו ביתר שאת וביתר עוז (אויף וויפל ס'איז שייך צו זאגן דער מושג "הוספה" אין א נקודה עצמית) - אין דעם שבת שובה.

טו. והמעשה הוא העיקר:

כל האמור לעיל איז שייך לכאו"א מישראל, און ווי גערעדט פריער (ס"ח) אז "לא בשמים היא גו' ולא מעבר לים היא גו'", נאר "קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו".

ובפרט לאחר די התגלות פון תורת החסידות, אנהויבנדיק פון

---

77) לקו"ת שם. 78) בהתוועדות א' ס"ב. 79) לר"ש מרשקוב - עשי"ת. וראה פע"ח שער תפלות ר"ה פ"ז. שער הכוונות דרושי ר"ה (לפני דרוש א). 80) ראה שיחת ש"פ האזינו (התוועדות א') תשד"מ בתחלתו. ברכת ערב יוהכ"פ לאחרי תפלת מנחה תשמ"ז ס"ס. 81) התוועדות א' ס"ח.

הנחת הת' בלתי מוגה

ספר התניא, תושב״כ פון תורת החסידות[82], וואס איז ״מיוסד על פסוק כי קרוב אליך הדבר מאד...לבאר היטב איך הוא קרוב מאד״[83], ביז אין אן אופן פון הבנה והשגה וואס ווערט א ״יחוד נפלא שאין יחוד כמוהו״[50].

און דערנאך, די התגלות פון ״פירושה״ (פון תושב״כ פון חסידות), תושבע״פ, די מאמרים שלאח״ז, פון דעם אלטן רבי׳ן און פון רבותינו נשיאינו שלאח״ז, ביז פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו וואס ״הנשיא הוא הכל״ (כולל אויך אלע ענינים שקדמו לו כו׳).

און דאס אלץ איז געגעבן געווארן לכאו״א מישראל ממש.

און כאטש אז ספר התניא איז געשריבן געווארן פאר ״אנשי שלומינו״ (כמבואר ב״הקדמת המלקט״ לתניא), איז דאך ידוע דער פתגם פון דעם אלטן רבי׳ן[84] אז תורת החסידות איז ניט פאר א סוג מסויים פון אידן, נאר פאר כלל ישראל, ביז כאו״א מישראל ממש, ווארום סוכ״ס ווערן זיי נכלל אין ״אנשי שלומינו״.

טז. ויהי רצון אז שטייענדיק אין דעם סיום וחותם פון די דריי ערשטע טעג פון דעם נייעם יאר, וואס דעמולט (נאך די שלימות העבודה פון חודש אלול ובפרט נאך ח״י אלול, ימי הסליחות און ערב ר״ה), האט מען אלע ענינים ב״מזומן״, אין אן אופן אז מ׳דארף נאר אויסשטעקן די האנט און נעמען, מ׳דארף ניט ווארטן אז מ׳זאל אים דאס געבן מלמעלה ווייל דאס איז ברשותו. נאר דער אויבערשטער וויל אים מזכה זיין אז ס׳זאל אויך זיין די מעלה פון בחירה חפשית ״ובחרת בחיים״[85], די בחירה מצד דעם עצם מציאות פון אידן וואס איז נאך העכער פון ציוויי התורה - דערפאר דארף מען אויסשטעקן די האנט,

איז יהי״ר אז כאו״א זאל ״נעמען״ די נקודה עצמית פון די טעג צו דאס ממשיך זיין אין די עבודה פון כל השנה כולה, וואס דורך דעם וועט ניתוסף ווערן ביתר שאת וביתר עוז אין אלע עניני העבודה בתכלית השלימות, ביז צו א שלימות וואס האט ניט קיין ערך ויחס לגבי דעם פריערדיקן מצב, נאך העכר פון דער ענין פון סיבה ומסובב וכו׳.

און דורכדעם וועט צוקומען אויך אין ברכותיו של הקב״ה על כל השנה כולה, ווי עס שטייט[86] ״אם בחוקותי תלכו ואת מצוותי

---

82) ראה אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ד ע׳ רסא. ובכ״מ. 83) לשון ״שער״ התניא. 84) ראה אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״י ע׳ דש. ועוד. 85) ל׳ הכתוב - נצבים ל, יט. 86) ר״פ בחוקותי.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

SichosKodesh.com

תשמרו גו'" איז "ונתתי גשמיכם בעתם גו'", און די אלע ברכות וואס ווערן דארט אויסגערעכנט.

ובפשטות, א שנה מבורכת אין אלע עניני טוב הנראה והנגלה, סיי טוב רוחני - א שנת הפצת התורה והיהדות, וואס איז כולל, ובמיוחד, הפצת המעיינות חוצה אין אלע מעגלעכע אופנים בתכלית השלימות, און סיי טוב גשמי כפשוטו ממש.

- ברוחניות ובגשמיות - פריער ברוחניות, און פון דעם ווערט נמשך ונשתלשל בגשמיות. אדער בגשמיות וברוחניות - פריער בגשמיות און דערנאך ברוחניות, וע"ד המבואר אין די סיפורים פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[87] וועגן הנהגת הבעש"ט אז ער פלעגט מעודד זיין אידן און זיי מסייע זיין אין ענינים גשמיים, און דערנאך אויך ברוחניות.

[ולהוסיף, אז סיפורים זיינען שייך אויך צו נשים וטף ביז גאר קליינע קינדער, ואדרבא, ווי מ'זעט די טבע ותכונה פון קינדער (ווי דער אויבערשטער האט מטביע געווען) אז זיי באווייזן א גרעסערע חיבה, און האבן מער געשמאק אין סיפורים ווי גדולים. וואס פון דעם איז פארשטאנדיק אז ענין הנ"ל איז שייך אויך צו זיי].

ביז צו די ברכה העיקרית והפנימית, אז תיכף ומיד, בשעתא חדא וברגעא חדא "כהרף עין" - "אתי מר" מלכא משיחא, ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, "ארץ אשר גו' תמיד עיני ה"א בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"[88], ובפרט אז מ'שטייט יעצט ב"רשית השנה" וואס קומט בהמשך ל"אחרית השנה" וואס פאר דעם[89].

וכן תהי' לנו אז במשך כל השנה, אין אלע אירע טעג ורגעים, זאל נמשך ווערן דער מעמד ומצב פון ראש השנה (ע"ד ווי די המשכה פון "קאָפּ" ("ראש") אין דעם גאנצן גוף) - "אתם נצבים היום[90] - ראש השנה[91] - כולכם" "לאחדים כאחד" ממש "מבלי ימצא האדם ראש וסוף"[92], און זייער עמידה איז "לפני הוי' אלקיכם"[90], די פנימיות פון הוי', עצמות ומהות ממש, ובפרט בשנת הקהל, "הקהל את העם האנשים והנשים והטף גו' ליראה את ה"א כל הימים גו'".

והעיקר - אז ס'זאל בפשטות ממש, למטה מעשרה טפחים, תיכף ומיד ממש.

* * *

---

87) ראה "התמים" ח"ב ע' מד. לקו"ש ח"א ע' 133. ועוד. 88) עקב יא, יב. 89) וראה אגה"ק סי"ד. 90) ר"פ נצבים. 91) לקו"ת ר"פ נצבים. וראה רמ"ז לזח"ב לב, ב (הובא בלקו"ת תבוא מא, ג). וראה גם זח"ג רלא, א. פענח רזא ס"פ נצבים. 92) לקו"ת שם.

הנחת הת' בלתי מוגה

יז. מאמר (כעין שיחה) ד"ה שיר המעלות ממעמקים - הוגה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א, ויצא לאור בקונטרס בפ"ע.

* * *

יח. מ'האט גערעדט כמ"פ אז פון יעדער ענין וואס איז פארבונדן מיט תורה ויהדות קען מען ארויסנעמען א הוראה ולימוד. במכ"ש וק"ו פון תורת הבעש"ט הידועה[93] אז פון יעדער זאך - אפילו בעניני עולם - וואס א איד זעט אדער הערט, דארף מען ארויסנעמען א הוראה בעבודת השם, ועאכו"כ בעניני תורה מלשון הוראה[94], אז כל עניני תורה כולל אויך "מנהג ישראל" וואס "תורה הוא"[95] זיינען מלכתחילה באופן פון לימוד והוראה.

ובהתאם לזה וועט מען רעדן וועגן דעם ענין פון מנין השנים ווי דאס איז ע"פ תורה, און די הוראה וואס מ'קען דערפון לערנען.

ובהקדם:

בנוגע למנין השנים געפינט מען אין תורה כמה אופנים[96]: מנין למלכים (מלכי ישראל בזמן הבית, אדער מלכי אוה"ע - לאחר החורבן); מנין לשטרות (ביז אז עד היום זיינען פאראן אזעלכע וואס פירן זיך אזוי); מנין ליצירה - פון בריאת העולם.

דער אופן המנין וואס איז נקבע געווארן ברוב תפוצות ישראל איז מנין השנים לבריאת העולם.

אין מנין לבריאת העולם גופא זיינען פאראן כמה אופנים[97]: (א) אז מען ציילט פון דעם ר"ה שבו נברא אדם הראשון; (ב) "מולד תוהו" (בהר"ד) - מען ציילט פון תשרי שלפני כ"ה אלול שבו נברא העולם; און (ג) אז מ'ציילט פון דעם ר"ה שלאחר בריאת אדה"ר.

דער אופן המנין וואס איז נקבע געווארן בכל תפוצות ישראל איז "מולד תוהו".

ועפ"ז, איז שנה זו שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה.

---

93) כתר שם טוב (בהוספות) סקכ"ז ואילך. וש"נ. 94) ראה רד"ק לתהלים יט, ח. ס' השרשים שלו ערך ירה. גו"א ר"פ בראשית. וראה זח"ג נג, ב. 95) תוד"ה נפסל - מנחות כ, ב. ובכ"מ (נסמן בלקו"ש חכ"ה ע' 56 הערה 2). 96) ראה ספר "המועדים בהלכה" (להר"ר ש"י זעווין) ערך ר"ה פ"ב. וש"נ. 97) בהבא לקמן - ראה "פירוש" לרמב"ם הל' קידוש החודש פ"ו ה"ח. לקו"ש ח"י ע' 185. אנציקלופדי' תלמודית כרך ב' ערך בהר"ד ע' שעו. וש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

יט. דער לימוד והוראה וואס מ'קען ארויסנעמען פון מנין זה, ובהקדמה:

בכתיבת התאריך אין שטרות וואס ע"פ תורה, איז מוכרח צו וויסן דעם זמן המדוייק - איז בעיקר נוגע צו וויסן דער מנין פון יחידות עשיריות ומאות, משא"כ מנין האלפים איז ניט נוגע אזויפיל, ווארום אין דעם איז ניט שייך קיין טעות[98]. און דערפאר אויב מ'האט טאקע ניט געשריבן מנין האלפים, איז דער שטר כשר[99].

און ווי מ'געפינט אין כו"כ אגרות קודש פון גדולי ישראל אז ס'איז נאר אנגעצייכנט דער מנין המאות העשיריות והיחידות, און ניט דער מנין האלפים.

ונוסף לזה: אויך ווען מ'שרייבט דער מנין האלפים, איז דאס א מנין בפני עצמו, ווי מ'זעט אז בשעת מ'שרייבט ה'תשמ"ח שרייבט מען דעם ה"א מיט א שטריכעלע, און דערנאך - ווי א וואָרט פאר זיך אליין - תשמ"ח -מנין המאות העשיריות והיחידות.

ובנוגע לענינינו: אין דער מנין המאות והעשיריות והיחידות פון שנה זו - תשמ"ח - איז מודגש בגלוי די הוראה המיוחדת פון שנה זו: שנת תשמח!

דאס הייסט אז דער מנין השנה איז מדגיש און "רופט ארויס": "תשמח"! בלשון ציווי און לשון הבטחה (בלשון נוכח) לכאו"א מישראל אז מ'דארף זיין בשמחה.

כ. ועד"ז יש לבאר אויך בנוגע דעם רמז פון שנת תשמ"ח ע"ד הראשי-תיבות:

אין די לעצטע יארן איז געווארן א רגילות צו מקשר זיין דעם ר"ת פון דעם יאר מיט משיח, וואס דער אות מ (מנין העשיריות) איז ר"ת משיח, ועד"ז האט מען מבאר געווען דעם רמז פון מספר היחידות; ווי פאַראַיאָרן - תשמ"ז - "תהא זו שנת משיח". ובהתאם לזה דארף מען געפינען א רמז וואס איז מתאים לשנת תשמ"ח.

עס זיינען פאראן אבער אזעלכע וואס האבן ניט ליב זיך צו אנשטרענגען "איבער די מאס", ובמילא איז בנוגע יעדער ענין זיינען זיי זיך משתדל צו געפינען איינעם צו טאן די "מלאכה" פאר זיי - "מלאכתן נעשית ע"י אחרים"[100], כאטש אז בנדו"ד איז דאס ניט קיין מלאכה האסורה בשבת... ובמילא נייען זיי און פרעגן בא

---

98) ראה שו"ע חו"מ סמ"ג ס"ב-ג. 99) וראה גם שו"ע אבן העזר סו"ס קכז.
100) ע"ד ל' חז"ל - ברכות לה, ב. מכילתא ויקהל ב. ועוד.

הנחת הת' בלתי מוגה

פלוני: אפשר קען ער געפינען עפעס א רמז ור"ת לשנת תשמ"ח.

(כ"ק אדמו"ר שליט"א חייך ואמר:) טאמער וועט מען פרעגן פון וואנעט ווייס איך דאס? איז דער ענפער אויף דעם אז "בדידי הוה עובדא", מען האט מיר געפרעגט אט די שאלה!

און בשעת איך האב געענטפערט: צוליב וואס דארף מען זוכן ראשי-תיבות, בשעת ס'איז דא דער סימן פון דער גאנצער ווארט - "תשמח", האט מען מיר געענטפערט: מ'דארף האבן משיח'ן!

אויף דעם ענטפער האבן איך ניט געהאט וואס צו ענטפערן... ווארום אויך איך וויל, און שטורעם וועגן משיח!

- דער ענין השמחה (וואס מ'לערנט אפ פון שנת "תשמח") קען דאך זיין מצד כו"כ ענינים, ברית מילה, פדיון הבן, ביז שמחת נשואין - "שמח תשמח" שמחה בלי גבול; אבער נוסף לזה דארף מען געפינען אויך א רמז פארבונדן מיט משיח.

און כאטש אז דאס איז א "טירחא גדולה", האב איך זיך ניט געפוילט און געפונען א רמז אין דעם אות ח' (פון תשמ"ח), וואס איז פארבונדן מיט גאולה, כדלקמן.

כא. דער שינוי במנין שנה זו לגבי דעם שנה שעברה איז במספר היחידות, ח' אנשטאט ז'.

און דאס איז מתאים צו דעם וואס שנה שעברה איז געווען א שנת השמיטה, "שנה השביעית" (ז'), און די יאר, שנת הקהל, איז "מקץ שבע שנים" - "שנה השמינית"[101] - (ח').

כב. און דער שייכות פון מספר ח' צו משיח:

די גמרא זאגט[102] "כנור של מקדש של שבעת נימין הי'...ושל ימות המשיח שמונה", דאס הייסט אז ענינו של משיח איז פארבונדן מיט מספר שמונה (ח')[103].

ובפרטיות יותר: אויך מספר שבעה איז פארבונדן מיט גאולה, ואע"פ אז די גמרא זאגט "כנור של מקדש של שבעת נימין הי'", דאס הייסט אז מספר שבעה איז פארבונדן מיט די צייט וואס פאַר די שלימות פון ימות המשיח, בשעת אבער מ'געפינט זיך אין גלות, איז אויך "כנור של מקדש (של שבעת נימין)" פארבונדן מיט משיח צדקנו,

---

101) וילך לא, י ובפרש"י. 102) ערכין יג, ב. 103) ראה אוה"ת חנוכה שכו, ב. קונטרס משיחות ש"פ וישב תשמ"ז בסופו.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ווארום קיינער, אפילו גדולי ישראל וכו', קען ניט בויען דעם בית המקדש חוץ משיח צדקנו, כפס"ד הרמב"ם[104] "המלך המשיח...בונה המקדש כו'", און דאס וועט זיין לאחרי וואס "ילחום מלחמת ה' וינצח", און ערשט דעמולט "יבנה מקדש במקומו"[105].

קומט אויס אז סיי מספר שבעה (ז') און סיי מספר שמונה (ח') זיינען פארבונדן מיט גאולה, ס'איז נאר וואס בימות המשיח גופא זיינען פאראן צוויי דרגות: שבעה, ולמעלה מזה - שמונה.

כג. וועט מען דאס פארשטיין בהקדם דעם חילוק פון מספר שבע ושמונה, ע"פ המבואר בתשובות הרשב"א[106] אז מספר שבע איז כולל שבעת ימי ההיקף (שבעת ימי השבוע, שבע שנים דשמיטה, שבע שמיטין וכו'), און מספר שמונה איז למעלה מההיקף, ס'איז שומר ההיקף. [ועי"ד ווי דאס איז בכמה ענינים, ווי חג השבועות - אז נאך "שבעה שבועות תספר לך"[107] (שלימות שבעת ימי ההיקף) - קומט מען צו "יום החמישים"[108] (שלמעלה והשומר את ההיקף)].

און דוגמתו בנוגע לימות המשיח און די צוויי תקופות שבימות המשיח: די ערשטע תקופה, שלימות הבריאה (היקף), און די צווייטע תקופה איז למעלה משלימות הבריאה (למעלה מההיקף).

והביאור בזה:

מ'האט שוין גערעדט כמ"פ[109] אז אויך לדעת הרמב"ם וואס שרייבט[110] "אל יעלה על הלב שבימות המשיח יבטל דבר ממנהגו של עולם, או יהי' שם חידוש במעשה בראשית, אלא עולם כמנהגו נוהג, וזה שנאמר בישעי'[111] וגר זאב עם כבש כו' משל וחידה כו' וכל כיוצא באלו הדברים בענין המשיח, הם משלים כו'" - פונדעסטוועגן איז בהכרח לומר אז לדעת הרמב"ם וועט אויך זיין א חידוש במעשה בראשית, ווארום תחיית המתים ("הקיצו ורננו שוכני עפר"[112]) איז איינער פון די י"ג עיקרים, דאס איז א יסוד מיסודי התורה[113], און ווי דער רמב"ם איז מאריך בזה באגרת תחיית המתים, ועוד. וואס תחיית המתים איז פון די גרעסטע חידושים במעשה בראשית.

און ניט אז ס'וועט זיין באופן דיוצא מן הכלל, ווי בסיפור אלישע, אז וויבאלד ער איז געווען "פי שנים ברוחך"[114] פון

---

104) הל' מלכים רפי"א. 105) רמב"ם שם ספי"א. 106) ח"א ס"ט. 107) ראה טז, ט. 108) ראה אמור כג, טז. 109) ראה הדרן על הרמב"ם - לקו"ש בחוקותי תשמ"ה. "סיום הרמב"ם" - משיחת יו"ד שבט תשמ"ז. ושנ"ג. 110) הל' מלכים רפי"ב. וראה גם הל' תשובה ספ"ט. 111) יא, ו. 112) ישעי' כו, יט. 113) ראה פיה"מ להרמב"ם סנהדרין פ' חלק יסוד הי"ג. 114) מלכים ב ב, ט.

אליהו, דעריבער האט ער געקענט פועל'ן היפך פון מנהגו של עולם, און ער האט מחי' מתים געווען[115] – נאר בימות המשיח וועט דער סדר פון מנהגו של עולם געביטן ווערן, ביז אז ס'וועט זיין א שינוי עיקרי – אז ס'וועט זיין "הקיצו ורננו שוכני עפר" ביי אלע.

און דאס איז קיין סתירה ניט צו דעם וואס דער רמב"ם שרייבט אז בימות המשיח וועט ניט בטל ווערן מנהגו של עולם, ווארום דער חידוש במעשה בראשית כולל דער ענין פון תחיית המתים וכו' וועט זיין אין די צווייטע תקופה פון ימות המשיח.

[נאכמער: דער רמב"ם שרייבט אין אגרת תחיית המתים[116] "ודע שאלו היעודים וכיוצא בהם שנאמר שהם משל, אין דברינו זה החלטי וכו'", דאס הייסט אז אע"פ וואס אין ספר היד האט ער גע'פסק'נט אז יעודים אלו זיינען "משל וחידה", שרייבט ער אבער אין אגרת תחה"מ אז דאס איז ניט קיין דבר החלטי. און ס'קען זיין אז די אלע יעודים ("וגר זאב עם כבש" וכו') בנוגע ימות המשיח וועלן זיין כפשוטם ממש. וואס אזוי ווערט אויך אפגע'פסק'נט אין תורת החסידות[117]].

דאס הייסט אז בימות המשיח וועלן זיין צוויי תקופות: די ערשטע תקופה – "עולם כמנהגו נוהג". און די צווייטע תקופה – "חידוש במעשה בראשית".

כד. וי"ל אז די צוויי תקופות פון ימות המשיח זיינען מרומז אין די צוויי מספרים הנ"ל שבעה ושמונה (ז' וח').

שבעה (ז') שלימות ההיקף, איז מרמז אויף די ערשטע תקופה פון ימות המשיח, "עולם כמנהגו נוהג", נאר א הנהגת העולם וואס איז בתכלית השלימות, ביטול "שעבוד מלכיות"[118], און "לא יהי' שם לא רעב ולא מלחמה ולא קנאה ותחרות, שהטובה תהי' מושפעת הרבה וכל המעדנים מצויים כעפר כו' ולא יהי' עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד"[119], וואס דאס איז די שלימות פון שבעת ימי ההיקף.

שמונה (ח') למעלה מהיקף, באווייזט אויף די צווייטע תקופה פון ימות המשיח, ווען ס'וועט זיין "חידוש במעשה בראשית" אנהויבנדיק פון דעם חידוש הכי עיקרי – תחיית המתים, וואס איז העכער פון שלימות ההיקף.

---

115) ראה שם ד, לג ואילך. 116) פרק ו. 117) ראה אוה"ת נח (כרך ג') תרלד, א ואילך. תרלז, ב. תרסט, א ואילך. המשך וככה תרל"ז פצ"ה-צו. ובכ"מ. 118) רמב"ם הל' תשובה שם. הל' מלכים שם ה"ב. 119) הל' מלכים שם ה"ה.

הנחה הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

כה. דאס האט אויך א קשר מיט דער חילוק צווישן "שמיטה", שנה השביעית - ז', און "הקהל", שנה השמינית - ח':

אין שנת השמיטה זיינען פאראן אלע פרטים פון שדה וכרם, "עולם כמנהגו נוהג", נאר זיי זיינען הפקר לכל, אלע זיינען בשוה, "לך ולעבדך ולאמתך גו' ולבהמתך ולחי' אשר בארצך"[120], "אפקעתא דמלכא"[121], דאס הייסט אז ס'איז ניכר בגלוי די בעל הבית'שקייט פון דעם אויבערשטן, "הכל ברשות אדון הכל"[122]. וואס דאס איז ע"ד ובדוגמת די ערשטע תקופה דימות המשיח, שלימות הנהגת העולם, שלימות ההיקף.

משא"כ אין שנת "הקהל" געפינען זיך אלע אידן "האנשים והנשים והטף", אין בית המקדש, און זיי הערן קריאת הפרשיות מפי המלך. דאס הייסט אז מ'גייט ארויס און מ'ווערט נתעלה פון מציאות העולם לגמרי, כולל די יציאה פון די הגבלה און ציור פרטי, און אלע זיינען זיך מתאחד "ליראה את ה'". וואס דאס איז ע"ד ובדוגמת די צווייטע תקופה פון ימות המשיח, תכלית השלימות וואס איז למעלה מההיקף לגמרי.

כו. און דער רמז און דער ר"ת פון אות ח' - תשמ"ח:

אות ח' איז ר"ת "חירות" (און אויך "חיים"), דאס הייסט חירות פון אלע ענינים, ניט נאר פון "שעבוד מלכיות" נאר אויך "חירות" פון אלע ענינים.

כולל אויך "חירות ממלאך המות"[123], וואס דער אמת'ער חירות פון "מלאך המות" איז ניט נאר אז ס'ווערט בטל פעולתו מכאן ולהבא, נאר יתירה מזה, אז ס'בלייבט ניט איבער קיין רושם פון זיינע פעולות אויך בעבר, וואס דאס איז דער ענין פון "תחיית המתים" (נוסף לזה וואס אות ח' איז אויך ר"ת חיים).

ביז אז מ'קומט לשלימות ענין החירות - חירות פון אלע מדידות והגבלות פון סדר השתלשלות, עלמא דחירו[124].

ויש לקשר זה מיט דעם מאמר הזהר בפרשתנו[125] (וואס מ'האט גערעדט פריער[126]), בענין "כי חלק ה' עמו"[127], "דלא יהב להו לרברבא כו'", אז די הנהגה פון אידן איז נאר דורך הקב"ה בכבודו ובעצמו, ניט דורך מלאכים ד.ה. אז ס'ווערט "חירות" אפילו פון די

---

120) בהר כה, ו-ז. 121) ב"מ לט, א. קו, א. ועוד. 122) חינוך מצוה שכח. וראה גם מצוה פד. 123) שמו"ר פמ"א, ט. 124) ראה לקו"ת אמור טו, ב. ר"ה ס, ב. וש"נ. 125) זח"ג רחצ, ב. 126) בהתוועדות סי"ב. סי"ז. 127) פרשתנו לב, ט.

הנחת הת' בלתי מוגה

הנהגה דורך מלאכים וכו׳, ווייל די הנהגה איז פון עצמו"ה (ניט אזוי ווי אוה"ע וואס "אתייהבו לרברבן"[128], וואס דערפאר לא הוזהרו על השיתוף[129], ווייל זיי זיינען מקבל זייער השפעה דורך די מזלות וכל צבא השמים און זייערע שרים, כמ"ש[130] "מאותות השמים גו׳ יחתו הגוים" [כאטש אז מצד אמיתת הדברים איז ניט שייך אפצודאנקען די כוכבים ומזלות, ווי דער צ"צ איז מבאר[131] אז דער ענין פון "חמרא למרא טיבותא לשקיי׳"[132] איז שייך נאר בא בנ"א וואס איז א בעל בחירה, משא"כ בנוגע די כוכבים ומזלות כו׳ וואס זיינען "כגרזן ביד החוצב בו"]), ניט דורך די אופנים און חיות פון עולם היצירה און אפילו ניט דורך די שרפים וואס זיינען בעולם הבריאה[133], נאר פון עצמות ומהות.

כז. בהתאם לזה קומט די הצעה בנוגע דעם ר"ת פון תשמ"ח אז דער ר"ת פון דעם אות ח׳ זאל זיין "חירות", וואס אין דעם איז מודגש דער ענין הגאולה בתכלית השלימות, נאך העכער פון גאולה הקשורה לאות ז׳, כנ"ל בארוכה.

ובפשטות: אז לאחרי דער גאנצע "שטורעם" און "געוואלד" פון "עד מתי", אין אַן אופן פון "אחכה לו בכל יום שיבוא", ביום זה ממש, [וכמדובר כמ"פ אז "אחכה לו בכל יום שיבוא" מיינט ניט אז "בכל יום" וואַרט ער אז סוף סוף וועט משיח קומען, נאר אז "בכל יום" איז ער "מחכה" שיבוא היום, "כי לישועתך קוינו כל היום"[134]]

- איז וויבאלד אבער אז בשנה שעברה האבן מיר ניט זוכה געווען אז "תהא זו שנת משיח", האפט מען אז בשנה זו (תשמ"ח), אז ס׳קומט צו דער ענין ה"חירות" בנוגע "משיח" (תכלית השלימות דימות המשיח כנ"ל), זאל ווערן גרינגער, און נעענטער צו פועל זיין די גאולה בפועל ממש.

כח. ויהי רצון אז פון די ראשי תיבות און ווערטער און פירושים וכו׳ - זאל מען תיכף ומיד זוכה זיין צו עיקר כל העיקרים: ביאת משיח צדקנו בפועל ממש, למטה מעשרה טפחים, און איז גואל כאו"א מישראל וכלל ישראל.

ובשעתא חדא וברגעא חדא, טאַנצט מען אלע צוזאמען, מתוך שמחה אמיתית בלתי מוגבלת, לויט דעם ציווי און הבטחה פון שנת "תשמח", לארצנו הקדושה, "ארץ אשר גו׳ תמיד עיני ה"א בה מרשית

---

128) ראה זח"ב יד, ב. ח"ג סד, א. רחצ, ב. סהמ"צ להצ"צ מצות אחדות ה׳ בתחלתה. 129) נסמן בלקו"ש חכ"א ע׳ 41 הערה 36. עיי"ש. 130) ירמי׳ י, ב. 131) דרמ"צ מצות מילה פ"ג (ו, ב). 132) ב"ק צב, ב. ועוד. 133) לקוטי לוי"צ לזח"ג ע׳ תסד ואילך. 134) נוסח תפלת העמידה.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

SichosKodesh.com

השנה ועד אחרית שנה", לירושלים עיר הקודש, להר הקודש ולבית המקדש, "מקדש אדנ-י כוננו ידיך"[135], שיבנה במהרה בימינו ע"י משיח צדקנו, און ווי געדעדט פריער אז משיח "יבנה מקדש במקומו".

און מ'איז זוכה צו מקיים זיין מצות הקהל כפשוטה, אין אַן אופן אז בחג הסוכות פון שנה זו איז מען אלע זוכה צו זיין אין ביהמ"ק השלישי, "בנוי לתלפיות"[136], און הערן קריאת הפרשיות פון דעם מלך, דוד מלכא משיחא.

כן תהי' לנו, נשמות בגופים, רמ"ח אברים ושס"ה גידים, שלימות העם, ו"כספם וזהבם אתם"[137], כולל אויך "כספם וזהבם" ברוחניות, שלימות התורה ומצוותי', און שלימות הארץ "ירחיב ה' אלקיך את גבולך"[138],

און עיקר כל העיקרים - תיכף ומיד ממש.

כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה לנגן ניגון הכנה. ניגון אדה"ז (בבא הרביעית - פעם אחת). ניע זשוריצי חלאפצי. שיבנה בית המקדש.

אח"כ ברך כ"ק אדמו"ר שליט"א ברכת המזון. ונתן החלה והמים להרב מ.י. שיחי'.

לאחר ברכת המזון אמר: אויב עס וועלן זיין די וואס וועלן "כאפן" פון די "שיריים", פון די חלות אדער די וואסער - זאלן זיי געדענקען דאס ניט צו עסן גלייך, נאר זיי זאלן ווארטן ביז נאָך הבדלה.

אח"כ - מעריב. הבדלה. וחילק לכאו"א מכוס של ברכה.

טרם צאתו התחיל לנגן "כי בשמחה תצאו".

------ * ------

135) בשלח טו, יז. 136) ברכות ל, א. 137) ישעי' ס, ט. 138) ראה יב, כ. שופטים יט, ח ובפרש"י שם מספרי שם. ועוד.

הנחת הת' בלתי מוגה

הכתובת להשיג ה"הנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לרי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 03-964887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448

שיחת
ליל א' דחג הסוכות
ה'תשמ"ח



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי **ברוקלין, נ.י.**

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה

SichosKodesh.com

מפתח

בסוכה

בס"ד. שיחת ליל א' דחג הסוכות ה'תשמ"ח.

- אחרי תפלת ערבית -

הנחת הת' בלתי מוגה

א. אזוי ווי עס שטייט אין ילקוט שמעוני[1] "שלש שמחות כתיב בחג", בא חג הסוכות שטייט אין תורה דריי מאל "שמחה" (מער ווי עס שטייט בא די אנדערע מועדים, אע"פ וואס אויך זיי זיינען "מועדים לשמחה"[2]) - איז מתאים אז מ'זאל איצטער מכריז זיין "גוט יום טוב" דריי מאל, ובכל פעם - בהגבהת קול מער ווי בפעם שלפניו.

ובמכ"ש פון דעם דין ביי אמירת "כל נדרי"[3], אז "נוהגין שהש"ץ אומר אותו ג' פעמים וכל פעם מגבי' הקול יותר מבראשונה" - עאכו"כ בענין השמחה, וואס איז פארבונדן מיט קול, איז מתאים אז מ'זאל מכריז זיין "גוט יום טוב" דריי מאל, ובכל פעם מגבי' זיין הקול יותר מבראשונה: דעם צווייטן מאל העכער פאר דעם ערשטן מאל, און דעם דריטן מאל העכער פאר דעם צווייטן מאל, ביז מיט אזא קול גדול אז מ'דארף עס ניט זאגן נאכאמאל ווייל דאס איז אזוי הויך, א "קול גדול ולא יסף"[4], אז דאס איז כולל א פערטער מאל און אלע מאל שלאח"ז.

און דערפון זאל עס נמשך ווערן על כל השנה כולה.

וביחד עם זה וואס מ'טוט עס מיט א שמחה הכי גדולה ובקול הכי גבוה - איז ידוע בהל' יום טוב[5] די זהירות אז די שמחה זאל זיין בסדר מסודר - דארף די הכרזה זיין אָן ווילדקייט ח"ו און אן שטופן זיך, נאר דוקא באופן סדר ומסודר, אזוי ווי יעדער ענין אין קדושה ואלקות דארף זיין מיט א סדר, "הוד והדר במקומו" ושמחה במקומו.

אזוי אויך בנוגע צו הכרזת "גוט יום טוב", וואס דאס איז דאך פארבונדן מיט דעם אויבערשטן: "גוט" - טוב - איז דער אויבערשטער מקור הטוב; "יום" - "ויקרא[6] אלקים לאור יום"[7] - דער אויבערשטער איז מקור האור; ועאכו"כ "טוב" איז מקורו מהקב"ה.

וכאמור - מכריז זיין "גוט יום טוב" ג' פעמים, ובכל פעם מגבי' הקול יותר מבראשונה.

און דאס איז מגבי' - הויבט אויף - א אידן פון וואכעדיקייט אין (גוט) יום'טוב'דיקייט. וואס אויך אין וואכעדיקייט איז "גופא

---

1) פ' אמור רמז תרנד. 2) בתפלת יו"ט. 3) שו"ע אדה"ז או"ח סתרי"ט ס"ה. מרמ"א שם ס"א. 4) ל' הכתוב - ואתחנן ה, יט (נת' בלקו"ש ח"ד ע' 1092 ואילך). 5) רמב"ם הל' יו"ט פ"ו הכ"א. שו"ע אדה"ז או"ח סו"ס תקכט. 6) בראשית א, ה. 7) ראה גם סה"מ תרפ"ח ע' קנג.

SichosKodesh.com

דילהון קדישא ו(עאכו"כ) נפשא דילהון קדישא ו(עאכו"כ) רוחא דילהון קדישא", ועאכו"כ "נשמתא דילהון קדש הקדשים" (ווי עס שטייט אין זהר[8]).

און דאס ווערט א הכנה קרובה צו זיין אין קדש הקדשים כפשוטה - וואס דאס (קדש הקדשים, קדש אחד וקדשים שנים) איז אויך שלשה, בביהמ"ק השלישי, וואס איז אויך אן ענין של שלישי, וואס איז העכער פארן בית שני ובית ראשון: דער בית שני איז העכער פארן בית ראשון - כמ"ש[9] "גדול כבוד הבית הזה האחרון יותר מהראשון", וואס דאס גייט אויפן בית שני (כפירוש הפשוט)[10], ביז אז "מי שלא ראה בנין הורדוס לא ראה בנין נאה מעולם"[11]; דערנאך קומט אבער דער בית שלישי וואס איז שלא בערך העכער פון בית שני[12], ביז אז דאס איז העכער פאר אלע עליות און מדריגות וכו', וביחד עם זה - באופן פון סדר מסודר.

און דאס ווערט א הכנה צו זיין אין סוכת עורו של לויתן[13], בגאולה האמיתית והשלימה, ולא עכבן אפילו כהרף עין[14].

[כ"ק אדמו"ר שליט"א וכל הקהל אחריו הכריז "גוט יום טוב" ג' פעמים, ובכל פעם בהגבהת הקול יותר מבראשונה. אח"כ התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל].

ב. ס'איז רגיל רעדן בקיצור (לפי ערך וויפל מ'קען רעדן) וועגן דעם ענין פון שמחת בית השואבה:

בזמן שבית המקדש הי' קיים האט מען אנגעהויבן פראוועז שמחת בית השואבה במוצאי יו"ט הראשון של חג[15], אבער בזמן הזה (לאחרי חורבן ביהמ"ק), ווען מ'האט ניט די הגבלות וועלכע זיינען געווען בזמן הבית, קומט צו די מעלה, אז מ'קען (ובמילא דארף מען) דאס אנהויבן פראוועז בליל ראשון של חג - היינטיקע נאכט[16].

און אין דער נאכט איז אויך דא די מעלה - אז דאס איז די פתיחה פון שמחת בית השואבה בשנה זו, וואס דאס האט אין זיך די מעלה, אז דעמולט דארף מען אננעמען מערער כחות בכדי דורכברעכן און אנהויבן מיט א פתיחה חדשה דעם ענין פון שמחת בית השואבה בזמן שמחתנו בשנה זו.

---

8) ח"ג ע, ב. 9) חגי ב, ט. 10) ב"ב ג, סע"א ואילך. 11) שם ד, א. 12) זהר ח"א כט, א. ח"ג רכא, א. 13) ב"ב עה, א. פסיקתא דר"כ (הוצאת באבער) פסקא אחריתא דסוכות. יל"ש אמור רמז תרנג. 14) ע"פ מכילתא ופרש"י בא יב, מא. 15) משנה סוכה נא, סע"א. רמב"ם הל' לולב פ"ח הי"ב. 16) בכ"ז - ראה גם לקו"ש חכ"ד ע' 247.

הנחת הת' בלתי מוגה

ובפרט אז פון "זמן שמחתנו" דארף מען נעמען כחות אויף שמחה במשך כל השנה כולה - כידוע דער ווארט פון נשיא דורנו[17], אז די מועדים בחודש תשרי זיינען מועדים כלליים, פון וועלכע מ׳נעמט כחות על כל השנה כולה, און פון "זמן שמחתנו" בחודש תשרי נעמט מען שמחה על כל ימי השנה.

איז דאך דערפון פארשטאנדיק - דער גודל השמחה וואס דארף זיין בליל ראשון של חג, וויבאלד אז דאס איז די פתיחה פון וועלכע מ׳דארף נעמען כחות על שמחה במשך כל ימי "זמן שמחתנו", פון וועלכע מ׳נעמט כחות על שמחה במשך כל השנה כולה.

ג. ס׳איז אויך ידוע אז מ׳פארבינדט דאס מיט די שיעורי תורה פון דעם טאג - כידוע די תורה פון דעם אלטן רבי׳ן[18] אז מ׳דארף לעבן מיט דער צייט, מיט די תורה וואס מ׳לערנט אין דער צייט.

וידוע אויך תורת הבעש"ט[19] [דער אושפיזא פון היינט באנאכט] אז יעדער זאך איז בהשגחה פרטית, אפילו א דבר קטן וקטן שבקטן, עאכו"כ א דבר גדול וגדול שבגדול -דער ענין התורה והשמחה - אז יעדער פרט בזה איז בהשגחה פרטית, פון וועלכע מ׳דארף ארויסנעמען א הוראה בעבודת ה׳.

וכידוע אויך תורת הבעש"ט[20] אז התהוות העולם איז בכל רגע ורגע מחדש מאין ואפס ממש [וואס דער ענין שטייט שוין אין מדרש תהלים[21], אבער "ופי׳ הבעש"ט" (ווי דער אלטער רבי ברענגט אין שער היחוד והאמונה[22]), וכידוע דער ביאור בזה פון נשיא דורנו[23] - אז דער בעש"ט האט דאס פאנאנדערגעשפרייט בכל העולם כולו],

ועאכו"כ אז אזוי איז דאס אין תורה - וואו מ׳האט דעם ציווי פון "בכל יום יהיו בעיניך חדשים"[24], ווערט יעדער פרט נתחדש בכל רגע ורגע[25].

און דערפון ווערט עס נמשך אין וועלט, ביז אין זמן ומקום - כתורת הרב המגיד הידוע אז אויך זמן איז א נברא[25*].

---

17) סד"ה צהר תעשה לתיבה תש"ב. וראה גם מאמרי אדה"ז: תקס"ו ע׳ שעט; תקס"ט ע׳ רלח. אוה"ת: סוכות ע׳ א׳תשנו; ברכה ע׳ א׳תתסו. סה"מ תרנ"ד ע׳ לו. תרנ"ו ע׳ רעח. 18) ספר השיחות תש"ב ע׳ 29 ואילך. 19) כש"ט (הוצאת קה"ת) הוספות סקי"ט ואילך. 20) שעהיוה"א פ"א. וראה גם ד"ה ויכולו דיום ב׳ דר"ה ש.ז. 21) עה"פ קיט, פט. 22) שם. 23) ראה לקו"ש ח"ז ע׳ 64. ח"ח ע׳ 354. חכ"ה ע׳ 331 בהערה 29. 24) פרש"י תבוא כו, טז. וראה פרש"י יתרו יט, א. ואתחנן ו, ו (מספרי). עקב יא, יג. 25) ראה גם לקו"ש חכ"ה ע׳ 330 ובהנסמן שם. *25) הובא בסידור עם דא"ח שער הק"ש עה, סע"ד ואילך. וראה גם ד"ה ויכולו שבהערה 20.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ונתבאר בארוכה דורך דעם אלטן רבי׳ן[26].

און אין אן אופן פון ״רחובות הנהר״[27] דורך דעם מיטעלן רבי׳ן[28], וואס ער האט מבאר געווען די ענינים ביז אין פרטים ופרטי פרטים[29]. כידוע וואס ער שרייבט[30] אפילו בנוגע צו התבוננות בתפלה, וואס דאס איז עבודת התחלת היום, אז ס׳איז ניט גענוג התבוננות כללית נאר עס דארף אויך אראפקומען אין א התבוננות פרטית, ביז אין פרטים שאין בפרטיות ממנו.

און דערנאך קומט עס ארויס אין אן אופן פון ״יתקע מחשבתו בחוזק״ (בלשון אדה״ז[31]) - אין אן אופן פון דעת - דורך דעם צ״צ, בחי׳ דעת פון די אושפיזין[32], און אין אן אופן פון חיבור נגלה דתורה ופנימיות התורה ביז זיי ווערן איין זאך (ווי ס׳איז געווען ע״י הצ״צ).

און דערנאך אין אן אופן פון ״לכתחילה אַריבער״ - כציווי, מלשון דרישה ומלשון הבטחה, פון דעם רבי׳ן מהר״ש[33].

און אין אן אופן פון ״תמימות״ - אין נגלה דתורה און פנימיות התורה - ״תורה תמימה״[34] ווי ס׳איז צוגעקומען א סדר חדש בא לומדי תורה, ביז אז מ׳ווערט בעה״ב אויף תורה, תורה נקראת על שמו[35] - דורך דעם רבי׳ן נ״ע,

און דערנאך נתפשט געווארן דורך דעם רבי׳ן נשיא דורנו, ביז אז ער האט דאס אויך געהייסן איבערזעצן בלשון עם ועם. כידוע אז דאס איז געווען זיין אויפטו אין הפצת המעינות חוצה - אז ער האט דאס געהייסן איבערזעצן בלשון עם ועם, בכדי אז די וואס פארשטייען נאך ניט לשון הקודש זאלן קענען פארשטיין דעם תוכן קדוש שבזה[36],

ביז אז דאס וועט זיי אינגאנצן דורכנעמען און מאכן זיי פאר א

---

26) לקו״ת בלק ע, ג. ר״ה סא, א. 27) ראה זח״ג קמב, א. אגה״ק סו״ס טו. לקו״ת ר״פ ראה. לקו״ש חכ״ה ע׳ 349. וש״נ. 28) ראה ספר השיחות תש״ב ע׳ 19. תש״ה ע׳ 60. אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ט ע׳ תטז. ״התמים״ חוברת ב ע׳ עח [פח, ב]. לקו״ש חכ״ה שם. וש״נ. 29) סידור עם דא״ח שם. וראה אמרי בינה שער הק״ש פל״ז ואילך. ועוד. 30) ראה שער היחוד פ״ד ואילך. 31) תניא פ״ג. 32) ספר השיחות ואגרות קודש שבהערה 28. 33) הובא באגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״א ע׳ תריז. לקו״ש ח״א ע׳ 124. 34) ראה ״התמים״ חוברת א ע׳ כד [יג, ב] ואילך. אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״י ע׳ ד. שם ע׳ שסח. לקו״ש חכ״ה ע׳ 314. ועוד. 35) ראה ע״ז יט, א. וראה קידושין לב, סע״א ואילך. 36) ראה גם לקו״ש ח״ג ע׳ 863. חכ״ד ע׳ 10. חכ״ה ע׳ 315. ובכ״מ.

תוכן קדוש, ביז אז דאס וועט זיך אויך אויסדריקן בחיצוניות – בלשונם, בלשון הקודש, און אין אלע זייערע פרטים ופרטי פרטים.

ד. דאס איז אויך פארבונדן מיט דעם ענין פון "הקהל" – וואס מ'שטורעמט לאחרונה[37] [און מ'איז משתדל אלץ פארבינדן מיט "הקהל"] – אז יעדער איד דארף טאן אין "הקהל את העם האנשים והנשים והטף"[38], מאחד זיין אלע אידן, און זיי אריינברענגען אין א מקום קדוש (דער "בית המקדש"), אזוי אז די קדושה זאל זיי איינגאנצן דורכנעמען, "ליראה את ה' אלקיכם כל הימים אשר אתם חיים גו'"[39].

און וויבאלד אז תורה מאנט דאס – האט מען דעם כלל אז "איני מבקש כו' אלא לפי כחן"[40].

וואס דאס איז אן ענטפער צו די וואס טראכטן אז זיי זיינען קליינינקע מענטשן, און וואו מ'האט מען די כחות צו שטורעמען אזוי וועגן "הקהל".

זאגט מען זיי, אז באמת האט א איד געוואלדיקע כחות, און ס'איז נאר וואס מצד דעם עולם מלשון העלם[41] ו(עאכו"כ מלשון) הסתר – זעט מען ניט די כחות הכי נעלים וואס מ'האט.

ובפרט ווי מ'זעט עס קומענדיק איצטער פון ראש השנה, ווען יעדער איד האט בכח צו אויפטאן "תמליכוני עליכם"[42], ממליך זיין דעם אויבערשטן אלס "מלך ישראל"[43] און אלס "מלך על כל הארץ"[44]. וואס דער ענין, וואס איז באופן פון "בכסה"[45] בראש השנה[46], קומט ארויס בגלוי "ליום חגנו"[45] בחג הסוכות[46] –

איז דאך דערפון מובן די געוואלדיקע כחות וואס א איד פארמאגט!

כולל – בנוגע צו אויפטאן דעם ענין פון "הקהל את העם האנשים והנשים והטף", און זיי מאחד זיין אין א נקודה אחת פון

---

37) ראה מכתב וא"ו תשרי ש.ז. שיחת י"ג תשרי ש.ז. ועוד. 38) וילך לא, יב. 39) שם, יג. 40) במדב"ר פי"ב, ג. 41) לקו"ת שלח לז, ד. ביאוה"ז להצ"צ ע' שנה. וראה קה"ר פ"ג, יא (ג). תקו"ז תמ"ב. ספר הבהיר ס"י. הובא בשל"ה קפה, סע"ב. 42) ר"ה טז, א. לד, ב. 43) תפלת מוסף דר"ה (ברכת מלכיות) מישעי' מד, ו. 44) נוסח תפלת העמידה דר"ה (חתימת ברכת "אלקינו כו' מלוך כו'"), וכן בקידוש ובברכת ההפטרה. 45) תהלים פא, ד. וראה ר"ה ח, סע"א. 46) ראה לקו"ת ר"ה נד, ריש ע"ד. סידור עם דא"ח שער ר"ה רלה, ב. וראה פסיקתא רבתי פ"מ, ב.

הנחה הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

"ליראה את ה' אלקיכם".

ה. אין דעם קומט צו א תוספת נתינת כח פון די אושפיזין פון היינטיקע נאכט און היינטיקן טאג - אברהם אבינו[47], און דער חסידישער אושפיזא - דער בעש"ט.

כידוע וואס דער רבי נשיא דורנו האט דערציילט[48] בשם אביו, דער רבי (מהורש"ב) נ"ע, אז עס זיינען אויך דא די חסידישע אושפיזין (נוסף צו די אושפיזין וואס שטייען אין זהר[47]), ומראה באצבעו ואומר זה - ער האט אנגעוויזן מיטן האנט[49]: אט דא זיצט דער בעש"ט, ועד"ז בנוגע צו די אנדערע אושפיזין.

בא ביידע פון זיי - אברהם און דער בעש"ט - זעט מען דעם ענין פון "הקהל", התאחדות כל ישראל.

"אחד הי' אברהם"[50] - אברהם איז געווען אן איין און איינציקער[51] (אן "אחד"), וועלכער האט מאחד געווען און אין זיך כולל געווען אלע אידן עד סוף כל הדורות, אנשים נשים וטף, ביז אויך (ווי עס שטייט בהמשך צו "הקהל גו' האנשים והנשים והטף") "וגרך (מיט א וא"ו המוסיף ומחבר) אשר בשעריך"[38] - כידוע אז אברהם "מגייר את האנשים ושרה מגיירת את הנשים"[52] עד סוף כל הדורות.

און אברהם האט מקהיל געווען אלעמען אלס א "מלך" אויף זיי [בדוגמא ווי הקהל בפשטות איז ע"י המלך] - וכמרומז בשמו - כמאחז"ל[53] אברהם "המליכו הקב"ה כו' על מאתים וארבעים ושמונה אברים", ער איז געווען בעה"ב אויף אלע רמ"ח איברים. ביז אויך אויף כל העולם - כשמו אברהם - "כי אב המון גוים נתתיך"[54], ביז אז דאס איז בגלוי אזוי אז די גוים אנערקענען דאס, און אין אן

---

47) זהר ח"ג קג, ב ואילך. ח"א רסא, א בהשמטות (וראה שם ח"ג רנה, ב ואילך. שא, סע"ב ואילך. שב, סע"ב). פע"ח שער חג הסוכות ספ"ג. סידור האריז"ל במקומו. וראה לקוטי מהרי"ח סדר חג הסוכות (צט, א-ב). ספר הערכים- חב"ד כרך ד ערך אושפיזין דסוכות. וש"נ. 48) שיחת ליל א דחגה"ס תרצ"ז (נדפס בהוספות לסה"מ תרנ"ד ע' שנה) ותש"ג (הובאו בלקו"ש חי"ד ע' 412 בהערה). אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ט ס"ע תפב ואילך. הקדמה לקונטרס פד (נדפס בסה"מ תשי"א ס"ע 47. לקו"ש חי"ד ע' 441). ועוד. 49) ראה גם שיחת ליל וא"ו דחה"ס תשמ"ז סי"א. 50) יחזקאל לג, כד. 51) ראה גם ספר השיחות ה'ש"ת ע' 21. תש"ד ע' 72. שם ע' 115. מכתב י"א אדר תש"י (אגרות קודש כ"ק אדמו"ר שליט"א ח"ג ע' רמו). 52) פרש"י לך יב, ה. 53) נדרים לב, ריש ע"ב. וראה גם תנחומא קרח יב. לקו"ת במדבר יד, ג. ועוד. 54) לך יז, ה. וראה תו"א ר"פ לך.

הנחת הת' בלתי מוגה

אופן פון "נתתיך" - כל הנותן בעין יפה נותן[55].

קומט אויס אז אברהם טוט אויף דער ענין פון "הקהל" פון אלע אידן, ביז אז דאס פועל'ט אויך אויף גוים. און אויך "הקהל" פון יעדער יחיד - כנ"ל אז אברהם איז א בעה"ב אויף אלע רמ"ח איברים.

ג. עד"ז אויך דער בעש"ט:

"אחד הי'" (ע"ד ווי "אחד הי' אברהם") - ווי ר' מענדעלע הארדאקער שרייבט במכתבו הידוע[56] בנוגע דעם בעש"ט. דער בעש"ט האט מאחד געווען אלע אידן, אנשים נשים וטף, ביז אז ער האט געהאט א השפעה אויך אויף גוים.

וכמרומז אויך בשמו - "ישראל": ס'איז ידוע פון חסידים הראשונים[57] איינער פון די ביאורים בשם זה - ווייל דער בעש"ט איז אין זיך כולל אלע אידן, דערפאר איז שמו געווען "ישראל", דער שם כללי פון אלע אידן, וואס בא יעדער איד איז דא דער "ישראל" שבו.

ביז אפילו א איד וואס "חטא" - איז "אע"פ שחטא ישראל הוא"[58].

ובפרט ווען מ'שטייט נאך ראש השנה און די עשרת ימי תשובה, ווען יעדער איד האט זיכער תשובה געטאן, ביז אין אן אופן אז "זדונות נעשות לו כזכיות"[59], ביי אים איז צוגעקומען א נייער סארט זכיות[60], און דאס קומט ארויס בגלוי "ליום הגנו" - שטייט ביי אים איצטער בגלוי דער "ישראל" שבו (ניט אלס "ישראל יכונה" (כלשון הידוע[61]), נאר "ישראל" ממש בגלוי).

און אלע אידן, אנשים נשים וטף - וואס יעדערער פון זיי איז "ישראל" בגלוי - ווערט נתאחד אין א מקום קדוש - "ישראל" אותיות "לי ראש"[62], אז דער אויבערשטער זאגט אויף אים "לי ראש" כביכול, אדער אָן אַ כביכול.

---

55) ראה ב"ב נג, א. וש"נ. 56) נדפסה בספרו פרי הארץ (זיטאמיר, תרכ"ז ע' 60. ווארשא תרל"ט ע' 54). 57) ראה רשימה שנדפסה בהוספות לסה"מ תרס"ג ע' רנא ואילך. מגדל עז (כפר חב"ד, תש"מ) ע' שנח ואילך. וראה גם לקו"ש ח"ב ס"ע 471 ואילך. שם ע' 516. 58) סנהדרין מד, רע"א. וראה תורת הבעש"ט בזה - אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ח ע' רח. 59) יומא פו, ב. וראה תניא פ"ז. 60) ראה גם לקו"ש חי"ז ע' 184 ואילך. ועוד. 61) מכתב כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ לחגיגת י"ב-י"ג תמוז הראשונה בשנת תרפ"ח - אגרות קודש שלו ח"ב ע' פ. וראה גם ישע' מד, ה וברד"ק שם. 62) פע"ח שער הלולב פ"א. לקו"ת שלח מח, ב. מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"ב ע' שצ. דרך מצותיך טו, ב בשם הזהר.

הנחה הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ז. און פון אברהם און בעש"ט (וואס זיי זיינען כולל אלע אידן) ווערט נמשך צו יעדער איד דעם כח אויף אויפטאן "הקהל גו' האנשים והנשים והטף", מאחד זיין אלע אידן אין א מקום קדוש.

און אלע אידן הערן קריאת התורה דורך דעם מלך[63] "או הנשיא שבישראל"[64], וואס הנשיא הוא הכל[65] - דער נשיא איז אן איין און איינציקער, אבער ער איז כולל "הכל", ביז אז ער איז "שליח כו' להשמיע דברי הא-ל"[66], עצמות ומהות.

ובענין שהזמן גרמא בחג הסוכות, "זמן שמחתנו" - וואס כל יומא ויומא עביד עבידתי'[67] - מקהיל ומאחד זיין אידן אין שמחת בית השואבה, סיי אנשים סיי נשים און סיי טף,

וואס בזמן הגלות איז צוגעקומען דער עילוי (ירידה צורך עלי') אז אויך נשים זיינען זיך משתתף (בפ"ע) אין שמחת בית השואבה, ניט נאר אין אן אופן וואס "באין לראות ולשמוע"[68] ווי ס'איז געווען אין ביהמ"ק, כמדובר כמ"פ.

און דאס פראווען שמחת בית השואבה דורך אלע אידן באופן של הקהל ואחדות ווערט נמשך ביז אין רשות הרבים, אז מ'טאַנצט דארטן, ביז אז מ'מאכט אז אויך דער רשות רבים זאל מיטטאַנצן, ביז - אז דער רשות הרבים זאל ווערן אויס רשות הרבים, און ווערן א רשות היחיד - ליחידו של עולם[69], וואס "יחיד" איז נאך העכער פאר "אחד"[70], בפרט מיט דעם כח פון היינטיקע אושפיזין - "אחד הי' אברהם" און "אחד הי' הבעש"ט".

ח. אין דעם קומט אויך צו א לימוד פון היינטיקן שיעור רמב"ם:

אין דעם היינטיקן שיעור בהל' מקוואות[71] רעדט דער רמב"ם וועגן דעם דין פון א מעין. וואס איז מעין איז מטהר אפילו בכל שהוא ואפילו בזוחלין[72] כו', בלי כל הגבלות פון אלע דברים בלתי רצויים, כמדובר כמ"פ בארוכה.

א תנאי אין א מעין איז - אז דאס דארף זיין מחובר למקורו[73],

---

63) משנה סוטה מא, א. רמב"ם הל' חגיגה פ"ג ה"ג. 64) רלב"ג עה"ת פ' וילך ב"התועלת השלש עשרה". וראה אברבנאל פ' וילך. אנציקלופדי' תלמודית ערך הקהל. וש"נ. 65) פרש"י חוקת כא, כא. 66) רמב"ם שם הלכה וא"ו. 67) זח"ג צד, ריש ע"ב. 68) רמב"ם הל' לולב פ"ח הי"ד. 69) ראה גם תניא ספל"ג. 70) ראה תו"א וארא נה, ב. אמרי בינה שער הק"ש פ"ח ואילך. דרמ"צ קכד, א ואילך. 71) פרקים ח-י. 72) שם פ"ט ה"ח. 73) ראה משנה מקוואות רפ"ה. שו"ת צ"צ יו"ד סקס"ד ס"ב. לקו"ש ח"י ע' 244 ובהערה 5. וש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

וואס דוקא דעמולט קען עס מטהר זיין פון אלץ, בלי הגבלות.

האט מען דערפון די הוראה פון דעם (רמב"ם, דער) "מורה הנבוכים" עד סוף כל הדורות:

בשעת איינער איז א "נבוך", א צוטומלטער ר"ל, און האט ספיקות צי מ'מיינט אים, צי מ'מיינט אונז, צי מ'מיינט אלעמען, און ווי וועט ער קענען אויפטאן אין וועלט, און וואס וועט די וועלט אויף דעם זאגן –

זאגט מען אים, אז מ'גייט מיט די כחות פון רביים, וואס זיי האבן אלעמען אוועקגעשטעלט אין אן אופן פון "מלכתחילה אריבער",

און וויבאלד אז דער רבי גייט מיט יעדן חסיד – לאזט ער ניט דעם חסיד גיין ארונטער, ווארום און דער רבי – "הנשיא הוא הכל"[65] – איז "לכתחילה אריבער", בראשיתו און בסופו און באמצעיתו, און בכל מהותו, און ניטא קיין קס"ד בזה באופן אחר!

ט. דאס איז אויך דער לימוד פון היינטיקן שיעור חומש:

אין היינטיקן שיעור[74] רעדט זיך וועגן ברכת אשר. וואס בנוגע צו ברכת אשר (ע"י יעקב*) שטייט[75] "אשר שמנה לחמו".

די תכונה פון שמן איז – אז ס'איז מפעפע בכל דבר[76]. דאס נעמט דורך כל פרט ופרט – מפעפע באנשים נשים וטף. און מצד בחי' שמן וואס האט זיך אין זיי אנגערירט – ווערן זיי אלע נתאחד אין איין "הקהל".

און מ'גיט נאך צו אז דאס "שמנה לחמו": אפילו דער לחם וואס איז א צורך הכרחי לקיום האדם, חיבור נשמה בגוף – איז אין אן אופן פון "שמנה", אז דאס איז מפעפע בכל הגוף, דאס נעמט דורך כל מציאות האדם.

און די ברכה פון אשר איז כולל אלע אידן – "עתה הוא מדבר נגד כלל ישראל". וואס דאס איז דער ענין פון "הקהל את העם האנשים והנשים והטף" – "כלל ישראל".

---

*) לשלימות הענין – ראה שיחת ליל ב' דחג הסוכות.

---

74) ברכה לג, כד. 75) ויחי מט, כ. וראה פרש"י עה"פ. 76) ראה חולין צז, רע"א. שו"ע יו"ד סק"ה ס"ה.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

י. דאס האט אויך א קשר מיט חג הסוכות (זמן קיום מצות הקהל):

בסיום החג קומט שמיני עצרת, וואס שמיני עצרת איז מלשון שמן*[76] ושמנוניות, דער עסענץ[77] (ווי עס ברענגט זיך בדרושי חסידות).

און דער ענין שמע״צ איז שוין נכלל און באקומט כח פון דעם ערשטן נאכט סוכות – די פתיחה פון חג הסוכות, כנ״ל.

יא. ולהוסיף, אז אין דעם ענין פון "הקהל" (וואס ווערט אויפגעטאן דורך שמן, כמודגש ביום ראשון דסוכות) קומט צו אויך דעם כח פון מצות נטילת ד׳ מינים וואס הויבט זיך אן ביום הראשון, "ולקחתם לכם ביום הראשון גו׳"[78]:

די מצוה פון נטילת ד׳ מינים באשטייט פון מקהיל און מקבץ זיין די ד׳ מינים, וועלכע זיינען כנגד די ד׳ סוגים צווישן אידן (ע״ד אנשים נשים וטף וגרך), ווי עס שטייט אין מדרש[79] (ונזכר לעיל[80]), און דאס איז ניט ד׳ מצוות, נאר א מצוה אחת דוקא, ווי דער רמב״ם איז מאריך[81]. ביז אז בכדי קענען מאכן א ברכה אויף דעם אתרוג – דארף מען האבן אויך די אנדערע מינים, כולל אויך די ערבות (וואס ווערן אנגערופן "אחוונא"[82] על שם שגדלים באחוונא[83]), און ניט ווי זיי זיינען צוויי ערבות, נאר זיי ווערן איין זאך.

און די אחדות פון די ד׳ מינים טוט אויף אחדות בכל העולם כולו – דורך די נענועים פון די ד׳ מינים (ווי זיי שטייען בהתאחדות) לד׳ רוחות העולם ולמעלה ולמטה. ווי ס׳איז אויך מרומז אין ווארט "אחד" – אז מ׳איז מגלה אלופו של עולם אין ז׳ רקיעים והארץ און אין ד׳ רוחות העולם[84].

יב. זמן מצות נטילת ד׳ מינים וועט אבער ערשט זיין בעלות

---

*76) ראה לקו״א לההמ״מ סר״ס (סח, סע״ב). או״ת לההמ״מ צה, ב. אוה״ת שמע״צ ע׳ א׳תתיז. סד״ה ביום השמע״צ עדר״ת (המשך תער״ב ח״א ע׳ תלה). ד״ה ביום השמיני תשמ״א. ועוד. וראה סד״ה ביום השמע״צ תרצ״ד (סה״מ תשי״א ע׳ 87). ורד״ה הנ״ל תש״ב, תש״ג. ועוד. 77) אוה״ת בלק ע׳ תתקכו (בשם אדמ״ו נ״ע). ד״ה ביום השמיני תשמ״א. וראה מאמרי אדה״ז תקס״ב כרך א ע׳ רפה. כרך ב ע׳ תקנו. 78) אמור כג, מ. 79) ויק״ר פ״ל, יב. 80) בהברכה דערב חג הסוכות. 81) ספר המצות שורש יא. 82) שבת כ, א-ב. 83) כן הובא במאמרי אדה״ז תקס״ח (ע׳ תמז) וסידור שער הלולב רסד, ד ואילך (ובכ״מ בדא״ח) - מפרש״י שבת שם. ובפרש״י שלפנינו ליתא. 84) ראה סמ״ק הובא בב״י או״ח סימן סא. שו״ע ודאדה״ז או״ח שם סעיף ו. לקו״ת תזריע כג, ג. וראה ברכות יג, ב.

השחר, ולכתחילה בנץ החמה[85], ביום ראשון דסוכות;

בשעת מ׳שטייט בליל ראשון דסוכות - איז אויך דא אן ענין של אחדות, מצד די מצוה פון ישיבה בסוכה וואס הויבט זיך אן שוין בלילה,

ולפני זה - מצות עשיית סוכה, וואס איז אויך א מצוה[86], ביז אז ס׳איז דא א דיעה[87] אז מ׳זאל אויף דעם מאכן ברכת שהחיינו. "אבל אין אנו מברכין כלל שהחיינו בשעת עשיי׳...לפי שאנו סומכין על ברכת שהחיינו שאומרים בקידוש היום שבליל יו״ט כו׳" (ווי דער אלטער רבי איז מאריך אין שולחן ערוך[88]); און עשיית סוכה איז דוקא לפני החג.

און דער ענין הסוכה - וואס איז דא שוין בלילה (ולפני זה) - איז מקהיל ומאחד אלע אידן, כמאחז״ל[89] "כל ישראל ראויים לישב בסוכה אחת", נאך פאר קיומה בפועל.

יג. ובכללות יותר - האט מען דעם כח אויף הקהל פון כללות חודש תשרי:

תשרי איז אותיות "רשית"[90] (מלשון הכתוב[91] "מרשית (חסר אל״ף כתיב) השנה ועד אחרית שנה").

ד.ה. אז נוסף לזה וואס תשרי איז התחלת השנה, און "בחודש הזה שפרו מעשיכם"[92] - איז ער אויך "רשית" כל השנה, וואס א ראש איז כולל ומאחד אין זיך די חיות פון אלע איברים, און פון אים ווערט דערנאך נמשך על כל חדשי השנה. כידוע די תורה וואס נשיא דורנו האט איבערגעגעבן פון דעם אלטן רבי׳ן בשם המגיד בשם הבעש״ט[93] - אז פון חודש תשרי "ראשון גו׳ לחדשי השנה"[94], ווערט נמשך ברכה על כל חדשי השנה.

יד. והמעשה הוא העיקר[95], מעשה בפועל למטה מעשרה טפחים:

די אלע ענינים לערנען א אידן און גיבן אים כח צו טאן דעם ענין פון "הקהל", אנהויבנדיק פון מקהיל זיין זיינע אייגענע כחות,

---

85) טור ובב״י או״ח ר״ס תרנב. שו״ע או״ח שם סעיף א ובנ״כ שם. 86) שו״ע אדה״ז או״ח ר״ס תרמא. וראה בכ״ז לקו״ש חי״ב ע׳ 214. ח״כ ע׳ 267 הערה 10. 87) רמב״ם הל׳ ברכות פי״א ה״ח. 88) שם מטושו״ע שם. וראה לקו״ש שם. 89) סוכה כז, ב. 90) בעל הטורים עה״פ עקב יא, יב. מאמרי אדה״ז תקסס ע׳ רלח. אוה״ת סוכות ע׳ א׳תשנו. סה״מ תר״ל ע׳ רפז. תרנ״ו ע׳ רעז. 91) עקב שם. 92) ויק״ר פכ״ט, ו. 93) אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ג ס״ע תל ואילך. "היום יום" כה אלול. 94) בא יב, ב. 95) אבות פ״א מי״ז.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

SichosKodesh.com

און דערנאך אויך מקהיל זיין אנדערע אידן ארום זיך[96]: א פאטער - וועלכער איז בדוגמא ווי א "מלך" במשפחה שלו - זאל מקהיל זיין משפחתו, ועד"ז זאל ער אויפטאן דעם ענין פון "הקהל" בכל מקום ומקום וואו ער קען משפיע זיין -- וואס דארטן איז ער בדוגמא ווי א "מלך".

און ער זאל זיי אלע מקהיל זיין אין א מקום קדוש, בדוגמא ווי דער "בית המקדש" - אין "שעריך", "גדול ה׳ ומהולל מאד בעיר אלקינו"[97], וואס מקומו האמיתי פון יעדער איד איז אין "עיר אלקינו".

ובפשטות (ווי מ׳האט עס פארבונדן) - אז דער "הקהל" איז פארבונדן מיט "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם"[98], אז יעדער איד זאל מאכן א מקדש פון מקומו וד׳ אמות שלו וכו׳.

און דער "הקהל" זאל אויפטאן אין די אידן דעם ענין פון "ליראה את ה׳ אלקיכם", ובלשון הרמב"ם[99] - "מחזקות ידיהם בדת האמת" (כלשון הרמב"ם בכ"מ[100], וכמדובר לעיל בזה[101]), וואס "אמת" איז אויך אן ענין פון א נקודה אחת המתאחדת כל הענינים - כידוע[102] אז "אמת" באשטייט פון ראש האותיות (אל"ף) סוף האותיות (תי"ו) און אמצע כל האותיות (מ"ם), וואס דאס גייט אויף "אני ראשון ואני אחרון ומבלעדי אין אלקים"[103], פארבונדן מיט התהוות העולם בכל רגע ורגע[104] "כל הנמצאים כו׳ לא נמצאו אלא מאמתת המצאו"[105].

טו. כולל אויך "הקהל" אין דעם "עבידתי׳" פון דעם טאג - פראווען שמחת בית השואבה,

ביז אויך אין רשות הרבים, ביז אז מ׳מאכט אים אויס רשות הרבים און מ׳מאכט אים רשות היחיד ליחידו של עולם - אלס הכנה צו גילוי יחידו של עולם אין וועלט, "ולא יכנף עוד מוריך"[106].

ויש להוסיף בזה - מצד דעם וואס שנה זו איז שנת

---

96) ראה גם מכתב שבהערה 37. 97) תהלים מח, ב. 98) תרומה כה, ח. 99) הל׳ חגיגה פ"ג ה"א. 100) שם ה"א וה"ו; הל׳ חמץ ומצה פ"ז ה"ד; הל׳ מתנות עניים פ"י ה"א; הל׳ מלכים ספ"ד, שם פי"ב ה"א. 101) לקו"ש חג הסוכות תשמ"ח ס"א. 102) ירושלמי סנהדרין פ"א ה"א. דב"ר פ"א, י. שהש"ר פ"א, ט. 103) ישעי׳ מד, ו. 104) ראה שעהיוה"א פ"א. 105) רמב"ם הל׳ יסוה"ת רפ"א. וראה "פירוש" לרמב"ם שם הלכה ג. לקו"ש ח"י ע׳ 257 בהערה (ד"ה ותומשך). לקו"ש הדרן על הרמב"ם תשמ"ה סי"ד. שיחת אחש"פ תשמ"ב סס"ב. שיחת מוצאי זאת חנוכה תשמ"ו סעיף מ. 106) ישעי׳ ל, כ. וראה תניא פל"ו.

"תשמח"[107], מיטביידע ענינים בזה – סיי לשון ציווי און סיי לשון הבטחה, אז דו זאלסט זיין שמח און דו וועסט זיין שמח,

ביז אז די שמחה איז פורץ כל הגדרים[108] ומדידות והגבלות, און דאס איז מגלה אויך דעם עונג וואס איז העכער פאר עונג המורגש – עונג הבלתי מורגש[109].

ביז אז עס ווערט אויך ווי די ראשי תיבות הידוע אין "תשמח"[107] – "תהא שנת חירות משיח", שנת גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

טז. ובהוספה אויף דעם וואס ווערט נמשך מלמעלה – גיט אויך צו א איד דורך זיין שמחה – ווארום "למעשה ידיך תכסוף"[110], דוקא א איד אלס א נשמה בגוף, וואס צוליב אים איז באשאפן געווארן כל העולם, און ער ברענגט כל העולם צו איר שלימות.

וואס דערפאר בעט זיך ביי אים דער רשות הרבים אז ער זאל דארט טאנצן, און ער איז ממלא בקשתו און גייט דארט טאנצן, ביז אז ער מאכט דערפון א רשות היחיד ליחידו של עולם.

און דאס איילט נאכמער צו אז מ׳זאל זוכה זיין צו פראווען הקהל בחג הסוכות זה אין ביהמ"ק השלישי, "מקדש אד׳ כוננו ידיך"[111], און מ׳וועט הערן קריאת הפרשיות דורך מלך המשיח.

ולפני זה – אין די לעצטע רגעים פון גלות – זאל יעדערער מאכן "הקהל" במקומו.

און תיכף ומיד זאל זיין הקהל בפשטות, ומתוך שמחה וטוב לבב, תיכף ומיד ממש, ולא עכבן אפילו כהרף עין.

------ * ------

107) ראה שיחת ש"פ האזינו, שבת שובה התוועדות ב. 108) ראה המשך שמח תשמח תרנ"ז ע׳ 49 ואילך. 109) ראה המשך הנ"ל ע׳ 89 ואילך. 110) איוב יד, טו. 111) בשלח טו, יז ובפרש"י.

הנחה הת׳ בלתי מוגה

SichosKodesh.com

בס"ד. ברכה ליל א' דחג הסוכות ה'תשמ"ח.

- להאורחים שיחיו, בעת ביקורו בסוכה -

הנחת הת' בלתי מוגה

א. פותחין בברכה[1] - א פריילעכן יום טוב, און ווי עס שטייט אין ילקוט שמעוני[2] (ווי דערמאנט פריער[3]) אז בנוגע חג הסוכות שטייט דריי מאל "שמחה", מער ווי עס שטייט בא די אנדערע מועדים לשמחה.

און פון די שמחה פון חג הסוכות ווערט נמשך שמחה על כל השנה כולה - אז עס זאל זיין א געבענטשטער יאר און א פריילעכער יאר.

און בשעת מ'וועט זיין פריילעך וועט מען זיך ניט דארפן שטופן, און באווייזן אז מ'איז שטארקער פאר דעם צווייטן בגשמיות און מ'קען פארכאפן זיין ארט, משא"כ ווען עס קומט צום לערנען - קען ער ניט...

ויה"ר אז מ'זאל רעדן נאר גוטע און פריילעכע ענינים, ביז רעדן דריי מאל, וואס בתלת זימנא הוה חזקה[4], גיט דאס נאכמער כח אויף נמשך ווערן על כל השנה כולה.

ב. ובפרט א שמחה פארבונדן מיט הכנסת אורחים, בסבר פנים יפות - ווי דאס איז אין דער סוכה וואו מ'פראוועט הכנסת אורחים בפשטות.

וואס דאס איז פארבונדן מיט די אושפיזין פון היינטיקע נאכט - אברהם און דער בעש"ט[5]:

עיקר עסקו פון אברהם אבינו איז געווען אין הכנסת אורחים[6] לכל העוברים ושבים, אנשים נשים וטף, און געטאן דאס בסבר פנים יפות.

ועד"ז אויך דער בעש"ט איז געווען א גומל חסד און משפיע געווען צו אלע אידן[7], אנשים נשים וטף, ביז אויך צו ניט-אידן[8] [בדוגמא ווי בא מתן תורה צו אידן - איז אויך געגעבן געווארן די שבע מצוות בני נח[9]], און בסבר פנים יפות.

דער לימוד דערפון פאר יעדערן איז - אז מ'דארף וויסן אז

---

1) פתיחת אגרת הראשונה באגה"ק שבתניא - ראה לקו"ש חכ"ד ע' 641. וש"נ. 2) פ' אמור רמז תרנד. 3) בהשיחה לאחרי תפלת ערבית סעיף א. 4) ב"מ קו, ב. 5) נסמן לעיל ע' ה-ו, הערות 47-48. 6) ראה גם תו"א ר"פ תולדות. ובכ"מ. 7) ראה "התמים" חוברת ב ע' מד [סט, ב]. ספר השיחות ה'ש"ת ע' 83. סה"מ תש"ט ע' 200. 8) ראה גם "כרם חב"ד" תשרי תשמ"ז (גליון 1) ע' 8. 9) ראה רמב"ם הל' מלכים פ"ח ה"י.

דער אמת׳ער בעה״ב און אמת׳ער מכניס אורח איז דער אויבערשטער, און מיר זיינען אלע זיינע אורחים, וואס ער איז "זן ומפרנס לכל", מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה (ווי מ׳זאגט אין ברכת המזון), און גיט עס בסבר פנים יפות ומראה פנים שוחקות לכולם.

ובפרט בשעת מ׳קומט פון חודש אלול, ווען דער אויבערשטער איז ווי א "מלך בשדה", וואס איז מקבל אלעמען בסבר פנים יפות ומראה פנים שוחקות לכולם[10], עאכו״כ אין חודש תשרי, און חג הסוכות - ווען אלע ענינים וואס זיינען געווען פריער "בכסה" קומען ארויס בגילוי "ליום חגנו".

און דערפון לערנען זיך אויך אפ אידן - אז זיי זאל מכניס אורח זיין, און בסבר פנים יפות, ווי ס׳איז געווען ביי אברהם און דעם בעש״ט.

און אין אן אופן - ווי עס רעדט זיך אין היינטיקן שיעור חומש וועגן ברכת אשר, וואס פון נשיא לבני אשר באקומט מען דעם כח אויף "אשר שמנה לחמו". ובפשטות - אז וויבאלד ס׳איז יום טוב, דארף מען פראַווען א סעודה של שמחה, מיט געשמאקע עסן און טרינקען - "שמנה לחמו".

ג. וואס דערפאר איז אשרי חלקו פון יעדערער וואס טוט אין הכנסת אורחים, ובפרט בסבר פנים יפות.

און זיכער דארף יעדער אורח מכיר טובה זיין און אפדאנקען דעם מכניס אורח.

אבער ביחד עם זה דארף מען דער עיקר געדענקען - אז דער אויבערשטער איז דער אמת׳ער מכניס אורח און אלע מענטשן זיינען זיינע אורחים וועלכע געפינען זיך בביתו של הקב״ה[11].

וואס דאס איז דער ביאור אין דעם מאחז״ל[12] "גדולה הכנסת אורחים יותר מהקבלת פני שכינה".

און דערפאר דארף דער מכניס אורח אפדאנקען דעם אורח פאר דעם זכות וואס ער האט אים געגעבן צו קענען טאן אין הכנסת אורחים וואס איז גרעסער פאר "קבלת פני השכינה".

ד. און בשעת יעדערער וועט זיך אומקערן למקומו, איש תחת גפנו ותחת תאנתו[13] - זאל יעדערער זיך דערפון אפלערנען אז ער

---

10) לקו״ת ראה לב, ג. 11) ראה גם ברכה להאורחים בסוכה ליל א׳ דחגה״ס תשמ״ג ס״ה. 12) שבועות לה, א. 13) ל׳ הכתוב - מ״א ה, ה.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

SichosKodesh.com

זאל זיין א מכניס אורח, ובסבר פנים יפות, און געבן מידו (של האדם) המלאה הפתוחה כו' (בדוגמא ווי דער אויבערשטער טוט עס). ועאכו"כ טאן אין מצות צדקה, וואס דאס איז א מצוה כללית וואס איז כולל הכנסת אורחים.

ובפרט אז בשנה זו קומט צו דער ענין פון שנת הקהל - איז דאס נאכמער זמן המתאים אויף מקהיל זיין אידן, כמדובר לעיל אז יעדער איד זאל מקהיל זיין אנדערע אידן - מענער זאלן מקהיל זיין מענער, פרויען זאלן מקהיל זיין פרויען, און קינדער זאלן מקהיל זיין קינדער, און זיי ארייננברענגען אין א מקום קודש, אן ארט וואס איז דורכגענומען מיט אידישקייט,

אנהויבנדיק פון מאכן יעדערן פון זיינע ד' אמות וחפצים וכו' - א מקדש לה', "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם"[14],

און רעדן מיט זיי (אן שטופעריי, וכאמור דוקא בקיצור) און פועל'ן דעם ענין פון "יראו את ה' אלקיכם ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת"[15], כולל מצות הצדקה והכנסת אורחים, ועאכו"כ - דער ענין פון דאווענן, וואס איז פארבונדן מיט "יראו את ה' אלקיכם",

און מאכן אז די גאנצע וועלט זאל אנערקענען אז דער אויבערשטער איז דער אמת'ער בעה"ב על כל העולם כולו, און ער איז "זן ומפרנס לכל".

ביז אז דאס וועט זיין א הכנה קרובה צו מצות הקהל בפשטות, אז מיר אלע און איר אלע און אלע אידן וועלן הערן קריאת פרשיות התורה פון מלך המשיח, בביהמ"ק השלישי, "מקדש אד' כוננו ידיך"[16].

און דעמולט וועט מקויים ווערן אלע ענינים פון ימות המשיח, ובכללות - התפשטות והרחבה בלתי מוגבלת בכל הענינים און דאס קומט אראפ למטה מעשרה טפחים, ובמהרה בימינו ממש.

א גוט יום טוב, א פריילעכע סעודה, ושמחת עולם על ראשם[17].

------ * ------

---

14) תרומה כה, ח. 15) וילך לא, יב. 16) בשלח טו, יז ובפרש"י. 17) ישעי' לה, י. שם נא, יא.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

לזכות

הרה״ת הוו״ח אי״א

ר׳ יששכר דוב וזוגתו מרים שיחיו

ווייס

בניו ובתו ובני משפחתם שיחיו

הכתובת להשיג ה״הנחות״

באה״ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי״צ) ת.ד. 32 כפר חב״ד טל. 03-984887

בחו״ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448

שיחת

ש"פ בראשית (התוועדות א')

ה'תשמ"ח



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי **ברוקלין, נ.י.**

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה

SichosKodesh.com

מפתח

בס"ד. משיחות י"ג תשרי וש"פ בראשית
(התוועדות א' וב') ה'תשמ"ח

א. שטייענדיק איצטער באַ דעם אָפּשלוס פון חודש תשרי, די צייט פון "ויעקב הלך לדרכו"[1] — ווען יעדער איד האַלט ביי אַריינגיין אין דעם טאָג טעגלעכן לעבן פון דעם נייעם יאָר, נאָך די אַלע ימים טובים פון חודש תשרי, המרובה במועדות[2], אויף אויספירן זיין פערזענלעכע עבודה אין שליחות און וועלט, איש תחת גפנו ותחת תאנתו[3] —

איז אַ פּאַסיקע צייט צו אָנהייבן מאַכן אַ חשבון וסך־הכל פון ד'ער עבודה וואָס מ'האָט געטאָן במשך חודש תשרי[4], און דערפון שעפּען כחות אויף טאָן די עבודה במשך פון דעם קומענדיקן יאָר[5]. ווי באַוואוסט אַז חודש תשרי איז דער חודש השביעי, "שהוא משובע (ל' שובע) בכל, גתות בתוכו ברכות בתוכו כו'"[6], ביז אַז ער איז "המושבע והמשביע ברוב טוב לכל ישראל על כל השנה"[7].

אין דעם קומט צו אַ ספּעציעלע הדגשה אונטערשטרייכונג מצד דעם וואָס דער היינטיקער יאָר איז אַ "שנת הקהל"[8], אַ יאָר וואָס

---

1) לשון הכתוב — ויצא לב, ב. וראה שיחות: שמח"ת תרפ"ו (סה"מ תרפ"ו ע' שסד). שמח"ת תרצ"ז (סי"ג). אחש"פ תרצ"ה (סה"מ תשי"א ע' 240). יום שמח"ת תרצ"ט. ליל א' דחג השבועות תש"ח (סה"מ תש"ט ע' 173). אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' קצד. וראה בכ"ז לקו"ש חט"ו ע' 259 ואילך. ח"כ ע' 556. וש"נ.

2) ראה ב"י או"ח סתצ"ב (ד"ה ומ"ש). שו"ע אדה"ז שם ס"ב. הוספה לשו"ע אדה"ז (להר"נ מדובראָוונע) או"ח סקל"א ס"ח.

3) לשון הכתוב — מ"א ה, ח.

4) ראה שיחת ליל א' דחגה"ש הנ"ל (הערה 1) בנוגע הזמן שלאחר עבודת חודש תשרי: איצטער בעדאַרף מען פאַנאַנדערפּעקלען דעם פּעקל סחורה וואָס מ'האָט אַריינגעהאַנדעלט אין די ימי המועדים און ויעקב הלך לדרכו אין דער עבודה פון תורה ומצות וכו'.

5) כידוע דהמועדים דחודש תשרי הם שרשים ומקורים על כל השנה כולה — ראה מאמרי אדה"ז: תקס"ו ע' שעט; תקס"ט ע' רלח. אוה"ת: סוכות ע' א'תשנו; ברכה ע' א'תתסו. סה"מ תרנ"ד ע' לו. תרנ"ו ע' רעח. תש"ב ע' 49.

6) ויק"ר פכ"ט, ח. וראה קיצורים והערות לתניא ע' נח. סה"מ תרפ"ה ע' ג. תש"ח ע' 4.

7) מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר בקובץ מכתבים שבסו"ס תהלים אהל יוסף יצחק ע' 193. אגרות קודש שלו ח"ג ס"ע תל ואילך. "היום יום" כה אלול.

8) דכל השנה כולה נקראת ע"ש מצות הקהל בחג הסוכות, ע"ד הלשון "שנת היובל" (בהר כה, יג) שכל השנה נק' "על שם תקיעת שופר" (רש"י בהר שם, י) דיוהכ"פ (בהר שם, ט). וראה מכתב וא"ו תשרי שנה זו בהערה.

SichosKodesh.com

צייכנט זיך אויס מיט דער עבודה[9] (וואָס מ׳לערנט אָפּ פון דער מצוה הקהל בזמן שבית המקדש הי׳ קיים) „הקהל את העם האנשים והנשים והטף גו׳ למען ישמעו ולמען ילמדו ויראו את ה׳ אלקיכם ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת גו׳ כל הימים אשר אתם חיים על האדמה״ וועלכע איז אָנגעזאָגט געוואָרן בתורתנו הנצחית[10] — ד.ה. אַז אַלע עניני עבודה פון דעם יאָר דאַרפן דורכ־גיין דעם „שער״[11] און זיין דורכגענומען מיט דער גייסט פון „הקהל״.

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז די התבוננות און די כחות פון חודש תשרי דאַרף מען אויך נעמען און ספּעציעל נעמען אויף דורכפירן דעם ענין פון „הקהל״ אין אַלע עניני עבודה במשך פון דעם יאָר.

ב. די ערקלערונג אין דעם:

דער איבערגאַנג פון חודש תשרי אין דעם טאָג טעגלעכן לעבן בשאר חדשי השנה — ווערט באַצייכנט ספּעציעל מיט שבת בראשית[12] — דער לעצטער שבת פון חודש תשרי, ווען עס ווערט די עלי׳ ושלימות (ויכולו[13]) פון דעם סיום המועדים פון חודש תשרי (שמיני עצרת ושמחת תורה — וועלכע עצרת — קלייבן צוזאַמען און ברענגען אַריין אין אַ פנימיות אַלע ימים טובים פון חודש תשרי[14]), און אויך ברייגען דאָס אַלעס און ממשיך זיין אין דעם גאַנצען יאָר הבע״ל, ובמיוחד דורך שבת מברכים חודש מר־חשון, דער ערשטער „וואָכעדיקער״ חודש פון דעם נייעם יאָר[15], ווען עס זיינען ניטאָ קיינע ימים טובים וכו׳,

און ווי דער באַוואוסטער פתגם[16], אַז אַזוי ווי מ׳שטעלט זיך שבת בראשית, אַזוי גייט אַ גאַנץ יאָר.

וואָס דערפאַר יש לומר, אַז אין פ׳ בראשית גלייך בתחלתה — ווערט מרומז און געלערנט (תורה — הוראה[17]) דער כללות־

---

9) בכ״ז — ראה גם מכתב שבהערה הקודמת. לקו״ש חג הסוכות תשמ״ח סעיף וא״ו.

10) וילך לא, יב ואילך.

11) ראה ספר השיחות ה׳ש״ת ע׳ 22. לקו״ד ח״ד תשמז, ב.

12) ראה שיחת מוצאי שבת בראשית תשל״ח (לקו״ש ח״כ ע׳ 267 ואילך). וראה שיחת שבת בראשית תשי״א (לקו״ש ח״ב ע׳ 449 ואילך).

13) בראשית ב, א. אוה״ת עה״פ (כרך א מב, ב ואילך. כרך ג תקח, א ואילך).

14) ראה רד״ה ביום השמע״צ תרנ״ט. רד״ה הנ״ל תש״מ (סה״מ מלוקט ע׳ שסג). וש״נ.

15) ראה לקו״ש ח״כ ע׳ 367 ואילך. ועוד.

16) לקו״ש ח״ב ע׳ 449. ח״כ ע׳ 556. וש״נ. וראה שיחת שבת בראשית תש״ה (ספר השיחות תש״ה ע׳ 65) בשם אדה״ז: די הארה פון שבת בראשית איז מאיר בכל שבתות השנה. וראה גם שיחת י״ד תשרי ה׳ש״ת (סה״מ תשי״א ע׳ 59).

17) ראה רד״ק לתהלים יט, ח. ספר השרשים שלו ערך ירה. גו״א ר״פ בראשית בשם

דיקער אינהאַלט פון דער עבודה פון אַ אידן אַריינגייענדיק אין זיין געוויינלעכען טאָג טעגלעכן לעבן, יעדערער אין זיינע באַשטימטע באַשעפטיקונגען.

ובפרט — בשנה זו — אין דער עבודה פון „הקהל״, ווי ער־קלערט ווייטער.

ג. אין פ׳ בראשית רעדט זיך וועגן בריאת העולם — ווי דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט: „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ״[18].

דער סדר הבריאה איז געווען — באופן פון כלל ופרט, פריער אַ נקודה אחת און דערנאָך איז דאָס פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן אויף פרטים: צום אַלעם ערשטן האָט דער אויבערשטער באַשאַפן אַלע נבראים, „כל תולדות שמים וארץ נבראו ביום ראשון״[19], ווי עס שטייט „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ״, „את השמים לרבות תולדותיהם, ואת הארץ לרבות תולדותי׳״[19]. און דערנאָך איז „כל אחד ואחד נקבע ביום שנגזר עליו״[19], יעדער נברא איז אַריינ־געשטעלט געוואָרן אין זיין באַשטימטן טאָג פון די ששת ימי בראשית: ביום אחד — אור[20], ביום שני — רקיע[21], ביום שלישי — תדשא הארץ דשא גו׳[22], ביום רביעי — המאורות[23] א.א.וו.

און יעדערער פון די באַשעפענישן (פון די ששת ימי בראשית) איז אויך אַ כללות׳דיקע, וועלכע טיילט זיך פאַנאַנדער אויף פרטים, מערערע פרטים. לדוגמא: בריאת האור ביום הראשון — כמה סוגי אור; הרקיע ביום שני טיילט זיך אויף שבעה רקיעים[24] וכו׳; תדשא הארץ דשא — ווערט פאַנאַנדערגעטיילט אויף אַ ריבוי מיני עשבים און אילנות; המאורות ביום הרביעי טיילן זיך אויף „מאור הגדול״ און „מאור הקטן״, און „הכוכבים״[25].

אין אַנדערע ווערטער ובכללות יותר: די גאַנצע בריאה נעמט זיך פון „ה׳ אחד״[26], תכלית הפשיטות — דער כח (אחד) הבורא וואָס באַלעבט יעדער נברא, דערנאָך ווערט עס נתחלק אויף פרטים: עשר ספירות, עשר ולא תשע עשר ולא אחד עשר[27], און די ספירות ווערן נשתלשל מעולם לעולם, ובכללות — די ד׳ עולמות, אצילות

הרד״ק. וראה זח״ג נג, ב.

18) בראשית א, א.

19) פרש״י שם, יד.

20) בראשית א, ג.

21) שם, ו.

22) שם, יא.

23) שם, יד.

24) ראה חגיגה יב, ב.

25) בראשית שם, טז.

26) ואתחנן ו, ד.

27) ספר יצירה פ״א מ״ד.

SichosKodesh.com

בריאה יצירה עשי׳, ביז אַז דערפון ווערן נשתלשל און נתהווה אַלע נבראים בעולם העשי׳ הגשמית, וועלכע טיילן זיך אויף אַ ריבוי פרטים — „מה רבו מעשיך ה׳״[28], „מה גדלו מעשיך ה׳״[29] (ביז א״ס נבראים[30]), ווי מער אויספירלעך דערציילט אין פ׳ בראשית, וועגן דעם ריבוי הנבראים וועלכע זיינען באַשאַפן געוואָרן אין די ששת ימי בראשית.

[נאָך פריער — איז אַזוי דער סדר אין תורה: די תורה איז אַ תורה אחת וועלכע נעמט זיך פון ה׳ אחד, און טיילט זיך דערנאָך אין חלקים: תושב״כ און תושבע״פ, און יעדערע פון זיי איז כולל אַ ריבוי פרטים. און אויך ווי תורה שטעלט זיך אויס אין התחלקות — איז די גאַנצע תורה נכלל פריער אין אַ „נקודה״ אחת: דער אל״ף פון אנכי[31] (התחלת עשרת הדברות[32]), ביז די נקודה אחת מיט וועלכע מ׳הויבט אָן שרייבן[33] דעם אות אל״ף, און פון דעם אל״ף קומט עס אַראָפּ אין דעם וואָרט „אנכי״[34] (וואָס באַשטייט שוין פון פיר אותיות), און דערפון — אין אַלע עשרת הדברות, ובפרטיות — די ערשטע צוויי דברות זיינען כולל אַלע עשרת הדברות[35], און דערנאָך אין עשה״ד וכו׳ ביז עס ווערט פאַנאַנדערגעטיילט אין און אויף כל התורה כולה, תושב״כ און תושבע״פ, ביז „עלמות אין מספר[36] — הלכות דלית לון חושבן״[37], ביז אויך כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש[38], וואָס איז אַלץ נכלל און נאמר למשה מסיני.

און וויבאַלד אַז תורה איז אויסגעשטעלט אין אַזאַ אופן, ווערט עס דערפון נמשך אויך אין בריאת העולם[39], אסתכל באורייתא וברא עלמא[40], אַז דאָס שטעלט זיך אויס אין כלל ופרט].

---

28) תהלים קד, כד.

29) שם צב, ו.

30) ראה חגיגה יג, ב. וראה ד״ה מים רבים תשי״ז פ״ט ובהערה שם (סה״מ מלוקט ע׳ סמ״ד).

31) ראה גם ספר השיחות תש״ג ע׳ 144. מכתב כ״ק מו״ח אדמו״ר באגרות קודש שלו ח״ז ע׳ קמו. ועוד.

32) יתרו כ, ב. ואתחנן ה, ו.

33) ראה גם מכתב כ״ק מו״ח אדמו״ר באגרות קודש שלו ח״ט ע׳ תפה.

34) ראה זח״ב פה, ב. פנים יפות פ׳ יתרו.

35) ראה תקו״ז תכ״ב (סג, סע״ב) ובהנסמן בנצו״ז שם.

36) שה״ש ו, ח.

37) זח״ג רטז, סע״א. אגה״ק סכ״ט (קנא, א). תו״א שמות מט, ב. לקו״ת שה״ש מ, ב. אוה״ת שמות ע׳ יב.

38) ראה מגילה יט, ב. ירושלמי פאה פ״ב ה״ד. וראה הנסמן בלקו״ש חי״ט ע׳ 252 הערות 21-20.

39) „כח מעשיו״ בערך למצוות התורה („החודש הזה לכם״) — פרש״י ר״פ בראשית.

40) זח״ב קסא, סע״א ואילך.

ד. ביז אַז מ׳קומט צו יום הששי — דער סיום פון מעשה בראשית, ווען אדם הראשון איז באַשאַפן געווערן, „בצלמינו כדמותינו״[41], אדם על שם „אדמה לעליון״[42], מיט דער כוונה — „לעבדה ולשמרה״[43], בכדי זיין אַ „שותף[44] להקב״ה במעשה בראשית״[45], און זיך פירן בדרכיו של הקב״ה — „והלכת בדרכיו״ (מה הוא נקרא חנון אף אתה הי׳ חנון וכו׳)[46], צוצוקוקן זיך צו די דרכים וואָס דער אויבערשטער האָט מגלה געווען צו מענשטן. כולל — דעם אופן ווי ער האָט באַשאַפן די וועלט באופן פון כלל ופרט.

נאָר מיט אַן עיקר אונטערשייד: דער אויבערשטער איז דער בורא עולם, האָט ער באַשאַפן די וועלט באופן פון כלל ופרט מלמעלה למטה, פריער קומט דער כלל און די נקודה אחת, דער־נאָך ווערט דאָס פאַנאַנדערגעטיילט אויף פרטים; משא״כ דער אדם איז באַשאַפן געוואָרן נאָך אַלע נבראים, ער איז אַריין אין אַ גרויסע וועלט, עלמא דפרודא, וואָס איז שוין באַשטאַנען פון אַ ריבוי פרטים און פרטי פרטים, אין דומם צומח וחי, און די כוונה פון זיין בריאה איז — בכדי ער זאָל זיין „והלכת בדרכיו״, אָבער אין אַן אופן פון מלמטה למעלה: ער דאַרף צוזאַמענקלייבן די אַלע פאַר־שידענע נבראים, און דאָרט מגלה זיין אחדות ה׳, ווי יעדער נברא נעמט זיך פון ה׳ אחד, און נאָכמער — אַז יעדער נברא זאָל אָנער־קענען און אויף זיך אָננעמען די בעה״ב׳ישקייט פון דעם בורא עולם.

ווי אדם האָט געטאָן גלייך ביום הששי — דורך זיין אויפ־פאָדערונג צו דער גאַנצער בריאה „בואו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה׳ עושנו״[47]: צום אַלעם ערשטן „בואו״ — (גייט אַוועק פון אייער פריערדיקן מעמד ומצב וואָס יעדער נברא שטייט אָפּגעטיילט, און) קומט צו אַ נייעם מעמד ומצב, פון „נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה׳ עושנו״.

ה. דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק אין וואָס עס באַשטייט די עבודה פון יעדער (מענטש, ובפרט פון יעדער) איד — „אתם קרויין אדם״[48], וועלכער איז באַשאַפן געוואָרן „יחידי״ בדוגמא צו אדם הראשון [ביז אַז „לפיכך נברא אדם יחידי״ בכדי לערנען יעדער

---

41) בראשית א, כו.

42) ספר עשרה מאמרות מאמר אם כל חי ח״ב סל״ג. של״ה ג, א. כ, ב. שא, ב. ובכ״מ.

43) בראשית ב, טו.

44) ל׳ חז״ל שבת י, א. קיט, ב.

45) ראה לקו״ש חט״ו ס״ע 94 ואילך. וש״נ.

46) תבוא כח, ט. רמב״ם הל׳ דעות פ״א ה״ה־ו. סהמ״צ מ״ע ח. שו״ע אדה״ז או״ח סקנ״ו ס״ג.

47) תהלים צה, ו. זהר ח״א רכא, ב. ח״ג קז, ב. תקו״ז תנ״ו (צ, ב).

48) יבמות סא, רע״א.

SichosKodesh.com

מענטש אַז ער איז אַן „עולם מלא״][49],

און צו ווען ס׳איז געגעבן געוואָרן די תורה, כולל און אַנ־הויבנדיק פון פ׳ בראשית וועגן „דרכיו״ ווי דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט, און מ׳האָט עס מגלה געווען צו יעדער איד בכדי אַז ער זאָל דערפון אַרויסנעמען אַ (תורה מלשון) הוראה[17] אין „והלכת בדרכיו״, אַלס „שותף להקב״ה במעשה בראשית״ —

אַז אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט (מלמעלה למטה) אין אַן אופן אַז פון איין כלל און נקודה איז דערנאָך אַרויס אַ ריבוי פרטים, אַזוי באַשטייט די תכלית פון בריאת האדם, ירידת הנשמה בגוף דאָ למטה אין עלמא דפרודא, ביז אין עולם מלשון העלם[50] והסתר, כולל אויך מלשון סתירה (לאלקות) — בכדי אַז דער אדם זאָל מגלה זיין (דער כלל און נקודה אחת פון) ה׳ אחד אין אַלע פרטי הנבראים. ובפשטות: אַז אַלע פאַרשידענע פרטים פון זיין לעבן — זאָל ער טאָן לשם שמים, ביז אַז עס זאָל זיך אין דעם אַנהערן אחדותו און מלכותו יתברך, יעדער פון זיי זאָל „זאָגן״ און רופן „בואו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה׳ עושנו״.

ו. דער „ראש״ פון דער עבודה איז — אין ראש השנה, דער אַנהויבס און קאָפּ פון חודש תשרי און פון דעם גאַנצן יאָר:

יעדער ראש השנה זיינען כל הדברים חוזרין לקדמותם[51], די גאַנצע וועלט מיט אַלע אירע פרטים קערט זיך אום צו דעם מקור הראשון, די נקודה אחת וכלל אחד פון ה׳ אחד; און אַ איד דורך זיין עבודה אין ראש השנה דאַרף מעורר זיין דאָס און מקיים עלמא[52], מקיים זיין די בריאה פון־דאָס־ניי[53], אַנהייבענדיג דורך דעם וואָס ער איז ממליך דעם אויבערשטן בראש השנה („תמליכוני עליכם״[54]) אַלס „מלך ישראל״[55] און „מלך על כל הארץ״[56] — ביז גילוי אחדותו ית׳ אין אַלע פרטי הבריאה. אַזוי ווי אדם הראשון האָט אויפגעטאָן דעם ערשטן ראש השנה, ביום הששי למעשה בראשית, כנ״ל.

און פון ראש השנה ווערט נמשך דער כח אויף דער עבודה במשך אַלע טעג פון יאָר — כללות עבודת האדם — צו אַנטפּלעקן אחדות ה׳ אין אַלע פאַרשידענע טיילן פון עלמא דפרודא, אַז זיי אַלע זאָלן שטיין בטל צו „לפני ה׳ עושנו״.

49) משנה סנהדרין לז, סע״א.

50) לקו״ת שלח לז, ד. ועוד.

51) ראה פע״ח ושער הכוונות שער ר״ה. סידור האריז״ל במקומו. ובכ״מ. לקו״ת נצבים נא, ב. ובכ״מ.

52) ראה סידור עם דא״ח שער התקיעות ד״ה להבין ענין תק״ש עפ״י כוונת הבעש״ט.

53) זהר שבהערה 40.

54) ר״ה טז, א. לד, ב.

55) תפלת מוסף דר״ה (ברכת מלכיות) — מישעי׳ מד, ו.

56) תפלת העמידה דר״ה (חתימת ברכת „אלקינו כו׳ מלוך כו׳״), וכן בקידוש וברכת ההפטרה.

ז. כאָטש אַז מאחד זיין אַלע פרטי הנבראים איז די תכלית פון עבודת האדם במשך אַלע צייטן (און מ׳באַקומט אויפדעם כח בפרט בכל ראש השנה) — זיינען פאַראַן צייטן ווען דאָס שטייט נאָכמער בהדגשה און מ׳באַקומט אויף דעם מערער כח. ויש לומר — אַז איינער פון די צייטן איז אין אַ שנת הקהל:

מצות הקהל באַשטייט (כנ״ל) אין „הקהל את העם האנשים והנשים והטף גו׳ למען ישמעו גו׳ ויראו את ה׳ אלקיכם ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת גו׳״.

דאָס הייסט: אַלע אידן טיילן זיך אויף דריי כללות׳דיקע סוגים (אויף וועלכע עס טיילן זיך אַלע מענטשן), אנשים, נשים און טף, וואָס זיי זיינען אָפּגעטיילט איינער פון דעם צווייטן. ובפרט איז יעדער סוג באַזונדער פאַנאַנדערגעטיילט אויף מענטשן וועלכע זיינען אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן, אין פרצופיהן שוות, אין דיעותיהן שוות כו׳[57].

מצות הקהל באַשטייט אין דעם, אַז אַלע פאַרשידענע סוגים, און די פאַרשידענע מענטשן פון יעדער סוג, און סיי „חכמים גדולים שיודעים כל התורה כולה״ און סיי „מי שאינו יכול לשמוע״[58] — ווערן צוזאַמענגעקליבן אין אַ מקום קדוש (דער בית המקדש) און פאַראייניקט אין אַ נקודה אחת, מיט איין כוונה און ציל: „ליראה את ה׳ אלקיך״.

און וויבאַלד אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן „בראשית — בשביל ישראל שנקראו ראשית״[59] — איז פאַרשטאַנדיק, אַז בשעת אידן שטייען פאַראייניקט „ליראה את ה׳ אלקיכם״, גיט עס דעם כח אַז אַזוי זאָל אויך אויפגעטאָן ווערן ביז אין דער גאַנצער וועלט, אויך ביי אומות העולם[60], אַז די גאַנצע וועלט מיט אַלע אירע פרטים זאָלן שטיין אין אַ מצב פון „בואו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה׳ עושנו״, און דערפילן ווי דער אויבערשטער (ה׳ אחד) איז זיי מחי׳ בכל רגע ורגע מחדש[61].

על פי זה יש לומר, אַז אין אַ שנת הקהל שטייט בהדגשה כללות תכלית עבודת האדם (מגלה זיין ה׳ אחד בכל העולם), ויש לומר נאָכמער — אַז פון הקהל ווערט נמשך כח אויף דער עבודה כל הימים, בכל הימים והזמנים[62].

און אין שנת הקהל עצמה — שטייט עס נאָכמער בהדגשה אין

---

57) ראה ברכות נח, רע״א. סנהדרין לח, א. אדר״נ פ״ד, ו. מסכת דרך אר״ץ רבה פ״ט. תנחומא פינחס י.

58) רמב״ם סוף הל׳ חגיגה.

59) פרש״י ר״פ בראשית.

60) ולהעיר שיצב גבולות עמים למספר בני ישראל, שבעים אומות כנגד שבעים נפש של ישראל (האזינו לב, ח ובפרש״י).

61) שעהיוה״א בתחלתו.

62) בדוגמא לזכירת יצ״מ — שחיובו הוא בכל יום, אבל בהדגשה יתירה בחמשה עשר בניסן, ועד — שממנו נמשך החיוב והכח („זכר״) בכל ימי השנה.

SichosKodesh.com

חודש תשרי, ובפרטי פרטיות — אין חג הסוכות (דער זמן החיוב פון מצות הקהל כפשוטה — בזמן ביהמ"ק), כולל — דעם שבת בראשית שלאחרי זה, ווען די ענינים פון חג הסוכות ושמע"צ ושמח"ת ווערן נתעלה ביז צו זייער שלימות — וואָרום דעמולט איז דער „הימים האלה נזכרים ונעשים" פון זמן חיוב מצות הקהל.

ח. לאידך גיסא איז אָבער פאַרשטאַנדיק, אַז עיקר עבודת הקהל בפועל הויבט זיך אָן דוקא נאָך חודש תשרי,

וואָרום אין חודש תשרי, המרובה במועדות כנ"ל, און „הוא משׂובע בכל, גתות בתוכו ברכות בתוכו כו'", שטייען אידן פאַראייניקט, און זיי פאַרנעמען זיך מיט מצוות און תפלות לה' — „ליראה את ה' אלקיך". משא"כ נאָך חודש תשרי ווערט „ויעקב הלך לדרכו", יעדער איד למקומו, אָפּגעטיילט פון אַנדערע אידן [למעליותא — „בטח בדד", „כל יחיד ויחיד איש תחת גפנו ותחת תאנתו מפוזרין כו'"[63]; אָדער, ח"ו, לגריעותא].

און דעריבער פאָדערט זיך דעמולט נאָכמער, און דעמולט פירט מען נאָך טיפער דורך — דעם ענין פון „הקהל את העם", צוזאַמענקלייבן די פאַנאַנדערגעשפרייטע אידן (מפוזרין) למען „ליראה את ה' אלקיכם"[64] — און דאַמאָלס ווערט מען זיכער אַז דער הקהל ואחדות נעמט דורך אידן אויך ווי זיי שטייען פאַנאַנדערגעשפרייט. דערצו דאַרף מען האָבן אַ שטאַרקערע עבודה.

ט. ויש לומר אַז דאָס איז דער טעם — און דער חידוש — אין דער נתינת כח פון קריאת פ' בראשית בסיום חודש תשרי, אַלס הכנה צו אַרויסגיין דערנאָך „לדרכו":

אע"פ וואָס די עבודה פון „הקהל" — „בואו גו' לפני ה' עושנו" (דער אינהאַלט פון כללות עבודת האדם כנ"ל, ווי מ'לערנט אַרויס פון פ' בראשית) — איז בעיקר אין ראש השנה, פירט מען דורך המשך און שלימות העבודה בזה נאָך חודש תשרי.

פון ראש השנה און אַלע מועדים אין חודש תשרי[65] — וועלכע זיינען מועדים כלליים[66] — נעמט מען טאַקע דעם כח אויף דער עבודה במשך פון כל ימי השנה (כנ"ל אַז תשרי איז חודש השביעי,

---

63) ברכה לג, כח ובפרש"י. וראה בארוכה שיחת ליל ג' וליל ה' דחג הסוכות — שזהו ברכה הכי נעלית.

64) ויש לומר ע"ד הרמז — שיש נתינת כח לזה משמע"צ, שהוא „רגל בפ"ע לענין פז"ר קש"ב" (סוכה מח, ריש ע"א): ממצב של „פזר" (מפוזרין) נעשה „קשב" מלשון הקשבה, שישראל המפוזרין (אנשים נשים וטף) נקהלים יחד „להכין לבם ולהקשיב אזנם לשמוע באימה ויראה כו'" (ל' הרמב"ם סוף הל' חגיגה).

65) אותיות רשית — חסר כתיב (בעקב יא, יב).

66) נסמן לעיל הערה 5.

67) ויש לקשר זה גם עם שיעור היומי ברמב"ם (דשבת בראשית שנה זו) — בריש הל' גזילה ואבדה: האפשריות לגזילה היא רק מצד העדר הידיעה וההרגשה שהקב"ה הוא בעה"ב של כל פרט ופרט שבעולם. אבל ע"י הידיעה ש„בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ" (הכולל כל הבריאה כולה עם כל פרטי') — אין מקום לגזילה.

„המושבע והמשביע ברוב טוב לכל ישראל על כל השנה״), אָבער ווילבאַלד אַז מ׳שטייט דעמולט צוזאַמען אין אַ חודש המרובה במועדות וכו׳, פירט מען נאָך ניט אויס די המשכת האחדות למטה מטה — ווי אידן געפינען זיך אין „וואָכעדיקייט״ במשך די טעג פון יאָר (נאָך חודש תשרי).

דערצו האָט מען דעם כח פון שבת בראשית — וואָס איז אַלע־מאָל דער (לעצטער) שבת אין חודש תשרי, וועלכער בענטשט דעם ערשטן „וואָכעדיקן״ חודש מר־חשון, ווען עס הערט זיך נאָכמער אָן דער פירוד און העלם והסתר פון עלמא דפרודא — אַז אויך ווען אַ איד גייט אַרויס פון חודש תשרי אין חודש חשון, ווען עס ווערט פאַר אים באַשאַפן פון־דאָס־ניי („בראשית״) זיין פרטיות׳דיקער „שמים״ און „ארץ״ (זיין עבודה בעולם), וואו ער שטייט אָפּגעטיילט פון אַנדערע — איז אויך אין אַזאַ מעמד ומצב זאָל ער אַריינברענגען אחדות, „הקהל את העם האנשים והנשים והטף גו׳ ליראה את ה׳ אלקיכם״[67].

ובפרט לויט תורת הבעש״ט הידועה[68], אַז „החודש השביעי שהוא החודש הראשון לחדשי השנה, הקב״ה בעצמו מברכו בשבת מברכים שהוא השבת האחרון דחדש אלול״, און די ברכה באַשטייט פון „אתם[69] נצבים היום כולכם לפני ה׳ אלקיכם ראשיכם שבטיכם גו׳ שואב מימיך״, און „בכח זה ישראל מברכים את החדשים י״א פעמים בשנה״.

ד.ה. אַז אין חודש תשרי באַקומט מען מלמעלה (פון דעם אויבערשטן) דעם כח אויף טאָן די עבודה פון „אתם נצבים היום כולכם לפני ה׳ אלקיכם״, אחדות פון אַלע עשר סוגים פון אידן[70] (אויסגערעכנט אין די פסוקים בפ׳ נצבים), ע״ד „הקהל גו׳ ליראה את ה׳ אלקיכם״; און בשבת מברכים מר־חשון (שבת בראשית) איז דער ערשטער מאָל וואָס עס קומט אַרויס בגלוי ובפועל דער כח פון אידן — מלמטה למעלה — צו בענטשן אַ חודש (בכח פון ברכת הקב״ה בחודש תשרי) מיט דעם ענין פון „אתם נצבים היום כולכם לפני ה׳ אלקיכם״.

און בענטשן דעם חודש מיט אַלע ששה לשונות של ברכה הכוללות כל הברכות — „לחיים ולשלום לששון ולשמחה לישועה ולנחמה״, און מיטן סיום — „ונאמר אמן״, דער גמר הנצחון[71], וואָס ווערט אויפגעטאָן דוקא בשעת אחדות ה׳ נעמט דורך אַלע פרטים פון עלמא דפרודא, ביז אויך למטה מטה[72].

[והטעם להדין (ברמב״ם שם ספ״א) שכל הגוזל את חבירו שוה פרוטה כאילו נוטל נשמתו ממנו כו׳ — יש לומר, כי הגזל מביא לידי שפיכות דמים (רמב״ם שם לפנ״ז הי״א)].

68) מכתב שבהערה 7.

69) ר״פ נצבים.

70) לקו״ת ר״פ נצבים.

71) נזיר בסופה.

72) ולהעיר ש„אמן״ הוא בגימטריא „הוי׳ אדנ־י״ — החיבור דהאחדות (דשם הוי׳

SichosKodesh.com

יוד. די הוראה דערפון בנוגע לפועל — ובהקדמה:

מ׳האָט שוין גערעדט מערערע מאָל לאחרונה, אַז כאָטש אַז די מצוה פון הקהל אין פשוט׳ן זין איז פאַרבונדן מיט דער צייט פון בית המקדש (גשמי) — זיינען אָבער תורה און מצוות נצחיים[73] אין אַלע צייטן און אין אַלע ערטער, און אפילו די ענינים וועלכע זיינען אָפּהענגיק אין דעם בית המקדש זיינען גילטיק אין גייסטיקן זין אַלעמאָל און אומעטום, בעבודת ה׳ שבלב כל אחד ואחד[74].

וואָרום בא יעדער איד איז שטענדיק דאָ דער גייסטיקער בית המקדש[75], ווי חז״ל[76] טייטשן דעם פסוק[77] „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״ — בתוכו לא נאמר אלא בתוכם, בתוך כל אחד ואחת[78] מישראל, דער מקדש רוחני איז אין דער האַרץ פון יעדער איד, דער מקור הדם, וועלכע באַלעבט (דם הוא הנפש[79]) דעם גאַנצן קערפּער[80], דעם קאָפּ און אַלע איברים[81].

און דערפאַר זיינען די מצוות וועלכע זיינען אָפּהענגיק אין בית המקדש — גילטיק אויך היינט אין גייסטיקן זין — אין דעם גייסטיקן בית המקדש וועלכער איז דאָ אין יעדער איד.

על אחת כמה וכמה אַ מצוה ווי הקהל[82] וואָס איז נוגע צו אַלע אידן (אנשים נשים וטף), און נוגע צו אחדות ישראל ואהבת ישראל („כלל גדול בתורה״[83]), יראת ה׳ און עבודת ה׳, און — „כל הימים אשר אתם חיים״ — איז זיכער נצחית אויך בזמן הגלות און אין חוץ לאָרץ.

יא. כאָטש אַז מ׳קען לכאורה פרעגן די שאלה: מ׳געפינט ניט (אין משנה וברייתא וכו׳, און בא גדולי ישראל במשך הדורות[84]) אַז

בלמטה מטה, במקום שאינו כלי לאלקות מצ״ע, וביטולו לאלקות הוא אך ורק ע״י קבלת אדנות ה׳ (ראה שיחת ליל ב׳ דחג הסוכות שנה זו).

73) תניא רפי״ז.

74) לקו״ת דרושים לסוכות ע״ח סוף ע׳ ג. עיי״ש בארוכה.

75) ראה ד״ה ועשו לי מקדש תש״ד. וראה גם תו״א ויקהל פז, רע״א. קונטרס שיחת ש״פ תרומה תשמ״ז ס״ו. וש״נ.

76) ראה ראשית חכמה שער האהבה פ״ו קרוב לתחלתו (ד״ה ושני פסוקים). אלשיך תרומה כה, ח קרוב לסופו (ד״ה עוד יתכן). של״ה סט, א. ועוד. לקו״ת נשא כ, סע״ב. תו״א ויקהל שם.

77) תרומה כה, ח.

78) ראה סד״ה ועשו לי מקדש הנ״ל „אומר ועשו לי לשון רבים בהציווי דבנין המקדש לכל ישראל, דכל ישראל האנשים והנשים מחוייבים בבנין ביהמק״ד״ (רמב״ם הל׳ ביהב״ח פ״א הי״ב). וראה גם ד״ה ועשו לי מקדש תשמ״ז. שיחה שבהערה 75.

79) ראה יב, כ.

80) ראה אגה״ק סל״א. תו״א ז, ד. לקו״ת שה״ש כט, ב ואילך. לא, א ואילך. ועוד.

81) דלבא פליג לכל שייפין (ראה זח״ג קסא, ב. רכא, ב).

82) ש„זאת המצוה עמוד חזק וכבוד גדול בדת״ (חינוך מצוה תריב).

83) תו״כ ופרש״י קדושים יט, יח.

84) ידוע שבדור שלפנינו הי׳ אלו שרצו לעשות זכר להקהל — אבל ענין זה לא נתקבל בפועל בתפוצות ישראל.

מ׳זאָל מאַכן אַ „זכר למקדש״ צו מצות הקהל[85] — ווי מ׳געפינט עס ביי אַ סך מצוות[86],

און נאָכמער: הקהל קומט „מקץ שבע שנים במועד שנת השמיטה״. און בנוגע צו שמיטה איז דאָ ניט נאָר אַ „זכר למקדש״ בזמן הזה, נאָר קיום המצוה בפועל [לא מיבעי לויט די דיעות[87] אַז מצות שמיטה (בכמה ענינים) איז מן התורה בזמן הזה, נאָר אפילו לויט רוב הדיעות[88] אַז דאָס איז מדרבנן]. פונדעסטוועגן, מאַכט מען ניט קיין זכר למקדש צו מצות הקהל, וואָס קומט בהמשך צו שמיטה[89].

די שקו״ט האָט אָבער קיין שייכות ניט מיט דאָס אויבנגערעדטע — ווייל:

מ׳רעדט ניט וועגן מאַכן אַ זכר גשמי למצות הקהל, נאָר וועגן אַרויסנעמען אַ הוראה רוחנית פון אַ מצוה מפורשת בתורה שבכתב (און אַראָפּגעבראַכט אין הלכה בספר הרמב״ם[90] ועוד), אַ מצוה וואָס איז זיכער נצחית (אין גייסטיקן זין) אומעטום און אַלעמאָל,

און אַ הוראה פון דעם אינהאַלט און יסוד און תכלית פון דער מצות הקהל — וואָס איז אַ גייסטיקע און העכסטע עיקר׳דיקע אינ־האַלט — „למען ישמעו ולמען ילמדו ויראו את ה׳ אלקיכם ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת גו׳ כל הימים אשר אתם חיים על האדמה״[91] (אין שנת הקהל, און אין אַלע יאָרן, און אין אַלע ערטער).

וכנ״ל, אַז יעדער איד האָט אין זיך אַ גייסטיקן בית המקדש, אויף וועלכן דער אויבערשטער זאָגט „ושכנתי בתוכם״. קען ער און מוז זיכער זיך אָפּלערנען (אין זיין עבודה רוחנית) פון דער אויפפירונג אין דעם בית המקדש גשמי.

---

85) יש אומרים הטעם — מפני פחד המלכות שיחשדו הקהלת העם למרידה במלכות כו׳. אבל דוחק קצת, כי לא מצינו זכר למצות הקהל אפילו בדורות ומקומות שלא הי׳ חשש זה כלל.

86) כמאחז״ל (סוכה מא, א) מנין שעושים זכר למקדש שנאמר (ירמי׳ ל, יז) ציון היא דורש אין לה, מכלל שצריכה דרישה (וראה אנציקלופדי׳ תלמודית (כרך ג) ערך בית המקדש (ע׳ רמ־רמא. וש״נ)).

87) ראה כס״מ לרמב״ם הל׳ שמיטה ויובל פ״ט ה״ב. פ״י ה״ט. וראה ספר לאור ההלכה (להרש״י זעווין) ע׳ קח ואילך. וש״נ.

88) ראה רמב״ם הל׳ שמיטה ויובל פ״י שם (ע״פ ב״י לטור יו״ד סשל״א בתחלתו). טור שם. וראה ספר לאור ההלכה שם. וש״נ.

89) ויש לומר הטעם — כי עצם מצות הקהל הוא „(למען גו׳) יראו את ה׳ אלקיכם״, ואא״פ לעשות זכר לזה, כי איזה זכר ליראה את ה׳ הוא הוא המצוה (כמו שאא״פ לעשות זכר למצות אמונת ה׳ ואהבת ה׳ וכיו״ב). בסגנון אחר: זכר הוא ע״י דבר שני שאינו מעיקר ועצם המצוה; עיקר המצוה אינו זכר כ״א המצוה עצמה (אפילו באם חסרים כל תנאים המעכבים. — דוגמא: הקרבת קרבן בזמה״ז בחו״ל).

90) הל׳ חגיגה פ״ג.

91) ראה לעיל הערה 89.

SichosKodesh.com

נאָכמער: מ׳קען זען בפועל פון מעשה רב[92] — און יעדערער קען דאָס אויספּרואוון מיט אידן אַרום זיך — די התעוררות והתרגשות והתחזקות אין יראת שמים ותורה ומצוות וואָס ווערט אַרויסגע־רופן באַ אידן, אנשים נשים וטף, דורך דערציילן זיי (ובפרט בדברים היוצאים מן הלב[93]) וועגן די מצות הקהל (און מ׳קען דאָס ערקלערן צו יעדערן, אנשים נשים וטף, יעדערן אין אַ סגנון און אותיות וואָס ער קען פאַרשטיין):

בזמן שבית המקדש הי׳ קיים — אונזער בית המקדש (וועגן וועלכן מיר זיינען מתפלל בכל יום) — איז געווען אַ צייט ספּעציעל געווידמעט אויף פאַרזאַמלען אַלע אידן, האנשים והנשים והטף — די עלטער זיידעס און באַבעס פון די אידן בזמן הזה — אין בית המקדש, בכדי זיי זאָלן דאָרט הערן די קריאה בתורה פון דעם מלך, כדי שטאַרקן זיי נאָכמער אין „ליראה את ה׳״, אין אידישקייט, תורה ומצוות.

און — מ׳דערציילט זיי נאָך — אַז די מצוה פון הקהל איז ברוחניות נצחית אויך איצטער, אַז דורך אַריינטראַכטן זיך אין דער מצוה קען יעדער איד זיך אויפהויבן העכער פאַר זמן ומקום און זיך אַריינשטעלן אין אַ מצב פון קדושה ווי בשעת ער איז מתפלל, צו־זאַמענקלייבן זיך מיט אידן אַרום זיך, און לערנען מיט זיי תורה, געבן צדקה אד״ג — בכדי פאַרשטאַרקן יראת ה׳ און קיום התורה ומצוות, „ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת גו׳ כל הימים אשר אתם חיים על האדמה״, מ׳שטייט בשעת מעשה אין אַ התעוררות אַז מ׳נעמט אויף זיך אָן צו היטן תומ״צ „כל הימים״[94].

האָט מען געזען בפועל די תועלת והתעוררות בפועל ווען מען האָט גערעדט אויך וועגן מצות הקהל — אויף מעורר זיין אידן צו זיך שטאַרקן אין יראת ה׳ און עבודת ה׳. און אַז דאָס איז גילטיק אין אַלע צייטן, און זיכער מיט נאָכמער אונטערשטרייכונג ווען מ׳שטייט אין אַ שנת הקהל, און נאָענט צו דער צייט פון מצות הקהל (חג הסוכות) — איז נאָך לייכטער ווירקן אויף אידן אין דאָס אַלע אויבנגעזאָגטע.

און וויבאַלד אַז מ׳האָט אַזאַ „גאָלדענע געלעגנהייט״ און אַזוינע ימים זכאין צו דערמאָנען אידן און זיי מעורר זיין אין יראת ה׳ און עבודת ה׳ — דאַרף מען דאָס נוצן אין אַ פולער מאָס.

---

92) ראה שבת כא, א.

93) ראה שירת ישראל לר״מ אבן עזרא ע׳ קנו. ספר הישר לר״ת שער יג. הובא בשל״ה סט, א. ועוד.

94) ע״ד שנת׳ במק״א במ״ש בתניא (פי״ב) דהבינוני „לא עבר עבירה מימיו״ — שמצבו (כעת) הוא כזה שמושללת עשיית עבירה בעבר או בעתיד. ולהעיר מלשון הרמב״ם בהל׳ תשובה פ״ב ה״ב: ומה היא התשובה הוא שיעזוב החוטא חטאו כו׳ יגמור בלבו שלא יעשהו עוד ויעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב לזה החטא לעולם. ובאגה״ת פ״א (צא, א): שיגמור בלבו בלב שלם לבל ישוב עוד לכסלה.

ויפה שעה אחת קודם — ווייל אויב מ׳לאָזט דורך אַזאַ געלעגנהייט אויף מעורר זיין אַ אידן צו זיך שטאַרקן אין אידישקייט — קען מען דאָך ניט וויסן צי (און ווען) מ׳וועט אים נאָכאַמאָל טרעפן. ועוד ועיקר: אויב מ׳וועט מיט זיך מיט אים ווידער טרעפן — וועט מען דאָס נוצן אויף נאָכמער צוגעבן אין יראת ה׳ ועבודת ה׳.

יב. דעריבער — אַריינגייענדיק איצטער אין דעם טאָג טעגלעכן לעבן פון דעם נייעם יאָר, איש תחת גפנו ותחת תאנתו — איז אַ העכסט־פּאַסיקע צייט אַז מ׳זאָל אַרויסקומען מיט אַ קול רעש גדול און מיט אַ הכרזה:

היינטיקן יאָר גיט מען יעדערן פון אייך און פון אונז אויסערגעוויינלעכע כחות אויף טאָן אין „הקהל את העם האנשים והנשים והטף גו׳ למען ישמעו ולמען ילמדו ויראו את ה׳ אלקיכם ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת גו׳ כל הימים אשר אתם חיים על האדמה״.

אין איינפאַכע ווערטער:

יעדער איד, מאַן פרוי און קינד, האָט צוטאָן מיט נאָך אידן[95], אַנהויבנדיק פון זיין אייגענע משפחה, און פריינט, שכנים וואָס לעבן אין זיין געגנט, מיטאַרבעטער אין זיין אַרבעטס־אָרט, און בנוגע צו תלמידים — חברים (און תלמידות — חבירות) וואָס לערנען מיט אים אין דער זעלבער כתה אָדער ישיבה, וכיו״ב, און בכלל — מענטשן מיט וועמען יעדערער קומט אין פאַרבינדונג במשך פון טאָג.

אין אַלגעמיין האָט יעדערער אַ מעגלעכקייט צו איינווירקן אויף די אידן אַרום זיך, ביז — אַז עס זיינען דאָ מערערע פאַלן ווען יעדערער ווערט אין באַשטימטע זאַכן אַן אָנפירער פון אַנדערע.

דאַרף זיך יעדערער אָפּלערנען פון מצות הקהל — אַז במשך פון דעם קומענדיקן יאָר זאָל ער אויסנוצן יעדע געלעגנהייט, ובפרט אין ימי סגולה, ועאכו״כ אין שבתות און ימים טובים — אויף (איינווירקן אַז עס זאָלן זיך) פאַרזאַמלען אידן, מענער, פרויען (כמובן — בנפרד) און קינדער, ביז גאַר קליינע קינדער[96],

און מה טוב — פאַרזאַמלען אין אַ הייליקן אָרט, בית הכנסת בית המדרש, אין אַ הייליקער שטימונג,

און אויסנוצן עס פאַר: א) לכל לראש — פאַרשטאַרקן אחדות ישראל ואהבת ישראל, וואָס דורך דעם (כלל גדול בתורה, וזוהי כל התורה כולה, ואידך פירושה הוא זיל גמור[97]) קומט צו אויך אין ב)

---

95) להעיר ממו״נ ח״ג פכ״ז שהאדם מדיני בטבעו. ועיין רמב״ם הל׳ דעות רפ״ו.

96) ראה תויו״ט למגילה פ״א מ״ג: וטף למה באו אלא כדי ליתן שכר למביאיהן . . וא״כ אפי׳ הוא קטן כמות שהוא יש שכר למביאיהן ומביאין אותו. ווראה גם רמב״ן ואוה״ח וילך שם, יג. גו״א שם, יב. חדא״ג מהרש״א לחגיגה ג, א. מנ״ח מצוה תריב.

97) שבת לא, א.

SichosKodesh.com

„למען ישמעו ולמען ילמדו ויראו את ה׳ אלקיכם ושמרו לעשות אל כל הדברי התורה הזאת גו׳ כל הימים אשר אתם חיים על האדמה״, דורך דעם וואָס אַלע פאַרזאַמלטע הערן פון אַ מגיד שיעור אָדער לערנען צוזאַמען אַן ענין אין תורה, גיבן צוזאַמען צדקה, דאַווענען צוזאַמען.

אין צוגאָב דערצו — דאַרף יעדער איד אויך טאָן אין „הקהל את העם האנשים והנשים והטף״ — באַ זיך אַליין, אין זיין „עולם קטן״[98], פאַרזאַמלען די פאַרשידענע תכונות פון „אנשים״ — שטאַרקייט פון אָנפירערשאַפט[99], „נשים״ — עקרת הבית[100], התחלת חינוך הטף הבנים והבנות[101], און „טף״ — תכונות מתחנכים און מקבלים — וואָס יעדער איד פאַרמאָגט אין זיך, ווי ערקלערט אויספירלעך אין בריוו[102].

יד. אַ ספּעציעלע הדגשה אין דעם איז בנוגע צו קהילות קדושות, אידישע מוסדות אָדער ארגונים, ובפרט די וועלכע פאַר־נעמען זיך מיט פאַרשפּרייטן אידישקייט, לימוד התורה, קיום המצוות בהידור וכו׳, און זיכער — אַ מוסד של חינוך, אַ ישיבה, אַ חדר, אַ תלמוד תורה, אַ גן ילדים, א.א.וו.:

אַ רב פון אַ קהילה, אַן אָנפירער פון אַ מוסד, אַ מחנך אין זיין כתה (ועד״ז אַ פאָטער און מוטער אין זייער משפחה), וכיו״ב, האָבן ספּעציעל די פליכט און אחריות אַז די מיטגלידער פון זייער קרייז — זאָלן שטיין פאַראייניקט אין אידישקייט, אין דעם באַשטייט סוף סוף דער עיקר תפקיד פון יעדער ארגון פון אידן, צו פאַראייניקן פאַרשידענע מענטשן וועלכע טיילן די זעלבע אויפגאַבע און ציל (אַן ארגון פון בעלי מלאכה, בעלי מקצוע, וכיו״ב), און זיכער אַ מוסד של יראת שמים וואָס תפקידו איז צו פאַרשפּרייטן תומ״צ, דאַרפן זיכער זיין געבויט אויף אהבת ואחדות ישראל, ועד״ז אויך אַ מוסד חינוך וואָס האָדעוועט אויף תלמידים און תלמידות בדרך התורה והמצוות,

און די פאַראייניקונג פון די מיטגלידער גיט אויך צו אין דער הצלחה פון אויספירן דעם ציל פון יעדער מוסד.

דערצו איז אויך דער תפקיד פון מוסדות (של יראת שמים) — צו נאָך שטאַרקער איינוואָרצלען אין זייערע מיטגלידער יראת שמים און אחריות צו זייערע באַזונדערע אויפגאַבעס (וואָס דאָס גיט אויך צו אין דער הצלחה פון הנהגת המוסד והארגון).

דעריבער איז נכון וכדאי ביותר — אַז כנ״ל די מוסדות און ארגונים הנ״ל זאָלן אויסנוצן דעם שנת הקהל, אויף פאַרזאַמלען

98) ראה תנחומא פקודי ג.

99) ראה גם לקו״ש ויצא תשמ״ז ס״ז.

100) ראה ב״ר פע״א, ב. זח״א קנד, א. אוה״ת נ״ך (כרך ב) ע׳ תתעא. ושם ע׳ תתנח.

101) ראה של״ה מד, א. הובא בקונטרס חנוך לנער ס״ע 34 ואילך.

102) מוא״ו תשרי שנה זו.

זייערע מיטגלידער, בפרט במשך שנת הקהל — מיט די כוונה צו א) נאָכמער פאַראייניציקן זיי, און ב) „למען ישמעו ולמען ילמדו ויראו את ה׳ אלקיכם ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת גו׳ כל הימים אשר אתם חיים על האדמה״, דורך דעם וואָס אַלע פאַר־זאַמלטע הערן און לערנען צוזאַמען אַן ענין אין תורה, גיבן צוזאַ־מען צדקה, דאַוונען צוזאַמען.

בכדי דאָס זאָל האָבן אַ קיום ותוקף — איז כדאי אַז מ׳זאָל דאָס טאָן באופן מסודר, איין מאָל אַ חודש וכיו״ב (צוגעפּאַסט צו די תנאים אין יעדער מוסד).

דערצו — איז אויך כדאי, אַז מ׳זאָל מעורר זיין יעדערן פון די משתתפים, אַז ער זאָל אויך טאָן אין „הקהל את העם האנשים והנשים והטף״ מיט זיין משפחה, מיט זיינע באַקאַנטע — אויך מחוץ פון דעם מוסד.

לדוגמא: אַ מלמד זאָל מעורר זיין די קינדער אין זיין כתה, אַז זיי זאָלן מעורר זיין זייערע חברים, אָדער אפילו (אַמאָל) די עלטערן — „והשיב לב אבות על בנים, על ידי בנים״[103] (כמובן בדרך כבוד אב ואם וכו׳) — אַז זיי זאָלן זיך פאַרזאַמלען, און לערנען אַן ענין אין תורה, און זיך שטאַרקן אין יראת ה׳.

טו. בכדי נאָכמער פאַרשטאַרקן די אחדות און די פעולות פון די „הקהל׳ס״ (סיי פון יעדער מוסד און סיי פון יעדער יחיד) — איז מען מציע. ובהקדים:

סדר העולם איז, אַז בשעת מ׳וויל אַ החלטה טובה זאָל זיין אָנ־געגומען מיט אַ קביעות און ערנסטקייט, און זאָל זיך דורכפירן בפועל ובקביעות — פאַרשרייבט מען אַז פלוני בן פלוני האָט אויף זיך אָנגענומען אַז ער וועט טאָן כך וכך. צווישן די טעמים אויף דעם: א) דורך דעם וואָס ער איז זיך מתחייב בכתב — איז מען מער זיכער אַז ער וועט עס מקיים זיין. ב) בשעת מערערע מענטשן פאַרשרייבן זיך — זעט מען בטבע בני אדם, אַז דאָס גיט צו אין דעם חיות און תוקף פון יעדן יחיד פון זיי באַזונדער, „איש את רעהו יעזורו״[104], וואָרום ער זעט אז עס זיינען דאָ אַנדערע משתתפים אין דעם ענין מסויים. א.ז.וו. און דעמולט ווערט אויך לייכטער צוציען נאָך משתתפים.

יעדער זאַך (ובפרט גוטע זאַכן) אין סדר העולם — נעמט זיך פון תורה[105]. איז פאַרשטאַנדיק אַז מ׳דאַרף די הנהגות האמורות אויס־נוצן פאַר דברי טוב וקדושה.

אַזוי אויך בנוגע דעם ענין פון „הקהל״:

---

103) סוף מלאכי. וראה סוף מס׳ עדיות.

104) ישעי׳ מא, ו.

105) אסתכל באורייתא וברא עלמא. ולהעיר מהסוגיא בש״ס מנא הא מילתא דאמרי אינשי (ב״ק צב, א ואילך). ולשון חז״ל בכ״מ: פוק חזי מאי עמא דבר (ברכות מה, א).

SichosKodesh.com

ס'איז כדאי, אַז יעדע קהילה, מוסד חינוך אָדער מוסד בכלל — זאָל אָפּדרוקן קאַרטלעך (כרטיסים), און זיי אויסטיילן צו די מיט־גלידער פון זייער קרייז, און יעדערער פון זיי וואָס נעמט אָן אויף זיך צו טאָן אין דעם ענין פון „הקהל״ — זאָל אָנשרייבן אויף דעם קאַרטל שמו ושם אמו[106] (זיין נאָמען און דעם נאָמען פון זיין מוטער), און זיין אַדרעס און טעלעפאָן, אַז ער נעמט אויף זיך אָן, בלי נדר, צו טאָן אין „הקהל את העם גו׳״, איינווירקן אויף אַנ־דערע, און אויך אַליין מודיע זיין נעמען כדי מ'זאָל זיי איינלאַדען צו איינטייל נעמען, אין פאַרזאַמלונגען פון מערערע אידן, און נאָכ־מער מוסיף זיין אין אחדות ישראל און אין יראת ה׳.

און — דער מארגן פון דער קהילה וכו׳ זאָל באַשטימען איינעם ספּעציעל (זיך אַליין, אָדער בא־כחו) אויף צוזאַמענקלייבן די קאַרט־לעך במקום מרכזי, און האַלטן זיי על הסדר צוזאַמען.

וואָס דאָס אַלעס האָט די תועלת כנ״ל אַז: א) דער מחליט וועט פילן מער אחריות צו מקיים זיין החלטתו. ב) דורך דעם וועט צו־קומען אין אחדות ישראל — אחדות צווישן די אידן וואָס טוען די עבודה פון „הקהל״. ג) בשעת איינער זעט אַז אַ סך אַנדערע האָבן זיך פאַרשריבן — וועט עס אים מעודד זיין אין נעמען איינטייל אין דעם אַלעם. ד) ועיקר: דורך דעם וואָס יעדער יחיד פאַרבינדט זיך מיט אַ מקום מרכזי — קען דאָס און עס וועט אים אַרויסהעלפן אין זיינע פעולות אין מקיים זיין דעם „הקהל״, טאָמער דאַרף ער (און יעדערער דאַרף פון מאָל צו מאָל) אַן עצה טובה אָדער הילף אָדער עידוד וכיו״ב, קען ער זיך פאַרבינדן מיט דעם מרכז. כרגיל האָבן זיי מערערע מעגלעכקייטן אים אַרויסהעלפן, מערער פאַרבינדונ־גען, מומחים וכו׳.

אין דעם איז דאָ נאָך אַ תועלת: אויף די קאַרטלעך איז כדאי מציע זיין — אַז די וואָס ווילן, ערלויבן אַז דער ממונה אויף די קאַרט־לעך זאָל זיך מיט זיי פאַרבינדן מזמן לזמן, איין מאָל אַ חודש (וכיו״ב), און באַ זיי נאָכפרעגן ווי באַ זיי גייט די עבודה פון „הקהל״, און צי זיי דאַרפן האָבן הילף, אַן עצה, ווי צו פאַרשטאַרקן די פעולות א.ז.וו.

טז. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז הזריזות תשובח — במילא דאַרף צום אַלעם ערשטן יעדער מוסד, קהילה כו׳ אָנהויבן טאָן יעדערער פאַר זיך, און דורך דעם קען מען לייכטער ווירקן אַז די מענטשן פון דעם קרייז זאָלן אין דעם איינטייל נעמען.

דערנאָך זיך מצרף זיין מיט אַנדערע קהילות און מוסדות — וואָס דורך דעם קומט אויך צו אַ תועלת, אַז דאָס איז נאָכמער „ברוב עם״, במילא — גיט דאָס אויך צו עידוד וחיות צו יעדערן באַזונדער, וויסנדיק אַז ער איז אַ טייל פון אַ גרויסן „קהל״.

---

106) ודרך אגב — יש בזה גם המעלה (בנוגע לאלו שלא משתמשים עם שמם היהודי) — שעי״ז יתגלה (להם ולאחרים) שמם היהודי, כמבואר במדחז״ל המעלה דלא שינו את שמם (ויק״ר פל״ב, ה).

אין א שכונה וואו עס געפינען זיך א סך אידן — איז כאָטש אַז דאָרטן זיינען פאַראַן פאַרשידענע ארגונים, איז פאַראַן א תועלת אַז זיי זאָלן זיך אַלע מצרף זיין אין איין רשימה.

יז. בכדי אָריינציען וואָס מער אידן אין דעם ענין (אויך אַזוינע וואָס נעמען ניט איינטייל אין א מוסד אָדער קהילה כו׳) — איז כדאי אַז מ׳זאָל דאָס מפרסם זיין בכל מקום שאפשרי,

ובפרט — דורך אַריינשטעלן מודעות אין צייטונגען (הראויים לשמם) וועלכע קומען אָן צו אידן, און וועלכע ווערן געדרוקט אין טויזנטע עקזעמפּליאַרן, און דאָרטן אָפּדרוקן א פּאָר שורות וועגן דעם אינהאַלט פון דעם ענין, און אויך ביילייגן א קאַרטל וועלכער יעדערער קען אַרויסשניידן און אָפּשיקן צו דעם באַשטימטן מוסד א.ז.וו.

פאַרשטייט זיך, אַז בכדי דאָס טאָן באופן מסודר, דאַרפן די פאַר־שידענע ארגונים זיך צוזאַמענרעדן.

ולאידך — איז די הצעה גענומען און באַגרינדעט אויף דער מצוה פון הקהל אין תורה שבכתב, און באַגרינדעט אויף דעם גודל הענין פון אהבת ישראל און אחדות ישראל, וגודל כח הציבור וכו׳, און ליראה את ה׳ — וואָס דאָס אַלעס זיינען זאַכן וועלכע געהערן און זיינען שייך צו אַלע אידן אַן אויסנאָם, אַלע אידן האָבן די זעל־בע תורה, דעם זעלבן שולחן ערוך.

נאָר בכדי דאָס דורכפירן בפועל ובהצלחה יותר, דאַרפן זיך צו־זאַמענרעדן. און זיכער וועט מען דערנאָך זיך מצטרף זיין כנ״ל.

יח. ויהי רצון אַז דורך טאָן אין „הקהל את העם האנשים והנשים והטף״, כולל אויך דורך טאָן אין דעם לויט די אויבנגערעדטע הצעה, ובאופן פון הולך ומתפשט ונתגדל און דאָס וועט אַריינציען און מאחד זיין אַלס מערער און מערער אידן,

זאָל דאָס נאָכמער צואיילן דעם קיום וסיום פון דער הבטחה „ואתם תלוקטו לאחד אחד בני ישראל״[107] דורך דעם אויבערשטן, און עס וועט זיין „קהל גדול ישובו הנה״[108], און מ׳וועט אַריינ־טאַנצן לארצנו הקדושה, בירושלים עיר הקודש, בביהמ״ק השלישי, ויש לומר — אויך אין קדש הקדשים, ולא עכבן אפילו כהרף עין[109]. בשובה ובנחת תושעון[110] במהרה בימינו ממש.

---

107) ישעי׳ כז, יב.

108) ירמי׳ לא, ז.

109) מכילתא ופרש״י בא יב, מא.

110) ישעי׳ ל, טו. המשך וככה תרל״ז בסיומו.

SichosKodesh.com

השלמות לשיחה דלעיל

יט. [בענין "אמן" בגימטריא הוי' אד']:

און אין דעם ווארט "אמן" ווערט הוי' און אד' נתאחד בתכלית ההתאחדות – ניט נאר ווי שילוב הוי' באד' אדער שילוב אד' בהוי', וואס באשטייט פון נאר איין שם, נאר הוי' און אד' צוזאמען, ביז אז זיי שטייען אין א תיבה אחת ("אמן"), וואס באשטייט בכמות פון א סך ווייניקער אותיות ווי די אותיות פון שם הוי' און שם אד'.

און דער כח פון אמירת אמן גיט מען אפ יעדער איד באזונדער (כמדובר לעיל[1]) – דער כח צו מאחד זיין הוי' און אד', אזוי אז אויך למטה מטה זאל זיך הערן אחדות ה'[2].

ווי יעדער איד זאגט אין קריאת שמע[3] – "ה' אחד", אז מ'איז מגלה דער אל"ף פון אלופו של עולם אין ז' רקיעים וארץ (ח') און ד' רוחות העולם[4], ע"ד די עבודה פון הקהל – ממשיך זיין אחדות אין עלמא דפרודא.

און דאס קומט אראפ אין דער עבודה פון יעדער איד – "בכל לבבך – בשני יצריך"[5] (ע"ד הוי' ואד'), ביז "בכל מאדך".

ולהוסיף, אז די עבודה איז מרומז אין התחלת תושבע"פ[6] ("פירושה" פון תושב"כ) מיט דער משנה "מאימתי קורין את שמע בערבין משעה שהכהנים נכנסים כו'" (ווען די כהנים ווערן טהור בערב), אז סיי אין זמן ("מאימתי") און סיי אין מקום ("הכהנים נכנסים") הערט זיך אן דער ענין פון "שמע", אחדות ה'.

און בשעת מ'טוט די עבודה – איז הבא לטהר מסייעין אותו[7], "מסייעין" לשון רבים דוקא, "שהם ריבוי הניצוצות המתבררים על ידו כו'", "שהם העוזרים האמיתים של האדם" (כמבואר בדרושי הגאולה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[8]).

כ. און די עבודה פון "הקהל" בקב שלו – אויף וועלכע מ'באקומט כח אין דעם שבת – איילט נאכמער צו דער קיום פון מצות הקהל בפשטות, דורך מלך המשיח, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

1) שיחת ליל ב' דחג הסוכות. 2) ראה גם קונטרס משיחת ש"פ עקב, כ' מנ"א תשמ"ז ס"ה. 3) ואתחנן ו, ד. 4) ראה סמ"ק הובא בב"י או"ח סימן סא. שו"ע ודאדה"ז או"ח שם סעיף ו. לקו"ת תזריע כג, ג. וראה ברכות יג, ב. 5) ואתחנן ו, ה. משנה ברכות נד, א. ספרי ופרש"י עה"פ. 6) ריש מסכת ברכות. 7) שבת קד, א. 8) סד"ה הוי' לי בעוזרי תרפ"ז (סה"מ תרפ"ז ע' רח).

הנחה הת' בלתי מוגה

ובאופן פון "אחישנה"[9] שב"אחישנה", ולא עכבן אפילו כהרף עין[10], און מ'גיט א קוק זעט מען אז מ'געפינט זיך אין ארץ הקודש, "ארץ אשר גו' תמיד עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"[11], בירושלים עיר הקודש, על הר הקודש, אין בית המקדש און קדש הקדשים, צוזאמען מיטן ארון הקודש און די לוחות הברית שבתוכו,

ווי ס'איז מודגש אויך אין המשך הכתובים נאך "אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם"[12] – "לעברך בברית ה' אלקיך גו'"[13].

ובפשטות אז מ'האט דעם ארון און די לוחות אין קדש הקדשים, און דער עיקר – אז בכאו"א ווערט נתגלה בחי' קדש הקדשים שבו, און מ'טאַנצט לקבל פני משיח צדקנו, בביהמ"ק שבהר הקודש, בירושלים עיר הקודש, בארץ הקודש.

און עס ווערט דער הקהל גדול – "קהל גדול ישובו הנה"[14], "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[15], "האנשים והנשים והטף", ובמהרה בימינו ממש.

* * *

כא. מ'דארף באווארענען א טעות וואס אנדערע קענען האבן:

וויבאלד אז מ'רעדט צו א ריבוי אידן וועגן טאן אין "הקהל", קען מען זיך איינרעדן אז מ'קען יוצא זיין מיט דעם וואס אנדערע טוען אין דעם. בדוגמא ווי בא קידוש קען מען יוצא זיין דורך דעם וואס א צווייטער מאכט קידוש, ועד כדי כך אז מ'דארף אפילו ניט טועם זיין מן היין[16], אדער עכ"פ מיט א טעימה פון א פאָר טראָפּנס אין א קליין קעלעשיק[16], און מ'קען דאס טאן אין אן אופן אז קיינער זעט אים ניט...

דארף מען גלייך באווארענען, אז ערשטנ'ס – בכדי יוצא זיין, דארף מען האבן אז דער וואס טוט זאל מכוון זיין און אים וועלן יוצא זיין, און דער וואס איז יוצא זאל וועלן יוצא זיין[17]; משא"כ בנדו"ד איז מען בפירוש קיינעם ניט מוציא, נאר יעדערער דארף אליין טאן. [בשלמא אויב ער איז אן אנוס – איז אונס רחמנא פטרי'[18], אבער אויב ניט – איז מען אים בפירוש ניט מוציא].

9) ישעי' ס, כב. וראה סנהדרין צח, א. 10) ע"פ מכילתא ופרש"י בא יב, מא. 11) עקב יא, יב. 12) ר"פ נצבים (כט, ט). 13) שם, יא. 14) ירמי' לא, ז. 15) בא י, ט. 16) ראה שו"ע אדה"ז או"ח סרע"א סכ"ד-כה. 17) ראה שו"ע או"ח סרי"ג ס"ג. 18) ב"ק כח, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ועוד ועיקר: איצטער איז געווארן דער מצב בפועל במדינה זו (צי גוט, אדער ניט גוט, אבער אזוי איז דער מצב) – אז יעדערער האט א השפעה און איז מקבל השפעה פון אנדערע, בנוגע צו עניני פרנסה און כבוד גשמי וכו'. במילא דארף ער דאס זיכער אויסנוצן אויף דעם ענין פון "הקהל" – מקהיל זיין אידן.

כב. נוסף צו די אלע אויבנדערמאנטע מעלות אין דעם שבת, איז אויך דא די מעלה וואס מ'געפינט זיך אין א בית הכנסת ובית המדרש, און דערצו דארף מען דאך טראכטן אויך וועגן קיום הביהכנ"ס – אז נוסף צו דעם ענין פון "יששכר" דארף אויך זיין דער ענין פון "זבולון" וועלכע האלטן אויס דעם ביהכנ"ס.

דערפאר איז דער מנהג אין דעם שבת אז מ'זאל "פארקויפן" די מצוות, די עליות וכו' – בכדי שאפן געלט פאר קיום הביהכנ"ס.

וואס אע"פ אז שבת האט מען ניט צוטאן מיט קויפן און פארקויפן[19] – איז דאס אבער צרכי ציבור.

גיט מען איצטער איבער דער כח הדיבור ורשות הדיבור צו די וואס וואַרטן (דער גבאי כו') אויף "פארקויפן" די מצוות, וכרגיל – זאל ער פאר דעם זאגן "לחיים" און זאגן א "דבר תורה", און כרגיל – זאל ער אויך אנטאן א "שטריימל", וואס כאטש אז דאס איז ניט זיין לבוש הרגיל, איז אבער וויבאלד אז דאס איז געווארן מנהגן של ישראל, מאכט דאס אים פאר א "שטריימל איד", אז בכל עניניו האט ער ניט קיין שייכות מיט חול.

און כאטש אז ער פארנעמט זיך מיט "פארקויפן" מצוות – איז דאס אבער פארבונדן מיט צרכי צבור (כנ"ל), און דורך דעם ווערט אויפגעטאן אן ענין של צבור, כידוע וואס ס'שטייט אין ספרים[20] אז "צבור" איז ר"ת "צדיקים", "בינונים", און דער דריטער סוג, מיט א וא"ו המחבר ביניהם – זיי ווערן אלע נתאחד אין איין צבור.

ויה"ר אז דאס זאל זיין בהצלחה רבה ומופלגה, בפשטות – באקומען כסף וזהב לקיום הביהכנ"ס.

ביז אז מ'וועט בקרוב קומען צו די צייט ווען מ'וועט ניט דארפן אנקומען צו "פארקויפן" עליות, ווארום ס'וועט זיין זהב וכסף לרבו[21], עס וועט זיך גיסן כסף וזהב, במכ"ש דערפון וואס עסוועט זיך גיסן

19) ראה רמב"ם הל' שבת פכ"ג הי"ב ואילך. סוף הל' מכירה. טושו"ע חו"מ ס"ס רלה. שו"ע אדה"ז או"ח בש"ו ס"ד. שם סש"ז. בשל"ט ס"ה. ובכ"מ. 20) כבר לאדן להחיד"א לאבות פ"ב מ"ה. ועוד. 21) ע"פ זכרי' יד, יד.

נבואה, "אשפוך את רוחי על כל בשר ונבאו בניכם ובנותיכם"[22], עאכו"כ אז עס וועט זיך גיסן דער ענין העשירות[23] וואס איז תנאי (קודם) לנבואה[24].

און פון דעם צבור וועט מען קומען צו דעם צבור גדול פון "קהל גדול ישובו הנה", אלע אידן צוזאמען, סיי די וואס טראגן א שטריימל גשמי און סיי די וואס טראגן א שטריימל ברוחניות, און גיין לארצנו הקדושה, לירושלים עיר הקודש, לביהמ"ק השלישי, ולא עכבן אפילו כהרף עין.

[לאחרי "מכירת" המצוות התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל].

* * *

כג. ס'איז רגיל צו מבאר זיין אן ענין אין פירוש רש"י בפרשתנו, אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר דפרשתנו, און אן ענין אין די שיעורי תורה דיום זה, ובמיוחד - אין דעם שיעור היומי בספר משנה תורה להרמב"ם [ובפרט ווען מ'הויבט אן לייענען תורה שבכתב, פ' בראשית, וואס ספר משנה תורה קומט דאך בהמשך לזה, ווי דער רמב"ם שרייבט בהקדמתו לספרו].

בנוגע צו בריאת האור ביום ראשון שטייט אין פרשתנו[18]: "וירא אלקים את האור כי טוב ויבדל אלקים בין האור ובין החושך, ויקרא אלקים לאור יום ולחושך קרא לילה ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד".

ופרש"י[26]: "וירא אלקים את האור כי טוב - ולפי פשוטו כך פרשהו, ראהו כי טוב ואין נאה לו ולחשך שיהיו משתמשין בערבוביא, וקבע לזה תחומו ביום ולזה תחומו בלילה".

האט מען געפרעגט: ווייטער[27] לערנט מען אז ביום הרביעי זיינען באשאפן געווארן די "מאורות ברקיע השמים להבדיל בין היום ובין הלילה". היינט ווי איז געווען יום ולילה לפני זה, און וואס פאר א סוג אור ולילה איז דאס געווען - ווי איז דאס אנדערש פון דעם יום ולילה וואס איז געווארן ע"י המאורות ביום הרביעי?

בנוגע יום הרביעי איז רש"י מפרש: "להבדיל בין היום ובין הלילה - משנגנז האור הראשון, אבל בשבעת (נ"א בג'[28]) ימי בראשית שמשו האור והחושך הראשונים שניהם יחד בין ביום ובין בלילה".

22) יואל ג, א. 23) ראה גם רמב"ם סוף הל' מלכים. 24) נדרים לח, א. 25) בראשית א, ד-ה. 26) שם, ד. 27) שם, יד. 28) ראה לקו"ש חכ"ה ע' 4 הערה 24. וראה הנסמן בהערה 31.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

אבער לפי"ז ווערט לכאורה א סתירה צווישן דעם פרש"י מיט דעם פרש"י לעיל – אז "ראהו כי טוב ואין נאה לו ולחשך שיהיו משתמשין בערבוביא וקבע לזה תחומו ביום ולזה תחומו בלילה"?!

אויך דארף מען פארשטיין (וואס דאס האט מען ניט געפרעגט): אין פסוק שטייט דער לשון "ויקרא אלקים לאור יום ולחושך קרא לילה" – היינט וואס איז דער פירוש אין פסוק "ויהי ערב ויהי בוקר", וואס "ערב" און "בוקר" איז אן אנדער לשון פון "לילה" און "יום"?

וכפי שיתבאר לקמן.

כד. אין די הערות פון טאטן אויפן זהר פרשתנו שטעלט ער זיך[29] אויף דעם וואס עס שטייט אין זהר[30] וועגן הנהגת רשב"י וחבריו בליל שבועות: "ר' שמעון הוה יתיב ולעי באורייתא בליליא דכלה אתחברת בבעלה [דער נאכט פון חג השבועות – ווען ס'איז געווען דער יחוד פון הקב"ה וישראל], דתנינן כל אינון חברייא דבני היכלא דכלה אצטריכו בההיא ליליא דכלה אזדמנת למהוי ליומא אחרא גו חופה בבעלה למהוי עמה כל ליליא, ולמחדי עמה בתקונהא [ווי עס ווערט אנגערופן היינט – "תיקון ליל שבועות"] דאיהי אתתקנת למלעי באורייתא מתורה לנביאים ומנביאים לכתובים ובמדרשות דקראי וברזי דחכמהא בגין דאלין אינון תיקונין דילה ותכשיטהא", די תיקוני ותכשיטי כלה אלס הכנה צו יחוד חתן וכלה (הקב"ה וישראל) בא מתן תורה.

[ס'איז קיין פלא ניט וואס אין זהר פ' בראשית ברענגט זיך וועגן אן ענין פארבונדן מיט חג השבועות – ווייל עד"ז איז אויך אין פ' בראשית (בתושב"כ) וואו עס ברענגט זיך א ריבוי ענינים, ניט נאר וואס איז נוגע צו מעשה בראשית. ביז אז בהמשך הפרשה רעדט זיך וועגן די פאסירונגען א משך זמן ארוך נאך מעשה בראשית – אין די עשרה דורות בין אדם ונח, וואס איז העכער טויזנט יאר.

ביז אז עס רעדט זיך וועגן די ענינים במעשה בראשית וואס זיינען נוגע לדורות שלאח"ז – לדוגמא בענין האור: בתחלת הפרשה רעדט זיך וועגן דער אור שנברא ביום ראשון. אבער דערנאך איז דער אור נגנז געווארן, כידוע די פרטי הדיעות ווען דער אור איז נגנז געווארן[31], אבער לכולי עלמא האט דאס ניט משמש געווען נאך די ערשטע שבעת ימי בראשית; דערנאך רעדט זיך אין דער פרשה וועגן דער אור וואס איז איצטער משמש בעולם].

29) לקוטי לוי"צ לזהר – כרך א ע' ג. 30) ח"א ח, א. 31) ראה מפרשים לבראשית א, יד.

הנחת הת' בלתי מוגה

און דער טאטע איז מבאר כמה ענינים בזה ע"ד הקבלה, כדרכו אין זיינע הערות צו מבאר זיין די דיוקי הלשונות ע"פ קבלה, ובפרט קבלת האריז"ל כו'. אבער ניט ווי דער ענין איז אין עבודת האדם.

ויש לקשר זה מיט דעם ענין פון "הקהל":

אין דעם זהר רעדט זיך ווי רשב"י האט מקהיל געווען, צוזאמענגעקליבן, זיך צוזאמען מיט חברייא שלו - "הוה רבי שמעון וכלא חברייא כו'", מגדול ועד קטן שבחברייא - און האט מיט זיי געלערנט תורה;

און ער האט דערצו אויך מקהיל געווען אלע חלקים אין תורה - "מתורה לנביאים ומנביאים לכתובים ובמדרשות דקראי וברזי דחכמתא". וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט הקהל ואחדות ישראל - ווייל יעדער איד האט א חלק בתורה[32], כמ"ש[33] "ותן חלקנו בתורתך", ובפרט אין חכמת האמת ("רזי דחכמתא"), פנימיות התורה, וואס איז פארבונדן מיט מזל ופנימיות הנשמה.

מ'דארף נאך אבער פארשטיין דערפון די הוראה לכאו"א - ובקשר מיט פ' בראשית, וויבאלד אז דער זהר איז אין פ' בראשית. וכפי שיתבאר לקמן.

כה. מ'וועט זיך אויך אפשטעלן אויף אן ענין אין היינטיקן שיעור רמב"ם - וואס מ'האט דערמאנט נעכטן (שיחת יום שמחת תורה) בדרך אגב - בנוגע צו דיני גזלה, אין בזה גופא - אן ענין הכי עיקרי:

דער רמב"ם שרייבט[34] אז "כל הגוזל את חבירו שוה פרוטה כאילו נוטל נשמתו ממנו שנאמר[35] כן ארחות כל בוצע בצע את נפש גו'".

[מקורו פון רמב"ם איז דברי רבי יוחנן בסיום מס' בבא קמא[36]. אבער כדרכו ברענגט דער רמב"ם ניט אן ענין בשם אומרו].

דארף מען פארשטיין די הסברה וטעם אויף דעם דין - פארוואס איז "הגוזל את חבירו שוה פרוטה" אזא דבר חמור אז דאס ווערט פארעכנט "כאילו נוטל נשמתו"?

32) ראה שער הגלגולים הקדמה יז. הל' ת"ת לאדה"ז פ"א סוס"ד. ועוד. 33) אבות פ"ה מ"כ. וראה לקו"ש חי"ג ע' 118. 34) הל' גזילה ואבידה פ"א הי"ג. 35) משלי א, יט. 36) קיט, א - כגסמן במגיד משנה ובמגדל עוז כאן. ועוד.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

די קשיא ווערט נאך שטארקער: בהל' נזקי גוף[37] איז דער רמב"ם מאריך, אז מ'דארף אפשאצן וויפל דער נזק איז געווען, און אפשאצן ע"י המומחה, און לויט דעם דארף מען צאלן צער ריפוי שבת ובושת, ועאכו"כ דמי הנזק – אבער ניט מער דערפון. אויב דער נזק איז א שוה פרוטה – איז מען אלץ מתקן דורך אפצאלן א שוה פרוטה. משא"כ דא בא גזילת ממון (וואס איז לכאורה ווייניקער פאר נזקי גוף) זאגט דער רמב"ם בפשטות, אז "כל הגוזל את חבירו שוה פרוטה כאילו נוטל נשמתו ממנו"! און זאגט עס אן קיין אריכות, ולאידך – זאגט ער ניט אז מ'דארף דערביי אפצאלן צער ריפוי וכו', כאטש אז דאס איז "כאילו נוטל נשמתו ממנו"?!

[בשלמא דאס וואס דער אלטער רבי זאגט אין תניא[38], אז דורך צדקה אפילו פון א שוה פרוטה איז מען "נותן חיי נפשו" – איז פארשטאנדיק; אבער ווי קען מען זאגן אז "כל הגוזל את חבירו שוה פרוטה כאילו נוטל נשמתו ממנו"?].

דער רמב"ם ברענגט אויף דעם טאקע א פסוק (ווי די גמרא ברענגט דארט), אבער דער פסוק ברענגט ער אלס א ראי', ניט אלס א הסברה [כדרכו בכ"מ, אז ער ברענגט פסוקים אויף געוויסע דינים נאר אלס ראי' און ניט אלס הסברה, כדמוכח מזה וואס בכ"מ ברענגט ער פסוקים אויף חוקים, וואס האבן ניט קיין הסברה בשכל], ווייל אין פסוק דא שטייט ניט קיין הסברה פארוואס דאס איז "כאילו נוטל נשמתו".

בשלמא אויב עס וואלט געשטאנען "כאילו נוטל נשמתו" של הגוזל – וואלט מען דאס נאך געקענט מסביר זיין (בדוחק), ווייל דורך דעם חטא פון גזילה באקומט ער אן עונש בידי שמים "כאילו נוטל נשמתו" (ווי מ'געפינט עס ביי אנדערע חטאים); אבער פון רמב"ם איז מובן אז דאס רעדט זיך וועגן "נשמתו" של הנגזל.

בגליון הש"ס בב"ק שם צייכנט אן רבי עקיבא איגר צו תוספות אין מס' בבא מציעא נח, ב (ד"ה זה בגופו), וואס דארטן איז תוספות מסביר דער טעם להלכה זו (פארוואס הגוזל שוה פרוטה איז כאילו נוטל נשמתו): "היינו משום דפעמים רעב כבד ואין לו במה לקנות", במילא קומט אויס אז דאס איז "כאילו נוטל נשמתו".

אבער: א) מ'האט דעם כלל אז תורה על הרוב תדבר[39]. קען מען דאך ניט זאגן אז צוליב דער פאל אז "פעמים רעב כבד ואין לו במה לקנות" – וואס איז ניט בלויז ניט "על הרוב", נאר א מיעוטא דמיעוטא – זאל תורה פסק'נען בנוגע צו כל גזילה וגזילה, אז "כל הגוזל את חבירו שוה פרוטה כאילו נוטל נשמתו ממנו"?! ולהעיר אז

37) הל' חובל ומזיק. 38) פל"ז (מח, ב). 39) מו"נ ח"ג פל"ד.

הנחת הת' בלתי מוגה

אפילו ר' מאיר וואס חושש למיעוטא, איז אבער ל"מיעוטא דמיעוטא לא חייש"[40].

ב) לפי"ז האט דער זעלבער דין געדארפט זיין בא גניבה - ווייל אויך הגונב שוה פרוטה קען אנדירן אזא וואס "אין לו במה לקנות" בשעת א "רעב כבד".

כו. נוסף לזה דארף מען אויך ארויסנעמען אן ענין אין "לתקן הדעות וליישר כל המעשים" פון דעם דין אין רמב"ם.

ואע"פ אז דער עצם דין איז דער גרעסטער "לתקן הדעות ולישר כל המעשים" - פונדעסטוועגן דארף אין דעם גופא זיין א הוספה. ויש לקשר זה אויך מיט דעם ענין פון "הקהל", כדלקמן.

דער ענין אין "ליישר כל המעשים" שבזה איז מובן בפשטות:

אע"פ וואס עס רעדט זיך נאר וועגן א שוה פרוטה - דער שיעור הכי קטן ע"פ תורה,

[ואע"פ אז ווייניקער דערפון איז פחות משוה פרוטה - איז דאס אבער ניט קיין שיעור ע"פ תורה, וכמדובר אמאל[42] בנוגע צו דעם ענין פון "מאומה" וואס שטייט בא עבודה זרה[43], אז אין דעם זיינען פאראן צוויי אופנים: א) "מאומה" - וואס איז בכלל קיין שיעור ניט, און ב) אז זיין שיעור איז "מאומה"],

קען דאך איינער מיינען, אז ער דארף ניט אזוי מקפיד זיין וועגן גזל'ן א שוה פרוטה.

לערנט אים דער דין אין רמב"ם בנוגע "ליישר כל המעשים" שלו, אז ניט נאר וואס דאס איז נוגע, נאר דאס איז "כאילו נוטל נשמתו ממנו" - דער דבר הכי חמור!

דערצו איז אויך דא א לימוד אין "לתקן הדעות", ובקשר מיט "הקהל":

דער מקור אויף אן ענין של פירוד - איז מצד די חילוקי דיעות צווישן מענטשן, דאין דיעותיהן שוות כו'.

וואס בשעת מ'נוצט דאס אויס לשם שמים, ווי אין לימוד התורה לשם שמים - איז דאס א דבר טוב, און סוף סוף ברענגט דאס

39) מו"נ ח"ג פל"ד. 40) יבמות קיט, ריש ע"ב. וש"נ. 41) לשון הרמב"ם בסוף הל' תמורה. 42) לקו"ש תבוא תשמ"ה ס"ד. ועוד. 43) ראה יג, יח.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

דערנאך "את והב בסופה"[44]; אבער בלאו הכי קען דאס ברענגען צו פירוד הלבבות.

וואס דערצו איז די עצה - "לתקן הדעות": בפשטות - מתקן זיין די דיעה פון אזא וואס פעלט אין דיעה אדער זיין דיעה איז ניט בשלימות, אין עני אלא בדעת[45], און "דיעה קנית מה חסרת, דיעה חסרת מה קנית"[46]; און "לתקן הדעות" (ל' רבים) איז אויך כולל דער פירוש - אז מ'איז מאחד די דיעות (ל' רבים) פון צוויי (אדער פארשידענע) אידן (וועלכע זיינען מצ"ע באופן פון אין דיעותיהן שוות), וואס דורך דעם ווערן זיי נתאחד אין אן אופן פון "הקהל", און מיט אן אחדות הכי נעלית - כיתרון האהבה מתוך פירוד.

און אין דעם גופא קומט צו דער לימוד פון דעם דין אין רמב"ם, אז התאחדות הדיעות דארף זיין עד כדי כך, אז אפילו א שוה פרוטה פון א צווייטן דארף זיין נוגע מיט דעם זעלבן תוקף ווי "נוטל נשמתו". ועאכו"כ אז דאס פועל'ט אן אחדות צווישן אלע סוגים פון אידן - א גדול שבגדולים מיט א קטן שבקטנים, ווארום ער פארדעכנט יעדער דבר קטן (אפילו א שוה פרוטה) ווי אן ענין הכי גדול.

כז. דער ענין האחדות צווישן אידן ווערט ספעציעל אויפגעטאן אין בית הכנסת ובית המדרש.

דערפאר איז כאן הזמן - אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה צוליב פעולות אין "הקהל", אדער א "בית חב"ד" וכיו"ב - זאלן ארויפגיין זאגן "לחיים" און מכריז זיין ומזמין זיין די מסובים כאן און דערנאך טיילן א טייל דערפון דא בתור התחלה.

און דאס וועט נאכמער צוגעבן אין אחדות ישראל און "הקהל" פון אלע ענינים, בפרט דורך מאכן פון יעדער הויז און חדר א "מקדש מעט", א בית מלא ספרים ובית מלא צדקה וכו', און גלייך ווי מ'גייט אהינצו אריין - זעט מען אז עס שטייט "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", און אויך דער סך-הכל וסיום איז מיט קריאת שמע ישראל; און דערצו איז אויך דא א מזוזה אויפן טיר, וואס טוט אויף דער "ה' ישמר צאתך ובואך מעתה ועד עולם"[47], ביז ווי עס שטייט אין זהר[48] א דבר נפלא - אז דאס היט א איד אפילו ווען ער איז מחוץ לבית.

44) חוקת כא, יד. קידושין ל, ב. 45) נדרים מא, א. זח"ג רעג, ב. וראה כתובות סח, א. 46) ויק"ר פ"א, ו. 47) תהלים קכא, ה. 48) ח"ג רסג, ב. וראה גם לקו"ש חי"ט ע' 121 ואילך.

הנחת הת' בלתי מוגה

ויה"ר אז דאס זאל זיין א הכנה קרובה צו דעם הקהל גדול, "קהל גדול ישובו הנה", בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ולא עכבן אפילו כהרף עין, תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "והריקותי לכם ברכה"].

* * *

כח. דער ביאור בפרש"י:

איינער פון די כללים אין פרש"י איז, אז רש"י איז מפרש יעדער ענין לויט ווי דער פירוש קומט אויס ע"ד הפשט אין דעם פסוק על אתר, ניט ווי דער פירוש איז אין אן אנדער ארט. ד.ה. אז אין איין ארט קען ער מפרש זיין א פירוש באופן אחד - לויט ווי עס קומט אויס במקום זה, און אין א צווייטן ארט קען ער מפרש זיין באופן שני - ווארום אזוי קומט אויס דארטן ע"ד הפשט.

נאך א כלל אין רש"י איז, אז כל זמן מ'האלט אינמיטן אן ענין, באווארנט ער ניט ענינים און פרטים וואס דער בן חמש וועט לערנען בהמשך הענין, ווייל דער בן חמש קומט ניט צו קיינע מסקנות ביז ער איז מסיים דעם ענין.

דאס וואס מ'געפינט בכ"מ אז רש"י ברענגט אין זיין פירוש פסוקים וואס שטייען אין כמה פרשיות שלאחרי זה, ביז פון פסוקים בנביאים וכתובים, ומדרשי חז"ל אין תושבע"פ - איז דאס בכדי צו שולל זיין א טעות וואס קען ווערן באם בן חמש למקרא לערנענדיק דעם ענין על אתר; במה דברים אמורים - בשעת דער פסוק און ענין איז כמה פרשיות לאחרי זה אדער גאר אין נ"ך כו', וואס ביז דער בן חמש וועט דאס לערנען וועט נעמען א משך זמן; בשעת אבער עס רעדט זיך אבער אין איין פרשה און איין המשך - דארף עס רש"י ניט באווארענען, ווייל דער בן חמש וואַרט ביז ער איז מסיים דעם ענין.

עד"ז וועט מען אויך פארשטיין בעניננו:

פון פשטות הכתוב (על אתר) "וירא אלקים את האור כי טוב ויבדל גו'" קומט אויס - אז "ראהו כי טוב ואין נאה לו ולחשך שיהיו משתמשין בערבוביא וקבע לזה תחומו ביום ולזה תחומו בלילה";

בשעת מ'לערנט אבער דערנאך דעם פסוק אז די מאורות זיינען באשאפן געווארן ביום הרביעי "להבדיל בין היום ובין הלילה" קומט אויס דער פירוש - אז דער "להבדיל" איז "משנגנז האור הראשון,

הנחה הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

אבל בג' ימי בראשית שמשו האור והחושך הראשונים שניהם יחד בין ביום ובין בלילה".

ד.ה. בשעת דער בן חמש לערנט דעם ערשטן פסוק, איז אים רש"י מפרש דער פירוש ווי דאס קומט אויס על אתר. ער דארף אים אבער ניט באווארענען דאס וואס ער וועט באלד אליין לייענען בהמשך הענין, אז דער פירוש בזה איז ניט אז דער אויבערשטער האט גלייך (ביום ראשון) געמאכט די הבדלה בין אור לחושך, נאר אז "בג' ימי בראשית שמשו האור והחושך הראשונים שניהם יחד בין ביום ובין בלילה", אור וחושך משתמשין בערבוביא, און ערשט נאך נטילת המאורות ביום הרביעי איז געווארן דער "להבדיל בין היום ובין הלילה".

און באם בן חמש איז קיין שאלה ניט פון דעם וואס רש"י זאגט "ראהו כי טוב ואין נאה לו ולחשך שיהיו משתמשין בערבוביא וקבע לזה תחומו ביום ולזה תחומו בלילה" (היינט ווי קענען זיי בכלל משמש זיין בערבוביא, אפילו נאר די ערשטע ג' ימים) - ווייל ער פארשטייט בפשטות אז אמאל טוט מען א זאך באופן עראי, אע"פ וואס באופן קבוע דארף עס זיין באופן אחר. לדוגמא: א זאך וואס באלאנגט אין א גאלדענע קעסטל - לייגט מען אמאל לזמן קצר אין א צווייטן ארט. ועד"ז בעניננו: בעצם איז "אין נאה לו ולחשך שיהיו משתמשין בערבוביא", אבער לזמן קצר, באופן עראי (ג' ימים) איז דאס אזוי געווען, ביז יום רביעי ווען ס'איז געווארן בפועל דער "להבדיל בין היום ובין הלילה".

כט. דערביי דארף מען נאך האבן א ביאור פאר א בן חמש, ווי איז שייך אז עס זאל זיין אור וחושך משתמשין בערבוביא[49] - דער בן חמש זעט דאך בפשטות אז בשעת מ'צינדט אן א קליינע ליכט אין א ווינקל פון א פינסטערן צימער, איז דאס דוחה דעם חושך פון צימער?

ויש לומר הביאור בזה: שיטת רש"י ע"ד הפשט איז, אז חושך איז (ניט בלויז העדר האור, נאר) א בריאה בפ"ע[50] (כמובן פון לשון רש"י "שמשו האור והחושך הראשונים", אע"פ וואס אין פסוק שטייט בריאה בפירוש נאר לגבי אור). און וויבאלד אז ס'איז א בריאה בפ"ע, אזוי ווי אור איז א בריאה בפ"ע - איז שייך אז מ'זאל זיי צוזאמענמישן - ע"ד ווי דער בן חמש זעט בא זיך אליין, אז אע"פ וואס א דבר מתוק און א דבר מר זיינען הפכיים, קען מען זיי צוזאמענמישן, אזוי אז איין חלק דערפון איז מתוק און דער צווייטער חלק - מר.

49) ראה גם שיחת ש"פ בראשית תשמ"ו. 50) ראה גם סה"מ תרפ"ח ע' קנג הערה 2. לקו"ש ח"י ע' 180.

הנחת הת' בלתי מוגה

אי איז די שאלה - וואס הייסט אז חושך איז א מציאות און א בריאה בפ"ע - איז דאס א שקו"ט אין ספרי חקירה, ואין להאריך בזה, ובפרט אז מ'דארף נאך טראכטן וועגן דאוונען מנחה.

ל. דאס וואס רש"י איז ניט מפרש דער חילוק צווישן "יום" און "לילה" און "ערב" און "בוקר" - איז דאס דערפאר וואס דער פסוק איז דאס ניט מפרש. וואס דערפון איז מובן אז דער חילוק איז ניט נוגע ע"ד הפשט.

ועפ"ז וועט מען פארשטיין נאך כמה דיוקים.

לא. דער לימוד אין עבודת ה' פון דער ענין אין זהר, ובקשר מיט "בראשית":

בשעת א איד האלט "בראשית" דרכו בתחלת השנה, ווען עס ווערט "בראשית ברא גו' את השמים ואת הארץ" שלו הפרטיים, ד.ה. ווען ער האלט ביי ארייננגיין אין א נייעם יאר און א נייע עבודה - דארף ער צוזאמענקלייבן אלע חלקי התורה השייכים לו, וואס דאס זיינען אלע חלקים פון תורה בכלל - ווי דער אלטער רבי פסק'נט אין הל' תלמוד תורה[51], אז יעדער איד איז מחוייב לערנען אלע חלקי התורה, פשט רמז דרוש סוד.

און אע"פ אז ער שרייבט דארט אז אויב מ'לערנט ניט כל חלקי התורה בגלגול זה "צריך לבוא בגלגול עד שישיג וידע כל מה שאפשר לנשמתו להשיג" [ווארום רוב הנשמות בדורנו זה זיינען ניט קיין נשמות חדשות, חוץ פון יחידי סגולה] - איז פארשטאנדיק אז ס'איז א טפשות צו זיך פארלאזן אויף א גלגול.

ובפרט בדורנו זה - דער דור האחרון אין גלות - קען מען זיך דאך שוין מערניט פארלאזן אויף א גלגול שלאח"ז. און פארלאזן זיך אויף א גלגול שלפנ"ז - איז כאמור, א טפשות שאין כמוהה, טפשות אפילו ע"פ שכל הטבעי ואפילו פארן שכל פון נה"ב! דער איינציקער טעם פארוואס ער וויל זיך פארלאזן אויף א גלגול - איז ווייל ער וויל שלאפן!...

עאכו"כ בדורנו זה - ווען אט אט קומט משיח, און עס וועלן מערניט זיין קיינע גלגולים, כנ"ל.

במילא כאפט אריין אידן אין די לעצטע רגעים פון גלות, ובפרט אז דער אויבערשטער האט שוין אנגעהויבן, און האלט אינמיטן און האלט אויך בא מסיים זיין - דעם "ואתם תלוקטו לאחד אחד בני

51) נסמן לעיל הערה 32.

SichosKodesh.com

ישראל", אזוי אז עס וועט ניט בלייבן קיין איין און איינציקער איד אין גלות, נאר אלע וועלן גיין אין איין הקהל.

ומתוך שמחה וטוב לבב – מיט א ריקוד וואס הויבט זיך אן אין דעם ביהכנ"ס וביהמ"ד פון נשיא דורנו, און מ'איז ממשיך דער ריקוד בביאת משיח צדקנו אין ארצנו הקדושה, ביז באופן פון "ירחיב ה' אלקיך את גבולך"[52],

און דארטן גופא – אין ירושלים עיר הקודש, עיר שחוברה לה יחדיו[53], ולביהמ"ק השלישי, ולקדש הקדשים,

און מ'וועט זען דעם אויבערשטן "פנים בפנים"[54], כדרך שבא לראות כך בא ליראות וכו'[55],

ולא עכבן אפילו כהרף עין, במהרה בימינו ממש ממש.

' י המזונות להר"ר מ.י. שיחי' (עבור האורחים שיחיו).

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

לאחרי תפלת מנחה התחיל לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל.

------ * ------

52) ראה יב, כ. שופטים יט, ח. 53) תהלים קכב, ג. וראה ירושלמי חגיגה פ"ג ה"ו. 54) ע"פ ואתחנן ה, ד. 55) חגיגה ב, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

לזכות

הילד יעקב עקיבא שיחי'

לאורך ימים ושנים טובות

לרגלי הכנסו לבריתו של א"א ע"ה

יום א', ב' דחול המועד סוכות, י"ח תשרי

תהא שנת חירות משיח

ולזכות אחותו

רבקה תחי'

נדפס ע"י הוריהם

הרה"ת ר' חיים גרשון וזוגתו מרת חנה שיחיו שטיינמעץ

וזקניהם שיחיו

שיחת

ש"פ נח, בדר"ח חשון

ה'תשמ"ח



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה

SichosKodesh.com

מפתח

בס"ד. משיחת ש"פ נח,
ב' דראש חודש מרחשון ה'תשמ"ח.

א. ס'איז באַוואוסט דער מנהג וואָס איז לעצטנס איינגעפירט געוואָרן אין כמה תפוצות ישראל, והולך ומתפשט, אַז מ'זאָל לערנען יעדן טאָג אַ שיעור אין ספר משנה תורה להרמב"ם, ווי ער איז פאַנאַנדערגעטיילט אויף דריי פרקים אַ טאָג[2], אַזוי אַז במשך פון אַ יאָר לערך זאָל מען פאַרענדיקן דעם גאַנצן ספר, וועלכער איז „מקבץ לתורה שבעל פה כולה"[3].

דערפאַר וועט מען מבאר זיין לפענ"ד אַן ענין אין היינטיקן שיעור רמב"ם: און לויט דעם וואָס דער רמב"ם שרייבט[4], אַז „רוב דיני התורה אינן אלא כו' לתקן הדעות וליישר כל המעשים" — אויך אַרויסנעמען אַ לימוד פון דעם שיעור רמב"ם אין „לתקן הדעות" און „ליישר המעשים" (אין צוגאָב כפשוט צו מקיים זיין דעם דין בפשטות).

און וויבאַלד אַז יעדער זאַך איז בהשגחה פרטית, און זיכער בנוגע צו אַ שיעור אין תורה פון כמה וכמה מישראל — דאַרף מען זאָגן, אַז אין און פון דעם שיעור קען מען אויך אַרויסנעמען אַ לימוד פאַרבונדן מיט דער צייט ווען מ'לערנט דעם שיעור, אין אונזער פאַל — שבת פ' נח פון אַ שנת הקהל.

ב. אין היינטיקן שיעור רמב"ם[5] — לערנט מען[6]: „כל המכה אדם כשר מישראל בין קטן בין גדול בין איש ובין אשה דרך נציון הרי זה עובר בלא תעשה כו'"[7]. ובהלכה שלאחרי זה[*7]: „אפילו להגבי' ידו על חבירו אסור, וכל המגבי' ידו על חבירו אע"פ שלא הכהו הרי זה[8] רשע"[9].

דער מקור פון (די צווייטע הלכה אין) רמב"ם איז אין גמרא[10]: „אמר ריש לקיש המגבי' ידו על חבירו אע"פ שלא הכהו נקרא

---

1) ראה קונטרס משיחות אחש"פ (והתוועדויות שלאח"ז) תשד"מ. ועוד.

2) ואלה שאי אפשר להם מפני איזו סיבות ללמוד ג' פרקים בכל יום — לומדים פרק אחד ליום כדי לסיימו במשך שלש שנים. ואלה שאינם שייכים ללימוד ספר משנה תורה (מפני איזו סיבות) לומדים ספר המצות להרמב"ם באופן אשר השיעור היומי בסהמ"צ יהי' במצות המקבילות לשיעור היומי של ספר משנה תורה כפי שנחלק לשנה אחת.

3) לשון הרמב"ם בהקדמתו לספר היד.

4) בסוף הל' תמורה.

5) הל' חובל ומזיק פ"ד-ו (לפי חלוקת הרמב"ם בהשיעור יומי — ג' פרקים ליום).

6) שם פ"ה ה"א.

7) וראה גם רמב"ם הל' סנהדרין ספט"ז. טושו"ע חו"מ סת"כ ס"א. שו"ע אדה"ז חו"מ הל' נזקי גוף ונפש ס"א.

*7) הלכה ב.

8) בכמה כת"י: הרי זה נקרא רשע (ראה רמב"ם הוצאת פרנקל בשינויי נוסחאות).

9) וכ"ה בטושו"ע ושו"ע אדה"ז שם.

10) סנהדרין נח, ב. וראה גם שמו"ר פ"א, כט. במדב"ר פי"ח, יב. זח"א נז, א.

SichosKodesh.com

רשע", און די גמרא גיט צו אַ ראַי': „שנאמר[11] ויאמר לרשע למה תכה רעך, למה הכית לא נאמר אלא למה תכה, אע"פ שלא הכהו נקרא רשע"[12].

ווי דער רמב"ם ברענגט אַראָפּ אויך אין ספר המצוות שלו[12*]: „וכבר הזהירנו מלרמוז להכות אפילו לא יכה, אמרו כל המגבי' ידו על חבירו נקרא רשע שנאמר ויאמר לרשע למה תכה רעך".

דאַרף מען פאַרשטיין:

א) אין דיני התורה איז דאָ אַ כלל אַז מ'איז ניט מעניש און מ'איז ניט דן אַן אדם אויף אַ מחשבה וכוונה בלתי רצוי', נאָר דוקא בשעת דאָס קומט אַרויס אין מעשה בפועל.

ווערט די שאלה אין דער הלכה: וואָס איז דער טעם אויף זאָגן אַז „כל המגבי' ידו על חבירו אע"פ שלא הכהו הרי זה רשע" — ער האָט דאָך אים בפועל ניט מזיק געווען, ניט בגופו און ניט בממונו. אמת טאַקע, ער האָט בפועל (ניט נאָר במחשבה וכוונה) אויפגעהויבן אַ האַנט, אָבער די הכאה איז געבליבן אין מחשבה וכוונה און ניט אַרויס בפועל [וואָס דערפאַר איז ער ניט מחוייב במלקות[13], ווייל ער האָט ניט מזיק געווען בפועל].

[נאָכמער: אין אדם יודע מה בלבו של חבירו[14] — איז כל זמן וואָס די הכאה איז ניט אַרויס בפועל, קען מען דאָך ניט וויסן בודאות זיין כוונה אמתית[15]. ועוד: אמחז"ל אין אדם משים עצמו רשע[15*], אפילו ווען ער זאָגט עס בפירוש?].

בשלמא אין גמרא, קען מען זאָגן (בדוחק) אַז „נקרא רשע" איז ניט להלכה[16], און לויט דעם קען מען איינלערנען, אַז „נקרא רשע", ווייל „הזהירנו מלרמוז להכות", בכדי אָפּהיטן אַז מ'זאָל ניט קומען לידי הכאה בפועל: אָבער אין רמב"ם איז דאָס דאָך להלכה, וראה במפרשים[17], אַז דערפאַר איז ער פסול לעדות ולשבועה.

ווערט די שאלה כנ"ל: ווי קען מען אים מאַכן פאַר אַ רשע הפסול לעדות ולשבועה — בשעת ער האָט נאָר מגבי' געווען ידו און „לא הכהו" בפועל?

---

11) שמות ב, יג.

12) דלא כמאחז"ל עה"פ ויאמר לרשע למה תכה רעך — מיכן אתה למד שכל מי שהוא מכה לחבירו נקרא רשע (הובא בתורה שלימה עה"פ אות קיא. וש"נ). וראה לקמן הערה 33.

12*) מל"ת ש.

13) שו"ת מהרי"ט אהע"ז סי' מג.

14) פסחים נד, ריש ע"ב.

15) ואף שאין לדיין אלא מה שעיניו רואות (ב"ב קלא, רע"א. וש"נ) — הרי כאן לא רואין שום הכאה, כ"א רק הגבהת יד.

15*) סנהדרין ט, סע"ב.

16) וכן בהראי' מהכתוב „ויאמר לרשע למה תכה רעך" — אפשר לומר שאף שנקרא רשע, אי"ז להלכה בפועל. וגם הי' לפני מ"ת.

17) ראב"ן לסנהדרין נח, ב הובא בהגהות מיימוניות לרמב"ם כאן. מרדכי ב"ק פרק ח סי' קב. וכן הובא להלכה ברמ"א חו"מ סל"ד ס"ד: פסול לעדות מדרבנן.

ב) ווי איז אַ ראַי' פון פסוק „ויאמר לרשע למה תכה רעך" אַז „המגבי' ידו על חבירו כו' הרי זה רשע" — אין פסוק ווערט אינ־גאַנצן ניט דערמאָנט „יד" און פשיטא ניט „הגבהת יד"?

ג) וואָס איז דער דיוק „המגבי' ידו על חבירו" — צי דען איז דער דין אַנדערש באַ הבועטו ברגלו?! ובפרט אַז אין פסוק („ויאמר לרשע למה תכה רעך") ווערט ניט דערמאָנט יד. פון פסוק האָט מען נאָר אַ ראַי' אַז „אע"פ שלא הכהו נקרא רשע", צי דאָס איז ביד אָדער ברגל וכיו"ב — האָט דאָך לויט דעם געדאַרפט שטיין אין דער הלכה סתם „כל המכוון להכות את חבירו אע"פ שלא הכהו הרי זה רשע".

די קשיא ווערט נאָך שטאַרקער: אין דער הלכה שלפני זה שרייבט דער רמב"ם סתם „כל המכה כו'" (ניט „כל המכה בידו כו'"). און דער טעם לזה קען מען זאָגן אויף צוויי אופנים: א) דער דין איז ניט דוקא באַ המכה בידו, נאָר אויך באַ המכה ברגלו וכיו"ב. ב) תורה על הרוב תדבר[18] — וע"פ רוב איז הכאה ביד, דערפאַר דאַרף עס דער רמב"ם ניט אויסטייטשן.

בכל אופן (לויטביידע אופנים) ווערט פאַרשטאַרקט די קשיא: וויבאַלד אַז דער רמב"ם שרייבט סתם באַ הכאה — פאַרוואָס איז ער משנה גלייך בהמשך הענין.

ג. ויש לומר אַז דער ביאור בזה איז פאַרשטאַנדיק פון דעם לשון „המגבי' את ידו":

ביי אַ בן אדם זעט מען אַ חילוק עיקרי צווישן די ידים און די רגלים (ושאר חלקי הגוף): רוב ועיקר פעולות האדם אין תיקון עשיית מלאכה ובנין וכו' — איז דורך די ידים. עד"ז אין פאַרקערטן קצה — היזק והיפך התיקון איז בעיקר דורך די ידים[20] (כנ"ל אַז הכאה ע"פ רוב איז מיט די ידים). משא"כ די רגלים — זיינען (בעיקר) צוליב הליכה, גיין פון איין אָרט צום צווייטן, ניט צוליב תיקון ובנין אָדער היזק והכאה. און דער אונטערשייד צווישן זיי איז מצד דעם חילוק אין זייער צורה און מקומם בהגוף: די ידים זיינען באמצע הגוף (סמוך להראש), און האָבן ה' אצבעות צוגע־פאַסט אויף טאָן פאַרשידענע מלאכות[19]; משא"כ די רגלים זיינען בסוף הגוף, און זיי (און זייערע אצבעות) זיינען להליכה[20*].

---

18) ראה מו"נ ח"ג פל"ד.

19) להעיר ממדחז"ל עה"פ (בראשית ה, כט) „נח . . ינחמנו וגו'": כל הנולדים קודם נח היו ידיהם אדוקות שלימות מבלי פירוד וחילוק אצבעות, כי לא היו צריכים לעבוד אדמה, ונח נולד עם חתוך אצבעות (פענח רזא עה"פ בשם מדרש אבכיר. הובא בתורה שלימה עה"פ. וראה בהערה שם).

20) משא"כ בבהמה וחי' — אין חילוק (כמעט) בין ידים לרגלים, היזק נעשה ע"י שניהם, או ע"י שיניים או קרניים וכיו"ב.

20*) דריסת זיתים וכיו"ב היא ברגלים, אבל דורסים הנ"ל הם מיעוטא דמיעוטא, לא מצינו בזה תועלת כלל מהאצבעים וחיתוך שלהם. ועוד.

SichosKodesh.com

אַזוי איז אויך פאַרשטאַנדיק בנוגע תכלית בריאת האדם[21]:

כאָטש אַז די גאַנצע מציאות וגוף פון אַ אידן איז באַשאַפן געוואָרן „לשמש את קוני"[22], איז דאָס אָבער שטאַרקער בהדגשה אין יד האדם מער ווי אין רגלו (ושאר חלקי הגוף):

דער יד האדם איז באַשאַפן געוואָרן צוליב מקיים זיין (מיטן יד) מצוות, בלשון פון דעם אַלטן רבי'ן[23] — „היד המחלקת צדקה או עושה מצוה אחרת". ווי מ'זעט בפשטות — אַז רוב המצוות (גשמיים) ווערן געטאָן דורך די ידים [ועד"ז איז אויך אין דעם פאַרקערטן קצה — אַז רוב העבירות ועניני היזק ר"ל ווערן געטאָן דורך די ידים][24].

משא"כ די רגלים זיינען בעיקר צוליב הליכה — זיי ווערן ניט (אַזוי) גענוצט אויף קיום המצוות (והפכם). בסגנון אחר — די רגלים זיינען בדרגת רשות. ויתרה מזה — הכנה והכשר מצוה או להפכה: „רגלים מהלכות לדבר מצוה"[25], ובלשון המשנה[26] „הוי רץ למצוה קלה ובורח מן העבירה" — מ'קען זיי נוצן אויף גיין לדבר מצוה אָדער לדבר עבירה ח"ו; משא"כ די ידים גיבן צדקה און טוען כו"כ מצוות.

נאָכמער: ס'איז ידוע די תורה פון בעש"ט[27], אַז עס קומט אַראָפּ אַ נשמה אויף דער וועלט און לעבט אָפּ זיבעציק אַכציק יאָר צוליב טאָן אַ אידן אַ טובה. דאָס הייסט, אַז כאָטש ער איז זיכער מחוייב און מקיים אַלע מצוות — איז אָבער תכלית ועיקר ירידת נשמתו בהגוף צוליב אַ טובה טאָן אַ אידן, ובדרך ממילא ומסובב — איז ער דעמולט מחוייב ומקיים אַנדערע מצוות.

און מ'זעט בפשטות, אַז טאָן אַ טובה הכי גדולה אַ אידן, החיית נפשו, איז דורך צדקה, צדקה בידים.

עפכ"ז קומט אויס, אַז די ידים דריקן אויס תכלית בריאת האדם לשמש את קונו מער ווי דורך רגלים און אַנדערע אברי הגוף.

ועד"ז איז פאַרשטאַנדיק לאידך גיסא: אע"פ אַז בשעת אַ איד איז עובר אויף איזה עבירה שתהי' און מיט וועלכן טייל גוף עס זאָל זיין ר"ל, רירט עס אָן און דאָס איז אנטקעגן תכלית בריאתו „לשמש את קוני" בכלל — איז דער ענין נאָך שטאַרקער בהדגשה ווען דאָס איז

---

21) שמזה נשתלשל החילוק גשמי בין הידים והרגלים.

22) משנה ובריי׳תא סוף קידושין.

23) תניא פכ"ג (כח, ב).

24) ראה ספר חרדים (פ"ה־ו במ"ע ובמל"ת) דישנם הרבה יותר מצות התלויות בידים משיש ברגלים. וברגלים רק הכנה והכשר למצוה. ועי"ד עלי׳ לרגל — שהמצוה היא יראה כל זכורך גר. אבל להעיר ממצות חליצה. ואכ"מ.

25) תניא שם.

26) אבות פ"ד מ"ב. ועד"ז אמחז"ל: מצוה לרוץ לבית הכנסת וכן לכל דבר מצוה (שו"ע או"ח ס"צ סי"ב. שו"ע אדה"ז שם ס׳ ג. ע"פ ברכות ו, ב ובר"י"ף שם). וראה גם ספר חרדים שם (פ"ו).

27) „היום יום" כה אייר. לקו"ד ח"ג תקסג, ב ואילך. לקו"ש חכ"ה ע׳ 389. וש"נ.

אַ פעולה וואָס ער טוט מיט זיינע ידים, אין וועלכע עס שטייט מער בגלוי דער תכלית — לשמש את קונו.

ד. דערמיט וועט מען פאַרשטיין די האַרבקייט פון „המגבי' ידו על חבירו”:

דער איסור אין „המגבי' ידו על חבירו” איז ניט (נאָר) ווייל דאָס קען ברענגען צו (אַ צווייטע זאַך —) הכאה, נאָר מצד דעם ענין אַליין פון „המגבי' ידו על חבירו אע״פ שלא הכהו”: בשעת איינער נעמט זיין יד, וועלכער איז באַשאַפן געוואָרן בכדי טאָן מצוות, אַרויסהעלפן אַ צווייטן וכיו״ב, און איז אים „מגבי' . . על חבירו” — איז ער מהפך, ער קערט איבער דעם טבע פון מציאות היד, וואָס תכלית בריאתו איז טאָן מצוות.

און דערפאַר פסק'נט מען אַז „הרי זה רשע”, און ער איז פסול לעדות ולשבועה — ווייל דער פסול איז ניט צוליב זיין מחשבה וכוונה אויף הכאת חבירו, נאָר צוליב דעם עצם ענין פון „מגבי' ידו על חבירו”, אויסנוצן זיין יד אויף אַ פאַרקערטער זאַך פון דעם צוליב וועלכער דער יד איז באַשאַפן געוואָרן.

דערמיט איז אויך מובן דער תואר „הרי זה רשע”:

„רשע” איז אַזאַ וואָס איז מהפך, גייט אַנטקעגן, זיין אייגענעם טבע (פון תכלית בריאתו[28]). ער איז באַשאַפן געוואָרן לשמש את קונו, און ער טוט פאַרקערט. וואָס דערפאַר זאָגן חז״ל[29] אַז „אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות” — דאָס איז היפך השכל, היפך טבע האדם.

[דאָס איז אויך מתאים מיט דעם וואָרט „רשע”, וואָס ווערט אַמאָל גענוצט בלשון הצלחה ונצחון — אַן ענין פון שינוי הטבע וה־רגילות, ווי „ובכל אשר יפנה ירשיע”[30] — „ינצח”[31], „יצליח”[32]].

און דער ענין פון „רשע” איז ספּעציעל אונטערשטראָכן ביי „המגבי' ידו על חבירו”, ווייל אין דעם זעט מען אָן מער בגלוי דעם ענין פון „רשע” — ווי ער איז משנה ומהפך תכלית בריאת הידים (וועלכע זיינען באַשאַפן געוואָרן צו טאָן מצוות און אַ טובה צו אַ צווייטן אידן).

ה. לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין דעם חילוק צווישן די ערשטע הלכה „המכה אדם כו' הרי זה עובר בלא תעשה”, און די צווייטע הלכה „וכל המגבי' את ידו על חבירו אע״פ שלא הכהו הרי זה רשע”:

28) ראה גם רמב״ם הל' גירושין ספ״ב דכאו״א מישראל ריצה „לעשות כל המצות ולהתרחק מן העבירות כו'”.

29) סוטה ג, א. וראה חדא״ג מהרש״א שם. קונטרס ומעין מאמר א רפ״א, ועוד.

30) שמואל א יד, מז.

31) פסיקתא דר״כ פ' החידש (מה, ב — בהוצאת באָבער). במדב״ר פי״א, ג.

32) ראה סנהדרין צג, ב (ובחדא״ג שם ד״ה לא אמרו). מפרשים לשמואל א שם.

„המכה אדם״ איז אַ לאו בנוגע אַן אַנדערן, אַז מ׳טאָר ניט מזיק זיין אַ צווייטן. דערפאַר איז אין דעם ניטאָ קיין נפק״מ צי די הכאה איז בידו, אָדער ברגלו אָדער מיט אַן אַנדער חלק בגוף.

דערביי רופט מען אים אָבער ניט (אין דער הלכה) „רשע״, ווייל דאָ רעדט זיך וועגן זיין הנהגה לחבירו: צי ער האָט מזיק געווען אַ צווייטן אָדער ניט. [כמובן, אַז אויב די הכאה איז געווען דורך הגבהת יד — איז ער „נקרא רשע״, במכ״ש פון „המגבי׳ ידו על חבירו אע״פ שלא הכהו״[33]].

משא״כ דער דין פון „המגבי׳ ידו על חבירו״ — רעדט זיך וועגן דעם אדם המגבי׳, ניט ביחס צו היזק חבירו (אויף וועמען ער איז מגבי׳ יד) — אַז ווייבאַלד ער האָט משנה ומהפך געווען תכלית בריאת היד שלו, „הרי הוא רשע״:

ולהעיר — היזק חברו וועט זיין אויב און ערשט ווען לאחר שהגבי׳ ידו וועט זיין „הכהו״.

די עוולה איז — ווי דער אדם פירט זיך בנוגע צו זיך אַליין ובין אדם למקום, אַז ער האָט גענומען זיין האַנט וועלכע איז באַשאַפן געוואָרן צו טאָן מצוות און טאָן אַ טובה אַ אידן, און ער איז דאָס „מגבי׳ . . על חבירו״ — היפך תכלית בריאת היד[34].

לאידך גיסא האָט דאָס אין זיך אָבער אַ חומר אפילו לגבי „המכה אדם״, ווייל ביי „המכה אדם״ בכלל איז ניט אַזוי מודגש (ווי דורך „המגבי׳ ידו על חבירו״) אַז ער גייט אַנטקעגן תכלית בריאתו — צו טאָן אַ טובה אַ אידן, וואָס דאָס איז בעיקר דורך זיינע ידים, כנ״ל.

ו. עפ״ז יומתק די ראי׳ אויף „המגבי׳ ידו על חבירו״ פון (דעם פסוק וואָס די גמרא ברענגט) „ויאמר לרשע למה תכה רעך״ וואָס שטייט בנוגע דתן ואבירם:

די״ל אַז די ראי׳ איז ניט אויף דעם פרט פון הגבהת יד (וואָס שטייט בכלל ניט אין פסוק), נאָר אויף (דעם חומר שבזה —) דער ענין פון רשעות, שינוי הטבע שלו, פון דעם מגבי׳, וואָס דאָס איז אפילו אין אַ פאַל ווען „לא הכהו״ בפועל.

דתן ואבירם זיינען געווען[35] די אויף וועמען עס שטייט אין פסוק[36] „ויפגעו את משה ואת אהרן נצבים לקראתם בצאתם את פרעה, ויאמרו אליהם ירא ה׳ עליכם וישפוט אשר הבאשתם את ריחינו בעיני פרעה ובעיני עבדיו לתת חרב בידם להרגנו״.

עפ״ז יומתק, אַז בשעת משה האָט געזען אַז „שני אנשים עברים (דתן ואבירם) נצים״ — האָט ער געזאָגט, „ויאמר לרשע למה תכה

---

33) ועפ״ז מובן הביאור והתיווך עם מאחז״ל דלעיל הערה 12.

34) ואולי י״ל עפ״ז נפק״מ לדינא — שהמגבי׳ רגלו יכיו״ב על חבירו לא נקרא רשע.

35) שמו״ר פ״ה, כ. פרש״י שמות ה, כ.

36) שמות שם, ה־ו.

רעך": באַ דתן ואבירם זעט מען שינוי הטבע שלהם — ווייל אַט זעט מען ווי דתן ואבירם נעמען זיך אָן פאַר דעם צער פון אידן, ביז צו ווערן געשלאָגן דערפאַר: און די גאַנצע צייט, באַ כו"כ געלעגנ־הייטן (כמסופר בתורה) דוקאביידע צוזאַמען, און דאָ קריגן זיי זיך איינער מיטן צווייטן!

דערפאַר ברענגט מען דערפון אַ ראי' צו דעם דין פון „כל המגבי' ידו על חבירו אע"פ שלא הכהו הרי זה רשע": כשם ווי באַ דתן ואבירם זעט מען אז מצד זייער שינוי הטבע והרגילות — ווערן זיי אָנגערופן „רשע", „אע"פ שלא הכהו", אַזוי איז אויך מובן בנוגע כל אחד ואחד, אז אויב ער איז „מגבי' ידו על חבירו" — ער איז משנה מטבע ותכלית בריאת היד — „הרי זה רשע", „אע"פ שלא הכהו".

ויומתק יותר לויט דעם וואָס בהמשך צו די ראי' הנ"ל „ויאמר לרשע למה תכה רעך", שטייט[37] אַז דתן ואבירם האָבן מלשין גע־ווען צו פרעה אויף משה רבינו, און „ראה (משה) בישראל רשעים דלטורין כו'"[38]: אין לשון הרע זעט מען שינוי והפיכת הטבע: דער פה ולשון איז באַשאַפן געוואָרן צו רעדן דברי תורה וכיו"ב — „הפה ולשון שמדברים דברי תורה"[39]; און דורך לשון הרע איז מען מהפך תכלית בריאת הלשון. ע"ד ווי דורך „המגבי' ידו על חבירו".

ז. מ'דאַרף נאָך אָבער פאַרשטיין בכללות הענין:

ובהקדם המדובר במק"א:

אלפיים שנה קדמה תורה לעולם[40], ועאכו"כ קודם החטא הראשון, חטא עץ הדעת (ומקורו — מיעוט הלבנה, ביז דעם צמצום הראשון[41]) — דער מקור אויף אַלע ענינים בלתי רצויים — אעפ"כ שטייט בתורה ע"ד חטאים וכו', ובנדו"ד „ויאמר לרשע למה תכה רעך", און אין תושבע"פ — „המכה אדם" און „המגבי' ידו על חבירו"?!

וידוע הביאור בזה: אַלע ענינים ווי זיי שטייען אין תורה — זיי־נען בתכלית הטוב והקדושה, אַזוי ווי זיי זיינען בשרשם ומקורים למעלה, וואָס דאָרטן זיינען זיי בתכלית הטוב והקדושה, און זיי נע־מען זיך אַלע פון דעם אויבערשטן, וואָס ער איז תכלית הטוב.

נאָר לאחרי אַ ריבוי השתלשלות וצמצומים ופרסאות וכו' — זיי־נען זיי געוואָרן דאָ למטה דברים בלתי רצויים.

[וע"ד „יעקב ועשו האמורים בפרשה"[42]: ווי עשו איז „אמור

37) שמו"ר פ"א, לה. פרש"י שמות ב, טו.

38) פרש"י שם. יד (נתבאר בלקו"ש שמות תשמ"ז).

39) תניא שבהערה 23.

40) ב"ר פ"ח, ב. תנחומא וישב ד. ועוד.

41) ראה ד"ה על כן יאמרו תרצ"א. ובכ"מ.

42) פרש"י ר"פ תולדות. וראה לקו"ש ח"כ ע' 341 ואילך. ויצא תשמ"ז ס"ו. ועוד.

SichosKodesh.com

בפרשה" (בתורה) איז ער טוב וקדושה — אַזוי ווי עשו שטייט במקורו (ריבוי האורות דעולם התהו): נאָר לאחרי ריבוי ההשתלשלות — איז אַרויסגעקומען עשו דלעו"ז בעוה"ז הגשמי].

ויתירה מזה: וויבאַלד אַז אסתכל באורייתא וברא עלמא[43] — ווערט אַמאָל נתגלה למטה בעולם ווי דער ענין איז בשרשו למעלה.

ויש לומר אַז דאָס איז איינער פון די פירושים אין גמרא[44] „כל דאסר לן רחמנא שרא לן כוותי'" — בכדי באַווייזן אַז יעדער איסור למטה איז טוב וקדושה במקורו, ביז אַז דאָס קומט אויך אַרויס למטה אַז „שרא לן כוותי'".

דוגמא לדבר: „לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת"[45], אָבער אין משכן ומקדש איז הבערת אש (ניט נאָר רשות, נאָר) א חיוב (בכל יום, אויך) בשבת.

ולהעיר: נישואי אשה ואחותה — וואָס לאחרי מתן תורה איז איסורו בכרת[46]. נשא יעקב ב' אחיות (לאה ורחל) — מצד די מעלה נפלאה בזה למעלה בקדושה[47]. ועד"ז מצינו בכמה איסורים, אַז בשרשם (בתורה) זיינען זיי טוב וקדושה, אָבער לאחרי ריבוי השתלשלות ווערן זיי איסורים גמורים.

ח. דער ביאור אין דעם וועט מען פאַרשטיין בהקדים די שאלה הידועה ווי איז בכלל פאַראַן רע אין וועלט: וויבאַלד אַז אַלע זאַכן (אויך רע) נעמט זיך פון דעם אויבערשטן (ח"ו זאָגן אַז „לי יאורי ואני עשיתני"[48]), און דער אויבערשטער איז תכלית הטוב — ווי קען בכלל ווערן רע, פון טוב קען דאָך ניט ווערן רע (היפך הטוב)[49]. ובפרט לויט דעם ביאור בכ"מ, אַז טוב איז רצונו של הקב"ה און רע איז היפך רצונו — איז ווי קען פון רצונו ית' ווערן היפך רצונו[50]?!

איז דער ענטפער אויף דעם: דאָס גופא איז רצונו ית' (וואָס איז תכלית הטוב) אַז עס זאָל ווערן (לאחרי ריבוי השתלשלות) כביכול אַן ענין פון היפך רצונו[51] (רע)[51*], און דורך תשובה זאָל מען מגלה זיין רצונו וכוונתו ית' (דער ניצוץ קדושה) אין דעם רע — אַז זיין

---

43) זהר ח"א קלד, סע"א. ח"ב קסא, ריש ע"ב. ח"ג קעח, א. וראה ב"ר בתחלתו.
44) חולין קט, ב.
45) תשא לה, ג.
46) אחרי יח, יח.
47) ראה סידור עם דא"ח שער ברהמ"ז קג, ג. סהמ"צ להצ"צ ל, א־ב. אוה"ת נ"ך ע' לב.
48) יחזקאל כט, ג.
49) ראה פרדס שער כה פ"א. הובא באוה"ת בראשית תקסא, סע"א ואילך.
50) ואף שזהו ביכלתו ית' (שהוא כל יכול) — אבל עלה ברצונו שאופן התהוות העולם יהי' מובן בשכל הנבראים, ועפ"י שכל אינו כיבן איך אפשר שמטוב יתהווה רע.
51) והיות שעצמותו ית' הוא כל יכול — לכן ביכלתו שרצונו יתלבש (לפי שעה) בצורה של היפך רצונו (רע).
51*) ראה לקמן הערה 56.

גאַנצע חיות ומציאות איז כדי אַז ער זאָל נתהפך ווערן לטוב און נתעלה ווערן לקדושה, ביז אַז „זדונות נעשו לו כזכיות"[52], אַז אויך די ניצוצות קדושה [דער רצון וכוונה עליונה] וועלכע געפינען זיך אין די זדונות[53] — זאָלן נתהפך ווערן צו זכיות[54].

און אין דעם זיינען פאַראַן צוויי פרטים[55]: א) דחיית ושבירת הרע. וואָס „שבירתן זהו תקנתן" — דורך דעם איז מען מגלה ווי דער ציור הרע איז אַ מציאות פון „העדר" (ווייל דאָס קומט פון העדר והיפך הרצון). ב) מגלה זיין ומעלה זיין דער ניצוץ קדושה וועל־כער איז מחי' דעם רע. וואָס דורך דעם איז מען מגלה רצונו ית' אין בריאת הרע[56].

און אין דער עבודה זיינען פאַראַן צוויי אופנים: א) אדם ישר הולך (עבודת צדיק) — איז דוחה את הרע, וואָס דורך דעם איז ער מגלה ווי כל מציאות הרע איז („העדר" —) בכדי מ'זאָל אים ניט מקיים זיין. און דורך דעם איז ער אויך מעלה דעם ניצוץ קדושה שבו*[56]. ב) עבודת התשובה ובפרט אַזא וואָס האָט עובר געווען ר"ל אויף אַן עבירה — טוט אויף דורך זיין תשובה וחרטה על הזדונות — שבירת הרע, און ער איז אויך מברר ומגלה דער ניצוץ קדושה שבו, אַז דאָס זאָל ווערן זכיות. וואָס דאָס איז אַ חידוש לגבי עבודת הצדיקים[57].

ד.ה. שלימות התשובה באַשטייט אין דעם, אַז נוסף לזה וואָס ער טוט תשובה בכללות, און דאָס ברענגט אַז ער זאָל האָבן „נייע" זכיות און אַ פאַרשטאַרקטע אהבה לה' בכלל — איז ער זיך מתחרט אויף דער עבירה פרטית וועלכע ער האָט עובר געווען[58], און די זכיות וואָס קומען דערפון אַרויס — דאַרפן זיין אין דער קדושה פון דעם ענין גופא אויף וועלכע ער האָט עובר געווען[59]. ע"ד — „אם הי' רגיל לקרות דף אחד יקרא ב' דפים, לשנות פרק א' ישנה ב'

---

52) יומא פו, ב.

53) שגם הן נקראית בשם „זדונות", כי הניצוץ מתרחק ונחשך כ"כ עד שהוא כמו רע" (ד"ה פדה בשלום העת"ר (המשך תער"ב ח"ב פרק שעד). וראה ד"ה נר חנוכה עת"ר), ע"ד חתיכה נעשה נבילה (ד"ה ויגדלו הנערים תרס"ה).

54) תניא פ"ז.

55) ראה לקו"ש ח"ה ע' 67 ובהערות שם.

56) ראה תורת שלום ע' 131: אין פלוג איז גאָר ניט מובן, פון וואַנען איז געוואָרן התהוות הקליפות, וויבאלד זיי זיינען היפך דעם ענין העצמות, היינו ווי זיינען זיי געוואָרן, און ווי זיינען זיי פאראן, נאָר דער אמת איז, אַז התהוותם וקיומם איז מערניט ווי העדר, ווייל מציאותם איז פון העדר, שהתהוותן היא מצד העדר הרצון.

ויש לומר: הרע עצמו (שאא"פ לברר ורק שבירתו זהו תקנתו) — הוא מצד העדר הרצון: אבל הניצוץ קדושה שבו (שאפשר לברר ולעשות ממנו זכיות) — הוא מצד רצונו ית'. ואכ"מ.

*56) סד"ה והאבן הזאת תרנ"ד. וראה המשך תער"ב ח"א ע' תקסג.

57) ראה לקו"ש ח"ז ע' 22 ואילך. חט"ז ע' 412 ואילך.

58) כידוע שתשובה צ"ל באותו מעמד ומצב (רמב"ם הל' תשובה רפ"ב).

59) להעיר מרמב"ם הל' דיעות פ"ב ה"ב: אם אדם הי' רחוק לקצה האחד ירחיק לקצה השני כו'.

SichosKodesh.com

פרקים וכו׳״[60].

ויש לומר אַז דאָס איז דער ענין הנ״ל פון „כל דאסר לן רחמנא שרא לן כוותי׳״: יעדער זאַך וואָס איז דאָ אין לעו״ז — איז אויך דאָ אין קדושה. נאָכמער: דער דבר שבקדושה איז דער שרש ומקור כביכול של החיות פון דער דבר שבלעו״ז, נאָר לאחרי ריבוי השתלשלות כו׳ — ווערט די קדושה (ניצוץ קדושה) נתלבש אין אַ דבר וואָס ציורו איז רע. אָבער מיט די כוונה — אַז דורך תשובה זאָל מען אין אים מגלה זיין שרשו בקדושה.

ט. און דאָס איז דער ענין פון תורה: אין תורה זיינען אַלע ענינים בתכלית הטוב והקדושה — ווי די ענינים זיינען בשרשם ומקורם למעלה, כנ״ל. און די כוונה איז, אַז דורך תורה זאָל מען מהפך זיין דעם רע שבעולם לטוב וקדושה, דורך מגלה זיין אין אים זיין כוונה פנימית (רצונו ית׳ וניצוץ קדושה שבו).

און אין דעם זיינען פאַראַן דרגות:

א) פאַר אדם ישר הולך — איז בריאת הרע בכדי ער זאָל האָבן בחירה, און באַווייזן אַז ער האָט שכל און כחות צו אויסקלייבן דעם דרך הטוב, און דוחה זיין דעם דרך הפכי. און דער כח לזה נעמט ער פון תורה: תורה איז מגלה און שטעלט אַוועק יעדער זאַך במקומו האמיתי — „להבדיל בין הטהור ובין גו׳״.

ג) נאָכמער: אויך לאחרי ווי דאָס ווערט נשתלשל אַלס אַ דבר רע בעולם, און מ׳איז עובר אויף דעם ח״ו — איז די כוונה אין דעם, אַז דורך תשובה זאָל זיין שבירת הרע, און בירור הניצוץ קדושה שבו לזכיות, ביז צו שלימות התשובה — דורך מקיים זיין דעם ענין ווי ער איז אין תכלית הטוב והקדושה (בשרשו).

י. עד״ז י״ל צו „ויאמר לרשע למה תכה רעך״, און דער דין אין תושבע״פ — „המכה אדם״ און „המגבי׳ ידו על חבירו״:

ווי דאָס שטייט אין תורה — איז דאָס די פנימיות ושרש פון דעם ענין (וועלכער ווערט דערנאָך נשתלשל בעולם אַלס אַ הנהגה בלתי רצוי׳):

דער ענין פון „תכה רעך״ אין קדושה איז לדוגמא — די הכאה פון אַ רופא בכדי לרפאות את האדם. ועד להשלימות: מצות מילה, וואָס דאָס קומט דורך אַ הכאה ויציאת דם, וביחד עם זה ה״ה חולה וביום הג׳ מחללים עליו את השבת.

דער ענין פון „המגבי׳ ידו על חבירו״ בשרשו בקדושה — איז די הנהגה פון טאָן אַ טובה אַ אידן, געבן צדקה (תכלית בריאת הידים) באופן שלפנים משורת הדין, למעלה ממדידה והגבלה ושינוי הרגילות שלו („רשע״ למעליותא), ניט נאָר וויפל מ׳איז מחוייב —

---

60) אגה״ת ספ״ט.

נאַר באופן פון „המגבי׳ ידו״.

און פון דער שרש אין קדושה איז דערנאָך נשתלשל וכו׳ גע־וואָרן דער ענין פון „תכה רעך״ און „המגבי׳ ידו על חבירו״ באופן בלתי רצוי.

און דורך לערנען וועגן דעם אין תורה — ווערט אויפגעטאָן: א) לכל לראש — הציווי והאיסור וכו׳ פון „תכה רעך״ און „המגבי׳ ידו על חבירו״. ב) דערפון לערנט מען זיך אויך אָפּ ווי מ׳דאַרף זיך פירן אין צד הקדושה — „המגבי׳ ידו על חבירו״ למעליותא, באופן שלמעלה ממדידה והגבלה. ג) נאָכמער: טאָמער מ׳איז דורכגע־פאַלן אין דעם ר״ל — זאָל מען דערנאָך תשובה טאָן, באופן פון זדונות נעשו לו כזכיות, און פון „רשע״ מאַכט מען „רשע ליום רעה״[61], „פי׳ שישוב מרשעו ויעשה הרע שלו יום ואור כו׳״[62], ובמיוחד — דורך דעם וואָס מ׳איז מוסיף אין אהבת ישראל און אַרויסהעלפן אַנדערע אידן — „המגבי׳ ידו על חבירו״ למעליותא.

יב. דערפון איז מובן דער לימוד אין „תיקון הדיעות״ פון דער הלכה אין רמב״ם,

[אין צוגאָב צום עיקר והמובן ופשוט, וויפל מ׳דאַרף זיין זהיר אין כבוד חבירו און אפילו אין הגבהת יד על חבירו (אע״פ שלא הכהו) — האָט מען דערפון דעם לימוד למעליותא]:

וויפל מ׳האָט געטאָן ביז איצטער אין „ואהבת לרעך כמוך״, אַרויסהעלפן אידן אַרום זיך — קען מען און מ׳דאַרף אין דעם אַלע־מאָל צוגעבן מערער און מערער, למעלה מרגילות שלו לפני זה — באופן פון „המגבי׳ ידו על חבירו״.

ובאם הדברים אמורים בכל הזמנים, על אחת כמה וכמה אין אַ שנת הקהל — ווען מ׳האט די הוראה צו טאָן אין „הקהל את העם האנשים והנשים והטף״[63], צוזאַמענקלייבן אַלע אידן אַרום זיך, „בין קטן בין גדול בין איש ובין אשה״, און זיי פאַראייניציקן מיט איין ציל — „יראו את ה׳ אלקיכם ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת גו׳ כל הימים אשר אתם חיים על פני האדמה״[64]:

וויפל מ׳האָט געטאָן אין מאחד זיין אידן צוזאַמען און לערנען מיט זיי תורה און זיי מעורר זיין ליראת ה׳, לערנט מען אָפּ פון דעם שיעור רמב״ם, אַז עס דאַרף זיין „המגבי׳ ידו על חבירו״ — באופן פון לפנים משורת הדין, ולמעלה ממדידה והגבלה ורגילות שלו. וואָס מער מ׳טוט אין דעם — אַלס מער פאָדערט זיך אַ העכערער שינוי הרגילות.

ויהי רצון, אַז דורך די עבודה פון אידן אין „הקהל״, בתוך כללות

61) משלי טז, ד.
62) תניא פכ״ז.
63) וילך לא, יב.
64) שם, יג.

SichosKodesh.com

מעשינו ועבודתינו, זאָל מען נאָכמער צואיילן דער סיום פון דעם „ואתם תלוקטו לאחד אחד בני ישראל"[65], ביז אַז „קהל גדול ישובו הנה"[66], בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

---

65) ישעי' כז, יב.
66) ירמי' לא, ז.



בס"ד. שיחת ש"פ נח, ב' דראש חודש מר-חשון ה'תשמ"ז.

הנחת הת' בלתי מוגה

א. [ב' שיחות הראשונות הוגהו ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א - ונדפס בפ"ע].

* * *

ב. מאמר (כעין שיחה) ד"ה השמים כסאי גו'.

* * *

ג. אין א התוועדות ביום השבת. איז אויך רגיל רעדן אן ענין פארבונדן מיט פירוש רש"י בפרשתנו, אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר, און אן ענין אין היינטיקן שיעור רמב"ם.

און מ'איז זיך אויך נוהג צו דאס פארבינדן מיט דעם זמן, בענינגו - שנת הקהל.

ד. בנוגע צו פרש"י - האט מען מעורר געווען[1] אויף די שאלה: פארוואס שטעלט זיך רש"י אינגאנצן ניט אפ אויף דעם כפל פון "אלה תולדות נח נח"[2] - אזוי ווי אנדערע מפרשים[3] שטעלן זיך אויף דעם אפ און זיינען דאס מבאר.

ענינו פון פרש"י איז דאך צו מפרש זיין יעדער שוועריקייט אין פשוטו של מקרא, און אויב ער האט ניט קיין ביאור זאגט ער "לא ידעתי" וכיו"ב[*3]. איז פארוואס איז ער דא גארניט מפרש בנוגע צו דעם כפל פון "נח נח"?

ובפרט אז מ'זעט אז ווייטער איז רש"י מפרש דעם כפל פון "אברהם אברהם"[4].

וכפי שיתבאר לקמן.

ה. אין די הערות פון טאטן שטעלט ער זיך אפ[5] אויף דעם מאמר הזהר[6] עה"פ[7] "צהלי קולך בת גלים", אז דאס גייט אויף כנסת ישראל, און ער איז מבאר די פרטי הלשונות בזה ע"פ קבלה.

ער איז אבער ניט מבאר די הוראה דערפון אין תיקון הדעות[8],

1) בהערות התמימים ואנ"ש - מאריסטאון דשבוע זה. 2) ריש פרשתנו. 3) ראה דעת זקנים מבעלי התוספות, אור החיים עה"פ. *3) ראה לקו"ש ח"ה ע' 1 הערה 2 ובשוה"ג שם. וש"נ. 4) וירא כב, יא. 5) לקוטי לוי"צ לזהר - כרך א ע' כו. 6) פרשתנו סג, א. 7) ישעי' י, ל. 8) ע"פ לשון הרמב"ם סוף הל' תמורה.

SichosKodesh.com

בעבודת ה׳, ווארום דאס איז ניט ענינו בההערות על הזהר - וכפי שיתבאר לקמן.

ו. הענין בשיעור היומי ברמב"ם - הוגה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א ונדפס בפ"ע.

ז. בקשר מיט דעם ענין פון "הקהל" - איז כאן המקום והזמן, אז די אלע וואס האבן צוגעשטעלט משקה פאר פעולות פון "הקהל" אדער פתיחת בתי-חב"ד, וואס ענינו איז אויך "הקהל[9] את העם האנשים והנשים והטף" לתורה תפלה וגמילות חסדים, אלע פון זיי אדער צוויי פון זיי כו׳ -

זאלן זיי איצטער ארויפגיין אויבן-אָן און זאגן "לחיים", און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, און איינלאדען אלע מסובים אז זיי זאלן זיך משתתף זיין בגופם, בנפשם און (ניט-אום שבת גערעדט) בממונם; און אויך מאכן א התחלה איצטער - דורך אויסטיילן פון דער משקה צו די מסובים כאן.

און טאן דאס אלץ בזריזות, וועט דאס זיין א הכנה אז עס זאל זיי זריזות אין דער עיקר ענין - גאולה האמיתית והשלימה.

אז ס׳ווערט (כמדובר לעיל) "לך לך"[10] לפנימיותך[11], צו זיך אליין - העכער און טיפער, און ניט "מארצך", נאר "לארצך", לארץ הקודש, "ארץ אשר גו׳ תמיד עיני ה׳ אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"[12], "ולבית אביך" - ווארום "הקיצו ורננו שוכני עפר"[*12], וכל האמורים לעיל בתוכם,

ובזריזות - "אחישנה" שב"אחישנה".

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל. ואח"כ התחיל לנגן "והריקותי לכם ברכה"].

* * *

ח. בנוגע צו דעם ענין בקשר מיט פרש"י - האט פאסירט א מאדנע זאך: מ׳האט געפרעגט פארוואס רש"י באווארנט ניט א שאלה וואס מפרשים פרעגן - און מ׳האט זיך אינגאנצן ניט ארייגעטראכט ווי דער ענין איז ע"פ פשוטו של מקרא, וואס לויט פשש"מ האט די גאנצע שאלה קיין ארט ניט.

9) וילך לא, י. 10) ר"פ לך. 11) ראה סד"ה לך תרס"ו, תרס"ז (המשך תרס"ו ע׳ סז. ע׳ שצז), תרפ"ו (סה"מ תרפ"ו ע׳ קא). ועוד. 12) עקב יא, יב. *12) ישעי׳ כו, יט.

הנחה הת׳ בלתי מוגה

וכמדובר כמ"פ, אז בשעת מ'פרעגט א שאלה זאל מען זיך אריינטראכטן אפשר איז דא א תירוץ, אנשטאט גלייך לויפן און פרעגן נאך א שאלה.

והענין - ובהקדים: אין פרשתנו גופא שטייט נאך צוויי מאל א כפל פון א נאמען: "אלה תולדות שם שם בן מאת שנה גו'"[13]; "ואלה תולדות תרח תרח הוליד את אברם"[14] - און רש"י איז אויף דעם גארניט מפרש.

אעפ"כ האט מען נאר מעורר געווען אויף דעם כפל "נח נח", און ניט (אויך) אויף דעם כפל פון "שם שם" און "תרח תרח"!

נאר פון דעם גופא וואס שטייט בא "שם" און בא "תרח" קען מען אויך פארשטיין בנוגע צו "נח":

ע"ד הפשט איז "שם שם" ניט קיין כפל, נאר יעדער "שם" גייט אויף א באזונדער ענין: דער ערשטער מאל ("אלה תולדות שם") איז אזוי ווי א כלל, א קעפל וואס קומט בתחלת הענין וואס דערציילט וועגן וואס מ'גייט דערנאך רעדן, אז מ'גייט רעדן וועגן "אלה תולדות שם"; און דערנאך איז ער מפרט די פרטים וועגן שם: "שם בן מאת שנה".

ועד"ז בא "תרח" דער ערשטער מאל ("אלה תולדות תרח") איז א כלל און קעפל אז מ'גייט רעדן וועגן "תולדות תרח", און דער צווייטער "תרח" איז א פרט אז "תרח הוליד את אברהם".

ואדרבה: אויב עס וואלט געשטאנען נאר איין מאל "שם" ("אלה תולדות שם בן מאת שנה"), און איין מאל "תרח" ("אלה תולדות תרח הוליד את אברהם") - וואלט עפעס געפעלט אין פסוק. ווייל מ'קען ניט זאגן אז דער נאמען באציט זיך סיי למעלה און סיי למטה. נאר עס דארף שטיין צוויי מאל דעם נאמען - "אלה תולדות שם (און דערנאך א צווייטער ענין) שם בן מאת שנה", און "אלה תולדות תרח, תרח הוליד את אברהם".

ועד"ז איז מובן אויך בנוגע צו "נח נח": דאס איז ניט קיין כפל, ווייל יעדער מאל גייט אויף א באזונדער ענין: דער ערשטער מאל ("אלה תולדות נח") איז אזוי ווי א כלל, א קעפל וואס קומט בתחלת הענין וואס דערציילט וועגן וואס מ'גייט דערנאך רעדן, אז מ'גייט רעדן וועגן "אלה תולדות נח", און דערנאך איז ער מפרט די פרטים וועגן נח: "נח איש צדיק", "תמים הי' בדורותיו", "את האלקים התהלך נח" וכו'.

13) יא, י. 14) שם, כז.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

משא"כ דער כפל ביי אברהם ("אברהם אברהם") רעדט זיך (ניט בתחלת הענין, נאר) ווי דער אויבערשטער רופט צו אברהם ("ויאמר לו אברהם אברהם"), האט דאך דארטן געקענט שטיין איין מאל "אברהם", דערפאר דארף רש"י זאגן א פירוש. אבער בא "נח נח" איז דאס מובן בפשטות - מצד פשטות הכתובים.

און ס'איז קיין שאלה ניט לפי"ז ווי קענען אנדערע מפרשים וכו' זאגן א דרש ופירוש אין דעם כפל פון "נח נח" - ווייל זיי זיינען מבאר דעם ענין ע"ד הרמז, הדרוש אדער הסוד, וואס דארטן זיינען דא אנדערע כללי הלימוד וכו'. און אויך די מפרשים ע"ד הפשט - איז דאס ניט אזוי ווי דרך הפשט פון רש"י.

דערפון זעט מען אז בשעת מ'לערנט אן ענין בפשטות - איז אלץ פארשטאנדיק.

ט. דער ביאור אין די הערות על הזהר:

דער טאטע שטעלט זיך אויף דעם מאמר הזהר עה"פ "צהלי קולך בת גלים תקשיבי" - "גלים אינון נהורין דמתכנשי ואזלי ועאלין לגווה ומליין לה", און איז מבאר "הג' לשונות, מתכנשי, אזלי, עאלין, ואח"כ איתמר מליין":

"גלים הם הו"ק...הנה מתכנשי הוא בחג"ת...שקאי על אבהן...אברהם יצחק ויעקב הם חג"ת", און אין חג"ת גופא "חסד הוא הגדול שבכולם, והוא יומא דאזיל עם כלהו יומין[15], והתכנשותם דחג"ת יחד הוא ע"י חסד כי פעולת החסד לקרב כמו ימין מקרבת[16], ולחבר כמו מים המחברין".

"אזלי הוא נו"ה כי הליכה הוא ברגליים דהיינו נו"ה הנק' רגליים. עאלין הוא ביסוד...ומליין לה הוא הטפה הנמשכת מיסוד...הממלאים את הבאר דמלכות".

און דערנאך איז ער מבאר ווי די אלע דרגות זיינען נרמז אין דעם ווארט "גלים".

דער לימוד דערפון אין עבודת ה' בקשר מיט "הקהל":

פון דעם ביאור אין די הערות זעט מען וויפל ס'איז נוגע דער ענין האחדות - עד כדי כך, אז אפילו אין די ספירות עליונות ("גלים" - ו' קצוות דז"א) וועלכע זיינען ספירות קדושות, זיי

---

15) ראה זח"ג קג, א-ב. קיצא, ב. ע"ח שער כה דרוש ב. פע"ח שער חה"ס פ"א. לקו"ת האזינו עו, ב. ועוד. 16) שה"ש ב, ו. סוטה מז, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

שטייען בתכלית העילוי - פונדעסטוועגן איז נוגע אז זיי זאלן נתאחד ווערן צוזאמען.

כאטש אז חסד איז א ספירה קדושה, דארף זי נתאחד ווערן מיט גבורה און תפארת, ווייל גבורה ותפארת האבן וואס צו משפיע זיין אין חסד. עד"ז לאידך גיסא: גבורה ותפארת דארפן נתאחד ווערן און מקבל זיין פון חסד, ובפרט אז חסד איז "יומא דאזיל עם כולהו יומין"[15] (כמבואר שם).

און די אחדות איז נוגע עד כדי כך - אז די ו' קצוות ווערן נתאחד ניט בלויז אין איין דרגא אין אחדות, נאר אפילו לאחרי ווי זיי ווערן נתאחד אין די דרגא פון "מתכנשי", אין חג"ת, דארפן זיי נתאחד ווערן אין די דרגא פון "אזלי", נצח והוד, און דערנאך - אין די דרגא פון "עאליך", יסוד, ביז אז זיי ווערן אלע נתאחד אין מלכות ("ומליין לה").

דערפון דארף א איד זיך אפלערנען בנוגע צו זיך: אפילו ווי ער שטייט בתכלית העילוי (במצב של קדושה, וואס ענינה איז אחדות) - דארף ער מקהיל ומלקט זיין, נתאחד ווערן אין איין קהל, מיט אנדערע אידן. און ניט בלויז אין איין דרגא של אחדות - נאר אן אחדות למעלה מאחדות: ס'איז ניט גענוג נתאחד ווערן אין איין דרגא של קדושה, נאר דערנאך דארף זיין אן אחדות נעלית יותר, א.א.וו.

און אויב דאס איז אזוי בנוגע צו קדושה, עאכו"כ בנוגע צו רשות - דארף מען דארטן זיכער אויפטאן אחדות, דורך דעם וואס מ'ברענגט אהינצו אריין א נקודה של קדושה, וואס ענינה איז אחדות (כנ"ל), וואס דערפאר איז דא דער ציווי בתורתנו הקדושה פון "ואהבת לרעך כמוך"[17], ניט בלויז "ואהבת לרעך", נאר ביז "כמוך" ממש.

וואס דאס איז די הוראה פון "הקהל": מ'זאל מקהיל זיין אידן, אפילו ווי זיי שטייען אין דרגת הרשות, און זיי אריינברענגען אין א מקום קדוש, בכדי אויפטאן "ליראה את ה' אלקיכם".

י. ויש לקשר זה מיט דעם לימוד בענין "הקהל" פון דעם ביאור הנ"ל בנוגע צו פרש"י - ע"פ פנימיות הענינים (ניט פשוטו של מקרא):

פון דעם סדר הכתובים, אז פריער הויבט מען אן מיט א כלל

17) קדושים יט, יח.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

("אלה תולדות נח"), און דער כלל באציט זיך צו אלע פרטים וואס קומען דערנאך ("נח איש צדיק", "תמים הי' בדורותיו", "את האלקים התהלך נח" וכו') - לערנט מען זיך אפ, בנוגע צו די אייגענע הנהגה:

בתחלת היום הויבט מען מיט א "כלל" - "שויתי ה' לנגדי תמיד"[18], ווי דער רמ"א הויבט אן בשולחן ערוך, ועד"ז דער אלטער רבי בסידורו[19], אז "מיד כשניעור משנתו", קודם כל דבר, זאל מען זיך אין דעם אריינטראכטן.

דערנאך דארף מען דאס ממשיך זיין - מאחד זיין - אין די פרטים וואס קומען דערנאך: אמירת "מודה אני", ברכות השחר, אכילה ושתי' (לאחרי התפלה), און שאר עניני רשות במשך היום - אז זיי זאלן אלע זיין דורכגענומען מיט די נקודה פון קדושה (וואס איז זיי אלע מאחד) - "שויתי ה' לנגדי תמיד".

יא. הביאור ברמב"ם - הוגה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א ונדפס לעיל.

[בסיום הענין אמר: די נפק"מ דערפון אין הלכה - זאל יעדערער אליין ארויסנעמען, דורך מעיין זיין אין ראשונים ואחרונים, פוסקים ומפרשי הגמרא וכו'].

יב. פון איין ענין אין הלכה (ברמב"ם) וועט מען איבערגיין צו א צווייטער ענין אין הלכה - בהמשך להמדובר[20] וועגן דעם ענין פון מאכן א זכר להקהל.

וואס מזמן לזמן קומט אין דעם צו נאך ענינים. ויה"ר אז מ'זאל דערפון מאכן א דבר שלם.

מ'האט גערעדט אז א "זכר" איז דורך א דבר שני, דורך א פרט אין דער מצוה, אבער ניט דורך דער (עיקר פון דער) מצוה אליין, ווייל אויב דאס איז די מצוה אליין איז דאס ניט קיין זכר נאר דער זאך, אפילו אויב עס פעלן אלע תנאים המעכבים - ע"ד ווי הקרבת קדשים בחוץ, וואס כאטש אז עס פעלן דערביי תנאים המעכבים - איז דאס אסור, ווייל מ'טוט דער עיקר, דער ענין ההקרבה.

וואס דערפאר איז די בשר לזכר דעם קרבן פסח וואס מ'לייגט על השולחן באם סדר של פסח "אין נוהגין לאכלו בלילה הזה" ווארום "אם יאכלנו כו' יהא נראה כאוכל קדשים בחוץ"[21], און "אפי' בשר

18) תהלים טז, ח. 19) לפני "מודה אני". 20) שיחת ש"פ בראשית - התוועדות ב. 21) שו"ע אדה"ז או"ח סתע"ג סכ"א.

הנחת הת' בלתי מוגה

עגל ועוף שאין הפסח נאכל מהם כו' אסור לאכלו צלי כו'"[22] "משום גזירה שמא יאמרו פסח הוא"[23]. דאס הייסט: וויבאלד אז דער עיקר פון קרבן פסח איז אכילה ("לא בא מתחלתו אלא לאכילה"[24]), איז כאטש עס פעלן תנאים המעכבים בזה – איז דאס אסור, ווארום מ'טוט דער זאך אליין (אכילה). און דערפאר איז דער זכר לפסח – ניט דורך אכילת בשר (עיקר המצוה), נאר דורך פרטים שבהמצוה.

דערביי שטעלט זיך אבער א שטורעמ'דיקע קשיא:

מ'געפינט בא כמה ענינים אין מקדש, אז דער איסור איז ניט אויף נאכמאכן דער (עיקר פון דער) זאך אליין, נאר א פרט שבזה.

ווי דער דין איז בא מנורה: דער עיקר פון מנורה אין מקדש איז בכדי להאיר, בלשון הכתוב[25] "שמן למאור". אעפ"כ איז דער דין, אז אויב מ'מאכט א מנורה מיט אלע פרטים (כפתורים, פרחים, גביעים וכו') ווי ס'איז געווען אין מקדש, כולל דער עיקר – אז דאס זאל מאיר זיין, אבער מ'איז נאר משנה מספר הקנים, אז אנשטאט שבעה קנים מאכט מען שמונה קנים – איז דאס מותר[26]; לאידך: אויב עס פעלן אלע פרטים, אבער מ'מאכט א מנורה (משאר מיני מתכות) של שבעה קנים (לכאורה א פרט צדדי) – איז דאס אסור[26].

עד"ז בנוגע דער איסור פון איסור עשיית תבנית היכל[27]: דער עיקר פון ביהמ"ק איז "בית לה' מוכן להיות מקריבים בו הקרבנות" (ווי דער רמב"ם שרייבט[27]). אעפ"כ טאר מען ניט נאכמאכן (דעם תבנית חיצונית פון) דעם היכל – כאטש אז דארטן פעלט דער עיקר – דער ענין פון הקרבת קרבנות.

ותן לחכם ויחכם עוד[28].

יג. ויה"ר אז מ'זאל שוין קומען צו דעם זמן ווען מ'וועט ניט דארפן האבן קיין שקו"ט וועגן א זכר להקהל, ווייל מ'וועט מקיים זיין מצות הקהל כפשוטה, בביהמ"ק השלישי.

וכאן המקום צו מעורר זיין נאכאמאל וועגן די פעולות אין "הקהל", אז יעדערער דארף מקהיל זיין אנשים נשים וטף על מנת עס זאל זיין א חיזוק אין "ליראה את ה' אלקיכם".

און ווי מ'האט אויך גערעדט בארוכה[29] די הצעה – אז מ'זאל

22) שו"ע שם סתע"ו ס"ג. 23) שו"ע שם ס"א. 24) משנה פסחים עו, ב. 25) תרומה כה, ו. 26) ע"ז מג, סע"א. רמב"ם הל' בית הבחירה פ"ז ה"י. שו"ע יו"ד סו"ס קמא. 27) רמב"ם ריש הל' ביהב"ח. 28) משלי ט, ט. 29) ראה קונטרס משיחות י"ג תשרי וש"פ בראשית שנה זו סעיף יו"ד ואילך.

הנחה התי' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

אויסטיילן כרטיסים, בכדי יעדערער זאל זיך קענען אין דעם פארשרייבן. ווי "צעירי אגודת חב"ד" האט דאס שוין געטאן, ויה"ר אז ממנו יראו וכן יעשו, ובפרט אין ארץ הקודש.

און מ'האט די הבטחה אז "יגעתי ומצאתי"[30], באופן של מציאה וואס איז שלא בערך להיגיעה,

ביז צו דער עיקר – "מצאתי דוד עבדי"[31], כולל דוד מלכא משיחא, וואס לא בא אלא בהיסח הדעת[32] [ואעפ"כ האט כ"ק מו"ח אדמו"ר געזאגט[33] אז מ'דארף האלטן אין איין רעדן וועגן אים, און דאס איז קיין סתירה ניט צו בא בהיסח הדעת, כמדובר אמאל[34], ותן לחכם ויחכם עוד].

און נאך אין די לעצטע רגעים אין גלות – ווערט יעדער איד און אלע אידן געבענטשט מיט אלע ברכות, ווי זיי זיינען נכלל אין די אותיות פון אל"ף-בי"ת, ווי דערמאנט פריער. ואע"פ אז מ'האט דערמאנט נאר איין ברכה בכל אות, איז אבער יעדער אות כולל אלע ברכות וואס הויבן זיך אן מיט דער אות, במילא קומט אויס אז אלע כ"ב אותיות זיינען כולל אלע ברכות.

און דורך די אותיות – מלשון "אתא[35] בוקר"[36] – ווערן די ברכות נמשך אין כלים ואותיות מלמעלה מעלה ביז למטה מטה. כמבואר בכ"מ אז אותיות זיינען פאראן בכל דרגא ודרגא, למטה מטה, ביז למעלה מעלה, אין די עולמות עליונים, ביז די אותיות לפני הצמצום, און פון דארטן ווערט עס נמשך ביז אין די אותיות פון די עשרת הדברות, און דערנאך אין די אותיות פון די עשרה מאמרות וועלכע באשאפן אלע נבראים, ביז אין די עשרה מאמרות גופא – חילופים ותמורות האותיות וגימטראות[37], ביז חילופים דחילופים ותמורות דתמורות[38] וגימטראות דגימטראות וכו' – וואס פון דארטן ווערט עס נמשך למטה מטה ממש.

יד. דערפון – פון ענין האותיות – האט מען אויך א לימוד אין דער עבודה פון "הקהל":

יעדער איד דארף אויסנוצן זיינע אותיות וכלים אויף רעדן מיט אן אנדער אידן וועגן דעם ענין פון "הקהל". וואס דורך אותיות וחילופים וכו' קען מען דערגרייכן צו יעדער איד – ווייל

30) מגילה ו, ריש ע"ב. 31) תהלים פט, כא. 32) סנהדרין צז, א. 33) שיחות אחש"פ תרצ"ט (נדפסו ב"כרם חב"ד" גליון 2 (ניסן תשמ"ז) ע' 65). 34) ראה גם ד"ה אני לדודי דש"פ ראה תשמ"ז. 35) ישעי' כא, יד. 36) ראה תו"א מקץ מב, ב. ובכ"מ. 37) שעהיוה"א ספ"א. 38) ראה שם ספי"ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

דורך אותיות (מלשון "אתא בוקר") קען מען ממשיך זיין יעדער ענין (בנדו"ד – דער ענין פון "הקהל") לכל אחד ואחת מישראל, אנשים ונשים וטף, אפילו צו אזא וואס פארשטייט נאך ניט העכערע ענינים – זיינען דא די אותיות אדער חילופים ותמורות וגימטראות ומשלים וכו' מיט וועלכע מ'קען עס אים מסביר זיין, אזוי אז דאס זאל אנקומען צו יעדער מקום און איד – לכאו"א באותיות המתאימות לו.

און מ'האט זיך ניט וואס צו שרעקן פאר די טענה – אז פאר אים איז דאס א ירידה צו זיך אראפלאזן פון זיין אייגענע מדריגה צו רעדן מיט יעדער איד אין זיינע אותיות –

דערציילט די תורה, אז ס'איז געווען א איד, וואס האט זיך אראפגעלאזט שלשת אלפים דרגות[39] ("שלשת אלפים משל"[40]) נאר בכדי מסביר זיין צו אנדערע אן ענין אין תורה!

און מ'דערציילט דאס יעדערן בכדי ער זאל זיך דערפון אפלערנען – אז אויך ער דארף ארויסרופן די פנימיות נפשו, וואס זיי שטייען בדרגא הכי נעלית [כידוע תורת הבעש"ט[41] אז יעדער איד איז אן "ארץ חפץ"[42] וואס פארמאגט אבנים טובים ויקרים, נאר ביי איינעם איז דאס מער בגלוי און ביי א צווייטן ווייניקער בגלוי – און דורך אותיות איז מען דאס מגלה], און ממשיך זיין פון די אותיות בפנימיות נפשו צו אנדערע אידן, ביז אפילו אין חילופים ותמורות וכו', בכדי מסביר זיין דעם ענין פון "הקהל" צו יעדערן וועמען ער טרעפט.

נאכמער: דורך א החלטה טובה בזה – האט א איד בכח צו ממשיך זיין צנורות חדשים – סיי אין הבנה והשגה בלימוד התורה און סיי אין קיום המצוות.

כידוע דער סיפור[43], אז א יונגערמאן איז אמאל אריין צו כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו און האט מבטיח געווען א סכום לצדקה כאטש אז לפי מעמדו ומצבו איז דאס כלל ניט געווען לויט זיין יכולת. ובפועל ווען ס'איז געקומען די צייט צו אפגעבן די געלט – האט ער געהאט געעוג צו געבן. האט כ"ק מו"ח אדמו"ר געזאגט, אז דורך זיין החלטה האט מען אים אויפגעעפנט א נייעם "צנור" בכדי ער זאל דאס קענען מקיים זיין. דער נותן הצדקה האט ניט געוואוסט פון דעם גאנצן ענין (וועגן א צינור חדש), ער האט מקיים געווען דער עיקר – די נתינה בפועל, און האט דערנאך ממשיך געווען געבן.

39) ראה תו"א שם, ואילך. ועוד. 40) מלכים א ה, יב. 41) כש"ט (הוצאת קה"ת) הוספות סמ"ד. שם סצ"ח. 42) מלאכי ג, יב. 43) ראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ח ע' תקיד. לקו"ש מצורע תשמ"ו ס"ו.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

וויבאלד אז מ׳דערציילט יעדערן דעם סיפור, איז א ראי׳ אז דאס איז א הוראה לכאו"א - אז דורך זיין החלטה בדברים טובים, ובפרט אז ס׳איז אן עת רצון, ובעניננו - דעם ענין פון "הקהל", עפנט מען אים אויף נייע צינורות נוסף אויף די וואס ער האט מצ"ע.

וכאמור לעיל - אז "יגעתי ומצאתי", א מציאה וואס איז שלא בערך צו זיין יגיעה.

ביז "מצאתי דוד עבדי", דוד מלכא משיחא.

ובפרט אז מ׳שטייט איצטער בזמן דעוא דרעוין, און מ׳גייט באלד אריין אין מוצאי שבת, ווען מ׳עסט סעודתא דדוד מלכא משיחא[44],

ולפני זה - גרייט מען זיך צו תפלת מנחה, ווען מ׳זאגט "ואני תפלתי לך ה׳ עת רצון"[45], פארבונדן דערמיט וואס בשבת ווערן בטל אלע כ"ד בתי דינים[46].

טז. ובפשטות:

נאך אין דעם שבת זאל קומען משיח צדקנו און מ׳זאל גלייך האבן דעם ביהמ"ק השלישי, וואס דאס קען זיין אויך בשבת - כמובן פון דברי רש"י[47] אז דער ביהמ"ק השלישי איז "בנוי ומשוכלל" למעלה, און דערפאר קען ער יורד זיין אפילו בלילה, ועד"ז אויך בשבת.

[און טאמער מ׳האט נאך קשיות - וועט זיין "משה ואהרן עמהם"[48], און זיי וועלן אלץ באווארענען].

און עס וועט גלייך זיין "לך לך", לפנימיותך, און "אל הארץ אשר אראך" - ארץ הקודש, און דארטן גופא אין ירושלים עיר הקודש, ולביהמ"ק השלישי - "תלפיות"[49] - "תל שכל פיות פונים בו"[50].

און לאחרי די ג׳ סעודות בשבת - וועט מען דערנאך פראווען די סעודה רביעית, סעודתא דדוד מלכא משיחא, צוזאמען מיט משיח.

דער עיקר איז - אז עס זאל זיין בפועל ממש, אז מ׳זאל טאנצן

44) ראה פע"ח סוף שער השבת. 45) תהלים סט, יד. 46) ראה זח"ג קלו, ב. קכט, א. ד"ה ואני תפלתי תש"ד (סה"מ תש"ד ע׳ 163). ועוד. 47) סוכה מא, סע"א. 48) תוד"ה ואחד - פסחים קיד, ב. וראה יומא ה, ב. 49) שה"ש ד, ד. 50) ברכות ל, א.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

מיט דוד מלכא משיחא לארצנו הקדושה, לירושלים עיר הקודש ולביהמ"ק השלישי,

ומתוך שמחה ועונג גדולים למעלה מכל הגבלה, ובמהרה בימינו ממש ממש.

כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה לנגן ניגון הכנה. ניגון אדה"ז (בבא הרביעית – פעם אחת). ניע זשוריצי כלאפצי.

* * *

טז. איידער מ'איז מסיים וויל מען מוסיף זיין דאס וואס שטייט אין זהר וירא[51] עה"פ בפרשתנו[52] "בשנת שש מאות שנה לחיי נח וגו' נבקעו כל מעינות תהום רבה וארובות השמים נפתחו" – אז "בשית מאה שנין לשתיתאה יתפתחון תרעי דחכמתא לעילא ומבועי דחכמתא לתתא וכו' וסימנך בשנת שש מאות שנה לחיי נח וגו'", ביז אויך אז "כדי יהא קריב ליומי משיחא אפילו רביי דעלמא זמינין לאשכחא טמירין דחכמתא" קינדער.

ד.ה. אז התחלת המבול ("נבקעו כל מעינות תהום רבה וארובות השמים נפתחו") איז מרמז אויף התחלת הגילוי פון פנימיות התורה בדורות האחרונים, נאך חצות דאלף הששי [וואס דאס איז נאך א ראי' אז דער מבול איז למעליותא], "כמ"ש האריז"ל דדוקא בדורות אלו האחרונים מותר ומצוה לגלות זאת החכמה"[54], ביז דער גילוי באופן פון "יתפרנסון"[55] בתורת חסידות חב"ד, אין אן אופן פון "יפוצו מעינותיך חוצה", ביז די שלימות ההפצה חוצה בדורנו זה, צו יעדער איד, אויך צו "רביי", קינדער.

דערפון האט מען די הוראה – צו אריינכאפן די לעצטע רגעים פאר ביאת המשיח צו טאן אין הפצת המעינות חוצה, דורך מפיץ זיין די מאמרים וקונטרסים פון רבותינו נשיאינו צו יעדער איד,

כולל אויך צו קטנים, עכ"פ נאך בר-מצוה, און אויך פאר בר-מצוה – די ענינים פון אמונה בה', אהבת ה' וכו', וואס דורך די הפצה מיט קטנים – ווערט "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז גו' להשבית אויב ומתנקם"[56], כמבואר אין דער מאמר הידוע פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[57].

יז. דערצו איז מען נאכאמאל מעורר ומעודד ומזרז אז יעדערער זאל

---

51) ח"א קיז, א. וראה לקו"ש חט"ו ע' 42. וש"נ. 52) ז, יא. 53) זהר שם קיח, א. 54) אגה"ק סכ"ו (קמב, ב). 55) תקו"ז סוף ת"ו. 56) תהלים ח, ג. 57) סה"מ תרפ"ז ע' קיא ואילך.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

טאן אין דעם ענין פון "הקהל", מיט די אלע פעולות שבזה האמורות לעיל - וואס די בקשה בזה איז געווענדעט צו יעדער איד, כולל אויך טף.

און דאס זאל זיין די הכנה קרובה צום "הקהל" גדול דורך דעם אויבערשטן, "ואתם תלוקטו לאחד אחד בני ישראל"[58], און אלע גייען - "לך לך גו׳ אל הארץ אשר אראך" (ווי מ׳גייט באלד לייענען בתפלת מנחה), אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לבית הקודש, ביהמ״ק השלישי, ולקדש הקדשים.

ובאופן של עונג, וויבאלד אז מ׳שטייט אין שבת, און דעמולט גופא - בזמן רעוא דרעוין, "נחלה בלי מיצרים"[59], למעלה ממדידה והגבלה, ומתוך שמחה גדולה - שמחת עולם על ראשם[60], שמחה ועונג בלתי מוגבלים, ותיכף ומיד ממש.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

* * *

השלמות לשיחות הראשונות

יח. [בענין החידוש שנפעלת בעולם ע״י כתיבת ספר תורה חדש]:

דער חידוש שטייט נאכמער בהדגשה קומענדיק איצטער פון חודש תשרי, וואס דעמולט - בראש השנה - איז נמשך געווארן אן אור חדש בכל העולם כולו[61]. ואע״פ אז בכל רגע ורגע ווערט דער עולם נתחדש מאין ואפס המוחלט (כתורת הבעש״ט[62]) - איז דאס אבער באופן פון חידוש הישנות, אבער בראש השנה איז כל הדברים חוזרים לקדמותם[63], און פון פנימיות התענוג ביז פון עצמות ומהות איז מען ממשיך א חידוש כללי עד למטה מטה[64].

וואס דאס שטייט בהדגשה מיוחדת ביום השבת, וואס ענינו איז המשכת התענוג, ביז תענוג וואס קומט ע״י עבודת האדם (למעשה ידיך תכסוף[65]) - "המענג את השבת"[66]. ובפרט אז שנה שעברה איז געווען א שנת השמיטה, "שבת לה׳"[67], א גאנצער יאר פון תענוג, והתחלת

58) ישעי׳ כז, יב. 59) שבת קיח, סע״א ואילך. וראה ד״ה השמים כסאי שנאמר בההתוועדות. 60) ישעי׳ לה, י. שם נא, יא. 61) אגה״ק סי״ד. 62) שעהיוה״א פ״א. 63) ראה פע״ח ושער הכוונות שער ר״ה. סידור האריז״ל במקומו. לקו״ת נצבים נא, ב. ובכ״מ. 64) ראה סידור עם דא״ח שער התקיעות ד״ה להבין ענין תקיעת שופר עפ״י כוונת הבעש״ט. 65) איוב יד, טו. 66) שבת קיח, סע״א. 67) בהר כה, ב.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

השנה איז געווען בראש השנה שחל להיות בשבת. ועד״ז בשנה זו – איז יוהכ״פ געווען ביום השבת, און ראש חודש חשון איז בשבת.

און דער ראש חודש חשון איז דער ערשטער חודש וועלכער אידן בענטשן בכח פון ברכתו של הקב״ה אין חודש תשרי[68] – ווען ס׳איז געווען כללות חידוש העולם, כנ״ל. יט. FS[13]![סיום השיחה]:

דורך דער עבודה פון "הקהל" בזמן הזה – איילט מען נאכמער צו דער "הקהל" גדול דלע״ל, וואס דעמולט וועט מלך המשיח לייענען די פרשיות התורה [ווארום אויך לע״ל וועלן זיין די אלע מצוות, דתורה זו לא תהא מוחלפת[69], אפילו א פרט אין תורה, עאכו״כ תושב״כ בכלל],

אזוי ווי משיח "ילמד כל העם"[70], ביז אויך מיט די אבות און משה רבינו, ווי דער מיטעלער רבי איז מבאר אין שער האמונה[71].

ויש לומר המקור לזה בנגלה – פון דעם וואס עס שטייט אין מדרש[72] אז משיח איז "גדול מן האבות, שנאמר[73] הנה ישכיל עבדי ירום ונשא וגבה מאד, ירום מאברהם ונשא מיצחק וגבה מיעקב כו׳ ונשא ממשה". ולהעיר פון דברי הרמב״ם[74] אז משיח "נביא גדול הוא קרוב למשה רבינו".

און דערצו וועט דעמולט אויך זיין "תורה חדשה מאתי תצא", און ביחד עם זה (ועי״ז?) וועט אויך זיין א חידוש אין מעשה בראשית – "השמים החדשים והארץ החדשה"[75].

און אלע אידן, אלס איין "קהל" – "קהל גדול ישובו הנה" – גייען לארצנו הקדושה, "ארץ אשר גו׳ תמיד עיני ה׳ אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה", ולירושלים עיר הקודש, עיר שחוברה לה יחדיו[76], זי מאכט "הקהל" פון אלע ענינים וואס געפינען זיך אין איר, ולביהמ״ק השלישי, וואס איז אויך מקהיל ומאחד אלע אידן, ביז אז "ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים"[77] – אפילו פאר אוה״ע (להבדיל), ועאכו״כ פאר אידן.

---

68) "היום יום" כה אלול. ועוד. 69) עיקר הט׳ מי״ג העיקרים. וראה רמב״ם הל׳ יסוה״ת רפ״ט. הל׳ מלכים פי״א סוף הי״ג. פיה״מ סנהדרין פ׳ חלק יסוד התשיעי. 70) רמב״ם הל׳ תשובה פ״ט ה״ב. 71) פנ״ו. וראה לקו״ת צו יז, א. 72) תנחומא ס״פ תולדות. 73) ישעי׳ נב, יג. 74) הל׳ תשובה שם. 75) ישעי׳ סו, כב. 76) ירושלמי חגיגה פ״ג ה״ו. 77) ישעי׳ נו, ז.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ובפרט ווען מ'שטייט אין ראש חודש חשון, וואס דעמולט איז געווען סיום ביהמ"ק הראשון, און חנוכת ביהמ"ק השלישי וועט זיין בחודש זה[78].

און דארטן גופא - אין קדש הקדשים, וואו עס געפינען זיך די לוחות הברית צוזאמען מיט דער ספר תורה.

ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותינו כו' כמצות רצונך[79] - אכילת הקרבנות [כמדובר בהתוועדות שלפנ"ז[80] אז בכמה קרבנות איז עיקר תכליתם אכילת הקרבן], אכילת בעלים, אכילת כהנים אדער אכילת מזבח - באופן אז דאס ווערט דם ובשר כבשרו.

ואע"פ אז עוה"ב אין בו לא אכילה ולא שתי'[81] - איז ידוע די צוויי ביאורים בזה: א) אין בו לא אכילה ולא שתי' גייט אויף גן עדן[82]. ב) לע"ל וועלן זיין צוויי תקופות[83]: אין די ערשטע תקופה וועט זיין סעודת לויתן ושור הבר[84]. און אין די צווייטע תקופה וועט ניט זיין קיין אכילה ושתי'.

וכל זה זאל זיין בזריזות הכי גדולה, אחישנה שבאחישנה, ובפרט אז אידן גיבן צו אין זריזות בעבודה שלהם - וואס אידן זיינען "ממלכת כהנים"[85] (ובפרט לויטן פירוש אז דאס מיינט "כהנים גדולים"[86]), וכהנים זריזין הם[87]. טוט דאס אויף אז אויך דער אויבערשטער - וואס "אלקיכם כהן הוא"[88] (ביז כהן גדול[89]) - ברענגט די גאולה בזריזות.

ובפשטות - אז "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים", מ'זעט די אלע ענינים למטה מעשרה טפחים בעוה"ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו.

ומתוך שמחה, ובפרט שטייענדיק ביום השבת, וואס "וביום שמחתכם אלו השבתות"[90], און בש"פ נח - "נח נח"[91], נייחא לעליונים ונייחא לתחתונים[92].

און מ'וועט גיין צוזאמען מיט דער ספר תורה האמורה, און - אנשים נשים וטף, סי די וואס געפינען זיך דא, סיי בכל העולם

78) יל"ש מ"א רמז קפד. 79) תפלת מוסף דר"ח. 80) ש"פ בראשית - התוועדות ב'. 81) ברכות יז, א. 82) ראה רמב"ם וראב"ד הל' תשובה ספ"ח. 83) המשך תרס"ו ע' קה ואילך. 84) ראה ב"ב עד, ב ואילך. פסחים קיט, ב. ועוד. 85) יתרו יט, ו. 86) אגדת בראשית פע"ס [פ]. בעה"ט יתרו שם. 87) שבת כ, א. 88) סנהדרין לט, סע"א. 89) ראה זח"ג יז, ב. 90) ספרי בהעלותך י, י. 91) ריש פרשתנו (נח). 92) ב"ר פרשתנו פ"ל, ה. נתבאר בתו"א ריש פרשתנו. ובכ"מ. הנחת הת' בלתי מוגה

כולו – טאנצן לקבל פני משיח צדקנו,

ובפשטות – למטה מעשרה טפחים, תיכף ומיד ממש.

* * *

[סיום שיחה שני']:

כ. די הוראה בפועל פון האמור לעיל [וועגן די שייכות פון הקהל מיט פ' נח – אז אין תיבת נח איז געווען בדוגמא פון "הקהל"]:

שטייענדיק אין דעם שבת דארף יעדער איד וויסן די כחות וואס ער האט אויף טאן אין דעם ענין פון "הקהל", אנהויבנדיק נאך אין דעם שבת, און דערנאך – אין די ימים שלאח"ז, וואס "מפקחין על צרכי ציבור בשבת"[93].

ולהעיר, אז "מפקחין" האט צוויי פירושים: א) מלשון פקחות – דעת, ב) מלשון ראי'. וואס ביידע ענינים וועלן זיין בשלימות לע"ל: דעמולט וועט זיין שלימות הדעת – "מלאה הארץ דיעה את ה' כים לים מכסים"[94]. און שלימות אין ראי' – מ'וועט זען דעם כח הפועל בנפעל אין אלע נבראים (משא"כ בזמן הזה איז דאס נאר בא יחידי סגולה).

דארף זיין דער "מפקחין אל צרכי ציבור בשבת" זה אויף טאן אין דער עבודה פון "הקהל" – מיט ביידע פירושים אין "מפקחין", פקחות און ראי'.

וכאמור, מ'האט אלע כחות אויף טאן אין דעם בשלימות. ויגעתי ומצאתי.

ביז אז עס ווערט נתגלה די מציאה פון "ומצאתי דוד עבדי בשמן קדשי משחתיו"[31], בגאולה האמיתית והשלימה,

ובפרט, כנ"ל, אז תיבת נח (וואו ס'איז געווען "הקהל") איז מעין ובדוגמא פון דעם מצב המנוחה דלע"ל, כמבואר אין די דרושים פון רבותינו נשיאינו, אנהויבנדיק פון די דרושים פון אלטן רבי'ן און מיטעלן רבי'ן, ובפרט דרושי הצ"צ, און דערנאך די דרושים פון רבותינו נשיאינו שלאחריו.

---

93) ראה שבת קנ, א. טושו"ע (ואדה"ז) או"ח סש"ו ס"ו (סי"ב). 94) ישעי' יא, ט. רמב"ם סוף הל' מלכים. הנחת הת' בלתי מוגה

און דער עיקר איז - אז מ׳זאל קומען פון די דרושים צו דעם "דרוש גדול" פון "מלאה הארץ דעה את ה׳ כמים לים מכסים", ובאופן פון "ובמנוסה לא תלכון"[95] נאר "בשובה ונחת תושעון"[96] (בדוגמא ווי די מנוחה בתיבת נח).

[ולאחרי הזכרת הברכות בכל האותיות דאל״ף-בי״ת - סיים]: וכל זה במהרה בימינו ממש, , און אזא ממש וואס לא עכבן אפילו כהרף עין[97].

------ * ------

95) ישעי׳ נב, יב. 96) שם ל, טו. וראה המשך זככה תרל״ז בסיומו. 97) מכילתא ופרש״י בא יב, מא.

הנחה הח׳ בלתי מוגה

SichosKodesh.com

לזכות

הילדה דבורה תחי'

לאורך ימים ושנים טובות

נולדה יום ג', כ"ז תשרי

ה'תהא שנת חרות משיח

נדפס ע"י הורי'

הרה"ת ר' בן ציון וזוגתו מרת חנה שיחיו

קראסניאנסקי

זקני'

הרה"ת ר' גרשון דובער וזוגתו מרת חי' צבי' שיחיו

יעקבסון

הרה"ת ר' דוד וזוגתו מרת עטל שיחיו

קראסניאנסקי

מרת ליובא אלטא טייבל תחי' ליפסקער

מרת רחל תחי' חאריטאנאוו

מרת שפרה תחי' אייזנשטאט

הכתובת להשיג ה"הנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 03-984887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448

שיחת

ש"פ לך לך, ח' חשון
ה'תשמ"ח



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי   ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה
שנת הקהל

SichosKodesh.com

מפתח

SichosKodesh.com

בס"ד. משיחות ש"פ לך לך, ח' מרחשון ה'תשמ"ח

א. היינטיקער שבת איז אויף מאָרגן נאָך שבעה מרחשון, דער טאָג וועלכער באַצייכנט דעם סיום התקופה פון עלי' לרגל בחודש תשרי (בחג הסוכות), און התחלת התקופה פון דער עבודה פון יעדער איד בביתו ובמקומו, "איש תחת גפנו ותחת תאנתו"[1] (בארץ ישראל ובמילא אויך בחוץ לארץ), צו מקיים זיין שליחותו ועבודתו אין וועלט[2].

ווי פאַרשטאַנדיק דערפון וואָס די משנה זאָגט[3], אַראָפּגעבראַכט להלכה אין שולחן ערוך[4], אַז שאילת גשמים (בארץ ישראל) הויבט זיך אָן פון שבעה בחשון, "ט"ו יום אחר הרגל", כדי אַז דער "אחרון שבישראל" זאָל שוין אָנקומען צו זיך אַהיים "ולא יעצרנו הגשם"[5].

און ווי דער ש"ך[6] שרייבט אַז "כל פעם שהיו ישראל עולים לרגל לא היו יכולין להגיע לבתיהם אחר הרגל אלא בט"ו יום (שבעה בחשון) והי' דומה להם כאילו הם עדיין בארץ ישראל עסוקים בעניני הרגל", און דערנאָך הויבט זיך אָן די עבודה פון יעדער איד בביתו ובמקומו.

און דער ענין פון ז' חשון (סיום תקופת הרגל און התחלת העבודה פון יעדערן במקומו) — אַזוי ווי אַלע ענינים פון בית המקדש — איז פאַראַן אויך איצטער בזמן הגלות און אויך בחוץ לארץ, ובפרט אַז בזמן הזה איז די הלכה און הנהגה בפועל, אַז מ'איז שואל גשמים בארץ ישראל[7] אָנהויבנדיק פון ז' חשון[8], און — אויך "לאחר החורבן היו מתאספים ג"כ מכל הסביבות בירושלים לרגל, כמו שעושין גם היום, לפיכך לא בטלו תקנת חכמים שתקנו השאלה בא"י בז' במרחשון"[9].

ביז אַז דאָס איז אויך נוגע בזמן הזה אין חוץ לארץ — ווי דער דין איז[10], אַז אויב מ'האָט געשריבן אין אַ שטר "אחר הרגל", איז די כוונה בזה — "ט"ו יום אחר הרגל", ווייל ביז דאַן איז נאָך "כאילו

---

1) לשון הכתוב — מ"א ה, ה. מיכה ד, ד.

2) בכ"ז — ראה גם לקו"ש ח"כ ע' 54 ואילך. 377 ואילך. 551 ואילך. חכ"ה ע' 297 ואילך.

3) תענית י, א.

4) או"ח ר"ס קיז. שו"ע אדה"ז שם.

5) שו"ע אדה"ז שם. ועד"ז בריטב"א תענית שם (וראה לקו"ש ח"כ ע' 54 הערה 6).

6) חו"מ סמ"ג סקמ"ז. וראה לקו"ש שבהערה 2.

7) שמתמציתה שותה כל העולם כולו (ראה תענית י, רע"א).

8) ונפק"מ לדינא גם בחו"ל — "טעה היחיד ושאל מטר מז' מרחשון ואילך אינו מחוייב לחזור" (שו"ע אדה"ז או"ח סקי"ז סוס"א. וש"נ).

9) שו"ע אדה"ז שם. וראה לקו"ש ח"כ שם (ע' 55. וש"נ).

10) ש"ך חו"מ שם.

. . עסוקים בעניני הרגל״.

ב. דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז שטייענדיק באַ דער התחלה פון אַ נייער תקופה, אין דעם שבת גלייך נאָך שבעה בחשון [ווען שבעה בחשון קומט צו זיין שלימות (באופן פון „ויכולו״[11]), און אויך: דער „יאכל״ פון דעם שבת איז פון דעם „טרח בערב שבת״[12] בשבעה בחשון], ווען מ׳האַלט בהתחלת איבערגיין פון דעם מצב פון „עסוקים בעניני הרגל״ צו דער עבודה יעדערער באַ זיך במקומו בעולם — איז איצטער די צייט[13] צו דערמאָנען זיך (און אַלע אַרום זיך) וועגן דעם „פאַנאַנדערפאַקען״[14] פון די כחות פון דעם פאַרגאַנגענעם חודש תשרי און נוצן זיי וכדבעי[15] אין דער עבודה פון „ויעקב הלך לדרכו״[16] במשך פון דעם קומענדיקן יאָר.

ווי באַוואוסט, אַז (חודש) תשרי איז אותיות רשית[17]: כשם ווי אַ „קאָפּ״ פירט אָן און גיט חיות צו אַלע איברי הגוף, אַזוי אויך חודש תשרי פירט אָן און גיט חיות אין דער עבודה במשך פון דעם גאַנצן יאָר[18]. ובפרט די מועדים אין חודש תשרי — וועלכע זיינען מועדים כללים[19], מ׳נעמט פון זיי כחות אויף טאָן די עבודה בכל השנה כולה, [פון ראש השנה נעמט מען יראה וקבלת עול אויף כל השנה, פון יוהכ״פ — נעמט מען תשובה אויף כל השנה, פון סוכות — נעמט מען שמחה אויף כל השנה].

ג. אין צוגאָב צו דער אַלגעמיינער עבודה פון דעם קומענדיקן יאָר (אין אַלע עניני תורה ומצוות) אויף וועלכע מ׳נעמט כחות פון חודש תשרי — האָט יעדער יאָר אויך ספּעציעלע ענינים און עבודות אין וועלכע עס דאַרף זיין דער עיקר אונטערשטרייכונג און אָנשטרענגונג (דער „שער״[20] דורך וועלכן אַלע אַנדערע עניני עבודה זיינען דעמולט עולה).

היינטיקס יאָר — זעט מען בגלוי צוויי אויסגעטיילטע זאַכן: א)

---

11) בראשית ב, ב. וראה ד״ה ויכולו באוה״ת בראשית כרך א מב, ב ואילך. כרך ג תקח, א ואילך. ד״ה הנ״ל דיום ב׳ דר״ה שנה זו.

12) לשון חז״ל — ע״ז ג, א.

13) ראה גם לקו״ש ח״כ שם (ע׳ 555). חכ״ה שם.

14) ראה שיחת יום ב׳ דחג השבועות תש״ח (סה״מ תש״ט ע׳ 173). שיחת שמע״צ תש״ז (הועתקה בהקדמה לקונטרס פה — סה״מ תשי״א ע׳ 78 ואילך). וראה קונטרס משיחות י״ג תשרי וש״פ בראשית שנה זו ס״א.

15) כתובות סז, רע״א.

16) לשון הכתוב — ויצא לב, ב. וראה בהמצויין במקומות שבהערה הקודמת. וש״נ.

17) בעל הטורים עה״פ עקב יא, יב. וראה מאמרי אדה״ז תקס״ט ע׳ רלח. אוה״ת סוכות ע׳ א׳תשנו. סה״מ תר״ל ע׳ רפז. תרנ״ו ע׳ רעז.

18) לקו״ת תבוא מא, ג. נצבים מז, א־ב. ר״ה נח, א־ב. עטרת ראש שער ר״ה בתחלתו.

19) ראה מאמרי אדה״ז תקס״ו ע׳ שעט. אוה״ת ברכה ע׳ א׳תתסו. סה״מ תרנ״ד ע׳ לו. תרנ״ו ע׳ רעח. תש״ב ע׳ 49. וראה מאמרי אדה״ז ואוה״ת שבהערה 17.

20) ראה ספר השיחות ה׳ש״ת ע׳ 22. לקו״ד ח״ד תשמז, ב. ועוד.

SichosKodesh.com

ס׳איז אַ שנת הקהל, ב) דער מספר השנה לבריאת העולם איז (ה׳ אלפים) תשמ״ח — שנת תשמח (דאָס הייסט: מ׳זאָל זיין שמח).

דאָס הייסט, אַז די עבודה מיוחדת פון היינטיקן יאָר באַשטייט פון: א) אויסנוצן יעדער געלעגנהייט אויף אויפטאָן דעם ענין פון „הקהל את העם האנשים והנשים והטף גו׳ למען ישמעו ולמען ילמדו ויראו את ה׳ אלקיכם ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת גו׳ כל הימים אשר אתם חיים על האדמה"[21], ווי גערעדט לעצטנס בארוכה[22]. ב) אַ הדגשה מיוחדת אויף שטיין בשמחה אין אַלע „העם" אידישע ענינים, ועל אחת כמה וכמה אין עבודת ה׳ — לימוד התורה וקיום המצוות, כולל ובמיוחד — אין דער עבודה הנ״ל פון „הקהל".

און אויף די ביידע ענינים — „הקהל" און „תשמח" — נעמט מען כחות פון חודש תשרי על מנת זיי ממשיך זיין אין דער עבודה פון „הקהל" און שמחה במשך דעם גאַנצן יאָר:

„הקהל":

כאָטש אַז מצות הקהל האָט מען מקיים געווען (בזמן הבית) במוצאי יו״ט ראשון של חג הסוכות[23], יש לומר אַז דער גאַנצער יאָר איז אַ „שנת הקהל". וואָרום קיום מצות הקהל איז דאָך „למען" צוליב דער השפעה אין „ליראה את ה׳ אלקיכם כל הימים אשר אשר אתם חיים על האדמה", ועל אחת כמה וכמה אין דעם יאָר אין וועלכן מ׳האָט מקיים געווען די מצוה.

דאָס הייסט, אַז פון קיום מצות הקהל בחודש תשרי, בחג הסוכות (זמן שמחתנו) — האָט מען גענומען כח אויף „ליראה את ה׳ אלקיכם" במשך דעם גאַנצן יאָר, און „על כל הימים".

ועד״ז איז אויך איצטער: פון דעם „הקהל" אין דעם חודש תשרי — ווען אידן זיינען געווען צוזאַמען און געדאַווענט געלערנט און געפראַוועט די ימים טובים צוזאַמען — נעמט מען דעם כח אויף טאָן אין „הקהל" במשך דעם גאַנצן יאָר.

„תשמח":

כאָטש אַז אין אַלגעמיין קומט מען איצטער — למחרת ז׳ חשון — פון גאַנצן חודש תשרי, און מ׳נעמט כחות פון דעם גאַנצן חודש, צוזאַמען דערמיט זעט מען אַז דער סיום וגמר פון אַלע מועדי תשרי איז „זמן שמחתנו". ד.ה. אַז דער לעצטער „איינדרוק" פון חודש תשרי מיט וועלכע מ׳גייט דערנאָך טאָן די עבודה במשך השנה איז — די שמחה פון „זמן שמחתנו" (ובלשון הנ״ל: ביז ז׳ חשון „הי׳ דומה להם כאילו הם עדיין . . עסוקים בעניני הרגל", דער רגל פון חג הסוכות, „זמן שמחתנו"),

21) וילך לא, יב ואילך.

22) ראה מכתב וא״ו תשרי שנה זו. קונטרס משיחות י״ג תשרי וש״פ בראשית שנה זו. ועוד.

23) משנה סוטה מא, א. רמב״ם הל׳ חגיגה פ״ג ה״ג.

וואָס אין צוגאָב צו זיין זיין „מועדים לשמחה״ בכלל כל המועדים, איז חג הסוכות ושמיני עצרת (ושמחת תורה) אויסגע־טיילט דערמיט וואָס ער איז אויך „זמן שמחתנו״ (משא״כ פסח — „זמן חירותנו״, און שבועות — „זמן מתן תורתנו״), ובפרט אַז ער איז אויך בהוספה על שאר המועדים: שמונה ימים (מן התורה) של שמחה, ותשעה ימים מדרבנן (משא״כ פסח — שבעה ימים מן התורה, ושמונה מדרבנן), וואָס דאָס ווייזט אויך אויף אַ הוספה באיכות השמחה. ווי מ׳זעט עס בהדגשה אין מנהג ישראל, אַז די שמחה בחג הסוכות (ובפרט מצד שמחת בית השואבה), און ספע־ציעל בשמע״צ ושמח״ת — איז אַ סך שטאַרקער ווי די שמחה אין אַנדערע ימים טובים.

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז נוסף לזה וואָס די שמחה פון „זמן שמחתנו״ איז דער מקור פון וועלכן מ׳נעמט שמחה על כל השנה כולה (כנ״ל), ווערן אויך אַלע ענינים פון חודש תשרי נמשך דורך דעם צינור פון שמחה — וואָרום „זמן שמחתנו״ איז גמר וסיום המועדים פון חודש תשרי[24], פון וועלכע מ׳גייט דערנאָך טאָן די עבודה אין וועלט.

דער ענין איז נאָכמער אונטערשטראָכן אין קביעות שנה זו — ווען גלייך פון „זמן שמחתנו״ (וסיומו — שמע״צ ושמח״ת) איז מען אַריין אין שבת בראשית (בלי הפסק בינתיים), וואָס „ביום שמחתכם — אלו שבתות״[25]: און לויט דעם באַוואוסטן פתגם[26] אַז אַזוי ווי מ׳שטעלט זיך שבת בראשית אַזוי גייט אַ גאַנץ יאָר — קומט אויס, אַז אין צוגאָב צו די שמחה וואָס ווערט נמשך פון „זמן שמחתנו״, האָט מען אין דעם נאָכמער כח פון „שבת בראשית״ וואָס איז גע־קומען גלייך נאָך „זמן שמחתנו״.

און דאָס אַלעס איז נאָכמער — ובעיקר — אונטערשטראָכן מצד דעם וואָס דער גאַנצער יאָר איז שמו „תשמ״ח״ — שנת תשמח. איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז נוסף צו די שמחה וואָס דאַרף זיין בכל השנה ובכל הזמנים[27] (כידוע אַז עבודת ה׳ בכלל דאַרף זיין „בשמחה ובטוב לבב״[28]), וואָס די שמחה ווערט נמשך פון „זמן שמחתנו״ יעדער יאָר — דאַרף אין דעם זיין אַ ספּעציעלע הוספה און הדגשה היינטיקן יאָר, במילא דאַרף דער „זמן שמחתנו״ בשנה זו געבן נאָכמער כחות אויף שמחה במשך דעם גאַנצן שנת „תשמח״.

---

24) ובפרט ע״פ המבואר בחסידות (ראה לקו״ת ר״ה נד, ריש ע״ד. סידור עם דא״ח שער ר״ה רלה, ב. ועוד) שב„זמן שמחתנו״ הוא הגילוי (ששמחה ענינה גילוי) של כל ההמשכות דחודש תשרי שהיו „בכסה״ בר״ה ויוהכ״פ.

25) בהעלותך י, י ובספרי עה״פ.

26) לקו״ש ח״ב ע׳ 449 — בשם אדמו״ר הצ״צ. לקו״ש ח״כ ע׳ 556. וש״נ. וראה קונטרס שבהערה 14 ס״ב.

27) ראה רמב״ם סוף הל׳ לולב.

28) תבוא כח, מז — „ונודע לכל פי׳ האר״י ז״ל על פסוק זה״ (תניא פכ״ו — לג, רע״א. וראה שער רוה״ק להאריז״ל (י, ב בהוצאת ירושלים, תער״ב. לג, ב — אה״ק

SichosKodesh.com

ד. דערפון פאַרשטייט מען, אַז שטייענדיק אין דעם טאָג למחרת ז׳ חשון, ווען מ׳האַלט ביי אַריינגיין אין די טאָג טעגלעכע עבודה פון דעם נייעם יאָר, יעדערער באַ זיך במקומו — דאַרף מען ספּעציעל מעורר זיין און אָננעמען ספּעציעלע כחות פון דעם חודש תשרי אויף ממשיך זיין טאָן אין די צוויי עיקר׳דיקע עבודות פון דעם יאָר — „הקהל״ און „תשמח״ — אויך בשעת יעדערער געפינט זיך „תחת גפנו ותחת תאנתו״ (ניט נאָר ווען מ׳איז געשטאַנען בהתעוררות במשך חודש תשרי).

ועל פי הידוע[29] אַז די מועדי השנה כו׳ האָבן אַ שייכות בעניניהם צו די פרשיות התורה וואָס ווערן געלערנט אין די זמנים אין וועלכע די מועדים זיינען חל, איז פאַרשטאַנדיק אַז וויבאַלד אַז אין דעם שבת נאָך ז׳ חשון לייענט מען פרשת לך לך (און ז׳ חשון אַליין קומט אויס אין דער פרשה) — קען מען פון דער פרשה (ובפרט פון סיום הפרשה — דער שיעור חומש פון דעם שבת) אַרויסנעמען אַ לימוד און נתינת כח בנוגע צו די (אַלגעמיינע, און ספּעציעל די) אויסגעטיילטע עבודה פון הייַנטיקן יאָר — „הקהל״ און „שמחה״, ובפרט — ווי מ׳דאַרף דאָס מקיים זיין אַריינגייענדיק (נאָך ז׳ חשון) אין דעם טאָג טעגלעכן לעבן „איש תחת גפנו ותחת תאנתו״.

ה. דער ענין אין דעם:

בסיום[30] פון אונזער פרשה — פרשת לך לך — רעדט זיך וועגן אַן ענין הכי כללי ויסודי אין אידישקייט[31]: די מצוה פון ברית מילה.

פון פשטות הכתובים בפרשתנו איז פאַרשטאַנדיק אַז אין מצות מילה איז פאַראַן אַ חידוש גדול:

אויף פאַר דעם וואָס דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט אברהם׳ען אויף מצות מילה (בשעת אברהם איז געווען בן תשעים שנה ותשע שנים[32]) איז אברהם געווען בתכלית העילוי: די אַלע יאָרן האָט ער מקיים געווען אַלע מצוות עד שלא ניתנו, וכמ״ש[33] „עקב אשר שמע אברהם בקולי״, — „כמנין עק״ב שנים שמע אברהם בקולי כו׳ (בן שלש שנים הכיר את בוראו)״[34], און אין אַן אופן פון „הלוך ונסוע״[35] — עלי׳ אחר עלי׳.

ולאחרי כל זה זאָגט אים דער אויבערשטער „התהלך לפני והי׳ תמים — התהלך לפני במצות מילה ובדבר הזה תהי׳ תמים[36], ד.ה.

תשכ״ג). של״ה מט, א. שפו, א).

29) של״ה ר״פ וישב.

30) דהכל הולך אחר החיתום (ברכות יב, א).

31) ראה גם לקו״ש לך דשבוע זה סעיף וא״ו.

32) פרשתנו יז, א ואילך.

33) תולדות כו, ה ובפרש״י.

34) נדרים לב, סע״א ובפרש״י שם. ועוד.

35) פרשתנו יב, ט.

36) פרשתנו יז, א ובפרש״י. נדרים לב, א.

אַז ניט קוקנדיק אויף אַלע עילויים פון אברהם ביז דעמולט איז ער נאָך ניט „תמים", ואדרבה — „כל זמן שהערלה בך אתה בעל מום לפני"[37], און דוקא דורך מילה ווערט ער „תמים", וואָס דער אויפטו פון „תמים" (לגבי אַ „בעל מום") איז ניט נאָר אין דעם אבר אין וועלכן עס איז דער מום, נאָר אין דעם גאַנצן מענטשן.

ויש לומר אַז דער חידוש אין מצות מילה איז, אַז דורך בשר גשמי פון אַ אידן ווערט אַ ברית צווישן אידן מיטן אויבערשטן, „זאת בריתי . . ביני וביניכם ובין זרעך אחריך"[38], און אַ ברית עולם — איז דאָס דורך „בריתי בבשרכם לברית עולם"[39].

און דערמיט וועט מען פאַרשטיין דעם טעם פאַרוואָס דוקא דורך מצות מילה ווערט אברהם „תמים": כל זמן וואָס ער איז מקיים מצוות און טוט אַלע גרויסע הויכע ענינים אָבער דאָס בלייבט ברוחניות, איז נאָך ניטאָ דער ענין אַז דאָס האָט אים דורכגענומען אינגאַנצן: בשעת עס ווערט אָבער „בריתי בבשרכם", אין דעם בשר הגשמי, ובפרט — באופן כזה אַז דאָס בלייבט אַזוי שטענדיק — באַווייזט עס אַז זיין פאַרבונד (ברית) מיטן אויבערשטן האָט אים אינגאַנצן דורכגענומען, און דערפאַר טוט עס אויף אַז ער ווערט „תמים", „תמים" בכל מציאותו אויך אין די ענינים רוחניים וועלכע ער האָט פריער מקיים געווען (און וועט שפּעטער מקיים זיין). ע״ד משל: בשעת מ׳הויבט אויף אַ בנין מתחתיתו — ווערט אַן עלי׳ אין דעם גאַנצן בנין[40]. עד״ז בשעת מ׳הויבט אויף די דרגא הכי תחתונה אין „עיר קטנה זה הגוף"[41] — דער בשר גשמי — ווערט „תמים" אין אַלע דרגות וחלקים בהאדם, ביז אויך אין זיין ראש ומוחין און קדקד (מקיף) על הראש כו׳.

דערצו איז דאָ נאָך אַ גרעסערער חידוש: דער אויבערשטער זאָגט אברהם׳ען „והיתה בריתי בבשרכם לברית עולם — וואָס לכאורה ווי קען דאָס זיין: „בשר" און „עולם" (נצחיות) זיינען הפכיים. כל הווה נפסד[42], און ווי עס שטייט אין פסוק[43] „עפר אתה ואל עפר תשוב". במילא קומט לכאורה אויס אַז לאחרי ווי דער גוף ווערט בטל (עפר) ווערט דער ברית בטל.

אעפ״כ זאָגט דער אויבערשטער „ברית עולם" — וואָרום דער „ברית" צווישן „ביני וביניכם" (דער אויבערשטער מיט אידן) קומט פון דעם אויבערשטן אַליין, וואָס ער איז בכח צו אויפטאָן אַ „ברית

37) פרש״י שם.

38) פרשתנו יז, י.

39) שם, יג.

40) תו״א בראשית ד, א. וראה לקו״ת נצבים מה, א.

41) קהלת ט, יד. נדרים לב, ב (בהמשך הסוגיא ע״ד אברהם אבינו).

42) ראה מו״נ ח״ב פ״א עיון ג. ספר החקירה להצ״צ קד, א ואילך.

43) בראשית ג, יט. וראה ספר השיחות תורת שלום ע׳ 46. וראה גם המשך תער״ב ח״ג ע׳ א׳רנד.

SichosKodesh.com

עולם״ אַפילו אין „בשרכם״[44], באופן נצחי ממש, אַזוי אַז אין דעם קען קיינמאָל ניט זיין קיין שינוי, אפילו לאחר ווי „אל עפר תשוב״.

נאָכמער: דער „ברית עולם״ איז אין אַן אופן, אַז בכל רגע ורגע ווערט נתחדש די מצוה. כמבואר במ״א, אַז אין מצות מילה זיינען פאַראַן צוויי ענינים: א) הסרת הערלה — איז אַ פעולה חד פעמית (לאחרי ווי מ׳האָט דאָס איין מאָל אָראָפּגענומען איז ניט שייך אַז מ׳זאָל דאָס טאָן נאָכאַמאָל). ב) אַז דער אדם איז אַ מהול — שנכנס בבריתו של אברהם אבינו. וואָס דער ענין איז אַ מצוה נמשכת, וואָס ווערט נתחדש בכל רגע ורגע מחדש: בכל רגע איז ער נכנס בבריתו של אברהם אבינו מחדש.

וכשם ווי דאָס איז בנוגע צו מצות מילה ביי אברהם אבינו — אַזוי איז דאָס באַ „זרעך אחריך״, באַ דער ברית מילה פון יעדער איד (ואשה כמאן דמהילא דמיא[45]), ווי מ׳זאָגט אין נוסח הברכה (ביי ברית מילה) — „להכניסו בבריתו של אברהם אבינו״: אַז דורך מצות מילה — ווערט דער קינד נכנס ב„בריתי בבשרכם לברית עולם״.

ו. דערמיט וועט מען פאַרשטיין וואָס די גמרא זאָגט[46], אַז „כל מצוה שקיבלו עליהן בשמחה כמו מילה דכתיב[47] שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב עדיין עושין אותה בשמחה (שעושין משתה[48])״.

רש״י[49] איז אויף דעם מפרש: „שש אנכי על אמרתך — אמירה יחידה שקדמה לשאר אמירות והיא מילה שישראל עושין וששים עלי׳, דכל שאר מצוות אינן מוכיחות כל שעה כגון תפילין ומזוזה וציצית דאינן כשהוא בשדה וערום בבית המרחץ, אבל זו מעיד עליהם לעולם, כדאמרינן במנחות[50] בדוד שראה עצמו בבית המרחץ ונצטער אמר אוי לי שאני ערום מכל מצוות כיון שנזכר[51] במילה נתיישבה דעתו״.

דאַרף מען פאַרשטיין:

א) דוד המלך האָט דאָך זיכער מקיים געווען (אויך בבית המרחץ) די מצוות „שחיובן תמידי לא יפסק מעל האדם אפילו רגע בכל

---

44) ראה גם לקו״ש חכ״ה ע׳ 87 ואילך.

45) ע״ז כז, א.

46) שבת קל, א.

47) תהלים קיט, קסב.

48) פרש״י שם — ד״ה בשמחה.

49) שבת שם — ד״ה שש אנכי. וראה עד״ז פרש״י לתהלים עה״פ שש אנכי: רבותינו דרשו על המילה שהי׳ דוד בבית המרחץ וכו׳.

50) מג, ב. וראה גם ירושלמי סוף מס׳ ברכות. הובא גם בפרש״י ד״ה אמרתך — מגילה טז, א.

51) ברש״י לתהלים שם: נסתכל.

ימיו"[52], להאמין בה', שלא להאמין בזולתו, לייחדו, לאהבה אותו, ליראה אותו וכו' [וואָס אפילו אַז מ'טאָר דאַרט ניט זיך מתבונן זיין אין ענינים המביאים לידי אמונה ואהבה ויראה כו' — לייכט אָבער אמונה בגלוי באַ יעדער איד בכל רגע ורגע, כמבואר בתניא[53] אַז אפילו אַ קל שבקלים וועט זיך מוסר נפש זיין אויף אַן ענין פון עבודה זרה, עאכו"כ דוד המלך], ואדרבה — זיי זיינען דאָך מצוות וועלכע זיינען יסוד ושרש כל המצוות כולם[54]. איז ווי האָט דוד גע־קענט זאָגן אַז ער איז "ערום מכל מצוות"?!

ב) וואָס איז דער טייטש "כיון שנזכר במילה נתיישבה דעתו" — צי דען האָט דוד ניט געדיינקט אַז ער איז אַ מהול?!

ג) אין וואָס באַשטייט די געוואַלדיקע שמחה פון מצות מילה דוקא — ביז אַז די גמרא גיט דערפון אַ דוגמא אַז "כל מצוה שקיבלו עליהן בשמחה כמו מילה כו' עדיין עושין אותה בשמחה"?

איז דאָס מובן לויט דעם ביאור הנ"ל אין דעם חידוש פון מצות מילה:

בשעת אברהם האָט געהאַט אמונת ה', אהבת ה' ויראת ה' וכו' (וואָס זיכער האָט אברהם געהאַט די ענינים פאַר דעם ציווי אויף מילה) — וועלכע זיינען מצוות בעיקר ברוחניות — האָט מען אים ניט געקענט אָנרופן "תמים", ואדרבה — "אתה בעל מום לפני": דוקא דורך מצות מילה — "והיתה בריתי בבשרכם לברית עולם" — איז ער געוואָרן "תמים", גאַנץ אין אַלע זיינע ענינים.

אַזוי אויך באַ דוד: אע"פ וואָס דוד האָט געוואוסט, נאָכמער — געפילט אַז ער האָט אמונת ה' ואהבת ה' ויראת ה' כו' — "נצטער" און ער האָט געזאָגט "אוי לי שאני ערום מכל מצוות" [ניט "ערום" סתם ח"ו, נאָר "ערום מכל מצוות"], וואָרום מצד די מצוות הנ"ל (וועלכע זיינען ברוחניות האדם) קען מען אים נאָך ניט אָנרופן "תמים", ואדרבה — ער איז ווי אַ "בעל מום"; בשעת אָבער "נזכר במילה נתיישבה דעתו" — ווייל מצות מילה טוט אויף אַז ער זאָל זיין "תמים" (היפך פון "ערום מן המצוות"), וואָרום די מצוה באַ־ווייזט אַז די ברית והתקשרות מיטן אויבערשטן נעמט עם איצט אינגאַנצן דורך, ביז אַז דאָס איז מגלה אַז ער איז "תמים" אין אַלע זיינע ענינים (אויך אמונה ואהבה ויראה כו').

דאָס וואָס דוד "נזכר במילה" (כאָטש ער האָט דערפון געדיינקט און געוואוסט שטענדיק) איז ניט אין דער מצוה חד פעמית פון מילה (הסרת הערלה), נאָר אין דעם אַז די עשיית המצוה איז נמשכת בכל רגע ורגע — דוקא דאָס האָט אויפגעטאָן "נתיישבה דעתו", ווייל מצד דעם פרט פון הסרת הערלה וואָס איז געווען הרבה זמן לפני זה — האָט ער איצטער (בבית המרחץ) ניט קיין

52) אגרת המחבר שלפני הקדמת ס' החינוך.

53) פי"ח.

54) ראה תניא פ"ד. רפמ"א. וראה "פירוש" לרמב"ם הל' יסוה"ת רפ"ב.

SichosKodesh.com

עשיית מצוה בפועל בגשמיות: בשעת אָבער „נזכר במילה" אַז דאָס איז אַן עשיית המצוה בכל רגע[55] — „נתיישבה דעתו"[56].

דערמיט איז אויך פאַרשטאַנדיק דער גודל השמחה במצות מילה — וויבאַלד אַז דוקא דורך דער מצוה ווערט „בריתי בבשרכם ברית עולם": אַ ברית דוקא בבשר הגשמי וואָס טוט אויף אַז אַ איד זאָל זיין „תמים" (בכל הענינים שלו)[57], און באופן פון „ברית עולם", נצחיות (אויך לאחרי ביטול הגוף), און דערצו — אַן עשיית מצוה הנמשכת בכל רגע ורגע.

און דערפאַר זאָגט אויך די גמרא „כל מצוה שקיבלו עליהן בשמחה כמו מילה כו' עדיין עושין אותה בשמחה" — ווייל היות אַז מצות מילה נעמט דורך גשמיות הגוף, באַווייזט עס אַז דאָס נעמט דורך אינגאַנצן, ביז אַז דאָס איז אַ „ברית עולם", דעריבער, בשעת מ'האָט מקבל געווען די מצוה בשמחה „עדיין עושין אותה בשמחה" — באופן נצחי לעולם.

ז. ע"ד ווי די שייכות פון פרשת מילה (בפרשתנו) מיט ענין השמחה (שנת „תשמח") — איז אויך פאַראַן אַ שייכות פון דעם מיט דעם צווייטן ענין בשנה זו — שנת הקהל:

מצות הקהל איז ענינה — „למען ישמעו ולמען ילמדו ויראו את ה' אלקיכם ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת גו'", ד.ה. אין אַנדערע ווערטער צו פאַרשטאַרקן דעם ברית וואָס איז געוואָרן „בחורב"[58] צווישן אידן מיטן אויבערשטן אויף קיום התורה והמצוות[59], ווי דער רמב"ם פסק'נט[60] בנוגע מצות הקהל אַז „חייבין להכין לבם ולהקשיב אזנם לשמוע באימה ויראה וגילה ברעדה כיום שניתנה בו בסיני . . כאילו עתה נצטווה בה ומפי הגבורה שומעה",

און אַ ברית אויף „כל הימים אשר אתם חיים על האדמה" — ע"ד „ברית עולם". ויש לומר — אויך באופן פון אַ פעולה ועשי' נמשכת,

---

55) ראה מפענח צפונות פ"ה סי"ח. וש"נ. לקו"ש ח"ג ע' 759 ואילך. וראה גם תשובות מהר"ח אור זרוע סי"א (הועתק במפענח צפונות שם בהערה) בביאור מחז"ל הנ"ל בדוד המלך. תורה שלימה פרשתנו פי"ז אות קא.

56) ועפ"ז יומתק לשון רש"י בשבת שם „כל שאר מצוות אינן מוכיחות כל שעה כו' אבל זו מעיד עליהם לעולם".

57) להעיר מהמשך שמח תשמח תרנ"ז (סה"מ תרנ"ז ע' רעט ואילך) — שעיקר ושלימות השמחה היא דוקא שמחת נישואין, כי הוא שמחה על זיווג ויחוד גופני, ולכן גם השמחה היא בגשמיות. וי"ל — שמעין זה הוא בשמחת הברית, שהרי תכלית הנישואין הוא פו"ר ולידת בנים (ובנות), ועיקר שמחת הלידה היא בעת הסעודה ומשתה דברי"מ (ואשה כמאן דמהילא דמיא).

58) דברים ה, ב. תבוא כח, סט.

59) להעיר מב' הפירושים בפסוק (ירמי' לג, כה) „אם לא בריתי גו'" — קאי על תורה, קאי על מילה (שבת לג, א. קלז, ב. נדרים לא, ב (במשנה). שם לב, א). והרי ב' פירושים בכתוב אחד שייכים זל"ז (ראה לקו"ש ח"ג ע' 782).

60) הל' חגיגה פ"ג ה"ו.

אַז דער „ליראה את ה׳ אלקיכם ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת גו׳״ ווערט נתחדש בכל רגע ורגע מחדש. ע״ד ווי דער ציווי אויף תומ״צ בכלל — „בכל יום יהיו בעיניך חדשים״[61], אָבער ניט נאָר „יהיו בעיניך״, נאָר „הקהל את העם״, אַז בּאַ יעדערן פון זיי ווערט באַנייט דער ברית באופן פון „חדשים״ ממש, ע״ד ווי מצות מילה איז אַ מצוה נמשכת בכל רגע.

און דאָס איז שייך צו „האנשים והנשים והטף״ — ווייל מצות מילה איז געגעבן געוואָרן צו אַלע אידן, „לזרעך אחריך״, אנשים וטף, און אויך נשים — כמאן דמהילא דמיא.

בזכות פון ברית מילה וואָס איז געגעבן געוואָרן לאברהם (כמסופר בסוף פרשתנו) „נכרת לו ברית על נתינת הארץ״[62], ברית בין הבתרים (כמסופר פריער בפרשתנו) — אויף די עשר ארצות („את הקיני ואת הקניזי ואת הקדמוני וגו׳״[63]), וואָס דאָס גיט־צו אין שלימות קיום מצות הקהל:

מצות הקהל איז בזמן וואָס אידן זיינען שרויים על אדמתם[64]. אין דעם גופא זיינען פאַראַן דרגות: צי כל יושבי׳ עלי׳ ממש, אָדער ניט „כל״ ממש וכו׳. די גרעסטע שלימות פון „כל יושבי׳ עלי׳״ איז, כמובן, דוקא בשעת דער „עלי׳״ (על — ארץ ישראל) איז בשלימות — ד.ה. ווען מ׳וועט האָבן אַלע עשר ארצות.

ח. לויט דאָס אויבנערקלערטע — וועט מען פאַרשטיין ווי פרשת מילה (בפרשתנו) „גיט אַרויס״ דעם תוכן העבודה פון די תקופה חדשה וואָס הויבט זיך איצטער אָן (נאָך ז׳ חשון) פון טאָן די עבודה פון שמחה והקהל במשך דעם קומענדיקן יאָר:

במשך חודש תשרי, ה„מרובה במועדות״[65], און „הוא משובע בכל, גתות בתוכו ברכות בתוכו כו׳״[66] — האָבן אידן געהאַט אַ כח מלמעלה (מצד דעם עצם זמן זכאי און די מועדים) אויף שטיין בשמחה און שטיין פאַראייניקט, אין אַ „הקהל״, און זיין פאַרנומען מיט מצוות און תפלות לה׳ — „ליראה את ה׳ אלקיכם״.

בפרט אין ביהכנ״ס וביהמ״ד פון כ״ק מו״ח אדמו״ר.

---

61) פרש״י תבוא כו, טז.

62) טור יו״ד סי׳ רס. וראה ב״י וב״ח שם. וראה ב״ר פמ״ו, ט. פרש״י פרשתנו יז, ב. וראה לקו״ש חכ״ה ע׳ 60 ואילך (בביאור הירושלמי שמביא הכתוב „ביום ההוא כרת ה׳ את אברהם ברית לאמר״ (שנאמר גבי ברית בין הבתרים) בין הי״ג בריתות שנכרתו על מצות מילה) — שבהברית כללי דמצות מילה נכלל גם ברית בין הבתרים (שאז היתה התחלתה של הברית כללי).

63) פרשתנו טו, יט. וראה לקו״ש חכ״ה ע׳ 53.

64) חינוך מצוה תריב.

65) ראה ב״י או״ח סתצ״ב (ד״ה ומ״ש). שו״ע אדה״ז או״ח שם ס״ב. הוספה לשו״ע אדה״ז (להר״נ מדובראוונע) או״ח סקל״א ס״ח.

66) ויק״ר פכ״ט, ח. וראה קונטרס שבהערה 14 ס״א.

SichosKodesh.com

[וכאן המקום צו אויסדריקן בשם כל החסידים אַ יישר כח און גודל קורת רוח צו די חסידים וועלכע זיינען געקומען „בבשרכם" (נוסף אויף ברוחניות) אויף פראַוועז „הקהל" אין דעם ביהכנ"ס וביהמ"ד פון כ"ק מו"ח אדמו"ר — ווי ס'פאַסט פאַר חסידים, באַווייזן אויך בגופם דעם רגש שבלב, דאָס קומט אַראָפּ אין „בשרכם" — קומען פראַוועז „הקהל" במקום זה. ויש להאריך בזה. וד"ל. ואכ"מ].

דאָס איז אַלץ אין חודש תשרי, און ביז ז' חשון ווען מ'איז נאָך מרגיש „כאילו . . עסוקים בעניני הרגל": משא"כ נאָך ז' חשון הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין דער עבודה מתוך שמחה און די עבודה פון הקהל, וואָרום דעמולט האָט מען שוין ניט בגלוי די כחות פון חודש תשרי און מ'שטייט שוין דעמולט ניט אַלע צוזאַמען, ואדרבה — יעדערער איז געפאָרן למקומו, „כל יחיד ויחיד איש תחת גפנו ותחת תאנתו מפוזרין"[67] לקיים שליחותו בעולם, און אַנדערע הויבן אָן מרגיש און מדגיש זיין די אייגענע פערזענלעכע דאגות (וועלכע שטערן אַמאָל צו שמחה אמיתית).

דאַרף מען וויסן — אַז (מ'האָט ניט וואָס און) מ'טאָר ניט זיין אַראָפּגעפאַלן, און אדרבה: מעלין בקודש[68] — די תקופה חדשה בשנה זו (לאחרי ז' חשון) ברענגט מיט זיך אַ העכערע, טיפערע עבודה: אַז אפילו ווען מ'גייט אַריין (נאָך ז' חשון) אין גשמיות העולם, „בבשרכם" — ובפרט בערך צו ריבוי המועדות והברכות והרוחניות פון חודש תשרי. —

ווען און וואו ס'איז דאָ אַן אָרט אויף היפך השמחה און היפך פון הקהל, זאָל מען דאָרט אַריינברענגען שמחה און הקהל — אחדות צווישן אידן, דורך דעם וואָס מ'קלייבט זיך צוזאַמען מזמן לזמן, און מ'פּראַוועט צוזאַמען אַ שמחה של מצוה, אַ שמחת משפחה וכו', און פון דער אחדות ושמחה מזמן לזמן — איז מען ממשיך אחדות ישראל און שמחה אויך ווען מ'קערט זיך אום יעדערער לביתו, און אויך אין ביתו — מאַכט מען מזמן לזמן אַ „הקהל" פון כל בני המשפחה, און מתוך שמחה, ועד"ז במקום עבודתו — מאַכט מען מזמן לזמן אַ „הקהל" ומתוך שמחה, וואָס ווערט דערנאָך נמשך אויך ווען יעדערער געפינט זיך פאַר זיך אַליין.

און אויף דעם האָט מען דעם לימוד און נתינת כח אויך פון פרשת מילה וואָס מ'האָט היינט געלייענט (למחרת ז' חשון — ווען מ'האַלט ביי אַריינגיין אין דער עבודה בעולם) — אַז אדרבה: די העכסטע עבודה איז אויפטאָן אין „בריתי בבשרכם", בגשמיות הגוף שלו — דאָס איז נאָך העכער פאַר עבודות ברוחניות אַליין, וואָס במובן הרחב איז „בשרכם" כולל אויך ווען מ'געפינט זיך אין גשמיות העולם (— בערך צו דעם מצב בחודש תשרי),

און כולל אויך — אַז נוסף אויף שמחה ברוחניות ומצד הנשמה

67) ברכה לג, כח ובפרש"י. נת' בשיחות ליל ג' וליל ה' דחג הסוכות שנה זו.

68) ברכות כח, א. וש"נ.

כו׳ קומט עס אַראָפּ אויך אין אַ שמחה בגשמיות, און נוסף צו „הקהל" ברוחניות און מצד הנשמה כו׳ קומט עס אַראָפּ אין אַ „הקהל" בגשמיות, אַז מ׳קלייבט זיך צוזאַמען בפשטות און מ׳שטייט בשמחה בפשטות, אויך אין די ענינים גשמיים שלו, בבני חיי ומזוני רויחי,

און דורך דעם איז מען מער זיכער אַז די התקשרות מיט דעם אויבערשטן נעמט דורך אינגאַנצן, און דערפאַר איז דוקא דורך דעם ווערט אַ איד אַ „תמים" — תמים אין אַלע זיינע ענינים, אויך אין די ענינים וואָס ער האָט געטאָן במשך חודש תשרי,

און דער אויבערשטער איז מבטיח אַז דאָס ווערט אַ „ברית עולם", באופן נצחי, און דערצו — אַז דאָס ווערט נתחדש בכל רגע.

ט. דאָס אַלעם שטייט נאָכמער בהדגשה — אין דעם שבת למחרת ז׳ חשון, וואָס דער „יאכל בשבת" איז פון דעם „טרח בערב שבת":

שמחה: „ביום שמחתכם — אלו שבתות". הקהל — „להקהיל קהילות בכל שבת כו׳"[69]. און שבת, שענינו עונג ומנוחה וכל מלאכתך עשוי׳[70], ביז אין גשמיות העולם („בשרכם") — גיט כח אַז מ׳זאָל טאָן אין די אַלע ענינים מתוך עונג ומנוחת הנפש ומנוחת הגוף („בשרכם").

ומיני׳ מתברכין כולהו יומין[71] — די קומענדיקע טעג, ועוד ועיקר — כל ימי השנה — אַז עס זאָל זיין אַ שנת הקהל און אַ שנת שמחה (תשמ"ח), באופן אַז דאָס נעמט דורך דעם גאַנצן אידן, נשמתו וגופו, ברוחניות ובגשמיות, ובאופן פון „ברית עולם".

י. והמעשה הוא העיקר[72]:

וויפל מ׳האָט ביז איצטער געטאָן אין די פעולות פאַרבונדן מיט הקהל און וויפל מ׳איז געשטאַנען בשמחה — דאַרף מען אין דעם אַלעמאָל צוגעבן מער און מער, מעלין בקודש,

ובעיקר איצטער — דורך דעם וואָס מ׳ברענגט עס אַראָפּ (ניט נאָר אין רוחניות, נאָר) אין גשמיות העולם, „בבשרכם".

און די טענה, אַז מ׳איז פאַרמאַטערט, מ׳דאַרף זיך אָפּרוען ביז די קומענדיקע פעולות וכו׳ — איז אדרבה: מצוה גוררת מצוה[73], אַ מצוה „שלעפּט" מיט זיך מיט, גיט כחות און מרץ אויף טאָן נאָך אַ מצוה. און די שאלה: וואו נעמט מען כחות? האָט מען דעם ענטפער אין היינטיקער הפטרה: „וקוי ה׳ יחליפו כח"[74], ווי דער פירוש בזה,

69) שו"ע אדה"ז או"ח סר"צ ס"ג.

70) מכילתא ופרש"י יתרו כ, ט. טושו"ע (ודאדה"ז) או"ח סש"ו ס"ח (סכ"א).

71) זח"ב סג, ב. פח, א.

72) אבות פ"א מי"ז.

73) אבות פ"ד מ"ב.

74) ישעי׳ מ, לא.

SichosKodesh.com

אַז „קוי ה'" זיינען מחליף — בייטן איבער באַ דעם אויבערשטן די פאַרמאַטערטע כחות אויף נייע, פרישע כחות[75]. ובסגנון אחר: באַ־נאַכט ווערט „בידך אפקיד רוחי"[76], און בבוקר איז „החזרת בי" קערט אום דער אויבערשטער באַנייטע נייע כחות — ער ווערט אַ „ברי' חדשה"[77].

יא. כדי מאַכן אַ התחלה לכל זה און געבן נאַכמער כח אויף דער עבודה — איז מתאים אַז אין דעם שבת זאָל מען מאַכן אַ פאַר־ברענגען, „הקהל", פון „האנשים והנשים והטף",

כפשוט ע"פ שו"ע: אנשים אין איין אָרט, נשים אין אַ צווייטן אָרט,

אַ הקהל וועלכער איז אויך פאַרבונדן מיט שמחה,

און אַן אחדות ושמחה וועלכע קומען אַראָפּ ביז אין „בשרכם", ביז למטה מטה — נוסף אויף שמחה רוחנית מצד הנשמה, אויך אַ שמחה גשמית, וואָס נעמט דורך כל הגוף כולו, ביז דער עקב שברגלים, אַז ער זאָל טאַנצן בפשטות אויף דער פאָדלאָגע און דורך דעם אויפהויבן כל הגוף כולו, אויך דעם ראש (כנ"ל אַז הגבהה מתחתיתו הויבט אויף כל הבנין).

און די התחלה טובה בריקוד ברגלים וועט געבן נאָכמער כח אויף אַריינגיין מאָן די עבודה פון שמחה און הקהל במשך כל השנה כולה.

יב. ויה"ר אַז דורך דער עבודה, בתוך כללות מעשינו ועבו־דתינו אין וועלכע ס'איז תלוי די גאולה[78] ובפרט אין ענינים מעין און פאַרבונדן מיט גאולה, ווי שמחה און הקהל — זאָל מען זוכה זיין צו „קהל גדול ישובו הנה"[79] און „שמחת עולם על ראשם"[80] בגאולה האמיתית והשלימה,

און דורך די עבודה באופן אַז דאָס נעמט דורך „בשרכם" (די עבודה פון ברית מילה) וועט זיין „וירא אליו ה'" (ווי מ'וועט באַלד לייענען בתפלת מנחה) צו יעדער איד און אַלע אידן, בדוגמא ווי ס'איז געווען ביי אברהם בזכות המילה,

כידוע דער סיפור[81] וועגן דעם רבי'ן (מהורש"ב) נ"ע ווען ער איז געווען אַ קינד פון פיר אָדער פינף יאָר: אַז ער איז אַריין צו זיין זיידן אדמו"ר הצ"צ בשבת פ' וירא און האָט זיך פאַנאַנדער־געוויינט, זאָגנדיק: פאַרוואָס האָט זיך דער אויבערשטער באַוויזן צו

---

75) להעיר גם ממצודת דוד לישעי' שם.

76) תהלים לא, ו. ראה פע"ח שער קשעה"מ פ"ב ופ"י. ועוד.

77) יל"ש תהלים רמז תש"ב. שו"ע אדה"ז מהדורא קמא ס"ד ס"א. שם ס"ו ס"א.

78) תניא רפל"ז.

79) ירמי' לא, יז.

80) ישעי' לה, י. שם נא, יא.

81) שיחת ש"פ וירא, כ"ף מרחשון תרצ"ג. נעתקה בקיצור ב„היום יום" ט' חשון (נת' בלקו"ש ח"כ ע' 61 ואילך. וש"נ).

אברהם אבינו און צו אונז (אים) באַווייזט ער זיך ניט? האָט אים דער צ״צ געענטפערט: אַז אַ איד צו ניין און ניינציק יאָר איז מחליט אַז ער דאַרף זיך מל זיין, איז ער ווערט אַז דער אויבערשטער זאָל זיך באַווייזן צו אים,

און דעמולט (ווען עס וועט זיין „וירא״ צו יעדער איד) וועט מען ניט דאַרפן ווייגען פאַרוואָס דער אויבערשטער באַווייזט זיך ניט צו אים, וואָרום עס וועט זיין „ונגלה כבוד ה׳ וראו כל בשר יחדיו כי פי ה׳ דיבר״[82] — די עיני בשר, ביז „בשרכם״ וועט זען אלקות, ולא יכנף עוד מוריך והיו עיניך רואות את מוריך[83]. — במהרה בימינו ממש.

---

82) ישעי׳ מ, ה.

83) שם ל, כ. וראה תניא פל״ו (מו, א).



SichosKodesh.com

בס"ד. שיחת ש"פ לך לך, ח' מרחשון ה'תשמ"ח.

הנחת הת' בלתי מוגה

א. ס'איז פארשטאנדיק, אז קומענדיק פון דעם יו"ט האחרון וואס איז "זמן שמחתנו",

נוסף צו זיין "מועדים לשמחה" בכלל כל המועדים, טיילט ער זיך אויס דערמיט וואס ער ווערט אנגערופן "זמן שמחתנו" (משא"כ פסח - "זמן חירותנו", און שבועות - "זמן מתן תורתנו"), ובפרט אז ער באשטייט פון שמונה ימים (פון "זמן שמחתנו") מן התורה (ותשעה ימים מדרבנן), מער ווי די שבעה (ושמונה מדרבנן) ימים פון פסח,

ובפרט אז בקביעות שנה זו איז מען אריין גלייך פון "זמן שמחתנו" אין שבת בראשית, "וביום שמחתכם - אלו שבתות", וואס "אזוי ווי מ'שטעלט זיך אוועק שבת בראשית, אזוי גייט עס א גאנצן יאר" -

איז מתאים אז מ'זאל אנהויבן מיט דעם ענין השמחה.

ובפרט אז אין דעם שבת געפינט מען בגלוי אין היינטיקע פרשה דער ענין השמחה, ושמחה הכי גדולה.

- אמאל דארף מען זוכן א שייכות מיט דער תורה פון דעם זמן, און אויך דעמולט האט מען די הבטחה "יגעתי ומצאתי"[1], אמאל דארף מען ווייניקער זוכן, און אמאל - ווי בנדו"ד - דארף מען גאר ניט זוכן, ווייל דאס שטייט אויבנאויפיק אין היינטיקע פרשה, אין א ליכטיקן אופן - "תורה אור"[2].

[דובר כאן אודות פרשת ברית מילה (בסוף פרשתנו) - שבזה מודגש ענין השמחה, ובאופן שהשמחה נעמט דורך "בשרכם" - הוגה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א, ונדפס לעיל). ובהמשך לזה אמר:].

וויבאלד אז מ'קומט איצטער פון "זמן שמחתנו", פון וועלכע עס דארף נמשך ווערן שמחה על כל ימי השנה, און שטייענדיק אין ש"פ לך, ווען מ'לייענט וועגן מצות מילה וואס איז פארבונדן מיט שמחה וואס נעמט דורך "בשרכם" -

איז מתאים אז אין דעם שבת זאל מען מאכן א פארברענגען פארבונדן מיט שמחה, אין א מקום שמגדלין בו תורה ותפלה[3], ביהכנ"ס וביהמ"ק פון נשיא דורנו, דער רבי דער שווער.

און מ'זאל אנהויבן מיט א שמחה וואס קומט ארויס ביז אין

---

1) מגילה ו, ב. 2) משלי ו, כג. 3) ראה מגילה כז, א.

"בשרכם", ביז למטה מטה - נוסף אויף שמחה רוחנית מצד הנשמה, און רעדן וועגן שמחה און אפילו זינגען א ניגון של שמחה, זאל אויך זיין א שמחה גשמית, וואס נעמט דורך כל הגוף כולו, ביז דער עקב שברגל, אז ער זאל טאנצן בפשטות אויף דער פאדלאגע און דורך דעם אויפהויבן כל הגוף כולו, אויך דעם ראש, "נשא את ראש", כמבואר בחסידות אז דורך הגבהה מתחתיתו הויבט מען אויף כל הבנין.

און וויבאלד אז דאס איז ע"פ תורת אמת - דארף עס זיין ניט אין אן אופן פון מצוות אנשים מלומדה[4], און ניט נאר א שמחה אויף א וויילע, נאר אויף א משך זמן, ביז באופן פון "ברית עולם", אז דאס זאל נמשך ווערן בכל השנה כולה - אז עס זאל זיין א שנת שמחה.

באופן פון "ישמח ישראל בעושיו"[5], די שמחה פון אידן בקב שלהם[6], נוסף אויף די סייעתא דשמיא וואס זיי באקומען מלמעלה, וואס דעמולט האט מען אלע עשרה קבים[6],

ביז אז עס ווערט אויך "ישמח ה' במעשיו"[7], אז דער אויבערשטער טאנצט מיט אידן כביכול, אדער אן א כביכול.

און פון דעם ריקוד זאל מען קומען צו דעם ריקוד העיקרי מיט משיח צדקנו,

אז אלע אידן, אנשים נשים וטף, טאנצן, צוזאמען מיט שכינתא, לארצנו הקדושה, און דארטן גופא - אין ירושלים עיר הקודש, ולהר הקודש, ולביהמ"ק השלישי, "מקדש אד' כוננו ידיך"[8], תיכף ומיד ממש, מתוך שמחה וטוב לבב, במהרה בימינו ממש.

כ"ק אדמו"ר שליט"א התחיל לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל, ועמד מלא קומתו, ורקד על מקומו משך זמן רב, בשמחה גדולה ועצומה.

* * *

השלמות לשיחה ב'

ב. [בענין ההוראה משמחת דוד בזכירתו ע"ד מצות מילה]:

וכאמור לעיל, די שמחה נעמט דורך "בשרכם", און דורך דעם -

---

4) ישעי' כט, יג. 5) תהלים קמט, ב. 6) ראה ב"מ לח, א. 7) תהלים קד, לא. 8) בשלח טו, יז ובפרש"י.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

הויבט עס אויף כל הגוף ומציאות האדם, ביז אויך זיין ראש און מקיף הראש, ביז אויך דער כתר על הראש. ווי ס'איז געווען בפשטות בא דוד המלך: המלך דוד מפזז ומכרכר[9] בכל עיז[10] [ווי דער רמב"ם ברענגט בסוף הל' לולב], און דורך דעם איז געווארן אן עלי' בכל מציאותו, ביז אויך אין כתר על הראש, וואס דאס (דער כתר) האט ער אלעמאל געטראגן (אויך ווען מפזז ומכרכר), ווייל "מלך ביופיו תחזינה עיניך"[11], און יופי המלך איז פארבונדן מיט כתר המלך[12] [ובפרט בא דוד המלך - וואס ביי אים איז געווען עיקר המלכות (כמבואר אין ספר המצוות להצ"צ[13]), משא"כ בא שלמה איז געווען חכמה שבמלכות כמבואר במ"א].

ג. [בענין שנת הקהל - שכל השנה נקרא הקהל]:

און כאטש אז זמן חיוב מצות הקהל איז געווען במוצאי ראשון דסוכות - האט דאס אבער געהאט א השפעה, למען "ליראה את ה' אלקיכם כל הימים אשר אתם חיים על פני האדמה".

אין אויך פאר מצות הקהל - האט מען דערצו געמאכט כמה הכנות, אנהויבנדיק פון ראש השנה.

ביז נאכמער: די הכנות דערצו האבן זיך אנגעהויבן נאך לפנ"ז, ווארום מצות הקהל איז תלוי אין בנין ביהמ"ק, און מ'זעט אז דער ביהמ"ק ראשון האט מען געבויט שבעה שנים[14], ועד"ז בנין בית שני האט גענומען כו"כ שנים.

ועאכו"כ בנוגע קיום מצות הקהל בביהמ"ק השלישי - דארף מען האבן די אלע הכנות פון מעשינו ועבודתינו בזמן הזה וועלכע ברענגען די גאולה.

און מ'גרייט זיך און מ'גרייט זיך דערצו שוין יארן נאך יארן, און מ'שרייט "עד מתי", ועדיין לא באו!... ס'איז שוין "כלו כל הקיצין"[15], ובפרט איצטער - לאחרי ווי נשיא דורנו האט געזאגט אז מ'האט שוין געפוצט די לעצטע קנעפלעך[16], און "עמדו הכן כולכם"[17] אויף מקבל זיין די גאולה.

איז דאך פארשטאנדיק, אז מ'דארף פארענדיקן טאן כל התלוי צו ברענגען די גאולה, כולל די הכנות דורך די עבודה ופעולות פון "הקהל" [וואס דאס איז אייגנטלעך דער פירוש אין הקהל: א ציווי

---

9) ש"ב ו, טז. 10) שם, יד. 11) ישעי' לג, יז. 12) ראה רמב"ם הל' מלכים פ"ב ה"ה. 13) מצות מינוי מלך פ"ב (קח, ב). 14) מלכים א ו, לח. 15) סנהדרין צז, ב. 16) שיחת שמח"ת תרפ"ט. 17) מכתב כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ - אגרות קודש שלו ח"ד ע' רעט.

הנחה הת' בלתי מוגה

אויף די פעולה פון מקהיל זיין].

און דער ביהמ"ק השלישי איז דאך אויך פארבונדן דוקא מיט "בשרכם" - כמאחז"ל[18] אמר הקב"ה לא אבוא בירושלים של מעלה עד שאבוא לירושלים של מטה. ד.ה. אז אפילו אויב מ'האט דעם ביהמ"ק הרוחני למעלה, דארף מען אים האבן אויך למטה בגשמיות, אין "בשרכם".

און אויך דאס קען מען גלייך אויפטאן - וואָרום דער ביהמ"ק איז בנוי ומשוכלל למעלה, און דערפאר קען דאס יורד זיין בלילה (כפירוש רש"י ותוס'[19]), ועד"ז בשבת ויו"ט; דערצו דארף מען אבער פארט האבן די ירידה בגשמיות, אין "בשרכם".

ד. [בנוגע להענין במצות מילה - הסרת הערלה - שהוא רק חד פעמי]:

לדוגמא: מצות קידוש בליל שבת ("מ"ע לקדש את יום השבת כו' בכניסתו כו' וביציאתו"[20]) - איז א מצוה חד פעמית. וואָרום אויב דאס וועט נמשך - וואָלט מען ניט געדארפט מאכן קידוש ביום השבת. עד"ז מצות צדקה - איז א מצוה חד פעמית. ואע"פ אז דורך דעם ווערט החיית את נפש העני[21], וואס זיין חיים ווערט נמשך ווייטער - קען דער עני אבער דערנאך אליין ווערן אן עשיר און א משפיע.

עד"ז מצות פרוזביל: נאכדעם וואס מ'גיט אפ רשות צו ב"ד - איז ניט שייך אז מ'זאל דאס נאכאמאל טאן.

ועד"ז אלע מצוות וועלכע זיינען פארבונדן מיט ביטול - זיינען נאר חד פעמית. ווייל לאחרי ווי מ'איז דאס מבטל איין מאל, איז ניט שייך דאס מבטל זיין נאכאמאל. לדוגמא: לאחרי ביטול חמץ - באלאנגט דאס שוין ניט צו דעם אדם. דערפאר איז דער מנהג אז מ'זאל אויעקלייגן פתיתי חמין[22], בכדי אז בשעת ביטול חמץ בערב פסח זאל מען קענען זאגן "כל חמירא וחמיעא דחמיתי'", וואָרום מ'קען דאך ניט מאכן א ברכה אויף א צווייטנ'ס חמץ.

עד"ז הסרת הערלה (אן ענין של ביטול) איז חד פעמית: לאחרי ווי מ'האט דאס אפגעטאן איין מאל, איז ניט שייך דאס טאן נאכאמאל.

ה. [בענין היישר כח - לאלו החסידים שבאו לכאן במשך הזמן ד"הקהל"]:

18) תענית ה, סע"א 19) סוכה מא, סע"א 20) לשון הרמב"ם הל' שבת רפכ"ט 21) ראה תנחומא משפטים טו. 22) ראה שו"ע אדה"ז או"ח סתל"ב ס"א

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

עס זיינען געווען אזוינע וועלכע זיינען געבליבן פארשמאכטעט בא זיך אין קאטוך, מיינענדיק אז דאס איז אן ארמון הכי גדול, און דער רגש איז בא זיי נים ארוים בפועל צו קומען אהער במשך הזמן פון "הקהל".

איז אויף זיי א גרויסער רחמנות, אבער ביחד עם זה דארף מען זיי מעורר ומעודד זיין, זיי זאלן נים זיין אראפגעפאלן בא זיך, ואדרבה - עס זאל בא זיי צוקומען "כפליים לתושי'"[24].

דאס איז בנוגע צו די "לינקע זיים": דער עיקר איז דאך די "רעכטע זיים" - גים מען אפ א יישר כח צו די אלע וועלכע זיינען יע געקומען, עכ"פ א שעה אחת אדער יום אחד, ועאכו"כ די וועלכע זיינען דא געווען גאנץ חג הסוכות, ובמיוחד - אויך המשכו ביז ז' חשון.

ו. [סיום השיחה]:

ויה"ר אז בא יעדער איד זאל מקויים ווערן "לך לך מארצך גו' אל הארץ אשר אראך", ארץ הקודש, "אשר גו' עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"[25], בירושלים עיר הקודש, הר הקודש, ביהמ"ק השלישי, וקדש הקדשים,

ולא עכבן אפילו כהרף עין, "אחישנה"[26] שב"אחישנה".

ובפרט דורך די פעולות אין הקהל און שמחה בזריזות, באופן פון "אחישנה" - קומט מען בזריזות לביהמ"ק השלישי, על הר הבית, בירושלים עיר הקודש, "עיר שחוברה לה יחדיו"[27], אן עיר וואס טוט אויף "הקהל", וביחד עם זה - "פרזות תשב ירושלים", בארץ הקודש, און "ירחיב ה' אלקיך את גבולך"[28],

ועוד והוא העיקר - בעגלא דידן ממש.

* * *

ז. [סיום שיחה ג' - בהמשך לשבת זו, שבה נתעלה עניני ז' חשון באופן של עונג]:

ובפרט בזמן רעוא דרעוין פון שבת, וואס איז פארבונדן מיט

---

23) ראה הגדה של פסח עם לקוטי טעמים ומנהגים - בתחלתו (ד"ה בדיקת וביאור חמץ). 24) ע"פ איוב יא, ו. שמו"ר פמ"ו, א. 25) עקב יא, יב. 26) ישעי' ס, כב. וראה סנהדרין צח, א. 27) תהלים קכב, ג. 28) ראה יב, כ. שופטים יט, ח.

הנחת הת' בלתי מוגה

"נחלת יעקב"[29], "נחלה[30] בלי מיצרים כו', ופרצת[31] ימה וקדמה וצפונה ונגבה".

זאל אזוי זיין אין די לעצטע רגעים פון גלות, און דערנאך זאל עס נמשך ווערן אין די רגעים שלאח"ז פון דער גאולה האמיתית והשלימה, ע"י משיח צדקנו, ובעגלא דידן.

* * *

ח. מאמר (כעין שיחה) ד"ה לך לך גו'.

* * *

ט. ס'איז אויך רגיל אפצושטעלן זיך אויף אן ענין אין פרשת השבוע בקשר מיט פרש"י, אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר דפרשתנו, און אן ענין אין היינטיקן שיעור רמב"ם, כמנהג שהולך ומתפשט.

בנוגע צו פרש"י קען מען דאך ניט ענטפערן אלע ענינים אויף וועלכע מ'האט מעורר געווען (מפני קוצר הזמן), וועט מען זיך אפשטעלן אויף צוויי ענינים.

בפרשתנו עה"פ[32] "ויט אהלה" איז רש"י מפרש: "אהלה כתיב, בתחלה נטה את אוהל אשתו ואח"כ את שלו".

פרעגט דער שפתי חכמים: "וא"ת מנ"ל דלמא איפכא"? און ער פארענטפערט: "הואיל ואמרינן בגמרא[33] דחייב אדם לכבד את אשתו יותר מגופו, א"כ ודאי שלה נטה בראשונה".

האט מען געפרעגט: דער דין אז "חייב אדם לכבד את אשתו יותר מגופו" שטייט אין גמרא, און דער בן חמש האט נאך ניט געלערנט גמרא?

אויך (וואס דאס האט מען ניט געפרעגט): וואס פארא שייכות האט די הקדמה פון נטיעת אהלה לאהלו צו דעם ענין פון כבוד אשתו?! אדרבה: דער בן חמש ווייסט אז מצד כמה ענינים דארף גאר פריער זיין נטיעת אהלו - לדוגמא: סעודת שבת והדלקת נרות שבת (ע"י אמו) דארף זיין אין דעם ארט וואו דער טאטע מאכט קידוש, וואס דאס איז בפשטות אין אהלו. דארף פריער זין נטיעת אהלו.

---

29) ישעי' נח, יד. זח"ב פח, ב. 30) שבת קיח, סע"א ואילך. 31) ויצא כח, יד. 32) פרשתנו יב, ח. 33) יבמות סב, סע"ב. הובא ברמב"ם הל' אישות פט"ו ה"ט. וראה גם ב"מ נט, סע"א. שו"ע אדה"ז חו"מ הל' אונאה סל"ב.

הנחה הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

וכפי שיתבאר לקמן.

י. מ'האט אייך מעורר געווען אויף דעם וואס שטייט בפרשתנו[34] "וישמע אברם כי נשבה אחיו וירק את חניכיו ילידי ביתו שמונה עשר ושש מאות וירדף עד דן", ופרש"י: "חניכיו - חניכו כתיב, זה אליעזר שחנכו למצוות כו'", "שמונה עשר וגו' - רבותינו אמרו: אליעזר לבדו הי' והוא מנין גימטריא של שמו".

און מ'האט געפרעגט:

א) דער פירוש פון רש"י איז היפך פשטות הכתובים וואו ס'איז מוכח אז אברהם האט מיט זיך געהאט נאך אנשים, ניט נאר אליעזר - ווי עס שטייט ווייטער: "ויחלק עליהם לילה הוא ועבדיו ויכם"[35], "בלעדי רק אשר אכלו הנערים וחלק האנשים אשר הלכו אתי וגו'"[36], ופרש"י: הנערים - עבדי אשר הלכו אתי כו' עבדי שנכנסו למלחמה שנאמר הוא ועבדיו ויכם".

הייגט פארוואס איז רש"י מפרש היפך פון דעם פירוש הפשוט (אז אברהם האט מיט זיך געהאט כו"כ עבדים און ניט נאר אליעזר).

ווייבאלד אברהם האט מלחמה מיט ארבע מלכים (וועלכע האבן מנצח געווען חמש מלכים), איז אפילו ווען 318 מענטשן זיינען מנצח ארבע מלכים - איז דאס א נס גדול; קומט רש"י און זאגט אז דערביי איז געווען א נס גדול יותר, אז נאר אברהם און אליעזר זיינען געווען די לוחמים!

מ'קען ניט ענטפערן, אז דערפאר שרייבט רש"י דעם פירוש בשם "רבותינו", בכדי זאגן אז דער פירוש איז א דרש און ניט פשוטו של מקרא - ווייל רש"י שרייבט "רבותינו אמרו" און ניט "רבותינו דרשו" (ווי ער שרייבט אין אנדערע ערטער), וואס "אמרו" הייסט אז דאס איז טאקע פון "רבותינו", אבער דאס איז דער פירוש הפשוט אין פסוק (ניט קיין דרש).

וכפי שיתבאר לקמן.

יא. אין הייגטיקן שיעור שרייבט דער רמב"ם[37] "כליו של אדם כל מקום שיש לו רשות להניחו קנה לו", ד.ה. אז בכל מקום "שיש לו רשות להניחו" - שטייען זיי מיטן גאנצן תוקף און זיין קונה להאדם, ווארום כליו של אדם קונים לו.

בנהוג לאחרונה - דארף מען ארויסנעמען דער לימוד דערפון אין

34) יד, יד. 35) שם, טו. 36) שם, כד. 37) הל' מכירה רפ"ד.

הנחה הח' בלתי מוגה

"תיקון הדעות"[38], וכפי שיתבאר לקמן.

יב. בנוגע צו די הערות פון טאטן אויפן זהר - שטעלט ער זיך אויף דעם מאמר הזהר (בסוף פרשתנו) עה"פ[39] "אז יבקע כשחר אורך וגו'", און דער זהר איז דאס מפרש אויף ימות המשיח, "זמין קב"ה לאכרזא על בנוי ויימא אז יבקע כשחר אורך וכו'".

ס'איז רגיל זוכן א קשר מיט דעם זמן: דער פסוק "אז יבקע גו'" איז א פסוק אין דער הפטרה פון יוהכ"פ. ועד"ז יש לקשר זה מיט חג הסוכות - ע"פ המבואר בזהר[40] ונתבאר בדרושי שמחת בית השואבה (אין סידור[41]) בביאור הכתוב "אז יבקע כשחר אורך", אז דאס גייט אויף יעקב אבינו, "יבקע" אותיות "יעקב", דער אושפיזא פון ג' דחג הסוכות, וכמבואר שם די פרטי הענינים והלשונות בזה.

מ'דארף דערפון אויך ארויסנעמען א הוראה בנוגע למעשה בפועל, המעשה הוא העיקר - וכפי שיתבאר לקמן.

יג. רעדנדיק וועגן ענין המעשה - איז כאן המקום אז די וואס האבן געטאן א מעשה און צוגעשטעלט משקה צוליב א פתיחת בית חב"ד אדער אסיפות פון "הקהל", אדער צוליב די "פגישה" וואס קומט פאר דעם שבת, פ' לך לך

- ויה"ר אז די פגישה זאל זיין בהצלחה רבה, און עס זאל מקויים ווערן דער ענין פון "לך לך מארצך גו'", על מנת גיין "אל הארץ אשר אראך", און "ואעשך לגוי גדול ואברכה ואגדלה שמך והי' ברכה" -

זאלן זיי איצטער ארויפגיין און טאן א מעשה בפועל - זאגן "לחיים", און מכריז זיין און איינלאדען די מסובים כאן, און אויך מאכן התחלה בזה - דורך טיילן התחלת המשקה צו די מסובים כאן.

ויה"ר אז דורך מעשינו ועבודתינו בכלל, ובפרט אין הפצת התורה והמצוות והיהדות והפצת המעינות חוצה, און "ואהבת לרעך כמוך"[42],

כולל אויך "ואהבת לרעך כמוך", ווי דאס גייט אויף דעם אויבערשטן, "רעך זה הקב"ה" כמ"ש[43] "רעך ורע אביך" (ווי רש"י ברענגט אראפ[44]) -

---

38) לשון הרמב"ם סוף הל' תמורה. 39) ישעי' נח, ח. 40) ח"ג קעד, א. 41) עם דא"ח - רנז, ד ואילך. 42) קדושים יט, יח. 43) משלי כז, י. 44) ד"ה דעלך - שבת לא, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

זאל דאס נאכמער ממהר זיין קיום היעוד פון "הקהל" - "קהל גדול ישובו הנה".

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות – התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן "והריקותי לכם ברכה"].

* * *

יד. דער ביאור בפרש״י עה״פ "ויט אהלה":

עס זיינען פאראן א ריבוי זאכן וואס דער בן חמש ווייסט פון הנהגת משפחתו, כאטש ער האט וועגן דעם נאך ניט געלערנט אין תורה און גמרא וכיו״ב.

ולדוגמא: דער איסור פון לא תגנוב, איז כאטש אז דער בן חמש האט דעם פסוק נאך ניט געלערנט אין תורה - ווייסט ער אז מ׳טאר ניט אנרירן א זאך פון א צווייטן, ניט ווייל אזוי שטייט אין פסוק, נאר ווייל אזוי האט מען אים מחנך געווען און אזוי זעט ער בהנהגת משפחתו.

עד״ז בנוגע צו שבת און כשרות וכיו״ב – ווייסט ער דערפון ניט ווייל אזוי שטייט אין פסוק וכו׳, נאר ווייל אזוי לערנט אים זיין פאטער און אזוי זעט ער אין שטוב.

אזוי איז אויך מובן בנוגע צו כיבוד אשתו יותר מגופו: אפילו אז ער האט וועגן דעם ניט געלערנט אין גמרא – לעבט ער אין א שטוב וואו מ׳פירט זיך ע״פ שו״ע, זעט ער אז זיין פאטער פירט זיך אזוי ביחס צו זיין מוטער, אז ער איז מקדים אהלה פאר אהלו.

אין כאטש אז בזמן רש״י (וכיו״ב) זיינען ניט געווען צוויי באזונדערע אוהלים פאר אן איש און אשתו (ווי בזמן אברהם ושרה וכו׳), איז אבער אין א שטוב פאראן א חלק וחדר וואו דער עיקר שולט איז דער איש און אן חלק וחדר וואו דער עיקר שולט איז די אשה. זעט דער בן חמש – אז אין דעם גופא איז זיין פאטער מכבד זיין מוטער יותר מגופו.

וע״פ כלל זה וועלן פארענטפערט נאך ענינים בכו״כ פסוקים, וואו רש״י ברענגט ענינים והנהגות אע״פ וואס דער בן חמש האט נאך ניט געלערנט וועגן זיי אין גמרא וכיו״ב.

טו. דער ביאור בפרש״י עה״פ "וירק את חניכיו וגו׳" – ובהקדים נאך א שאלה, ועיקרית אין דעם גאנצן ענין: אפילו אויב מ׳וועט געפינען א ראי׳ בפשוטו של מקרא אויף פירוש רש״י (אז "חניכיו" זה

אליעזר כי׳ אליעזר לבדי הי׳ יהיא מנין גימטריא של שמו") - ווערט די שאלה: וואס איז מכריח רש"י׳ן צו אזוי מפרש זיין, און ניט ווי דער פירוש הפשוט אין פסוק, אז עס זיינען געווען שי"ח עבדים?!

וועט מען עס פארשטיין בהקדים נאך א קשיא: פארוואס איז די תורה דא אזוי מאריך בפרטיות וועגן די מלחמה, מער ווי ביי אנדערע מלחמות: דער סך-הכל פון דעם סיפור מלחמה זו איז - הצלת לוט, איז וואס איז נוגע צו אזוי מאריך זיין וועגן דער עצם מלחמה, וואס האט פאסירט ביום, און וואס בלילה, און ווער האט געהיט די כלים וכו׳ וכו׳?

איז דער ביאור בזה:

רש"י קומט דא פארענטפערן א קשיא גדולה אין פשוטו של מקרא: בהמשך הכתובים[45] רעדט זיך וועגן מעלת אליעזר: "ויאמר אברם ה׳ אלקים מה תתן לי ואנכי הולך ערירי ובן משק ביתי הוא דמשק אליעזר, ויאמר אברהם הן לי לא נתנה זרע והנה בן ביתי יורש אותי".

ד.ה. אז אליעזר שטייט אויף אזא הויכע דרגא, אז כאטש ער איז נאר עבד אברהם, פונדעסטוועגן אויב אברהם וועט ניט האבן א בן יורש, וועט ער זיין דער יורש פון אברהם. און אליעזר איז "דמשק - דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים".

קען דערביי ווערן א שאלה באם בן חמש למקרא: אמת טאקע אז אליעזר איז געווען עבד ומשרת של אברהם - אבער ווי קען מען זאגן אז אליעזר זאל שטיין אויף אזא הויכע דרגא אז ער זאל זיין דער יורש פון אברהם?!

און אט די קשיא איז מכריח רש"י׳ן צו מפרש זיין (בשם "רבותינו") אז דאס וואס שטייט "שמונה עשר ושלש מאות" גייט אויף "אליעזר לבדו" - וואס דערמיט איז מובן גדלותו של אליעזר, אז אע"פ וואס עס זיינען געווען שי"ח עבדים, ווי ס׳איז מובן פון המשך הכתובים, מיט א ריבוי פרטים בהמלחמה - ווי די תורה איז דא מאריך - אעפ"כ ווערט פאררעכנט ווי "אליעזר לבדו הי׳", ווייל עיקר המלחמה והנס איז געווען ע"י אליעזר און אברהם.

און ס׳איז קיין שאלה ניט ווי שטימט דאס מיט דעם וואס אין פסוק שטייט "וירק את חניכיו ילדי ביתו שמונה עשר ושלש מאות" - ווייל מ׳געפינט אין פשוטו של מקרא אז אע"פ וואס כו"כ האבן זיך

---

45) טו, ג. הנחת הת׳ בלתי מוגה

SichosKodesh.com

משתתף געווען אין אן ענין מסויים, ווערט דאס אנגערופן על שם אחד מהם, ווייל ער איז דער ראש, אים איז דאס מער נוגע וכיו״ב.

ע״ד ווי מ׳געפינט בא קין בפ׳ בראשית[46] "ויהי בונה עיר": ס׳איז דאך מובן ופשוט אז קין האט אליין ניט געבויט די גאנצע שטאט, פון דעם ערשטן שטיינדל ביז דעם לעצטן שטיינדל, נאר זיכער האבן אים אנדערע ארויסגעהאלפן. און דער טעם פארוואס עס שטייט אז קין האט געבויט דעם עיר, איז ווייל ער איז געשטאנען בראש הבונים, דאס איז געווען ע״פ הצעתו, בכדי אנרופן "שם העיר כשם בנו חנוך"[46].

עד״ז בנדו״ד: אע״פ וואס עס זיינען געווען שי״ח עבדים, איז אליעזר געשטאנען בראש.

לפי״ז ווערט די שאלה לאידך גיסא: וויבאלד אז דאס איז א פירוש הפשוט, פארוואס שרייבט רש״י דער פירוש בשם "רבותינו אמרו"?

איז דער ענטפער אויף דעם: ע״ד הפשט איז פארט א חידוש זאגן אז אליעזר איז געווען דער עיקר וראש, מ׳האט אויף דעם ניט קיין הכרח פון פשטות הכתובים, בפרט אז בפשטות איז אברהם געווען דער ראש הלוחמים. דעריבער זאגט רש״י אז דער מקור לזה איז פון "רבותינו", וואס זיי האבן אזוי מקבל געווען איש מפי איש (משא״כ רש״י קען דאס ניט זאגן על דעת עצמו פון פשטות הכתובים), אבער אין "רבותינו" גופא איז דאס ניט "דרשו", נאר "אמרו" - ווייל דאס איז (ניט קיין דרש, נאר) ע״פ פשוטו של מקרא.

ויש להאריך בזה כו״כ.

טז. די הוראה פון דעם ענין אין זהר עה״פ "אז יבקע כשחר אורך":

דער טאטע איז מבאר אז דער מאמר הזהר (עה״פ "אז יבקע כשחר אורך") "שייך זה הכא, הוא כי אתמר מקודם שאתכסיין מלין בגווייהו כו׳ שעתה סודות ורזין דאורייתא הם בהתכסות והעלם כו׳, הנה לעתיד יתגלו הסודות ורזין דאורייתא כו׳, ודקדוק הלשון לאכרזא ויימא, לאכרזא כרוז הוא מצד או״א כו׳, לאכרזא על בנוי הוא מה שיומשך הכרוז דאו״א על הבנים זו״ן כו׳".

ובהמשך לזה שטייט אין זהר בנוגע צו גילוי סודות התורה - "דהא קב״ה אסתכים עמנא ועל ידנא אתגליין מלין".

---

46) ד, טז.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

וי"ל די הוראה דערפון:

נאך אין זמן הגלות, פאר דעם וואס עס קומט די גאולה – דארף זיין "טועמי' חיים זכו" פון די גילויים דלע"ל, כולל – אז מ'דארף מפיץ זייען די מעינות חוצה, ווי דער אריז"ל האט געזאגט[47] אז "דוקא בדורות אלו האחרונים מותר ומצוה לגלות זאת החכמה", און דאס ווערט א הכנה צו גילוי פנימיות התורה לע"ל.

יז. דער לימוד פון דעם שיעור רמב"ם:

יעדער איד איז "כליו של אדם" העליון, ווארום "אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני"[48], און דער אויבערשטער האט אוועקגעשטעלט יעדער איד במקום (בעולם) בכדי ער זאל "קונה" זיין פאר דעם אויבערשטן כל עניני העולם, בכדי דערפון מאכן א דירה לו ית' בתחתונים.

און דעריבער, טענה'ט א איד צו דעם אויבערשטן: וויבאלד דו האסט מיר אוועקגעשטעלט אין וועלט, "על כרחך את חי"[49], "נשמה שנתת בי" – דארפסט מיר געבן כל המצטרך בכדי מיין עבודה זאל זיין מתוך מנוחה, שמחה וטוב לבב און איך זאל קענען "קונה" זיין בשלימות.

אי איז די שאלה, אז "אין כליו של אדם קונות לו ברשות הרבים" (עלמא דפרודא) – טענה'ט א איד צום אויבערשטן: כ'האב זיך אליין ניט אוועקגעשטעלט אין "רשות הרבים", נאר דער אויבערשטער האט מיר דארט אוועקגעשטעלט – קען דער אויבערשטער דאך מאכן אויס רשות הרבים, און מאכן דערפון א סימטא (ביז א רשות היחיד ליחידו של עולם), און דעמולט קען דער איד אלץ קונה זיין און מאכן דערפון א דירה בתחתונים.

ובפרט נאך דעם וואס אידן האבן געטאן די עבודה בשמחת בית השואבה (אויך) אין רשות הרבים, ביז אין אן אופן אז די גאס אליין זאל טאנצן, און אין אן אופן אז די "פאלים" רינגלען ארום און שטעלן אפ די "טרעפיק" (ווי מ'רופט עס דא אן) אז די "טרעפיק" זאל ניט זיין נכנס מכאן ויוצא מכאן (ודינא מלכותא דינא) – ווערט דורך דעם דער רשות הרבים ע"פ דין א סימטא, כרמלית וכו', ביז א רשות היחיד (ווי גערעדט כמ"פ במשך שמחת בית השואבה).

ויה"ר אז מ'זאל מאכן פון אלע "רשות הרבים'ס" א "רשות

47) אגה"ק סכ"ו (קמב, ב). 48) מס' קידושין בסופה. 49) אבות ספ"ד.

הנחה הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

היחיד", ליחידו של עולם, און מגלה זיין בא יעדער איד זיין "רשות היחיד" - יחידו של עולם.

און ס'ווערט "לך לך מארצך גו' אל הארץ אשר אראך", ארץ הקודש, ירושלים עיר הקודש, ולביהמ"ק השלישי.

און ס'ווערט "וירא אליו ה'" - סיום השיחה נדפסה לעיל (בסיום שיחה מוגהת).

אח"כ צוה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק במהרה בימינו כו'".

אח"כ אמר: די אלע וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

------ * ------

בס"ד. לשון הברכה שאמר כ"ק אדמו"ר שליט"א לקבוצת שלוחים שיחיו הניסעים ליוהניסבורג, דרום אפריקה (ולעוד מקומות), יום ג' פ' וירא, י"א מרחשון, לאחר תפלת ערבית ה'תשמ"ח.

איר זאלט פארן געזונטערהייט, און עס זאל מקויים ווערן "לך לך מארצך וממולדתך גו' אל הארץ אשר אראך גו' ואברכך"[1].

ובפרט אז ס'איז א שנת הקהל -

וועט מען טיילן און מיטגעבן יעדערן פון אייך דאס וואס ס'האט זיך גערעדט וועגן דערויף (הקהל), מיט מראי-מקומות.

און איר זאלט זען אויספירן דעם ענין פון "הקהל" בנוגע צו זיך, און אויך זיין "נרות להאיר" - צו די סביבה וואוהין איר פארט.

ובפרט אז אייער נסיעה איז אין אן אופן פון "גולה למקום תורה"[2] - האט מען אין דערויף די ברכה מיוחדה פארבונדן מיט גולה למקום תורה.

זאל זיין בשורות טובות "תמיד כל הימים" - ע"ד ווי ס'שטייט בנוגע צו שנת הקהל[3].

כ"ק אדמו"ר שליט"א חילק לכאו"א מהנוסעים שיחיו קונטרס הכולל: א) חלק משיחות י"ג תשרי וש"פ בראשית (התוועדות א' וב'). ב) חלק משיחת ש"פ נח, בדר"ח מרחשון - שנה זו.

אח"כ אמר: זאל זיין בשורות טובות.

------- * -------

1) ר"פ לך לך. 2) אבות פ"ד מי"ד. 3) וילך לא, יג.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

לזכות

אהרן בן פייגל שיחי'

לרפואה שלימה בקרוב

הכתובת להשיג ה"הנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 03-984887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448

שיחת

ש"פ וירא, ט"ו חשון

ה'תשמ"ח



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי

"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ. י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה

שנת הקהל

SichosKodesh.com

מפתח

SichosKodesh.com

בס״ד. משיחות ש״פ וירא, ט״ו מרחשון ה׳תשמ״ח.

א. אין דעם טאָג זיינען פאַראַן כמה ענינים ומהם: א) חמשה עשר בחודש, ב) בחודש מרחשון, ג) יום השבת, ד) שבת פ׳ וירא, ה) דער שבת וועלכער בענטשט[1] דעם טאָג פון כ״ף מרחשון, דער יום הולדת פון דעם רבי׳ן (מהורש״ב) נ״ע[2].

אַזוי ווי פון אַלע ענינים וואָס אַ איד הערט[3] — אַזוי דאַרף אַ איד פון די ענינים אַרויסנעמען אַ הוראה אין זיין עבודה צו דינען דעם אויבערשטן.

ב. אין דעם טאָג פון חמשה עשר בחודש מרחשון — ווען „קיימא סיהרא באשלמותא"[4] — ווערט אַ שלימות אין אידן,

וואָרום ישראל מונין ללבנה[5] (ווייל) דומין ללבנה, ביז אַז „הם עתידים להתחדש כמותה"[6]. און דעריבער, בשעת דער אור הלבנה לייכט במילואו ובשלימותו („קיימא סיהרא באשלמותא") — באַווייזט עס אַז דעמולט לייכט במילואו ובשלימותו דער אור פון עם ישראל און דעם לעבן פון יעדער איד בכלל, און ספּעציעל — אין זיינע „נר מצוה ותורה אור"[7].

נאָכמער: די שלימות וואָס חמשה עשר בחודש טוט אויף באַ אידן (ובפרט אין זייער עבודה בתומ״צ) — שטייט בגלוי אויך אין זיינע וועלט זאַכן, און נאָכמער — דאָס האָט אַ השפעה גלוי׳ אין וועלט. ווי מ׳זעט עס בפשטות:

עס זיינען דאָ צייטן וואָס תורה זאָגט אַז באַ אידן קומט דאַמאָלס צו אַ שלימות — אָבער דאָס איז ניט ניכר לעיני בשר; משא״כ בחמשה עשר בחודש ווערט די גאַנצע ערד און אַלע אירע באַשעפענישן באַלויכטן מיט די פולע ליכט פון דער לבנה, און יעדערער, אויך אוה״ע, קען דאָס זען בפשטות בעיני בשר, און גיין באַנאַכט מיטן אור הלבנה.

ביז אַז דאָס האָט אויך אַ השפעה (נוסף אויף מין המדבר, אויך) אויף שאר עניני הארץ, מין החי (הרואה בעיניו מילוי אור הלבנה), מין הצומח — כמ״ש[8] „וממגד גרש ירחים", „יש פירות שהלבנה

---

1) כמחז״ל דשבת מיני׳ מתברכין כולהו יומין (זח״ב שם סג, ב. פח, א).

2) ראה ראשי פרקים מתולדות כ״ק אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע בהקדמה לחנוך לנער.

3) כתורת הבעש״ט — כתר שם טוב הוספות סקכ״ז ואילך. וש״נ.

4) ראה זהר ח״א קנ, א. רכה, ב. וראה שמו״ר פט״ו, כו.

5) סוכה כט, א (ובחדא״ג מהרש״א שם). ב״ר פ״ו, ג. וראה ד״ה ויאמר לו יהונתן מחר חודש גו׳ במאמרי אדה״ז תקס״ז ע׳ מח ואילך. ועם הגהות — אוה״ת בראשית ד, סע״ב ואילך. ועוד.

6) סדר קידוש לבנה, מסנהדרין מב, א.

7) משלי ו, כג.

8) ברכה לג, יד.

מבשלתן כו׳״, ביז אויך אויף מין הדומם — כידוע אַז „לירח כח מוסיף ומיוחד ביסוד המים[9], והראי׳ על זה תוספת הימים והנהרות בתוספת הירח כו׳״[10]. איז דערפון מובן אַז בשעת „קיימא סיהרא באשלמותא״, איז נאָך שטאַרקער די השפעת הלבנה אויף צמיחה און אויף מהלך המים.

און דער טעם לזה — בלשון הקבלה והחסידות[11]: שרש הלבנה איז ספירת המלכות. און די שינויים בהלבנה במשך די ימי החודש ווערן נשתלשל פון די שינויים אין קבלת המלכות פון (שמש) ז״א (און די ספירות בכלל), און דערפון קומען אויך אַרויס די שינויים אין דער השפעה צו כל פרטי העולם (דומם צומח חי ומדבר) —

מלכות איז דער מקור פון בי״ע, מלכות איז מחי׳ אַלע עולמות, מיט אַלע נבראים נוצרים ונעשים שבהן. און דעריבער: בחמשה עשר בחודש, ווען מלכות איז מקבל וכונס אַלע אורות פון ז״א (און די ספירות בכלל), ווערט דעמולט שלימות אין כנסת ישראל (הדומין ומונין ללבנה — מלכות), און דערפון ווערן נשתלשל אין דער לבנה למטה — אַז זי לייכט דעמולט בשלימותו ובמילואו בגשמיות, און במילא — ווערט דעמולט שלימות אין איר השפעה אויף דצח״ם, די ד׳ מינים אויף וועלכע עס טיילט זיך כל הבריאה כולה, וועלכע זיינען אַלע באַשאַפן געוואָרן „בשביל ישראל״[12].

דערפון איז מובן אין עבודת ה׳, אַז די שלימות וואָס חמשה עשר בחודש טוט אויף אין אידן (הדומין ומונין ללבנה) — איז ניט נאָר בנוגע זייער עבודה מיט זיך אַליין (ווען זיי שטייען בתפלה אין בית הכנסת, אָדער לימוד התורה בבית המדרש וכו׳), נאָר אויך אַ שלימות אין זייער עבודה אין וועלט, „כל מעשיך יהיו לשם שמים״[13] און „בכל דרכיך דעהו״[14] ביז אויך מיט אומות העולם, און נאָכמער — מיט מין החי, צומח ודומם, ובכללות — אין דער עבודה פון מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים[15] (תחתונים, וואָס טיילן זיך בכלל אין דצח״ם) און מגלה זיין ווי די אַלע טיילן פון וועלט זיינען באַשאַפן געוואָרן „לכבודו״ של הקב״ה[16].

ובפרטיות יותר: בחמשה עשר בחודש ווערט שלימות אין דער עבודה מיט דעם גאַנצן „עולם קטן״[17] זה האדם, ניט נאָר מוחין שב־ראש כו׳, נאָר אין זיין גאַנצן גוף און מציאות, חי וצומח ודומם שב־

---

9) מין הדומם — ראה שעהיוה״א פ״א. ע״ח שער נון פ״ב: „מאכלי הדומם כגון מים ימלח״. ולהעיר מע״ח שם פ״י — „צומח . . מחלקי המים שבכל יסוד״.

10) מו״נ ח״ב פ״י. רבינו בחיי עה״פ ברכה שם.

11) ראה בכ״ז ספר הערכים־חב״ד ערך אור הלבנה ס״ה. וש״נ.

12) פרש״י ר״פ בראשית.

13) אבות פ״ב מי״ב.

14) משלי ג, ו. וראה רמב״ם הל׳ דעות ספ״ג. טושו״ע או״ח סרל״א. שו״ע אדה״ז או״ח סקנ״ו ס״ב.

15) תנחומא נשא טז. תניא פל״ו.

16) כמאחז״ל (אבות ספ״ו) „כל מה שברא הקב״ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו״.

17) תנחומא פקודי ג. תקו״ז תס״ט. וראה לקו״ת במדבר רד״ה והי׳ מספר.

SichosKodesh.com

האדם[18], ביז זיין עקב שברגל, בחי׳ הכי תחתונה שבאדם[19].

און נאָכמער — די שלימות פון חמשה עשר בחודש איז ניט נאָר אין דעם טאָג אַליין, נאָר דאָס איז משפיע אויך אויף די פריער־דיקע טעג און זיכער אויף די שפּעטערדיקע טעג פון חודש: אין אַלע טעג פון חודש זיינען דאָ שינויים אין דער לבנה [פון ראש חודש ביז ט״ו בחודש — איז די לבנה הולכת ומתגדלת, בעבודה — דער ענין פון מעלין בקודש; און פון ט״ו בחודש ביז סוף החודש — איז זי הולכת ומתמעטת, בעבודה — דער ענין פון הוספה בביטול וקבלת עול]. און די שינויים האָבן אויך אַ השפעה אויף אידן און על כל העולם כולו. אָבער שלימות אור הלבנה איז דוקא בחמשה עשר בחודש, דעמולט ווערט אַ שלימות סיי בנוגע די פריערדיקע טעג פון חודש (דעמולט ווערט דער גמר ושלימות פון מילוי אור הלבנה, מעלין בקודש, און סיי בנוגע די שפּעטערדיקע טעג פון חודש (דעמולט איז די התחלה פון מיעוט אור הלבנה, עבודת הביטול), משא״כ די אַנדערע טעג פון חודש האָבן נאָר איינעם פון די צוויי ענינים (מעלות).

ג. דערפון וועט מען אויך פאַרשטיין די הוראה פון חמשה עשר בחודש מרחשון:

בחמשה עשר מרחשון ווערט אויפגעטאָן שלימות בגלוי בכל חלקי העולם (בכל הענינים פון אידן, און) ספּעציעל אין דער עבודה מיוחדת פון אידן בחודש מרחשון. וואָס דאָס איז בכללות (ווי גערעדט אויספירלעך פאַריגן שבת[20]) — די עבודה פון „פאַ־נאַנדערפאַקן״ די כחות פון דעם פאַרגאַנגענעם חודש תשרי און נוצן זיי וכדבעי אין דער עבודה פון „ויעקב הלך לדרכו״[21] במשך פון דעם קומענדיקן יאָר, די עבודה פון יעדער איד במקומו בעולם אויף מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים (בפרט בחלקו בעולם), אין מדבר חי צומח ודומם, ביז דומם שבדומם, תחתון שאין תחתון למטה ממנו.

ובמיוחד היינטיקן יאָר — „שנת הקהל״ און „שנת תשמח״ — דאַרף די עבודה (וואָס הויבט זיך אָן בעיקר אין חודש חשון) זיין דורכגענומען מיט די צוויי ענינים פון: א) „הקהל״ — אויסנוצן יעדער געלעגנהייט אויף אויפטאָן דעם ענין פון „הקהל את העם האנשים והנשים והטף גו׳ למען ישמעו ולמען ילמדו ויראו את ה׳ אלקיכם ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת גו׳ כל הימים אשר אתם חיים על האדמה״[22], און ב) „תשמח״[23] — אַ הדגשה

18) ראה תו״א בראשית ד, א ואילך. וראה ספר הערכים־חב״ד (כרך א) ערך אדם ס״ז. וש״נ.

19) ראה אדר״נ ספל״א. ועייג״כ נזיר כא, א ובתוס׳ ופי׳ הרא״ש שם.

20) ונדפס בקונטרס משיחות ש״פ לך. וש״נ.

21) לשון הכתוב — ויצא לב, ב.

22) וילך לא, יב ואילך.

23) לשון ציווי ולשון הבטחה. וע״ד ב׳ הפירושים ב„ואהבת את ה״א״ — ראה לקו״ת

מיוחדת אויף שטיין בשמחה אין אַלע אידישע ענינים, ועל אחת כמה וכמה אין עבודת ה׳ (ווי גערעדט דעמולט באריכה).

וואָס די ביידע עבודות ברענגען אַריין, מצד עצמן, שלימות אין כללות עבודת האדם, און זייער שלימות איז דוקא ווען דאָס קומט אַרויס בגלוי לעיני בשר, און באופן אַז דאָס נמעט דורך ביז בחי׳ דומם שבדומם, תחתון שאין תחתון למטה ממנו:

„הקהל״: מצות הקהל איז „למען״ — צוליב אויפטאָן שלימות בכללות עבודת האדם — „ויראו את ה׳ אלקיכם ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת גו׳ כל הימים אשר אתם חיים על האדמה״. און די מצוה פון הקהל איז דוקא בשעת מ׳פאַרזאַמלט „האנשים והנשים והטף גו׳״ באופן גלוי לעיני בשר, און ניט בלויז די מובחרים שבעם, נאָר אויך „טף״, בחי׳ „דומם״ (בערך צו אנשים ונשים), און אויך בנוגע אנשים ונשים — אַלע סוגים שבהם, סיי „חכמים גדולים שיודעים את כל התורה״, סיי „מי שאינו יכול לשמוע״[24].

„תשמח״: שלימות העבודה איז דוקא בשעת דאָס איז „בשמחה ובטוב לבב״[25]. און שמחה איז דוקא בשעת דאָס קומט אַרויס בגילוי (בשעת דאָס בלייבט בהעלם איז דאָס ניט אמת׳ע שמחה)[26], און שלימות השמחה דריקט זיך אויס אין דעם אַז עס גלייכן זיך אויס אַלע מענטשן — אַ גדול שבגדולים איז זיך משמח צוזאַמען מיט אַ קטן שבקטנים[27], ועד״ז אין דעם אָדם עצמו: שמחה נעמט דורך ניט בלויז זיינע מוחין שבראש ומדות שבלב, נאָר אויך כל הגוף, ביז דער חלק הכי תחתון שבגוף, שאין תחתון למטה ממנו — די עקביים, וואָס זיינען על הארץ ממש — דורך דעם וואָס ער גייט אַ ריקוד ברגלים, ער בלייבט ניט זיצן אויף זיין אָרט, נאָר ער שטייט אויף און טאַנצט, ער הויבט אויף די עקביים שברגלים פון דער ערד, און דורך דעם ווערט אויפגעהויבן דער גאַנצער ציור קומה פון דעם אדם, אויך דער ראש און קדקד (מקיף) על הראש[28], ווי גערעדט פאַריגן שבת.

און אין דעם קומט צו נאָכמער שלימות בחמשה עשר במרחשון — ווען „קיימא סיהרא באשלמותא״, און אַ שלימות וואָס טוט אויף בגלוי אין גשמיות העולם, ביז אין חלק התחתון שבו, בחי׳ דומם, און אויך — אַ שלימות אויף די קומענדיקע טעג פון חודש, כנ״ל.

וואָס דאָס איז אַ שלימות וואָס ווערט נמשך מלמעלה קודם עבודת האדם — מצד דעם עצם ענין וואָס ישראל דומין ללבנה,

---

סוכות פ, סע״ד. ספר הערכים־חב״ד (כרך א) ערך אהבת ה׳ סי״ג. וש״נ.

24) רמב״ם סוף הל׳ חגיגה.

25) תבוא כח, מז. תניא פכ״ו בשם האריז״ל. וראה רמב״ם סוף הל׳ לולב.

26) המשך שמח תשמח תרנ״ז בתחלתו — באריכה (סה״מ תרנ״ז ע׳ קעג ואילך).

27) ראה סה״מ שם ע׳ רכד ואילך — בנוגע למלך ביום חתונתו כו׳.

28) משא״כ כשישב על מקומו — אפילו כשמנענע הרגלים, אי״ז מגבי׳ הגוף. ועוד: באם יש לו גם „הדום רגלו״ תחת רגליו (ראה דרושי השמים כסאי — בתו״א בתחלתו. ועוד) — גם הרגלים שלו הם למעלה (קצת) מן הארץ, ולא תחתון ממש.

SichosKodesh.com

באַקומען זיי אַ שלימות ווען קיימא סיהרא באשלמותא: על אחת כמה וכמה, ווען ישראל מונין ללבנה (עבודת האדם), און אַ איד לערנט דערפון אַפּ אַ הוראה צו מוסיף זיין בעבודה בקב שלו שלימות אין זיין עבודה — איז די שלימות נאָך גרעסער. ביז אַז עס ווערט אַ חיבור פון די שלימות וואָס ווערט נמשך מלמעלה (תשעה קבים של חבירו[29] זה הקב״ה[30]) און די שלימות וואָס קומט מצד עבודתו (קב אחד שלו) — צוזאַמען עשר קבים, שלימות (המספר ו)הענין[31].

ד. אין דעם אַלעם קומט צו אַ הוספה — ווען חמשה עשר במר־חשון איז שבת:

שבת טוט אויף שלימות אין אַלע ענינים, אַנהויבנדיק פון אַ איד און ניט נאָר אין זיין רוחניות, נאָר אויך אין זיין גשמיות, ביז אין זיין ונפש הבהמית[32], און אין דעם טבע פון זיין גוף הגשמי[33], און (דורך אים) — אַ שלימות אויך בכל עניני העולם[34],

און אַ שלימות סיי אין די ימים שלפני זה — „ויכולו[35] השמים וה־ארץ וכל צבאם"[36], „ויכולו" מלשון שלימות ותענוג[37], און סיי אין די ימים שלאחרי זה — „מיני' מתברכין כולהו יומין"[38] (ע״ד ווי קיימא סיהרא באשלמותא איז אַ שלימות סיי בנוגע די ימים שלפנ״ז און סיי בנוגע די ימים שלאח״ז, כנ״ל).

ה. ובפרט אַז מ'לייענט אין דעם שבת פ' וירא[39]:

---

29) ראה ב״מ לח, א.

30) ראה שמו״ר רפכ״ז. תנחומא יתרו ה. זח״ב נה, ב. פרש״י משלי כז, י. פרש״י שבת לא, א — ד״ה דעלך.

31) ראה פרדס שער ב׳ פ״א־ב. ראב״ע לשמות ג, טו. וראה לקו״ש בראשית תשמ״ז ס״ד. וש״נ.

32) כמאחז״ל עם הארץ אינו משקר בשבת (ירושלמי דמאי רפ״ד).

33) וכמאחז״ל שאינו דומה איר פניו של אדם בשבת כו׳ (ב״ר פי״א, ב. מכילתא יתרו ועוד. וראה נ״כ שו״ע אה״ע סס״ב ס״ה).

וראה תו״ח ייקהל תרלב, א: „כמו שהעיד ע״ז אחד מן גדולי חכמי הרופאים, שבליל שבת ויומו יש שינוי גדול בדפק שביד הישראל, מחמת הארת אור העונג העצמי דיחידה כו׳". וראה לקו״ש חט״ו ע׳ 55 ואילך.

34) ראה סנהדרין (סה, ב. ב״ר פי״א, ה): סמבטיון יוכית. ועוד. וראה קה״י ע׳ שבת בתחלתו.

35) בראשית ב, א.

36) שלימות בכל עניני העולם — שנבראו כולם לפני השבת.

37) ראה ד״ה ויכולו באוה״ת בראשית (כרך א) מב, ב ואילך. (כרך ג) תקח, א ואילך. ד״ה הנ״ל דיום ב׳ דר״ה שנה זו.

38) ברכה במן ובענין המן (זהר שבהערה 1), לחם מן השמים שירד בגשמיות העולם, וממנו הי׳ בנ״י ניזונים.

39) כתורת אדה״ז („היום יום" ב חשון. ספר השיחות תש״ב ע׳ 29 ואילך. ועוד) „אַז מען בעדאַרף לעבן מיט דער צייט, מיט דער פרשת השבוע . . . פון דער סדרה פון דער וואָך".

„וירא אליו ה׳״[40] (בריש פרשתנו) איז געקומען „בשביל[41] המילה״[42]. ויש לומר: וויבאַלד אַז מצות מילה איז „בריתי בבשרכם לברית עולם״[43], אַ ברית אין בשר אברהם, וואָס שטייט בגלוי לעיני בשר — דערפאַר איז דער שכר על זה, מדה כנגד מדה[44], „וירא אליו ה׳״, ראיית אלקות בעיני בשר, וואָס ראי׳ איז שלימות העבודה ושלימות כל הענינים — תכלית ההתאמתות[45].

און פון אברהם אבינו — באַקומט יעדער איד[46] זיין כח אויף טאָן עבודה בגלוי אין זיין „בשרכם״, עוה״ז הגשמי, און דורך דעם זאָל זיין „וירא אליו ה׳״, תכלית השלימות, באופן של ראי׳ [בדוגמא ווי דער ענין און השפעה פון מילוי ושלימות הלבנה איז נראה לעיני בשר, כנ״ל].

דאָס איז אויך פאַרבונדן מיט סיום הפרשה:

לאחרי עקידת יצחק — שטייט[47], אַז „ויקרא אברהם שם המקום ההוא ה׳ יראה אשר יאמר היום בהר ה׳ יראה״. ופרש״י „ה׳ יבחר ויראה לו את המקום הזה להשרות בו שכינתו כו׳, שיאמרו לימי הדורות עליו בהר זה יראה הקב״ה לעמו״.

די מסירת נפש פון עקידת יצחק, אַ מס״נ וואָס האָט דו[...] גענומען אויך חומר הגוף[48], „פרחה ויצאה נשמתו של יצחק״[49] מגופו — האָט אויפגעטאָן, אַז יצחק זאָל נתקדש ווערן, אין אַן אופן אַז אויך זיין גוף איז געוואָרן אינגאַנצן קדוש בקדושת עולה[50].

ויש לומר[51], אַז דאָס האָט אויפגעטאָן, מדה כנגד מדה, דעם ענין פון „בהר ה׳ יראה הקב״ה לעמו״, באופן גלוי לעיני בשר, ביז אַז „כדרך[52] שבא לראות כך בא ליראות״[53], „הקיש הכתוב ראייתך

40) להעיר מפרש״י עה״פ: „לבקר את החולה, אמר רבי חמא בר חנינא כו׳״, וי״ל ולהעיר שזהו התרגום ד„וירא אליו ה׳״: „חמא (וירא) בר (כתוצאה מ)חנינא (חנון ורחום ה׳ לבקר את החולה)״.

41) בעה״ט, ספורנו עה״פ. ועוד. וראה רמב״ן עה״פ. „היום יום״ ט חשון.

42) כמובן מזה ש„וירא אליו ה׳״ בא בהמשך לפסוקים (בסוף פרשה שלפנ״ז ממש) „בעצם היום הזה נמול אברהם גו׳״. ועפ״ז מתורץ שלא נאמר בכתוב הסיבה על „וירא אליו ה׳״.

43) לך יז, יג. וראה בארוכה קונטרס משיחת ש״פ לך שנה זו ס״ה ואילך.

44) ראה סוטה ח, ב. ט, ב. ועוד.

45) שלכן „אין עד נעשה דיין״ (ר״ה כו, רע״א).

46) דמעשה אבות סימן לבנים — ראה תנחומא לך ט. ב״ר פ״מ, ו. רמב״ן לך יב, ו. שם, י. יד, א. ועוד.

47) פרשתנו כב, יד.

48) ולהעיר ממאחז״ל (יבמות סב, א. ושי״נ) עה״פ (פרשתנו כב, ה) „שבו לכם פה עם החמור״ — „עם הדומה לחמור״, וי״ל שזה מורה (גם) על חומר הגוף (ראה גם „היום יום״ כח שבט), שעקידת יצחק פעלה גם ב„נעריו״, „עם הדומה לחמור״ (ולא רק בחמור עצמו, שפשיטא שהוא בטל, בבעלות אברהם), שדינם כחמורו של אברהם.

49) פדר״א פל״א קרוב לסופו. זח״א ס, א (תוספתא).

50) ראה לקו״ש חכ״ה ע׳ 131. שם ע׳ 135 ואילך. ושי״נ.

51) ראה לקו״ש דשבוע זה בסופו.

52) חגיגה ב, א (וש״נ) ובפרש״י.

53) ראה יד רמה סנהדרין ד, ב שענין זה נלמד מהכתוב „יראה . . יראה״

SichosKodesh.com

לראייתו" — דער חיבור פון ראיית האדם הגשמי מיט ראיית עין העליון פון אדם העליון[54].

ו. נוסף לכל הנ״ל קומט צו נאך אן ענין אין דעם שבת — וואס גיט צו נאכמער שלימות אין דער עבודה הנ״ל פון אידן, א שלימות וואס קומט ארויס בגלוי אין אלע ענינים, ביז למטה מטה:

דער שבת בענטשט (די קומענדיקע טעג, כנ״ל, כולל) יום חמישי — כ״ף מרחשון, דער יום הולדת פון דעם רבי׳ן (מהורש״ב) נ״ע, דער נשיא ישראל בדורו, וואס בנו יחידו וממלא מקומו איז כ״ק מו״ח אדמו״ר, נשיא דורנו. וכידוע אז אין א יום הולדת איז „מזלו גובר"[56], און וויבאלד אז דאס איז „מזלו גובר" פון א נשיא הדור — טוט עס אויף א התגברות אין דער עבודה פון אלע חסידים און אידן (ועל ידם — בכל העולם כולו), וואָרום „הנשיא הוא הכל"[57], אויך אין די דורות שלאחריו, כמאחז״ל[58] „מה להלן עומד ומשמש, אף כאן עומד ומשמש", און כדבורי כ״ק מו״ח אדמו״ר[59] בנוגע זיין פאטער דער רבי (מהורש״ב) נ״ע אז רועי ישראל „הנה לא זה בלבד שלא יפרדו מעל צאן מרעיתם, הנה עוד זאת מתרפסים להדום כסא מרום, להתיצב לפני הוד א־ל רם ונשא, להגן על עם ישורון". ובפרט דורך בנו ממלא מקומו, נשיא דורנו — וועלכער איז „הכל" פון דורנו בפשטות.

אין דעם קומט צו א דבר חידוש בשנה זו: היינטיקן יאר ווערט קכ״ז שנה מיום הולדתו בשנת תרכ״א[60].

וועט מען עס פארשטיין לויט דעם ביאור פון דעם בעל יום ההולדת אליין[61] — אין זיינע דרושי חסידות בביאור הענין פון „ויהיו חיי שרה[62] מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים שני חיי שרה"[63]:

שבפרשתנו הנ״ל. וראה כלי יקר עה״פ. ובארוכה אוה״ת פרשתנו קב, ב ואילך.

54) ראה אוה״ת שם.

55) בדוגמא למש״נ במצות הקהל — „כל הימים אשר אתם חיים על האדמה".

56) ראה ירושלמי ר״ה פ״ג ה״ח ובקרבן העדה שם.

57) פרש״י חוקת כא, כא.

58) סוטה יג, סע״ב.

59) אגרות קודש שלו ח״א ע׳ קמא.

60) וכידוע שגם לאחרי ההסתלקות — יש הוספה בענין הזמן בהמשך להשנים שהיתה הנשמה בגוף למטה — ראה צפע״נ לרמב״ם הל׳ תשובה פ״ח ה״ד. לקו״ש חכ״ה ע׳ 317. ושי״נ.

61) להעיר ממשנ״ת (ראה לקו״ש ח״ו ע׳ 283. ושי״נ) בביאור המשנה (אבות רפ״ג) „דע לפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון", דלכאו׳ הרי בתחלה הוא החשבון ואח״כ הדין? אלא שמתחלה שואלים אותו על אדם אחר שעבר כיוצא בו אותה עבירה וכאשר הוא „דן" את פלוני אז עושים עמו אותו ה„חשבון" אשר „דן" קודם על חבירו. ואם במדת פורעניות אמרו אשרי בדינו של אדם על אדם אחר, פוסק הוא דין עצמו, במדה טובה על אחת כמה וכמה.

62) ולהעיר שקביעות היום הולדת בשנה זו — היא ביום חמישי דפ׳ חיי שרה.

63) ד״ה ויהיו חיי שרה תרמ״ג. העת״ר. עטר״ת. פר״ת.

ואף שדרושים אלו מיוסדים, כנראה, על דרושי אדה״ז ודרושי רבותינו נשיאינו ממלאי מקומו (ראה בהנסמן לקמן הערה 65) — כ״מ, מובן שמאמרים אלו שנאמרו

על יסוד פון דעם ביאור אין זהר פרשתנו[64] אויף דעם פסוק, איז דער בעל יום ההולדת מבאר, אַז „שרה זכתה לחיין עלאין". און אין דעם זיינען פאַראַן דרגות: „מאה שנה" גייט אויף כתר (אין כחות הנפש — רצון ותענוג), „עשרים שנה" גייט אויף חכמה ובינה (מוחין), און „שבע שנים" גייט אויף די שבע מדות. און די אַלע דרגות („מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים") זיינען נמשך גע־וואָרן אין שרה׳ן, בחי׳ מלכות, אַזוי אַז אין דעם באַשטייט „חיי שרה", בכדי אַז שרה (מלכות) זאָל דאָס ממשיך זיין אין עולמות בי״ע (וואָס דאָס איז מרומז אין „שני חיי שרה" בסיום הכתוב)[65].

אין די אַלע דרגות („מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים") „כלהו איקרון חיים, ויהיו חיי שרה דהוו ממש דאתבריאו ואתקיימו לעילא", ובלשון פון רש״י עה״פ — „בת ק׳ כבת כ׳ לחטא כו׳", און אַזוי ווערט עס נמשך אין בי״ע — „שני חיי שרה", בלשון רש״י — „כולן שוין לטובה".

ד. ה. אַז אַלע קכ״ז שנה פון „חיי שרה" זיינען געווען בתכלית השלימות, און אַ חיות פון „חיין עלאין". ע״ד ווי עס שטייט בנוגע אברהם — „בא בימים"[66], באינון יומין עלאין[67], אַז אַלע זיינע ימים זיינען געווען „יומין שלמין" ד. ה. ער האָט געהאַט די לבושים (פון תומ״צ) פון יעדן טאָג פון די אַלע ימים בשלימות.

דערפון לערנט מען אַפּ אויך בנוגע צו דעם בעל יום הולדת וואָס בשנה זו ווערט קכ״ז שנה מיום הולדתו — אַז ער קומט דעמולט צו אַ שלימות מיוחדת פון קכ״ז שנה, שלימות אין אַלע זיינע ענינים, כתר (רצון ותענוג) מוחין און מדות, און במילא אויך — שלימות

ונכתבו על ידו, הם תורתו של בעל יום ההולדת (נוסף להחידושים בדרושים אלה שו שלא נאמרו בדרושי רבותינו שלפניו), ולא רק באופן של תורה נקראת על שמו (ע״ז יט, א). ואכ״מ.

64) קכב, ב ואילך. וז״ל: שרה זכתה לחיין עלאין לה ולבעלה ולבנהא בתראה כו׳, ועל דא ויהיו חיי שרה דזכתה בהו בכלהו ולא כתיב בכלהו נשי ויהיו חיי וזוה וכן בכ היא אתדבקת בחיין ועל דא דילה הוו חיין. ויהיו חיי שרה אינון חיין כלהו לעילא מאה שנה לעילא ועשרים שנה לעילא ושבע שנים לעילא כלהו הוו כדקא יאות. אמר רבן שמעון ת״ח רזא דמלה מאי שנא בכלהו דאמר שנה שנה ובאינון שבע דאמר שנים דכתיב מאה ועשרים שנה ולבתר שבע שנים אלא כולא חד. מאה שנה כללא דכלא,קב״ה דאתכליל מאתר עלאה סתימא דכל סתימין במאה ברזא דמאה ברכאן דכל יומא וכן עשרים שנה ובגין כך כתיב שנה רזא דיחודא דלא אתפרש מחשבה ויובלא לעלמין. שבע שנים אלין אתפרשן ונפקאן מכללא סתימאה דלעילא ואע״ג דכלא יחודא וודא אבל מתפרשן בדינא ורחמי בכמה סטרין ואורחין מה דלא הוי הכי לעילא ובגין כך כתיב שנה רזא דיחודא דלא אתפרש לעלמין. שבע שנים אלין אתפרשאן בדינא ורחמי בכמה סטרין ואורחין מה דלא הוי הכי לעילא ובגין כך באלין שבע שנים כתיב בהו שנים ולא שנה, וכלהו אקרון חיים ויהיו חיי שרה דהוו ממש דאתבריאו ואתקיימו לעילא.

65) ראה גם לקו״ת ר״פ ברכה. ביאוה״ז לאדהאמ״צ ר״פ חיי שרה. שם (בהוספות) קלא, סע״ב ואילך. תורת חיים חיי שרה קכו, ב ואילך. ביאוה״ז ואוה״ת להצ״צ ר״פ חיי שרה. ועוד. וראה גם ד״ה ויהיו חיי שרה תשמ״א.

66) חיי שרה כד, א.

67) ראה זח״א רכד, א. קכט, א. וראה תו״א חיי שרה כד, א. משפטים עו, ג. עט, ב.

SichosKodesh.com

אין זיין המשכה צו כל אנשי הדור (ע״ד המשכת המלכות בעולמות בי״ע) אין אַלע זייערע ענינים: אַז באַ זיי זאָל זיין אַ שלימות אין זייער עבודה מצד רצון ותענוג, מוחין און מדות, וואָס דאָס איז כולל כל ציור האדם, ביז למטה מטה (אין בחי׳ דומם שבדומם). און אין אופן אַז „כולן שוין לטובה״ — תכלית השלימות.

ובמכ״ש וק״ו: מה־דאָך אַז יעדער איד דאַרף זיך אָפּלערנען אַ הוראה פון דעם וואָס שטייט אין תורה בנוגע צו חיי שרה, ובפרט אַז „מעשה אבות (ואמהות) סימן לבנים״[68], און יעדער איד איז אַ יורש (וואָס ירושה — איז בדרך ממילא) פון די אבות ואמהות, עאכו״כ בנוגע צו צדיקים[69], און זיכער בנוגע צו נשיאי ישראל, און נאָכמער בהדגשה — בנוגע צו אַ נשיא הדור וואָס איז מבאר דעם ענין פון חיי שרה אין זיינע מאמרים, און ער קומט צו (בשנה זו) לידי השלימות פון קכ״ז שנה.

ולהוסיף, ע״פ המבואר במ״א[70] אַז די עבודה פון בעל יום ההולדת איז באַשטאַנען במיוחד פון ממשיך זיין כתר שבתורה (פנימיות התורה) ביז אין „חוצה״ (הפצת המעינות חוצה[71]), חוצה שבהאדם (הבנה והשגה ומדות כו׳[72]), ביז חוצה ממש אין וועלט, באופן גלוי לכל.

ווי ס׳איז מרומז אין דעם וואָס דער צ״צ האָט געזאָגט בעת קריאת שם בעל יום ההולדת[73]: „רש״ב, בשר שבר — צריכים לשבור בשר הגוף, נולד כ׳ חשון תרכ״א, שיש בזה שני כפי״ן, שהוא רומז לכתרא עילאה״ — המשכת הכתר ביז למטה מטה אין „בשר שבר״.

וואָס דערפאַר שטייט ביי אים נאָכמער בהדגשה דער ענין פון „חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים״ — המשכת הכתר (מאה), מוחין (עשרים) ושבע מדות אין מלכות, על מנת דאָס ממשיך זיין אין בי״ע, למטה מטה.

ז. וכל זה הויבט זיך שוין אָן אין דעם שבת שלפני ומיני׳ מתברך דער יום הולדת פון כ״ף מרחשון. ובפרט אַז בשנה זו איז ער אויך חמשה עשר בחשון:

---

68) כנ״ל הערה 46.

69) וי״ל החידוש בשרה — שאצלה בא זה בגילוי גם בזמן הגשמי, במספר שני חיי׳ בעלמא דין — קכ״ז שנה. ויע״ד שממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום (ר״ה יא, א. וש״נ) ובפשטות מצינו זה רק באדמו״ר האמצעי וכו׳.

70) לקו״ש חכ״ה ע׳ 312 ואילך.

71) ראה אגה״ק הידועה דהבעש״ט — נדפסה בכש״ט (הוצאת קה״ת) בתחלתו. ובכ״מ.

72) ראה אוה״ת (יהל אור) לתהלים (ע׳ תנה) שהמדות (ז״א) נק׳ חוץ לגבי חו״ב. וי״ל, שגם המוחין נק׳ חוין לגבי האמונה שלמעלה מהשכל ובפרט לגבי עצם הנפש (ראה לקו״ת ויקרא ד, ב).

73) נסמן בהערה 2.

משיחת ש״פ וירא

נוסף אויף די שלימות וואָס ווערט אויפגעטאָן **בחמשה עשר** בחשון מצד קיימא סיהרא באשלמותא — אַ שלימות אין ספירת המלכות, און דורך דעם — אין עולמות בי״ע, אַנהויבנדיק אין אידן, ועל ידם — אין דער גאַנצער וועלט (דצח״ם) ביז למטה מטה כנ״ל, ובעבודת האדם — שלימות אין דער עבודה פון **„ויעקב הלך** לדרכו״ ביז אין י(וד, שטייט אין) עקב[74], בכדי מאַכן **אַ דירה בתח**־תונים, ובפרט — אין דער עבודה פון „הקהל״ און **„תשמח״, און אַ** שלימות וואָס קומט אַרויס בגילוי ביז למטה מטה —

קומט צו אין דעם נאָכמער שלימות מצד דעם וואָס היינטיקן יאָר איז דער יום הולדת הקכ״ז פון דעם רבי״ן נ״ע, וואָס ער איז עומד ומשמש און גיט כח צו יעדער איד, ער זאָל קענען טאָן זיין עבודה בשלימות, אין רצון ותענוג, אין מוחין און אין מדות, וואָס דאָס איז כולל כל עניני עבודה, ביז למטה מטה.

ולהוסיף בהשייכות מיט הקהל און שמחה[75]: **„הקהל״ בשלימות** דאַרף זיך אָנהויבן פון צונויפזאַמלען די אייגענע כחות הנפש, וואָס זיי שטעלן זיך אויס אין רצון ותענוג ומוחין און מדות. און אין אַן אופן אַז זיי ווערן פאַראייניקט — „כלהו איקרון חיים״ („חיי שרה״), „כולן שוין לטובה״. ביז אַז בּאַ „מאה״ (רצון ותענוג) און „עשרים״ (מוחין) שטייט „שנה״ לשון יחיד, מצד די אחדות וואָס לייכט אין רצון ותענוג האדם ועד״ז אין זיינע מוחין; און אויך בּאַ „שבע״ (מדות) וואו עס שטייט „שנים״ לשון רבים, ווייל די מדות טיילן זיך פאַנאַנדער אויף פרטים — איז דאָס אויך נכלל אין „כלהו איקרון חיים״, „כולן שוין לטובה״[76].

עד״ז שמחה אמיתית נעמט דורך און פועל'ט אַ הרחבה ושלימות אין אַלע כחות האדם — זיין רצון ותענוג ומוחין און מדות.

ח. די הוראה דערפון אין מעשה בפועל, המעשה הוא העיקר[77] [ווי דער בעל יום ההולדת במיוחד האָט שטאַרק מדגיש געווען[78]]:

פון דעם שבת דאַרף מען אָננעמען אַ פאַרשטאַרקטע באַשלוס צו

74) ראה תו״א כא, א. כט, א.

75) להעיר ממזמורי תהלים דבעל יום ההולדת שמתחיל בכ״ף מרחשון שנה זו — קכ״ז קכ״ח — די״ל שמוגדש בהם ענין השמחה והקהל: שמחה — „אשרי הגבר״ „שיר המעלות אשרי גו׳ אשריך גו״ (גם מלשון שיר), ו„הקהל״ — „מלא את אשפתו״, „אשתך גו׳ בניך סביב לשולחנך״, „בנים לבניך שלום על ישראל״, ע״ד „הקהל את העם האנשים והנשים והטף״, ופועל הענין ד„כל ירא ה׳״, „גבר ירא ה׳״ — „ליראה את ה׳״, ובאופן ד„כל ימי חייך״ — „כל הימים״. וראה זהר בסיום פרשתנו (קטו, א ואילך): הנה נחלת ה׳ בנים גו׳ הרבית הגוי לו הגדלת השמחה כו׳ לחדתא עלמא כו׳ — וראה לקוטי לוי״צ לשם.

76) וראה תו״ח שם פכ״ג (קכו, סע״ג ואילך) — שההתחלקות („שנים״ לשון רבים) היא רק מצד הכלים, אבל מצד האורות גם המדות הן בהתאחדות כו׳.

77) אבות פ״א מי״ז.

78) נוסף להדגשה בזה בתניא „תכלית השלימות הזה של ימות המשיח ותחיית המתים שהוא גילוי אור א״ס ב״ה בעוה״ז הגשמי תלוי במעשינו ועבודתינו כו״ (רפל״ז), אם כיוון הכוונות (ולא קיים המעשה בפועל) „לא יצא ידי חובתו״ (שם רפל״ח).

SichosKodesh.com

טאָן אין דער עבודה פון „הקהל״ און „תשמח״ במשך כל השנה מיט נאָכמער שלימות — אָנהויבנדיק פון „הקהל״ און שמחה באַ זיך אַליין, אין די אייגענע כחות, און אויך — איינווירקן אַזוי אויף אידן אַרום זיך, אנשים נשים וטף, ביז אפילו אַזוינע וואָס שטייען ווייט אין „חוצה״, ביז — בכל העולם כולו, אויך אין מין המדבר בכללי (אוה״ע[79]), און אין חי צומח ודומם — (דורך) זיי אַלע פאַראייניקן אין „בואו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה׳ עושנו״, מגלה זיין ווי כל פרטי העולם זיינען ל„כבודו״ של הקב״ה, דורך אויסנוצן זיי אויף דינען דעם אויבערשטן (צום ביישפיל: מאַכן אַ ברכה און נאָך איידער מ׳עסט און טרינקט, און די אכילה ושתי׳ זאָל זיין לשם שמים, וכיו״ב).

בכדי מוסיף זיין אין דעם אַלעם איז כדאי ונכון ביותר — אַז אין דעם שבת[80] זאָל יעדערער און יעדערע אָננעמען אַ החלטה טובה[81] צו פאַרשטאַרקן זיין פאַרבונד מיט דעם בעל יום ההולדת ובנו ממלא מקומו, כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו — דורך לערנען אין דעם טאָג פון תורתו, ובפרט זיינע מאמרים פון „ויהיו חיי שרה״, און מוסיף זיין אין די אַלע ענינים וואָס ער האָט געמאָנט, ובכללות — הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה, ובמיוחד — דורך דעם „שער״ פון „הקהל״ און „תשמח״.

ומה טוב ומה נעים — אַז מ׳זאָל דאָס טאָן ברבים ובציבור, כמבואר אין זיין קונטרס „החלצו״[82], די מעלה פון טאָן אַ זאַך ברבים ובציבור — דורך מאַכן אַ התוועדות של שמחה — וואָס דאָס איז דאָך דער ענין פון „הקהל״ און „תשמח״ ביחד — אין דעם יום ההולדת, און דאָרטן לערנען מתורתו, און זיך שטאַרקן אין די פעולות וואָס ער האָט געמאָנט, (למען) על מנת אַז דערפון זאָל נמשך ווערן תוספות שלימות על כל השנה כולה, אין „מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים״.

ס׳איז כדאי אָנהויבן טאָן אין דעם בפועל שוין פון דעם שבת און אין די ימי השבוע שלאחרי זה ביז כ״ף מרחשון, באופן פון מוסיף והולך ואור,

און דערנאָך אין דעם יום הולדת עצמו — אַ יום זכאי, ווען „מזלו גובר״ בפשטות — וועט זיכער ציקומען אין דעם נאָכמער שלימות.

---

79) כפס״ד הרמב״ם (הל׳ מלכים פ״ח ה״י): צוה משה רבינו מפי הגבורה לכוף את כל באי העולם לקבל מצוות שנצטוו בני נח.

80) דמפקחין על צרכי ציבור בשבת — ראה שבת קנ, א. טושו״ע (ודאדה״ז) או״ח סש״ו ס״ו (סי״ב).

81) באופן של בלי־נדר. אבל עם כל התוקף. ולהעיר מהמבואר (לקו״ת סוכות פ, סע״ג. סידור עם דא״ח רסט, ב) „בענין ניסוך המים שלא ניתן ליכתוב בתשב״כ מפני שהוא מבחי׳ סופר שלמעלה מבחי׳ ספר כו׳ הנה עד״ז ייבן עוד ענין הקפות שבשמע״צ שלא נכתבו אפילו בתשבע״פ ואינו אלא מנהג״ (לקו״ת סוכות פ, סע״ג. סידור עם דא״ח רסט, ב). ועד״ז י״ל בנוגע לאמירת בלי־נדר, שאף שזה בלי נדר מה״ת ומד״ס — יש בזה דוקא המעלה והתוקף של החלטה מצד מנהג ישראל.

82) [illegible] — [illegible] ע׳ סא).

וכאמור, טאָן אין דעם אין אַן אופן פון „החלצו מאתכם אנשים לצבא": „החלצו" — „חלוצי צבא מזויינים"[83]; „מאתכם" — דאָס מיינט יעדער איד אַן אויסנאַם, ער קען זיך דערפון ניט משתמט זיין מיט אַ תירוץ אַז ער איז אַ זקן ואינו לפי כבודו, אָדער אַ קטן ואינו לפי יכולתו (מיטאַמאָל ווערט ער אַן עניו), וואָרום ס'איז „מאתכם", אפילו שבט לוי האָט זיך משתתף געווען במלחמת מדין[84], און מען האָט פון „מלקוח השבי באדם ובבהמה"[85] געדאַרפט געבן צו אלעזר הכהן[86] און די לויים אַלס „חיל השם"[87]; „אנשים" — מיט אַ תוקף פון אַן איש, מלשון חשיבות[88], און ניט סתם צו יוצא זיין כו'.

און מ'גייט אין מלחמת מדין — מלחמה האָבן מיט אַלע ענינים פון פירוד און היפך אהבת ישראל[89], עכ"פ די לעצטע שיריים וואָס זיינען נאָך געבליבן פון פירוד וכו', עכ"פ אַ „מין חרדא דדמא על אפי מיא"[90], ובמיוחד — דורך טאָן אין „הקהל" און „תשמח", וואָסביידע זיינען מאחד אידן.

און דערביי דאַרף מען וויסן אַז דער אויבערשטער גייט מיט אין דער מלחמה, וואָרום מ'גייט אין דער מלחמה בכדי „לתת נקמת ה' במדין".

בפרט אַז מ'האָט דערצו די כחות פון דעם בעל יום הולדת, און בנו ממלא מקומו — כ"ק מו"ח אדמו"ר, וואָס שמו איז „יוסף יצחק"[91]: „יוסף" מלשון הוספה, ע"ד „הקהל", ביז אַז „יוסף ה' לי בן אחר"[92] — מ'איז מקהיל ומוסיף און מ'מאַכט אַ „בן" אויך פון אַזאַ וואָס איז אַן „אחר"[93]. און מ'טוט עס באופן פון „יצחק" — מתוך

---

83) מטות לא, ג ובפרש"י.

84) ספרי מטות שם, ד. נת' בלקו"ש ח"ב ע' 693 ואילך. חכ"ג ע' 210 ואילך.

85) מטות שם, כו.

86) שם, כח.

87) לשון הרמב"ם הל' שמיטה פי"ג הי"ב.

88) ראה פרש"י עה"פ. ועוד.

89) להעיר מהזהר דפרשתנו (קטו, ב) „אמר לי' ר' יהודה לרבי יוסי, פתח פומך ולעי באורייתא דהא שכינתא אשתכח גבך וכו' פתח ר' יוסי ואמר אשתך* כגפן פורי' וגו'**. ובלקוטי לוי"צ (פרשתנו ע' עג): „ר' יוסי הוא בחי' מל' . . ולכן שכינתא שהיא בחי' מל' אשתכחת גבי ר' יוסי דוקא . . אך הי' צריך שר' יהודה יאמר לו פתח פומך, כי הרי ר' יהודה הוא בחי' חסד כו'", די"ל ההוראה בעבודת האדם — שגם אמירת ד"ת צ"ל חדורה בבחי' החסד, תנועת הקירוב דוקא.

90) לשון המדרש ויק"ר פכ"ד, ג. נת' בשיחת י"ב טבת תשמ"ז.

91) ראה גם לקו"ש בשלח תשמ"ה.

92) ויצא ל, כד.

93) ראה אוה"ת ויצא רכ, א ואילך. ויחי שפו, א ואילך. שצ, א ואילך. שצז, ב ואילך. ד"ה: תקעו תרס"א. כבוד מלכותך תרח"ץ.

---

*) פסוק ממזמור קכ"ח שמתחילים לומר בכ"ף מרחשון שנה זו. וראה גם לעיל הערה 75.

) להעיר מב"ר פרשתנו פנ"ג, ג — השייכות ד„אשתך כגפן פורי'" ל„וה' פקד את **שרה גו'" (פרשתנו כא, א) — שמה דלה"ק של זוגתו הרבנית דבעל יום ההולדת (אם כ"ק מו"ח אדמו"ר).

SichosKodesh.com

משיחת ש״פ וירא

צחוק ושמחה[94], „תשמח״[95].

און כאָטש אַז „יצחק״ איז לשון עתיד — האָט מען שוין איצטער אַלע ענינים בגלוי כמונח בקופסא[96], און מ׳האָט אויך דעם שליסל, מ׳דאַרף נאָר אויפעפענען דעם קעסטל, און דערפון אַרויסנעמען אַלע ענינים בגילוי, וואָס דאָס קען מען אויפטאָן בשעתא חדא וב־רגעא חדא — אַז אָט זעט מען בגלוי די גאולה האמיתית וה־שלימה, „ונגלה כבוד ה׳ וראו כל בשר יחדיו כי פי ה׳ דיבר״[97], „וירא אליו ה׳״, בגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, ולא עכבן אפילו כהרף עין[98].

---

94) יצחק ע״ש „כל השומע יצחק לי״, „ישמח עלי״ (פרשתנו כא, ו ובפרש״י). וראה לקו״ש בשלח שם.

95) להעיר גם משייכותם לפרשת השבוע: שמחה — לידת יצחק, ע״ש „כל השומע יצחק לי״, כנ״ל (בהערה הקודמת), ו„הקהל״ — „ויטע אשל בבאר שבע ויקרא שם בשם ה׳ א־ל עולם״ (פרשתנו שם, לג), שהקהיל העוברים ושבים והקריא בפיהם שמו של הקב״ה כו׳ (סוטה יו״ד, סע״א ואילך), ע״ד התוכן דהקהל „ליראה את ה׳״.

96) ראה סה״מ תרכ״ז ס״ע תלג. תרכ״ט ע׳ רט. תרנ״ח ע׳ לג. הנסמן בקונטרס משיחות ש״פ מטו״מ תשמ״ו הערה 95.

97) ישעי׳ מ, ה.

98) ע״פ מכילתא ופרש״י בא יב, מא.



בס״ד. משיחת ש״פ וירא, ט״ו מרחשון ה׳תשמ״ח.

א. בהמשך להמדובר לעיל[1] וועגן ט״ו מרחשון און כ״ף מרחשון — האָט מען דערפון אויך אַ לימוד ונתינת כח בנוגע צו:

א) דעם כינוס וואָס קומט פאָר בכ״ף מרחשון[2] אין ארצנו הקדושה, ווי מ׳האָט איינגעפירט בשנים האחרונות צו מאַכן אַ כינוס בכ״ף מרחשון בקשר וביחד מיט די אורחים שי׳ וועלכע האָבן זיך אומגע־קערט (לארץ הקודש) לאחרי ווי זיי האָבן געפראַוועט חודש השביעי אין די ד׳ אמות פון כ״ק מו״ח אדמו״ר, נשיא דורנו, געווען אויפן ציון הק׳, זיך משתתף געווען אין די תפלות און פאַר־ברענגענס וכו׳;

און ב) דעם כינוס השלוחים עולמי וואָס קומט פאָר בימים הבאים (בהמשך צו ט״ו וכ״ף מרחשון), פון די שלוחים שי׳ פון נשיא דורנו[3] בכל מרחבי תבל:

מ׳האָט פריער גערעדט[1], אַז ט״ו מר־חשון — ווען קיימא סיהרא באש־למותא[4] — איז פאַרבונדן, באַדייט שלימות העבודה פון אַ אידן לשמש את קונו[5], סיי בנוגע צו זיך אַליין, סיי בנוגע צו זיין עבודה עם הזולת, ביז — בחלקו בעולם, אויף מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים[6], תחתון שאין תחתון למטה ממנו[7].

און דאָס איז נאָכמער אונטער־שטראָכן אין כ״ף מרחשון בשנה זו (וואָס ווערט געבענטשט פון דעם שבת ט״ו מרחשון) — די שנת הקכ״ז פון יום הולדת אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע[8]: יעדער איד באַקומט כחות מיוחדים פון דעם בעל יום ההולדת צו טאָן זיין עבודה בתכלית השלימות, שלימות אין אַלע זיינע כחות — רצון ותענוג ומוחין ומדות („מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים״)[9], סיי בנוגע לעצמו, סיי בנוגע צו דער עבודה אין עולם („שני חיי שרה״), ובאופן אַז „כלהו איקרון חיים[10]״, „כולן שוין לטובה״[11].

ובמיוחד — אין דער עבודה פון הקהל און שמחה, ווי ס׳איז מודגש בשנה זו, כמדובר לעיל בארוכה.

האָט מען דערפון דעם לימוד ונתינת כח במיוחד בנוגע צו די כינוסים הנ״ל — וואָס זייער תכלית בכללות איז צו שטאַרקן זיך אין דער עבודה פון דעם קומענדיקן יאָר — אַז די אַלע עניני עבודה זאָלן זיין בתכלית השלימות.

---

1) בשיחות הראשונות דהתוועדות זו — י״ל בפ״ע.

2) ראה שיחה הנ״ל (בהערה 1) ס״ח — שבכ״ף מרחשון (ובפרט בשנה זו — שנת הקהל ושנת תשמח) מתאים לערוך התוועדות של שמחה בכל מקום ומקום כו׳.

3) ממלא מקומו של בעל יום ההולדת דכ״ף מרחשון.

4) ראה זהר ח״א קנ, א. רכה, ב. שמו״ר פט״ו, כו.

5) ראה משנה ובריייתא סוף קידושין.

6) תנחומא נשא טו. תניא רפל״ו.

7) תניא שם.

8) ראה בארוכה שיחה שבהערה 1. וש״נ.

9) כמבואר בדרושי בעל יום ההולדת (ובדרושי רבותינו נשיאינו בכלל) — נסמן בשיחה הנ״ל הערה 63. 65. וראה לקמן ס״ה.

10) זהר חיי שרה — ח״א קכג, א.

11) פרש״י ר״פ חיי שרה.

SichosKodesh.com

ב. אין דעם קומט צו אֵ לימוד מיוחד בנוגע צו דעם כינוס השלוחים שי׳:

יעדער[12] איד איז אַ שליח פון דעם אויבערשטן[13] — וכביכול שלוחו של אדם (העליון) כמותו[14], ביז „כמותו דה־משלח ממש"[15], און זיין שליחות באַ־שטייט אין — „(אני נבראתי) לשמש את קוני"[16] דורך דעם וואָס ער נוצט אויס זיינע כחות אויף קיום התורה ומצוותי׳, „היו מכבדין את המצוות שהן שלוחי"[17], און אין אַן אופן אַז דאָס זאָל דורכ־נעמען די גאַנצע מציאות („אני") פון דעם „עולם קטן" זה האדם[18], „בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך"[19].

ביז — די שליחות פון עבודתו אין דעם עולם כפשוטו, עולם גדול, אויף אויספירן די כוונה ושליחות עליונה פון מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים, דורך מגלה זיין אין יעדער מענטש, און אין יעדער דבר שבעולם (דומם צומח חי מדבר) זיין אמת׳ע מציאות און זיין אמת׳ע תכלית צוליב וועלכע ער איז באַשאַפן געוואָרן — „לכבודו" של הקב"ה[20].

און תכלית השלימות פון דער שלי־חות וועט זיין בימות המשיח, ווען עס וועט זיין „ונגלה כבוד ה׳ וראו כל בשר יחדיו כי פי ה׳ דיבר"[21], און מ׳וועט זען בגלוי ווי כל העולם כולו איז אַ דירה לו יתברך.

ד.ה. אַז אין „משיח" דריקט זיך אויס דער שלימות וגילוי פון כל מעשינו ועבודתינו בזמן הזה (און וועלכן ס׳איז תלוי ביאת המשיח[22]) אַלס שלוחים פון דעם אויבערשטן. וכמובן פון רמב"ם[23], אַז ימות המשיח איז (ניט קיין ענין של שכר צדדי אויף תומ"צ, נאָר) אַ המשך ושלימות אין דער עבודה פון תורה ומצוות בזמן הזה[24]. און „מפני זה נתאוו כל ישראל נביאיהם וחכמיהם לימות המשיח כדי שינוחו ממלכיות שאינן מניחות להן לעסוק בתורה ובמצות כהוגן כו׳"[25], „כדי שיהיו פנויין בתורה וחכמתה כו׳"[26] — ד. ה. אַז דער „נתאוו" איז ניט על מנת לקבל פרס (קבלת שכר אויף די עבודה), נאָר בכדי קומען צו שלימות העבודה, ובמילא איז דער „נתאוו" גופא אַ חלק פון עבודת

12) בהבא לקמן — ראה שיחת ליל שמח"ת תשמ"ו. ש"פ חיי שרה תשמ"ז (לקו"ש חכ"ה ע׳ 329 ואילך). ש"פ וישלח תשמ"ז (לקו"ש שם ע׳ 364 ואילך). קונטרס השליחות (קה"ת, תשמ"ה ושלאח"ז). ועוד.

13) לקו"ת ויקרא א, ג. וראה אוה"ת וישלח רמט, ב. ד"ה ויצב תרל"ג. ועם הגהות — ד"ה הנ"ל תרמ"ד (סה"מ ליקוט ע׳ יג ואילך). תרנ"ו ע׳ נו ואילך. ועוד.

14) משנה ברכות לד, ב. קידושין מא, ב. וש"נ.

15) לקו"ת שם. (וכ"ה (הלשון — כמותו ממש) בשו"ת הריב"ש סרכ"ח). וראה לקו"ש קרח תשמ"ז. וש"נ.

16) נסמן בהערה 5.

17) תנחומא ויגש ו. הובא במקומות שבהערה 13.

18) תנחומא פקודי ג. תקו"ז תיקון סט. וראה אדר"נ פל"א.

19) ואתחנן ו, ה.

20) אבות ספ"ו.

21) ישעי׳ מ, ה. וראה שער האמונה פכ"ה. תו"ח תצוה תפב, א ואילך. ועוד.

22) תניא רפל"ז.

23) הל׳ תשובה פ"ט ה"ב. הל׳ מלכים פי"ב ה"ד. וראה בארוכה לקו"ש חי"ח ע׳ 277 ואילך.

24) ע"ד המבואר ברמב"ם הל׳ תשובה שם פ"א בנוגע ליעודים גשמיים שבתורה. וראה לקו"ש חי"ט ע׳ 204 ואילך.

25) הל׳ תשובה שם פ"ב.

26) הל׳ מלכים שם.

האדם[27].

ג. עפ״ז יש לבאר דעם רמז אַז „שליח״ בצירוף עשר (יו״ד) איז בגי־מטריא (און אותיות) „משיח״[28]:

אין די שליחות הנ״ל זיינען פאַראַן צוויי ענינים:

א) דער עצם „מינוי השליח״ — דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט אַראָפּ־געשיקט אַ נשמה אין אַ גוף בעוה״ז הגשמי, און אים, דעם שליח, געגעבן אַלע נויטיקע כחות דורכצופירן די שלי־חות[29], ובכללות — די עשר כחות הנפש, „שנחלקת לשתים, שכל ומדות כו׳״[30], וועלכע זיינען נשתלשל געוואָרן פון די עשר ספירות עליונות[31], וואָס זיי זיינען דער שרש און נעמען אַרום אַלע ענינים בכל סדר השתלשלות, און אַלע אופני עבודה.

ב) דערנאָך דאַרף דער שליח אויס־נוצן די כחות — אַרויסברענגען זיי מן הכח אל הפועל, מן ההעלם אל הגילוי, דורך די שלשה לבושים מחשבה דיבור ומעשה[32].

אין עבודת האדם גופא (בהבאת הכחות שלו בפועל) — זיינען אויך פאַראַן (מעין פון די) צוויי דרגות:

א) לכל לראש דאַרף זיין קבלת עול מלכות שמים[33] — דער „שליח״ דאַרף אויף זיך מקבל זיין מלכותו ית׳, און במילא אויך — שליחותו של הקב״ה, אַז ער נעמט אָן בכללות די שליחות וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן (וואָס דאָס איז כולל און נעמט דורך אַלע פרטים ואופנים ווי די שליחות וועט דערנאָך אַרויסקומען בפועל).

ב) דערנאָך קומט קבלת עול מצוות[33] — די קבלה פון די מצוות (שליחות) בפרטיות. וואָס דעמולט (קען ער און) גייט ער מקיים זיין די שליחות בפועל מיט זיינע עשר כחות הנפש: ער שאַצט אָפּ וועלכע כחות ער וועט דאַרפן נוצן בכדי אויספירן אַ שליחות מסויימת, און נוצט זיי בפועל.

און בשעת דער „שליח״ (דער ערשטער ענין הנ״ל — דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט אים ממנה געווען אַלס שליח, אָדער — זיין קבלת השלי־חות בכלל) נוצט אויס בפועל אַלע זיינע עשר כחות[34] אין אויספירן שליחותו בעולם (דער צווייטער ענין הנ״ל),

און איז מגלה די עשר כחות פון אידן אַרום זיך, וועלכע טיילן זיך אויף עשר סוגים[35] —

---

27) ראה בארוכה לקו״ש: שלח תשמ״ז ס״ד ואילך. חי״ח שם. וראה גם לקו״ש ח״כ ע׳ 51 ואילך.

28) ראה גם שיחת ליל שמח״ת תשמ״ו. ש״פ חיי שרה תשמ״ו (לקו״ש חכ״ה ע׳ 326 ואילך). וש״נ.

29) כמאחז״ל שאיני מבקש כו׳ אלא לפי כחן (במדב״ר פי״ב, ג).

30) תניא רפ״ג.

31) תניא שם.

32) ראה תניא פ״ד.

33) כדברי המשנה (ברכות יג, א) למה קדמה שמע לוהי׳ אם שמוע כדי שיקבל עליו עול מלכות שמים תחלה ואחר כך מקבל עליו עול מצוות. קבלו מלכותי ואח״כ קבלו גזירותי (מכילתא יתרו כ, ג). וראה תניא רפמ״א „ראשית העבודה ועיקרה ושרשה״.

34) ה„ציבור״ הפרטי שבו — כידוע הסיפור ע״ד הרה״ק ר׳ יוסף יצחק בנו של הצ״צ (זקנו של כ״ק מו״ח אדמו״ר, שנקרא על שמו), שאמר, שתפלה בציבור ענינה „לצבור״ את עשר כחות הנפש שלו (לקו״ש ח״ב ע׳ 477 ואילך. וראה „התמים״ חוברת ב ס״ע מה [עה, א] ואילך. וראה גם סה״מ תרפ״ד ריש ע׳ קמח (תש״ג ע׳ 113) דציבור הם יו״ד **כחות הנפש**. וראה פי׳ מהרז״ו לב״ר פפ״ד, א.

35) ראה זח״ב פב, א. לקו״ת ר״פ נצבים. ובכ״מ.

SichosKodesh.com

ברענגט ער דעמולט דעם ענין פון „משיח" („שליח" בצירוף עשר) — תכלית השלימות פון מטרת השליחות.

ד. הגם אַז דער ענין איז שייך צו יעדער איד (וואָרום כאו"א מישראל איז אַ שליח של הקב"ה, כנ"ל) — שטייט עס נאָכמער בהדגשה ובגלוי באַ די וועלכע האָבן זוכה געווען אַז נשיא דורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט זיי ממנה געווען בעצמו, או ע"י שלוחו, צו זיין (און אָנגערופן ווערן (ע"י נשיא דורנו) בשם) „שלוחים" פון נשיא דורנו[36], צו אויס־פירן זיין שליחות מיוחדת אין הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, ביז אין חוצה שאין חוצה ממנה:

זיי האָבן בגלוי יותר די כחות פון נשיא דורנו אויף אויספירן די שליחות. און דורך זיי — ווערט עס נמשך בתוספת כח צו אַלע אידן.

ה. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין, די תוספת לימוד און נתינת כח וואָס קומט אין דעם צו (פון ט"ו מרחשון און) כ"ף מרחשון בשנה זו — שנת הקכ"ז:

די שלימות פון קכ"ז שנה פון דעם רבי'ן נ"ע — וואָס „אף כאן עומד ומשמש"[37], ובפרט דורך בנו ממלא מקומו, נשיא דורנו, דער משלח פון די אַלע שלוחים — גיט אַריין אַ שלימות אין די עשר כחות פון יעדער שליח: תענוג ורצון („מאה שנה"), מוחין („עשרים שנה"), און מדות („שבע שנים")[38], סיי שלימות אין די אייגענע עשר כחות, און סיי שלימות בנוגע צו ממשיך זיין און משפיע זיין שלימות אין די עשר כחות פון אַנדערע אידן און אין די גאַנצע וועלט[39] (וואָס איז באַשאַפן געוואָרן בעשרה מאמרות[40], ובשרשם — עשר ספירות[41]).

ביז אין אַן אופן פון „כלהו איקרון חיים", „כולן שוין לטובה" — אַז אַלע (עשר) כחות ודרגות (בקיום השלי־חות)[42] זיינען דורכגענומען מיט דער

36) ראה בארוכה שיחות שבהערה 12.

37) סוטה יג, סע"ב. וראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' קמא.

38) ואף שהכחות נחלקות לשלוש — הרי: א) הנהגת העשר כחות (מוחין ומדות) היא ע"י תענוג ורצון (כחות המקיפים וכלליים שבנפש, והתענוג והרצון אינם נמנים ביחד עם העשר כחות (מוחין ומדות)).

ב) כשהכתר (חיצוניות הכתר) נמנה אין הדעת נמנה, וכשהדעת נמנה אין הכתר נמנה (ע"ח שער מוחין דצלם פ"ח. הובא ונת' בתו"א מג"א צג, סע"ג־ד. ביאורי הזהר להצ"צ ע' ערה ואילך. וראה ד"ה ועתה יגדל נא תרס"ה. ועוד), היינו שגם תענוג ורצון (כתר) נמנה בעשר כחות (כשאין הדעת נמנה).

ג) „מאה שנה" הוא בחי' אריך שבכתר (שרש הנאצלים) הכולל עשר ספירות — עשר כלול מעשר („שלימות היותר משובח" — ביאורי הזהר ואוה"ת להצ"צ ר"פ חיי שרה). ו„עשרים" הוא עשר ספירות דחו"ב (שכל אחד כלול מעשר).

ולהעיר מהמבואר (לקו"ת ר"פ ברכה. ביאוה"ז ואוה"ת שם. ועוד), ש„מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים" הוא מאות (כתר), עשירות (חו"ב) ויחידות (מדות), וחו"ב הוא חלק עשירית מכתר, ומדות הן חלק עשירית מחו"ב. ועפ"ז כל הדרגות (גם השבע מדות) קשורין הן עם בחי' עשרה.

39) ע"ד ירידת המלכות (שרה) להמשיך „שני חיי שרה" (כתר, חו"ב ומדות) בבי"ע (דרושים שבהערה 9), היינו, שהעבודה בעולם בערך להאדם עצמו, היא כמו בי"ע (עלמא דפרודא) בערך לאצילות. ועצ"ע.

40) אבות רפ"ה.

41) ראה פרדס שער בפ"ג.

42) נוסף על האחדות וההתכללות שבכל דרגא בפ"ע, „מאה שנה (ל' יחיד), עשרים שנה (ל' יחיד)", וגם ב„שבע שנים" (מדות) יש התכללות (כמבואר בביאוה"ז ואוה"ת שם). אבל בכ"ז הם ג' ענינים חלוקים, ו„כל אחד נדרש לעצמו". משא"כ „שני חיי שרה" (בסיום הכתוב) — „כולן שוין לטובה".

כוונה כללית ונקודה אחת פון קבלת עול השליחות — לקיים רצון המשלח (ענין הא' הנ"ל), בחי' העצם שלמעלה מהתחלקות[43], וואָס מצד דעם (די נקודה פון מילוי רצון המשלח) זיינען אַלע דרגות „שני חיי שרה" — „כולן שוין לטובה".

ובמיוחד — שלימות אין טאָן די עבודה מיוחדת פון שנה זו: א) די עבודה פון „הקהל", „הקהל את העם האנשים והנשים והטף גו' למען ישמעו ולמען ילמדו ויראו את ה' אלקיכם ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת כל הימים אשר אתם חיים על האדמה"[44]. וואָס בכלל באַשטייט אין דעם די עבודה פון שלוחי נשיא דורנו. ב) די עבודה מתוך שמחה. ולהעיר אַז „שליח" בגימטריא „שמח"[45], אפילו נאָך אין זמן הגלות, איידער ער איז מגלה אַלע עשר כחות און ברענגט („שליח" בצירוף עשר =) „משיח". עאכו"כ ווי דאָס וועט זיין לאחרי ביאת המשיח.

וואָס אין די ביידע ענינים — הקהל און שמחה — איז מודגש המשכת האחדות (נקודת הקבלת עול) אין די כחות פרטיים[46], כמדובר לעיל.

ו. דער אויבערשטער זאָל העלפן, אַז מעשינו ועבודתינו פון אידן בכלל, ובפרט פון די שלוחים — זאָל שוין ברענגען גילוי המשיח, און תכלית השלימות וואָס ביאת המשיח וועט מיטברענגען: שלימות העם, און שלימות פון יעדער איד בפרט — מיט אַלע זיינע עשר כחות, שלימות העבודה בתומ"צ, „ושם נעשה לפניך כו' כמצות רצונך"[47], בביהמ"ק השלישי, שלימות דביהמ"ק „מקדש אד' כוננו ידיך"[48], בירושלים עיר הקודש, וואָס וועט דעמולט זיין בתכלית השלימות — „עתיד הקב"ה להגבי' את ירושלים ג' פרסאות למעלה, שנאמר[49] וראמה וישבה תחתי'"[50], בארצנו הקדושה כשהיא בתכלית השלימות — „ירחיב ה' אלקיך את גבולך"[51].

און שלימות בכל העולם כולו — „אלה[52] תולדות פרץ גו' דוד", תולדות מלא[53], וואָס איז מער פאַר „תולדות מלא" פון „אלה תולדות השמים והארץ בהבראם"[54] (עולם על מילואו נברא),

ומתוך שמחה וטוב לבב, ובמהרה בימינו ממש, ממש.

43) ראה תו"ח ד"ה ויהיו חיי שרה פכ"ד (קכז, א). ועיי"ש, שמגיעים ל„שני חיי שרה" (שלמעלה מהתחלקות) ע"י עבודת הבירורים (של שרה, מלכות) בבי"ע, שהיא בכחות פנימיים שבהתחלקות דוקא — ראה לקו"ש ח"ה ע' 350 ואילך. ד"ה ויהיו חיי שרה תשמ"א (קונטרס כ"ף מרחשון — קה"ת, תשמ"ח) ס"ז.

44) וילך לא, יב ואילך.

45) ראה לקו"ש חכ"ה ע' 342.

46) ויש לומר בפרטיות יותר: הקהל מורה על נקודת הביטול (ליראה את ה"א), ושמחה — היא בהתפשטות ובהרגשה (בהתחלקות). וחיבור שניהם יחד — שגם המורגש (שמחה) הוא בביטול (כמו שהוא בספירת המלכות) — ראה בארוכה ד"ה שמח תשמח תרנ"ז קרוב לסיומו. ויהיו חיי שרה עטר"ת. תשמ"א (קונטרס כ"ף מרחשון הנ"ל). ושנ"נ.

47) תפלת מוסף. וראה המשך וככה תרל"ז פי"ז ואילך. ועוד.

48) בשלח טו, יז ובפרש"י.

49) זכרי' יד, י.

50) ב"ב עה, ב.

51) שופטים יט, יח ובפרש"י.

52) רות יד, יח ואילך.

53) ב"ר פי"ב, ו. שמו"ר פ"ל, ג.

54) בראשית ב, ד. ב"ר ושמו"ר שם.



SichosKodesh.com

בס"ד. שיחת ש"פ וירא, ט"ו מרחשון ה'תשמ"ח.

הנחת הת' בלתי מוגה

השלמות לשיחות הראשונות

[סיום שיחה ראשונה]:

א. און דאס ווערט א הכנה קרובה אז אלע אידן - "עמדו הכן כולכם" (בלשון כ"ק מו"ח אדמו"ר[1]), עמידה בתוקף, און "כולכם" צוזאמען, "האנשים והנשים והטף" - שטייען אויפן הר הוי', וואו עס געפינט זיך דער מקום המזבח, בירושלים עיר הקודש, בארץ הקודש.

און דאס נעמט דורך נוסף צו זייער רוחניות, אויך זייער גשמיות וחומריות (חמור) - "כספם וזהבם אתם"[2].

און מ'איז נאכמער מוסיף אין די הכנה לזה דורך דעם וואס אידן פאראייניקן זיך איצטער, אלס א "קהל גדול"[3] ל' יחיד, מתוך שמחה, באופן אז דאס נעמט זיי אינגאנצן דורך - פון דעם ראש ביז דעם עקב שברגל, דורך א ריקוד ברגלים, באופן גלוי לעיני בשר, כנ"ל.

און דאס ווערט א כלי אויף דעם ענין פון "שם המקום ההוא ה' יראה אשר יאמר היום בהר ה' יראה", "כדרך שבא לראות כך בא ליראות", "הקיש ראייתו לראייתך" - כמבואר אין נגלה דתורה, ובפרט אין פנימיות התורה,

און ס'ווערט דער "טועמי' חיים זכו"[4] שוין איצטער אין דער לעצטער רגע פון גלות, און דערנאך האט מען גלייך די אכילה (ניט נאר א טעימה), אז דאס גייט אריין בפנימיות און עס ווערט דם ובשר כבשרו ודמו.

ולא עכבן אפילו כהרף עין, ובמהרה בימינו ממש.

כ"ק אדמו"ר שליט"א התחיל לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל ועמד מלא קומתו, ורקד על מקומו למשך זמן.

* * *

[סיום שיחה שני']:

ב. דורך דעם וואס מ'פארענדיקט די לעצטע שיריים כו' פון מלחמת

---

1) במכתבו מיום א' כ"ו אדר ראשון תרח"ץ - נדפס בסה"מ קונטרסים ח"ב ע' 794. אגרות קודש שלו ח"ד ע' רעט. 2) ישעי' ס, ט. 3) ירמי' לא, ז. 4) ראה לקו"ש חט"ו ע' 282. וש"נ.

מדין, באופן פון "החלצו מאתכם אנשים", אויך שבט לוי און דער כהן גדול, כנ"ל [וכידוע אז דער כהן גדול גופא האט אין זיך דריי ענינים: ווי ער איז אן ענין בפ"ע, ווי ער איז א חלק פון שבט לוי, ווי ער איז א חלק פון כלל ישראל. ווי מ'זעט עס אין די תפלות שלו ביוהכ"פ, אז ביי אים געווען א תפלה פאר זיך אליין, א תפלה פאר גאנץ שבט לוי, און א תפלה פאר גאנץ כלל ישראל; ובנדו"ד (מלחמת מדין) האט זיך דער כהן גדול משתתף געווען ניט נאר אלס א חלק פון כלל ישראל, נאר אלס כה"ג, ווי ער שטייט בפ"ע]

איילט דאס נאכמער צו די גאולה האמיתית והשלימה,

ובפרט אז דאס ווערט געטאן אויך ע"י הכהן, וואס כהנים זריזין הן[5], ועאכו"כ דער כהן גדול - זריזות לפנים מזריזות, "אחישנה"[6] שב"אחישנה", ולא עכבן אפילו כהרף עין.

און מ'האט דעמולט שלימות אין אלע ענינים, ווי מ'זעט באלד לייענען בזמן דרעוא דרעוין, "ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים שני חיי שרה", ע"ד "בא בימים" - יומין שלימין, אז ס'ווערט שלימות בא יעדער איד, ובתכלית השלימות, למטה מעשרה טפחים, בפשטות, וכהרף עין ובעגלא דידן.

* * *

[סיום שיחה שלישית - בהמשך להאמור ע"ד שליח בצירוף עשר (כחות) בגימטריא משיח]:

ג. עס זיינען דא די וואס טוען זיך אן אין א "ווידעגנע ווּפּעצע" אין טענה'ן: ווי קען מען טאן די עבודה בכדי ברענגען משיח - ווען מ'האט די הוראה אלה תהיו כעבדים משמשים את הרב על מנת לקבל פרס[7]?!

אמת טאקע, דאס רעדט זיך וועגן ביאת המשיח - איז דאס אבער פארט "פרס", ואדרבה - דער גרעסטער פרס!

איז דער ענטפער אויף די "קשיא" - קיין גרעסערע קשיות זאל מען ניט האבן - האט דער רמב"ם באווארנט, און ניט אין מורה נבוכים נאר אין יד החזקה, אין הל' תשובה:

דער רמב"ם[8] פרעגט אן ענלעכע קשיא בנוגע צו אלע יעודים

5) שבת כ, א. 6) ישעי' ס, כב. סנהדרין צח, א. 7) אבות פ"א מ"ג. 8) הל' תשובה פ"ט ה"ב.

גשמיים (צוזאגעכצן) אין תורה. און ער איז מבאר, אז די יעודים זיינען ניט קיין ענין של שכר, נאר בכדי אראפנעמען די מניעות ועיכובים צו דינען דעם אויבערשטן בשלימות. עד"ז איז אויך בנוגע צו משיח: "נתאוו כל ישראל כו' לימות המשיח כדי שינוחו ממלכיות שאינן מניחות להן לעסוק בתורה ובמצות כהוגן כו'".

דערפון איז מובן, אז ניט נאר וואס מ'מעג נאר מ'דארף בעטן אויף ביאת המשיח, ווארום "מצות עשה להתפלל כו' שואל צרכיו שהוא צריך להם"[9], און משיח איז דער צורך הכי עיקרי צו קענען דינען דעם אויבערשטן במנוחה און בלבולים.

ווי מ'האט עס געזען בא גדולי ישראל, אז זיי האבן געבעטן און געמאנט ביאת המשיח, אנהויבנדיק שוין בא משה רבינו - וואס ער האט געבעטן[10] "שלח נא ביד תשלח", "ביד אחר שתרצה לשלוח שאין סופי להכניסם לארץ ולהיות גואלם לעתיד", ד.ה. אז משה האט געזאגט דעם אויבערשטן, אז וויבאלד ער גייט סיי-ווי שיקן משיח צו גואל זיין אידן - זאל ער אים שוין שיקן איצטער.

ועד"ז האט געבעטן דוד המלך, "נעים זמירות ישראל"[11].

ועאכו"כ בדורנו זה, ווען ס'איז שוין "כלו כל הקיצין"[12], און "החושך יכסה ארץ וערפל לאומים"[13] וכו' ועדיין לא בא - איז זיכער נוגע אז מ'זאל בעטן און שרייען "עד מתי".

און אויב מ'האט די קשיא הנ"ל - אויב דאס איז א קשיא - האט דער רמב"ם שוין באווארנט, כנ"ל, קען ער אויפעפענען א רמב"ם און זען וואס ער שרייבט אינעווייניק.

דער עיקר איז אבער - אז עס זאל ניט בלייבן קיין איין און איינציקער איד וואס זאל ניט שרייען "עד מתי".

און דורך דעם וואס אלע שרייען דאס צוזאמען, איז "הן א-ל כביר ולא ימאס"[14], און דאס טוט אויך אז "מיד הן נגאלין"[15].

כ"ק אדמו"ר שליט"א הכריז בקול רם "עד מתי", וכל הקהל אחריו כמ"פ. אח"כ חייך כ"ק אדמו"ר שליט"א, ואמר: פארוואס דארף מען דאס זאגן אומעדיג ווען מ'קען דאס זאגן מתוך שמחה!

---

9) רמב"ם הל' תפלה פ"א ה"א-ב. 10) שמות ד, יג ובפרש"י. 11) שמואל-ב כג, א. וראה שהש"ר פ"ד, ד בתחלתו. 12) סנהדרין צז, ב. 13) ישעי' ס, ב. 14) איוב לו, ה. וראה ברכות ח, א. 15) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה. וראה לקו"ש שלח תשמ"ז.

והתחילו לנגן "עד מתי".

* * *

ד. מאמר (כעין שיחה) ד"ה ויטע אשל.

* * *

ה. ס'איז אויך רגיל צו לערנען אן ענין אין פרש"י בפרשת השבוע, אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר בפרשתנו, און אן ענין אין היינטיקן שיעור רמב"ם.

ס'איז אויך נהוג צו דאס פארבינדן מיט די ענינים שהזמן גרמא – מיוסד אויף דברי אדה"ז[17], אז מ'דארף לעבן מיט דער צייט, מיט די שיעורי תורה וואס מ'לערנט אין דער צייט.

בנוגע צו פרש"י האט מען מעורר געווען אויף דעם וואס רש"י דערמאנט דעם שם פון בעל המאמר. ווי גערעדט כמ"פ, אז ווען רש"י דערמאנט שם בעל המאמר – וואס דאס איז נאר אין געציילטע ערטער – דארף מען זאגן אז דאס קומט באווארענען אן ענין אין פשוטו של מקרא. נאר דאס איז ניט קיין קשיא ממש (ווארום דעמולט וואלט דאס רש"י געדארפט באווארענען בפירוש), נאר א קשיא וואס קען ווערן ביי א תלמיד ממולח, אדער ביי אזא וואס איז שוין עלטער פאר בן חמש למקרא – באווארנט עס רש"י ברמז מיט אראפברענגען שם בעל המאמר.

עד"ז בפרשתנו:

בסיום הפרשה[18] שטעלט זיך רש"י אויף דעם וואס דער אויבערשטער האט געזאגט אברהם אבינו "אל תשלח ידך אל הנער גו' כי עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה", און איז מפרש: "א"ר אבא, א"ל אברהם אפרש לפניך את שיחתי אתמול אמרת לי כי ביצחק יקרא לך זרע, וחזרת ואמרת קח נא את בנך, עכשיו אתה אומר לי אל תשלח ידך אל הנער, אמר לו הקב"ה לא אחלל בריתי ומוצא שפתי לא אשנה, כשאמרתי לך קח מוצא שפתי לא אשנה לא אמרתי לך שחטהו אלא תעלהו, אסקתי' אחתי'".

און מ'האט געפרעגט: פארוואס דערמאנט רש"י שם בעל המאמר – "ר' אבא"?

---

16) "היום יום" ב חשון. ספר השיחות תש"ב ע' 29 ואילך. ועוד. 17) כב, יב. 18) ראה לקו"ש ח"ה ע' 78 הערה 8. שם ע' 319.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

אויך האט מען געפרעגט: א) וואס פעלט דא אין פסוק אז רש"י דארף בכלל זאגן א פירוש? ב) פארוואס שרייבט רש"י אזא אריכות, ובפרט דער לשון "אפרש לפניך את שיחתי" - אן ענין בלתי רגיל לגמרי אין רש"י - וואס איז דאס דא נוגע?

וכפי שיתבאר לקמן.

ו. וויבאלד מ'רעדט שוין וועגן א דיוק אין שם בעל המאמר - איז מתאים זיך אפשטעלן אויך אויף דעם שם בעל המאמר וואס רש"י ברענגט בתחלת הפרשה: "וירא אליו - לבקר את החולה, אמר רבי חמא בר חנינא יום שלישי למילתו הי' ובא הקב"ה ושאל בשלומו".

וואס הגם אז מ'האט וועגן דעם ניט מעורר געווען, ווייל מ'האט וועגן דעם שוין אמאל גערעדט[18] - איז אבער כאמור, וויבאלד מ'רעדט שוין וועגן שם בעל המאמר בסוף הפרשה, איז מובן אז ס'איז מתאים רעדן אויך וועגן דעם שם בעל המאמר בתחלת הפרשה.

ובפרט אז ניט אלע געדענקען וואס מ'האט אמאל גערעדט, ובפרט דער תירוץ וואס מ'האט דעמולט געזאגט. ושנתה ערבה להם...

ז. אין די הערות אויפן זהר בפרשתנו שטעלט זיך דער טאטע[19] אויף דעם וואס שטייט אין זהר[20], "אמר לי' ר' יהודה לרבי יוסי פתח פומך ולעי באורייתא דהא שכינתא אשתכח גבך וכו', פתח ר' יוסי ואמר אשתך[21] כגפן פורי' בירכתי ביתך בניך כשתילי זתים וכו'", און דער טאטע איז דאס מבאר.

ער איז אבער ניט מבאר די הוראה דערפון אין עבודת האדם במעשה בפועל, וכפי שיתבאר לקמן.

ח. אין היינטיקן שיעור רמב"ם[22] זעט מען א דבר פלא ביותר, אויף וועלכע כמה מפרשים[23] שטעלן זיך:

ס'איז ידוע בכללי הרמב"ם[24], אז ער פארלאזט זיך בספרו אויף דעם וואס ער שרייבט פריער.

[און דערפאר[25] איז אך-און-ווי' צו די וואס קלייבן אויס און לערנען נאר געוויסע חלקים פון רמב"ם, און אנדערע חלקים

---

19) לקוטי לוי"צ לזהר כרך א ע' עג. 20) פרשתנו קטו, ב. 21) תהלים קכח, ג. 22) הל' מכירה פכ"ה-כז. 23) ראה נ"כ הרמב"ם שם ספכ"ז. 24) ראה יד מלאכי כללי הרמב"ם אות ו'. 25) ראה גם קונטרס משיחות אחש"פ (והתוועדויות שלאח"ז) תשד"מ הערה 27 בשוה"ג.

הנחת הת' בלתי מוגה

לערנען זיי ניט. די גמרא זאגט אין מס' עירובין[26] "כל האומר שמועה זו נאה ושמועה זו אינה נאה כו'". וואס דער דיוק בזה איז ניט אז ער זאגט אז "שמועה זו לא ניתנה למשה מסיני" (וכיו"ב), ח"ו, נאר "שמועה זו אינה נאה" - פאר אים איז דאס ניט שיין!...

וואס מיט דעם צוגאנג אין לימוד ספר הרמב"ם, קען געמאלט זיין אז ער זאל מאכן א טעות אין פירוש הרמב"ם, וויבאלד אז ער האט ניט געלערנט דאס וואס דער רמב"ם שרייבט פריער, און עס קען זיין אז דארטן (פריער) באווארנט דער רמב"ם א זאך וואס איז נוגע דא על אתר, פארלאזנדיק זיך דא אויף דעם וואס ער האט פריער געשריבן. וויבאלד אבער אז דער האט דאס ניט געלערנט זאגט ער פירושים וחידושים וואס האבן ניט קיין יסוד און זיינען א טעות מעיקרא, און אויב ער האט נאך געלט - דרוקט ער דאס אפ און ס'ווערט א גאנצער ענין...

און מ'רעדט דא אפילו וועגן אזא וואס איז שוין עלטער פאר בן ארבעים לבינה און בן חמישים כו' ובן ששים לזקנה[27]!

און די "ראי'" וואס מ'ברענגט אז מ'זעט אין מפרשי הרמב"ם פירושים נאר אויף געוויסע חלקים אין רמב"ם (ניט אויפן גאנצן ספר) - איז לכתחילה קיין ראי' ניט, ווייל ס'איז א דבר מובן ופשוט אז די מפרשים האבן געהאט א ידיעה אין גאנץ ספר הרמב"ם (ווארום דאס איז נוגע להבנת כל הספר), ס'איז נאר וואס זייערע פירושים זיינען אויף א חלק מספרו].

לפי"ז ווערט די שאלה אין היינטיקן שיעור: פארוואס דער רמב"ם חזר'ט איבער עטלעכע מאל אין די זעלבע דריי פרקים (און אויך פריער און שפעטער[28]) אז בכל דברי משא ומתן הולכין אחר לשון בני אדם און אחרי מנהג המדינה: "אין כל אלו הדברים וכיוצא בהן כו' אלא במקום שאין שם מנהג כו', במקום שנהגו שהמוכר כך כו' הרי זה מכור וסומכין על המנהג כו', הולכין אחר לשון אנשי המקום כו', הולכין אחר השמות הערוכות בפי הכל". ובהלכה שלאח"ז: "וזה עיקר גדול בכל דברי משא ומתן הולכין אחר לשון בני אדם באותו המקום ואחר המנהג". ובפרק שלאח"ז (בסיום השיעור[29]) חזר'ט ער עס איבער נאכאמאל.

און אע"פ אז בכל פעם גיט ער צו אנדערע פרטים, ביז בסיום השיעור - "אל ילוז מעיניך העיקר הגדול בדברים אלו, שהוא מנהג המדינה כו'" - האט ער דאס געקענט שרייבן דעם ערשטן מאל מיט אלע פרטים, און דערנאך - ניט דארפן איבער'חזר'ן דעם כלל כמה

---

26) סה, א. 27) אבות פ"ה מכ"ב. 28) ראה הגה"מ לרמב"ם שבהערה הבאה. 29) ספכ"ז.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

[illegible]

[illegible] מילות הענין פון שיעורי תורה איז פארבונדן מיט חמרא ווין ([illegible] יין שרף). און כאטש אז שתויי יין אסור להורות[30], זאגן [illegible] חז"ל[31] "אגברו חמרא אדרדקי כי היכא דלימרו מילתא".

דעריבער איז איצטער א זמן מתאים אז די וואס האבן געשטעלט משקה פאר פארשידענע מסיבות פארבונדן מיט תורה, זאלן אויפגיסן און זאגן "לחיים", און מכריז זיין וועגן דעם און [illegible] די מסובים כאן.

און דאס וועט נאכמער צוגעבן אין דעם "ברב עם הדרת מלך"[32] און אין דעם ענין פון "הקהל" און שמחה, וואס ביידע זיינען [illegible] מיט "ברב עם": "הקהל" איז דוקא "ברב עם" – בפשטות. שמחה איז גרעסער בשעת עס קומט צו אין דעם "ברב עם".

און מ'קומט דערפון צו "ושמחת עולם על ראשם"[33], כמדובר כמ"פ.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות כו' התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "והריקותי לכם ברכה"].

* * *

[illegible] ביאור בפרש"י בתחלת הפרשה:

דער טעם פארוואס "וירא אליו ה' – לבקר את החולה" פארשטייט א בן חמש למקרא בפשטות:

דער בן חמש ווייסט אז דער אויבערשטער איז חנון ורחום, ווי ער האט געהערט פון זיינע עלטערן און מחנכים, ובפרט אז ער זאגט דאס אין תפלה. כמדובר כמ"פ, אז דער בן חמש ווייסט כו"כ ענינים [illegible] אזוי שטייט אין תושב"כ אדער תושבע"פ, נאר פון דעם וואס ער הערט פון זיינע עלטערן, און זעט בהנהגת הבית וכיו"ב.

[illegible] פארשטייט ער, אז בשעת אברהם האט זיך ערשט [illegible], ווי עס שטייט בסיום ממש פון פרשה שלפנ"ז – איז בהמשך לזה "וירא אליו ה' לבקר את החולה כו' ובא הקב"ה ושאל בשלומו", ווארום ער זעט די הנהגה בפועל, אז בשעת ס'איז דא א חולה גייט מען אים מבקר זיין בכדי אים משמח זיין אדער ארויסהעלפן וכיו"ב.

---

30) רמב"ם הל' ביאת מקדש פ"א ה"ג. 31) סנהדרין לח, א. 32) משלי יד, כח. 33) ישעי' לה, י. שם נא, יא.

ועד"ז טוט דער אויבערשטער וועלכער איז א חנון ורחום.

[עפ"ז ווערט אויך פארענטפערט די שאלה וואס מ'האט געפרעגט, פארוואס דער פסוק איז ניט מפרש צוליב וואס איז געווען "וירא אליו ה'" (אזוי ווי דער פסוק איז מפרש אומעטום וואו עס שטייט "וידבר אליו ה'" וכיו"ב – אין וואס דער "וידבר" איז באשטאנען) – ווייל דאס קומט בהמשך אחד ממש צו דעם וואס שטייט וועגן מילת אברהם].

דערביי ווערט אבער די שאלה באם בן חמש: פון וואנעט נעמט רש"י בפשוטו של מקרא אז דער אויבערשטער האט געוואַרט ביז יום שלישי למילתו און ערשט דעמולט "בא הקב"ה ושאל בשלומו"?

בשלמא בנוגע ליום ראשון – קען מען פארענטפערן[34], אז דער אויבערשטער איז דאך געווען צוזאמען מיט אברהם בשעת הברית מילה, ביז אז ער האט זיך אין דעם משתתף געווען, ווי עס שטייט אין פרש"י בסוף פ' לך לך[35] (ברש"י ישן) – "מה עשה הקב"ה שלח ידו ואחז עמו שנאמר[36] וכרות עמו הברית לו לא נאמר אלא עמו"; אבער וואס איז די הוכחה אז "וירא אליו ה'" איז ניט געווען ביום השני?

איז דער ביאור בזה מובן ע"פ כלל הנ"ל, אז דער בן חמש ווייסט כו"כ ענינים פון דעם וואס ער זעט בהנהגת ביתו, ער דארף אויף דעם ניט אנקומען צו שו"ע וכיו"ב: ער זעט בא זיך אין שטוב, אז בשעת ס'איז געווען א ברית פון זיין ברודער וכיו"ב – איז ביום ראשון קומען צוזאמען א מנין אידן[37] און מ'מאכט א גאנצן טומל. ועד"ז ביום השלישי קומען זיך צוזאמען מענטשן[38], און עס קומט צוגיין דער רופא און מ'לייגט "פאודער" וכו'. משא"כ ביום שני – איז ניט נאר וואס מ'לאדט קיינעם ניט איין, נאר מ'מיידט זיך אויס פון אננעמען מענטשן, מצד כאב הילד וכו', בכדי אז די וואס דארפן זיך מטפל זיין מיטן קינד זאלן זיך ניט דארפן מטריח זיין מיט די מבקרים, צוצושטעלן א בענקל וכיו"ב.

דער טעם פארוואס רש"י שרייבט שם בעל המאמר – יש לומר בפשטות [און דא זעט מען ווי אויף ענינים בולטים איז מען ניט משים לב]:

דער גאמען פון בעל המאמר "חמא בר חנינא" [וכמחז"ל[39] "ר'

34) ראה גם לקו"ש ח"ה ע' 77. וראה שם ע' 313. 35) יז, כד (מב"ר פמ"ט, ב. יל"ש נחמי' רמז תתרעא). 36) נחמי' ט, ח. 37) ראה גם שו"ע יו"ד סרס"ה סי"ב וברמ"א שם. 38) ראה גם הנהגת מהרש"ל (ירושלים, תשכ"א) ס"נ. פתחי תשובה (להראצ"ה איזנשטט) ח"ב סקצ"ד ובהג"ה שם. שם סרמ"ב. 39) יומא פג, ב. וראה בארוכה (ע"ד הענין דמדרש שמות) תשובות וביאורים (קה"ת, תשל"ד) סימן א. וש"נ.

SichosKodesh.com

מאיי הוה דייק בשמא"] - איז דער אפטייטש אין תרגום פון "וירא אליו ה'": "חמא" מיינט "וירא", און דאס איז געקומען "בר" - אלס תוצאה פון "חנינא", דאס וואס דער אויבערשטער איז א חנון לבקר שלומו!

און דעריבער, בשעת רש"י האט א מעגלעכקייט צוצושטעלן אזא געשמאקער ענין, טוט ער דאס. און דאס איז אויך מובן צו א בן חמש (ובפרט א תלמיד ממולח), ווארום ער ווייסט די פשוט'ע ווערטער אין תרגום און מ'דארף עס אים ניט אויסטייטשן (פונקט אזוי ווי רש"י דארף אים ניט אויסטייטשן ווערטער פון לשון הקודש, ווארום רש"י לערנט מיט א קינד וואס ווייסט לשון הקודש): "חמא" איז א לשון הרגיל אין תרגום, ועד"ז "בר" און "חנינא".

יא. דער ביאור בפרש"י עה"פ "כי עתה ידעתי":

אין פסוק איז דא א שוועריקייט: לאחרי ווי דער אויבערשטער [illegible] הם "אל תשלח ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה" - [illegible] איז ער ממשיך "כי עתה ידעתי גו'". דלכאורה: בשעת א [illegible] הערט "אל תשלח ידך אל הנער גו'" - איז בטבע האב מסתמא אז ער האט דערפון א שמחה הכי גדולה, און ער בעט ניט קיינע הסברות פארוואס וכו'. היינט פארוואס איז דער פסוק ממשיך אז דער אויבערשטער האט געזאגט "כי עתה ידעתי גו'", וואס פון דעם איז משמע אז דא האט עפעס פאסירט בינתיים?!

איז דאס מכריח רש"י'ן צו מפרש זיין די גאנצע אריכות, אז דערביי האט טאקע עפעס פאסירט, אז בשעת אברהם האט געהערט "אל תשלח ידך אל הנער גו'" - "א"ל אברהם (צום אויבערשטן) אפרש לפניך את שיחתי וכו'".

און רש"י איז מדייק "אפרש לפניך את שיחתי": דערביי איז געווען א גאנצע "שיחה" (רייד) פון אברהם להקב"ה. בשעת אברהם האט געהערט פון דעם אויבערשטן "אל תשלח ידך אל הנער גו'", איז ביי אים נתעורר געווארן א ספק אז אפשר איז זיין אמונה ניט בשלימות, ווארום "אתמול אמרת לי כי ביצחק יקרא לך זרע, וחזרת ואמרת קח נא את בנך", און "עכשיו אתה אומר לי אל תשלח ידך אל הנער" - איז דאס אפשר דערפאר וואס דער אויבערשטער זעט אז ביי אברהם איז די אמונה ניט בשלימות און ער קען ניט ביישטיין דעם נסיון. און תכלית הנסיון איז דאך בכדי כאוויזן לכל העולם די אמונה פון אברהם.

און אויף דעם האט אים דער אויבערשטער געענטפערט - "כי עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה גו'". און תכלית הנסיון האט זיך אויסגעפירט - "מעתה יש לי מה להשיב לשטן ולאומות התמהים מה היא

חבתי אצלך כו' שרואים כי ירא אלקים אתה"[40]. און דאס וואס דער אויבערשטער האט לכתחילה געזאגט "ביצחק יקרא לך זרע, וחזרת ואמרת קח נא את בנך" - איז רש"י מפרש אז דער אויבערשטער האט געענטפערט: "לא אחלל בריתי ומוצא שפתי לא אשנה, כשאמרתי לך קח כו' לא אמרתי לך שחטהו אלא תעלהו כו'".

יב. א תלמיד ממולח קען נאך אבער פרעגן, ווי קומט פארט דער גאנצער ענין, אז פריער זאגט דער אויבערשטער "כי ביצחק יקרא לך זרע, וחזרת ואמרת קח נא את בנך" און "עכשיו אתה אומר לי אל תשלח ידך אל הנער", און ווי קומט עס אז ביי אברהם זאל נתעורר ווערן א ספק בזה.

אויף דעם ברענגט רש"י שם בעל המאמר - "ר' אבא". והביאור - בקיצור:

אין מס' חגיגה[41] שטייט "כל שלא חס על כבוד קונו ראוי לו שלא בא לעולם - מאי היא, ר' אבא אמר זה המסתכל בקשת":

דער ענין פון א קשת איז - ווי מ'האט פריער גערעדט - "את קשתי נתתי בענן והיתה לאות ברית ביני ובין הארץ"[42], "ולא יכרת כל בשר עוד ממי המבול ולא יהי' עוד מבול לשחת הארץ"[43], "כשתעלה במחשבה להביא חושך ואבדון לעולם", "וזכרתי את בריתי אשר ביני וביניכם ולא יהי' עוד המים למבול לשחת כל בשר"[44].

וואס אויך דערביי זעט מען א דבר והיפוכו (ע"ד ווי דער דבר והיפוכו בשאלת אברהם להקב"ה): פריער האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט, דערנאך "ויאמר ה' אמחה את האדם גו' כי נחמתי כי עשיתים"[44*], און ער האט געבראכט דעם מבול וועלכע האט חרוב געמאכט די וועלט. און דערנאך גיט דער אויבערשטער אן אות הקשת, אז אפילו אויב עס וועט נאכאמאל זיין "ותמלא הארץ חמס"[45], און אפילו נאך הארבער ווי ס'איז געווען דעמולט בדור המבול (אויב ס'איז שייך הארבער דערפון) - "בינדט" ער זיך כביכול, אז ער וועט נאכאמאל ניט ברענגען א מבול!

[און אויך אין דעם עצם מאמר הנ"ל פון ר' אבא - זעט מען א דבר והיפוכו: פון איין זייט טאר ניט זיין מתסכל בקשת, אבער דוקא "המסתכל בקשת", א הסתכלות בעיון, משא"כ א ראי' (ערא') מעג זיין בכדי קענען מאכן א ברכה על זה. [און די ברכה איז ניט על הפורענות (כידוע אז מ'מאכט ניט קיין ברכה אויף אן ענין של

40) פרש"י עה"פ (ד"ה כי עתה ידעתי - הב'). 41) טז, א. 42) נח ט, יג.
43) שם, יא. 44) שם, טו ובפרש"י. 44*) בראשית ו, ז. 45) נח ו, יא.

הנחה החוזר בלתי מוגה

פורענות. במדובר אמאל די שקו״ט בנוגע מאכן א ברכה ווען מ׳נעמט א רפואה), נאר די ברכה איז אויף די הצלה מן המבול וואס דער אות הקשת באדייט]].

דערפאר ברענגט רש״י דעם פירוש בנוגע אברהם בשם ר׳ אבא - בבדי מדמה זיין אז דער סדר ווי ס׳איז געווען דא (אז "אתמול אמרת לי כי ביצחק יקרא לך זרע, וחזרת ואמרת קח נא את בנך, עכשיו אתה אומר לי אל תשלח ידך אל הנער") - איז אויך געווען אין דעם ענין פון קשת, וועגן וועלכע ר׳ אבא רעדט אין מס׳ חגיגה.

ויש להאריך בזה.

ולהעיר (כאטש מ׳וויל מקצר זיין): דער מאמר הנ״ל במס׳ חגיגה ברענגט זיך אויך אין מס׳ קידושין[46] ניט בשם ר׳ אבא. אבער ע״פ כללי הש״ס, אז בשעת ס׳איז דא א מחלוקת צווישן צוויי סוגיות, איז די הלכה ומסקנא לויט די סוגיא וואס דארטן איז מקומו העיקרי והאמיתי פון דעם ענין, עד״ז בנדו״ד: אין מס׳ חגיגה איז מקומו העיקרי פון די סוגיא וועגן כבוד השכינה, משא״כ אין מס׳ קידושין ברענגט זיך עס נאר דרך אגב. דעריבער איז דער עיקר בזה אז דאס איז דברי ר׳ אבא - ווי די סוגיא במס׳ חגיגה.

יג. דער לימוד פון די הערות פון טאטן אויפן זהר:

דער טאטע איז מבאר, אז "ר׳ יוסי הוא בחי׳ מל׳..ולכן שכינתא שהיא בחי׳ מל׳ אשתכחת גבי ר׳ יוסי דוקא..אך הי׳ צריך שר׳ יהודה יאמר לו פתח פומך, כי הרי ר׳ יהודה הוא בחי׳ חסד כו׳".

ולהוסיף, אז ר׳ יוסי (בחי׳ מלכות) איז בחי׳ הגבורות (דמלכות), כידוע אז "יוסי" איז בגימטריא אלקים [ווי עס שטייט אין משנה[47] "יכה יוסי את יוסי", "חשבונו של יוסי כחשבונו של אלקים"[48] - שם הדין והגבורה (ווי רש״י ברענגט אראפ בתחלת פירושו על התורה עה״פ בראשית ברא אלקים). און דערפאר "הי׳ צריך שר׳ יהודה יאמר לו פתח פומך, כי הרי ר׳ יהודה הוא בחי׳ חסד.

[ולהעיר אז אזוי איז געווען בא שמאי והלל זיצנדיק לפני שמעי׳ ואבטליון: שמאי והלל זיינען בחי׳ גבורה וחסד. און איידער ס׳איז געווען די ירידה און "רבו תלמידי שמאי והלל שלא שמשו כל צרכן רבו המחלוקת"[49] - זיינען זיי געווען באחדות אלס מקבלים

46) מ, א 47) סנהדרין ט, א. 48) פרש״י שם. 49) סוטה מז, סע״ב. סנהדרין פח, ב.

פון שמעי' ואבטליון, ביז ווי די גמרא זאגט, אז מ'האט זיי ביידע מצרף געווען אין איין מנין. ע"ד ווי דער צירוף וחיבור פון ר' יהודה (חסד) ור' יוסי (גבורה)].

דער לימוד דערפון:

איינער קען מיינען, אז וויבאלד ער איז א רב גדול און האט א סך תלמידים, און ער איז א ירא שמים, ובפרט אויב ער איז דערצו נאך אן עשיר, וואס "עשיר יענה עזות"[50] - דארף ער ביי קיינעם גארניט פרעגן;

האט ער די הוראה, אז אדרבה: וויבאלד ער איז מבחי' גבורה - "עזות" - דארף עאר נאכמער אנקומען צו "עשה לך רב"[51], א רב מבחי' חסד, און דוקא בשעת יענער איז אין מעורר - קען ער זאגן תורה, במכ"ש פון ר' יוסי.

יד. דער ביאור פארוואס דער רמב"ם חזר'ט איבער כמ"פ דעם ענין אז "הולכין אחר לשון בני אדם באותו המקום ואחר המנהג" (וכיו"ב) - איז דערפאר וואס דאס איז א דבר תמוה און א חידוש גדול, דערפאר פאדערט זיך אז מ'זאל איבער'חזר'ן כמ"פ:

אע"פ וואס עס רעדט זיך וועגן דיני מכירה בתורה, און אים דעם זיינען פאראן א ריבוי דינים ווי דער רמב"ם ברענגט דא אראפ, וואס די דינים קענען זיין א נפק"מ בנוגע צו דברים חמורים ביותר, ווי אשת איש וכיו"ב, ווייל קניני מכירה כו' זיינען נוגע צו בעלות האיש צי ער קען דערמיט מקדש זיין אן אשה - אעפ"כ זאגט תורה גופא, אז "אין כל הדברים (די דיני התורה וועלכע דער רמב"ם ברענגט אראפ) כו' אלא במקום שאין שם מנהג כו' אבל במקום שנהגו שהמוכר כך מכר כך הרי זה מכור וסומכין על המנהג כו', הולכין אחר לשון אנשי המקום וכו'"?!

א דבר תמוה ביותר: בשעת מ'דארף וויסן א דין אין תורה - זאגט תורה אז מ'דארף זיך פירן לויט מנהג המדינה (מנהג תגרי לוד וכיו"ב), אפילו א מדינה פון אומות העולם, און נאכמער: דערביי זאגט מען ניט קיינע תנאים אז דאס דארף זיין א מנהג פון א מדינה וואס היט די ז' מצוות בני נח, נאר אפילו א מנהג פון סדום ועמורה (שלאחרי מ"ת) - דארף מען זיך אויך אזוי פירן!!

מ'דארף וויסן א דין אין תורה - פסק'נט תורה אז מ'דארף הערן וואס "וואל סטריט" זאגט, "וואל סטריט" בעיר זה אדער מקום אחר

---

50) משלי יח, כג. 51) אבות פ"א מ"ו ומס"ז.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ביז אז דאס איז אן "עיקר גדול בכל דברי משא ומתן", און "אל ילוז מעיניך עיקר הגדול בדברים אלו"!

וואס צוליב דער חידוש שבדבר - חזר'ט עס איבער דער רמב"ם כמה פעמים.

טו. ויה"ר אז נאך דעם לעצטן טומל אויף "וואל סטריט" - זאל בא אידן זיין (ווי בנוגע צו יעדער ירידה בא אידן) ירידה צורך עלי': אט די ירידה איז געווען, ווייזט אויס, די איינציקע וועג (מטעם הידוע ליוצרו) ווי צוצוקומען צו אן עלי' גדולה יותר!

און זיכער וועלן אלע אידן זיין עשירים!

ויה"ר אז דאס זאל אויך ברענגען אז בא יעדער איד זאל נתגלה ווערן רצונו הפנימי והאמיתי[52] - אז די גאנצע מציאות ותכלית פון זיין יד הגשמי איז - צו זיין א "יד המחלקת צדקה"[53]. ובאופן כזה, אז בשעת ער טרעפט אן עני אדער א זקוק לאיזה ענין - דארף ער ניט ווארטן ביז ער וועט זיך אריינטראכטן אין דעם, אדער האבן א געפיל אין דעם, נאר בדרך ממילא - "חנפשי'" [ע"ד ווי עס שטייט אין ירושלמי[54] אז "מנפשי' כרע"] - שטעקט ער אריין זיין האנט אין קעשענע, און נעמט פון דארטן ארויס אלע געלט וואס געפינט זיך אין קעשענע - וואס "הי' יכול לקנות בו חיי נפשו"[55] - און גיט עס אפ צו דעם עני, ובסבר פנים יפות, דער סדר בזה איז ניט אז פון זיין פנים קומט עס אראפ אין יד, נאר פון יד המחלקת צדקה ווערט עס נמשך אין זיין פנים - אז ער טוט עס בסבר פנים יפות!

ביז אז עס ווערט מקויים דער ענין פון "גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה"[56] ומביאה את הגאולה - גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש, ממש.

צוה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

---

52) ראה רמב"ם הל' גירושין ספ"ב. 53) תניא פכ"ג (כח, ב). וראה בארוכה קונטרס משיחת ש"פ נח שנה זו. 54) ברכות פ"א ה"ב. 55) תניא פל"ז. 56) ב"ב י, ב. וראה תניא שם.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

לזכות

הרה"ת הוו"ח אי"א

ר' יששכר דוב וזוגתו מרים שיחיו

ווייס

בניו ובתו ובני משפחתם שיחיו

הכתובת להשיג ה"הנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 03-984887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448

שיחת

ש"פ חיי שרה,

ה'תשמ"ח



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה
שנת הקהל

SichosKodesh.com

מפתח

ג' שיחות הראשונות - הוגהו ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א, וי"ל בפ"ע

SichosKodesh.com

בס"ד. שיחת ש"פ חיי שרה, כ"ב מרחשון ה'תשמ"ח.

הנחות הת' בלתי מוגה

א. ג' שיחות הראשונות – הוגהו ע"י כ"ק אדמו"ר, וי"ל בפ"ע [השלמות לשיחות אלו - נדפסו בסוף קונטרס זה].

* * *

ב. מאמר (כעין שיחה) ד"ה איתא במדרש כו' א"ר אחא יפה שיחתן כו'.

* * *

ג. ס'איז אויך רגיל אפצולערנען א פסוק פון פרשת השבוע בקשר מיט פירוש רש"י, אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר דפרשתנו, און אן ענין אין היינטיקן שיעור רמב"ם.

בנוגע צו פרש"י – האט מען מעורר געווען אויף דעם וואס בפרשתנו[1] שטייט "ואברהם זקן בא בימים", און רש"י איז נים מפרש די הוספה פון "בא בימים" אויף "זקן". און אויך: וואס מיינט "ואברהם זקן בא בימים" – ווען עס שטייט שוין פריער[2], בערך ארבעים שנה לפני זה, "ואברהם ושרה זקנים באים בימים"?

מיט נאך דיוקים, וכפי שיתבאר לקמן.

ד. אין די הערות פון טאטן אויפן זהר, שטעלט ער זיך אויף דעם מאמר הזהר בסיום הפרשה[3], וואו עס רעדט זיך וועגן די גאולה העתידה

– דער ענין אין וועלכע מ'קאכט זיך, אז ס'איז שוין "כלו כל הקיצין"[4], און מ'שריים "עד מתי", געגוג – זאל שוין זיין די גאולה.

דער זהר זאגט: "ובשעתא דזמין קב"ה למפקד על עמי' כנסת ישראל תיתוב מן גלותא בקדמיתא כו' קב"ה יבני בי מקדשא בקדמיתא ויתקין היכלא ויבני קרתא דירושלים ולבתר יוקים לה מעפרא הה"ד[5] בונה ירושלים ה' וגו' בונה ירושלים בקדמיתא ולבתר נדחי ישראל יכנס כו'"[6].

וואס דאס איז מתאים צו דעת הרמב"ם[7], אז דער סדר וועט זיין

1) כד, א. 2) וירא יח, יא. 3) קלד, א. 4) סנהדרין צז, א. 5) תהלים קמז, ב. 6) ראה גם זהר ח"א קלט, א (במהנ"ע). ברכות מט, א ובפרש"י שם ד"ה ור"נ. 7) הל' מלכים ספי"א. ועד"ז שם בריש הפרק.

"ובנה מקדש במקומו (און דערנאך) וקבץ נדחי ישראל".

ס'איז אבער דא א צווייטע דיעה[8], אז פריער וועט זיין קיבוץ גליות ("נדחי ישראל יכנס") און דערנאך בנין ביהמ"ק וירושלים ("בונה ירושלים ה'").

דארף מען פארשטיין ווי קען זיין א מחלוקת במציאות?

מ'קען ניט מפרש זיין אין רמב"ם (עכ"פ), אז "ובנה מקדש במקומו וקבץ נדחי ישראל" מיינט ניט אז אזוי דוקא וועט זיין דער סדר, נאר עס קען זיין אז ביידע זאכן וועלן זיין בבת אחת, אדער אמאל - אפשר פריער "וקבץ נדחי ישראל" - ווייל נוסף לזה וואס דאס איז א דוחק אין לשון הרמב"ם (א לשון צחה וברורה פון הלכה), שרייבט עס דער רמב"ם צוויי מאל אין דעם פרק ודוקא בסדר זה. איז שווער זאגן אז דער סדר איז לאו דוקא.

וכפי שיתבאר לקמן.

ה. אין היינטיקן שיעור רמב"ם - פארשפארט מען זוכן, ווייל ס'איז דא א הלכה אויף וועלכע מ'האט שוין א פארטיקן ביאור פון רבותינו נשיאינו, וועט מען איבערזאגן נקודות פון דעם ביאור.

ו. כאן הזמן אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה צוליב פארשידענע ענינים פארבונדן מיט א הוספה אין מעשינו ועבודתינו, וואס דורך דעם ברענגט מען*[8] קיבוץ גליות ובנין ירושלים - זאלן איצטער ארויפגיין למעלה בגשמיות, ועאכו"כ למעלה ברוחניות, און זאגן "לחיים", און דערנאך מכריז זיין וועגן די מסיבות, און איינלאדן די מסובים כאן אז זיי זאלן זיך משתתף זיין בגשמיות, עכ"פ ברוחניות.

און דאס זאל נאכמער צוגעבן אין די פעולות פון הקהל און שמחה, ווי גערעדט כמ"פ בארוכה און ס'איז געווארן - אדער ס'האט שוין געדארפט ווערן - תורתו נקראת על שמו.

און די אלע ענינים זיינען א חלק פון מעשינו ועבודתינו וועלכע ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ולא עכבן אפילו כהרף עין[9].

---

8) תנחומא נח יא (בסופו) ובעץ יוסף שם. יל"ש תהלים עה"פ קמז, א (רמז תתפח). *8) תניא רפל"ז. 9) ע"פ מכילתא ופרש"י בא יב, מא.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "והריקותי לכם ברכה"].

* * *

ז. דער ביאור בנוגע צו "ואברהם זקן בא בימים":

מלמדים זיינען רגיל אפטייטשן "ואברהם זקן בא בימים", אז "בא בימים" איז א הוספה בזקנה לגבי "זקן": "זקן" מיינט אז ער איז געווארן אלט, און "בא בימים" - נאך עלטער.

אבער לויט דעם איז ניט פארשטאנדיק די צווייטע שאלה הנ"ל - אז דער ענין שטייט שוין פריער, בערך ארבעים שנה לפנ"ז - "ואברהם ושרה זקנים באים בימים".

לכאורה וואלט מען געקענט ענטפערן ווי דער ביאור אין מדרש[10], אז לאחרי ווי עס שטייט "ואברהם ושרה זקנים באים בימים" (וואס דאס איז געווען קודם לידת יצחק) "החזירו הקב"ה לימי נערותיו", און דערפאר האבן זיי געקענט דעמולט האבן א קינד (יצחק). און דעריבער "צריך לכתוב פעם שני' ואברהם זקן", אז ער איז ווייטער געווארן א זקן ובא בימים.

אבער דאס איז א דוחק (אין פשוטו של מקרא) - ווייל:

א) דער פירוש "אין לא סמך מן המקרא"[11].

ב) לאחרי "ואברהם זקן בא בימים" איז געווען "ויוסף אברהם ויקח אשה גו' ותלד לו גו'"[12], זעקס קינדער. זעט מען דאך, אז אויך נאך (דעם צווייטן) "ואברהם זקן גו'" האט ער געהאט קינדער. איז דערפון פארשטאנדיק, אז דאס וואס אברהם האט געקענט האבן יצחק איז קיין סתירה ניט צו "ואברהם זקן".

ג) ווען דער בן חמש וועט עלטער ווערן וועט ער לערנען אז "והמלך דוד זקן בא בימים"[13], און דוד איז דעמולט געווען אלט סך-הכל שבעים שנה[14]. זעט מען דערפון, אז "זקן בא בימים" איז ניט פארבונדן מיט די יארן ווען מ'קען האבן קינדער, ווייל א בן שבעים שנה קען האבן קינדער[15].

אויף די ערשטע שאלה (וואס גיט צו "בא בימים") איז פאראן א

---

10) ב"ר פמ"ח, טז. הובא בכלי יקר עה"פ. 11) כלי יקר שם. 12) פרשתנו כה, א. 13) מלכים-א א, א. 14) רד"ק עה"פ. 15) ראה גם פרש"י לך יז, יז.

הנחת הת' בלתי מוגה

ביאור אין זהר[16]: "בא בימים" קומט מוסיף זיין אז "באינון יומין עלאין", אז אלע ימים פון אברהם זיינען געווען יומין שלמין, ד.ה. אז ער האט געהאט בשלימות די לבושים פון תומ"צ פון יעדן טאג פון כל ימי חייו.

אבער: א) דער ביאור איז ניט ע"ד הפשט, ב) לויט דעם איז ניט מובן פארוואס עס דארף שטיין פריער "ואברהם גו' באים בימים": עס וואלט געווען גענוג דאס צו זאגן נאר בפרשתנו, וואלט מען שוין פארשטאנען אז אלע ימים שלפנ"ז זיינען ימים שלמים.

ח. ויש לומר הביאור בזה - ובפשטות ממש:

"בא בימים" מיינט כפשוטו - אז ער איז געקומען און איז "אריין" אין די (אין זיינע) טעג [ע"ד "בא בבית", "בא בעסק", וכיו"ב]. דאס הייסט, אז נוסף לזה וואס ער האט אפגעלעבט די יארן (וואס דאס באדייט "זקן"), האבן די ימים - די מאורעות וואס ער האט דורכגעלעבט (צרות אדער עניני תענוג וכו') - אויף אים געהאט א ווירקונג, און ס'איז אויף אים קענטיק זיינע יארן (ימי זקנה), ס'איז קענטיק אין די קוים אויף זיין פנים, אין זיינע תנועות, הליכה וכו'.

ווי מ'זעט בפשטות: עס זיינען פאראן מענטשן וועלכע זעען אויס אינגער ווי זייערע יארן, בא זיי איז ניטא דער "בא בימים" לויט מספר ימיהם בגשמיות. און דערנאך זיינען פאראן מענטשן וועלכע זעען אויס ווי זייערע יארן. וואס דער חילוק צווישן זיי איז: צי אלע מאורעות וואס ער האבן דורכגעלעבט האבן אויף אים אינגאנצן געווירקט אדער ניט. און אויב ניט - קען מען אויף אים ניט זאגן "בא בימים".

וואס עפ"ז איז פארשטאנדיק דאס וואס עס שטייט בא דוד המלך - "והמלך דוד זקן בא בימים": דער פסוק קומט זאגן, אז נוסף לזה וואס דוד איז געווארן "זקן", שבעים שנה, איז ביי אים געווען "בא בימים" - ער איז "אריין" אין די טעג, ד.ה. אז די טעג, די מאורעות שבהם - דאס וואס "דם לרב שפכת"[17], און די צרות וואס ער האט געהאט פון זיינע קינדער[18] - האבן אויף אים געווירקט, און ס'איז געווען ניכר אויף אים.

און דערפאר איז "ויכסהו בבגדים ולא יחם לו" (ווי עס שטייט בהמשך צו "והמלך דוד זקן בא בימים") - מצד דעם וואס בא דוד איז געווען "בא בימים", די טעג האבן אויף אים געווירקט. ווי מ'זעט בפשטות, אז ביי א זקן וואס "בא בימים", דארף מען האבן מער

---

16) ראה זח"א קכט, א. 17) דה"א כב, א. 18) ראה ש"ב יג ואילך. ועוד.

SichosKodesh.com

באווארעניש אז עס זאל זיין "יחם לו".

און דערפאר גיט טאקע צו דער פסוק אז נוסף לזה וואס "והמלך דוד זקן" איז "בא בימים" - בכדי מסביר זיין פארוואס "ויכסהו בבגדים ולא יחם לו".

ט. דערמיט איז אויך פארשטאנדיק דער פירוש אין "ואברהם זקן בא בימים" - אז נוסף לזה וואס ער איז געווארן "זקן" בשנים, איז ביי אים אויך געווען "בא בימים", אז די ימים האבן אויף אים געווירקט און זיי זיינען געווען אויף אים ניכר.

לויט דעם קען מען דאס אויך מתווך זיין מיט דעם פירוש אין זהר, אז "בא בימים" מיינט אז ביי אים זיינען געווען יומין שלמין, ער האט געהאט די לבושי תומ"צ פון יעדן טאג בשלימות. וואס אין אנדערע ווערטער מיינט דאס: יעדער טאג אין זיין לעבן - האט אויף אים געווירקט למעליותא, אז ער האט מקיים געווען די מצוה פון דעם טאג. ווען ס'איז געקומען, לדוגמא, פסח[19], האט דאס אויף אים געווירקט אז ער האט געגעסן מצות (ווי ער האט געזאגט שרה'ן "לושי ועשי עוגות"[20]), [ביז אז אזוי איז געווען אפילו בא לוט[20*]]. ועד"ז בנוגע צו אלע זיינע ימים - איז ביי אים געווען "בא בימים", יומין שלמין.

עפ"ז פאלט אויך אראפ די צווייטע שאלה - פארוואס ביי אברהם שטייט צוויי מאל "זקן בא בימים" (אין פ' וירא, און בפרשתנו) - ווייל אויך לאחרי ווי ס'איז געווען ביי אים "בא בימים" (אז זיינע ימים האבן אויף אים געווירקט, אזוי אז ס'איז ניכר על הפנים ועל הנהגה שלו כו') בשעת ער איז געווארן בן מאה שנה, איז קיין הכרח ניט אז די ארבעים שנה שלאח"ז האבן אויף אים אויך געווירקט.

ווי מ'זעט עס בטבע האדם, אז ווען ער ווערט עלטער, ווערט ער קליגער און האט מער אמונה אין דעם אויבערשטן, און ער נעמט ניט אזוי צום הארצן די מאורעות העולם.

י. [מאמר המוסגר:] כמובן, אז דא רעדט זיך אין א פאל אז זיין אמונה בלייבט ניט בהעלם ובבחי' מקיף, נאר דאס פועל'ט אויף אים און אויף זיין שכל. ווארום ס'קען זיין אז ער זאל האבן אמונה, און דאס זאל אויף אים ניט פועל'ן, אדער אפילו אויב דאס פועל'ט אויף זיין ראש, בלייבט עס בבחי' מקיף, און נעמט ניט דורך זיין שכל, אז אזוי זאל ער טראכטן טאקע בפועל.

---

19) פרש"י וירא יח, יוד. 20) וירא שם, ו. 20*) שם יט, ג ובפרש"י.

הנחת הת' בלתי מוגה

ע"ד ווי ס'איז געווען באם "דור דיעה"[21]

– וואס דאס (אז דאס איז ע"ד ווי ס'איז געווען באם "דור דיעה") איז א הקדמה צו דעם וואס מ'גייט רעדן, בכדי אז די וואס מיינען אז וועגן זיי רעדט מען, אדער די וואס וועגן זיי רעדט מען טאקע – זאלן ניט ווערן ברוגז:

דער "דור דיעה" האט געזען נסים גלויים בכל יום. זיי האבן בכל יום געגעסן פון דעם מן, וואס איז געווען "לחם מן השמים"[22], א נס גלוי, און א נס וואס איז אראפגעקומען בגשמיות העולם – אז זיי האבן דערפון געגעסן און דאס איז געווארן דם ובשר כבשרם, און בשעתן עסן איז יעדער טעם וואס זיי האט זיך פארוואלט האבן זיי אין דעם טועם געווען[23].

אעפ"כ זעט מען, אז פעם אחר פעם – "וינסו אותי זה עשר פעמים"[24]: בשעת ס'האט געפעלט מים – האבן זיי געשריען אז זיי וועלן זיכער, ניט א ספק, נאר זיכער ניט בלייבן קיים[25]; באם חטא המרגלים האבן זיי גע'טענה'ט בנוגע צום אויבערשטן – אז "כביכול אפילו בעל הבית אינו יכול להוציא כליו משם[26]", וכו' וכו'.

אע"פ וואס בשעת זיי האבן אזוי גע'טענה'ט האבן זיי געקענט ארייננגיין צו זיך אין אוהל און זען אז אויפן טיש ליגט מן, און זיי קענען דאס עסן און טועם זיין וועלכן טעם זיי ווילן, אפילו... "כצפיחית בדבש"[27].

– פארוואס כאפט מען אן די דוגמא פון "צפיחית בדבש"? ווייל בשעת מ'האט עס געלערנט אין חדר, איז לאחרי אלע הסברות וואס דער מלמד האט אין דעם מסביר געווען – האט קיינער ניט געוואוסט וואס איז "צפיחית בדבש"! מ'האט געוואוסט וואס "דבש" איז, ווייל מ'האט דאס אליין געזען אדער א צווייטער האט וועגן דעם דערציילט, אבער קיינער האט קיינמאל ניט פארזוכט "צפיחית", ועאכו"כ ניט "צפיחית בדבש"!

עכ"פ, ניט קוקנדיק אויף דעם וואס דער "דור דיעה" האט געזען נסים גלויים בכל יום, האט דאס זיי ניט דורכגענומען, און דערפאר זיינען זיי געקומען מיט טענות, אז "כביכול אפילו בעה"ב אינו יכול להוציא כליו משם", און ניט געמאכטע טענות, נאר "וינסו אותי זה עשר פעמים" באמיתית הענינים!

---

21) ראה ויק"ר פ"ט, א. 22) בשלח טז, ד. 23) שמו"ר פכ"ה, ג. וראה יומא עה, סע"א. 24) שלח יד, כב. 25) ראה חוקת כ, ד-ה. 26) סוטה לה, א. 27) בשלח טז, לא.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

עד"ז אויך איצטער: ס'איז דא אזא וואס האט געזען נסים בא זיך אין לעבן. און ניט נאר ג' פעמים נאר מער פון ג' פעמים ג' פעמים. און ער זאגט "מודה אני" יעדן אינדערפרי. און ווי ער אליין זאגט און שרייבט - אז דער אויבערשטער וועט העלפן.

אעפ"כ בלייבט די אמונה בה' אין אן אופן אז צו אים האט דאס קיין שייכות ניט - און בשעת ער זעט אז עפעס פאסירט מיט אים, זאגט ער אז זיכער וועט זיין ניט גוט - ביי אים איז קיין ספק ניט, נאר ער איז זיכער אז ס'וועט זיין ניט גוט, און דערפאר דארף ער זיך טרייסלען!

שרייבן אז "כביכול אפילו בעה"ב אינו יכול להוציא כליו משם" - פאסט אים ניט. ווארום ער שעמט זיך פון זיין פרוי, קינדער און אייניקלעך. אבער בא זיך אין הארצן און בשעת ער קוקט אין שפיגל - איז דאס טראכט ער, אז "כביכול אפילו בעה"ב אינו יכול להוציא כליו משם" ר"ל!...

ד.ה. אז ביי אים איז א מצב פון "בא בימים" לגריעותא - די מאורעות העולם נעמט ער צום הארצן און זיי ווירקן אויף אים. [ע"כ מאמר המוסגר].

יא. דער ביאור בנוגע צו די דיעות צי בנין ירושלים וביהמ"ק איז קודם לקיבוץ גליות אדער ניט - וואס לכאורה איז דאס א מחלוקת במציאות:

מ'קען ניט זאגן לכאורה אז "אלו ואלו דברי אלקים", ווייל לאחרי הגאולה, ווען עס וועט בפועל זיין נאר באופן אחד (פריער בנין ירושלים און דערנאך קיבוץ גליות, אדער פארקערט) - וועט דאך ניט זיין קיין ארט לכאורה אויף די צווייטע דיעה.

און מ'קען ניט ענטפערן, אז די צווייטע דיעה איז אמת בנוגע בנין ירושלים וקיבוץ גליות ברוחניות - ווייל "אמר הקב"ה לא אבוא בירושלים של מעלה עד שאבוא בירושלים של מטה"[28], במילא איז מובן אז דער סדר אין בנין ירושלים וקיבוץ גליות למעלה (ברוחניות) איז תלוי אין דעם סדר למטה בגשמיות.

אלא יש לומר, אז די מחלוקת איז אין וועלכן סדר זאל דער אויבערשטער אויפטאן בנין ירושלים און קיבוץ גליות. ווי דאס איז בא רוב המחלוקת, אז דאס איז א מחלוקת ווי מ'זאל טאן דעם ענין בעתיד. עד"ז בנדו"ד - איז די מחלוקת ווי זאל דער אויבערשטער טאן לע"ל. כידוע אז מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל[29],

---

28) תענית ה, סע"א. 29) תהלים קמז, יט. שמו"ר פ"ל, ט.

הנחת הת' בלתי מוגה

און דער אויבערשטער פירט זיך למעלה לויט דעם פס"ד פון ב"ד למטה[30], דעריבער איז דער סדר בנוגע צו בנין ירושלים וקיבוץ גליות תלוי אין דעם פס"ד למטה.

יב. ויש לומר - נאך אין א פשוט'ערן אופן: עס זיינען פאראן כו"כ דרגות סיי אין בנין ירושלים וביהמ"ק [כמבואר אויך אין דער הערה פון טאטן אויפן זהר[31], אז ס'איז דא די דרגא פון "בי מקדשא" און די דרגא פון "בית מקדשא", ווי ער איז דארט מבאר דעם ענין אין ספירות] און סיי אין קיבוץ גליות. וואס עפ"ז קומט אויס, אז ביידע דיעות זיינען אמת - און ס'איז תלוי וועגן וועלכע דרגא בבנין ירושלים און קיבוץ גליות מ'רעדט:

בנין ירושלים וביהמ"ק בדרגא נמוכה יותר קומט פאר קיבוץ גליות. אבער דורך קיבוץ גליות ווערט אויפגעטאן א העכערע דרגא אין (בנין) ירושלים וביהמ"ק, וואס בדרגא זו איז בנין ירושלים וביהמ"ק נאך קיבוץ גליות.

ולדוגמא: לאחרי ווי ס'איז שוין געווען דער בנין וביהמ"ק, קומט אין דעם גופא צו חידושים. בכל שנה איז געווען א תרומה חדשה, פון נייע מחצית השקל של בני ישראל, וואס דערמיט האט מען געקויפט נייע קרבנות, במילא איז מובן אז דאס האט אויפגעטאן א חידוש אין דעם מזבח, ועי"ז - אין דעם גאנצן ביהמ"ק, כולל אין קדש הקדשים. ועד"ז - דורך הקרבת הקרבנות מיט טיפערע כוונות - ווערט אויפגעטאן אן עלי' אין דעם מזבח וכל הביהמ"ק.

זעט מען, אז קיבוץ גליות (וואס קומט לאחרי בנין ירושלים) טוט אויף א חידוש אין (בנין) ירושלים און ביהמ"ק.

וואס עפ"ז איז מובן דער תיווך פון ביידע דיעות: די ערשטע דיעה רעדט וועגן די נידעריקערע דרגא אין בנין ירושלים וביהמ"ק, וואס קומט פאר קיבוץ גליות, און די צווייטע דיעה רעדט וועגן די העכערע דרגא אין (בנין) ירושלים וביהמ"ק וואס קומט לאחרי קיבוץ גליות. ועד"ז - איז עס אויך אין די דרגות שלמעלה מזה.

יג. וביאור הענין - בעבודה (ועפ"ז איז אויך מובן די הוראה דערפון לכאו"א):

דער ענין פון "בונה ירושלים" אין עבודה - איז דער בנין פון יראה שלם[32] בעבודת ה'. וואס אין דעם (בנין ירושלים) גופא

---

30) ראה דב"ר פ"ב, יד. ובכ"מ. 31) לקוטי לוי"צ לזהר - כרך א ס"ע פה ואילך. 32) ב"ר פנ"ו, יוד. תוד"ה הר - תענית טז, א. לקו"ת ר"ה ס, ב. שה"ש ו, ג. ובכ"מ.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

זיינען פאראן דרגות, זו למעלה מזו. און אין דעם דארף שטענדיק זיין "מעלין בקודש"[33], מ'דארף שטענדיק נתעלה ווערן אין דער עבודה פון יראה שלם, אלס העכער און העכער. ע"ד המבואר בתניא[34] בנוגע צו עבודת התשובה, אז אין דעם דארף מען שטענדיק נתעלה ווערן העכער און העכער, ווייל "עיקר התשובה בלב, והלב יש בו בחי' ומדרגות רבות כו'".

דער ענין פון "קיבוץ גליות" אין עבודה - איז די עבודה פון קיבוץ ובירור הניצוצות. וואס אויך אין דעם זיינען פאראן א ריבוי דרגות זו למעלה מזו. ע"ד המבואר בתורה אור[35] בנוגע צו תפלה - וואס ענינה איז קיבוץ ובירור הניצוצות, כמ"ש[36] "בחרבי ובקשתי, בצלותי ובבעותי" - אז "התפלה היא נוסחא אחת בכל יום כל ימי חייו של אדם כו' כפי נצוצות נפש הבהמית שצריכין להעלות כו', וכל יום נעשה בחי' חדשה, וצריך להעלות גם אותו ניצוץ שמתחדש, והכל היא העלאה אחת", ד.ה. אז בכל יום זיינען פאראן ניצוצות חדשות, אבער די ניצוצות גופא איז מען מברר מיט דעם זעלבן "חרב" און "קשת" (דעם זעלבן נוסח התפלה).

ועפ"ז איז מובן, אז די דיעות וואס איז קודם, בנין ירושלים אדער קיבוץ גליות - איז תלוי וועגן וועלכע דרגא מ'רעדט, כנ"ל: א נידעריקערע דרגא אין בנין ירושלים (יראה שלם) קומט פאר קיבוץ גליות (בירור הניצוצות), דערנאך איז דא א העכערע דרגא אין בנין ירושלים, און דערנאך א העכערע דרגא אין קיבוץ גליות וכו'.

וואס עפ"ז זעט מען ווי ע"פ חסידות נעמט מען ארויס א ביאור פשוט אין דעם ענין (די דיעות וועגן סדר הגאולה, בנין ירושלים וקיבוץ גליות), ויש להאריך בזה, ותן לחכם ויחכם עוד[37], וע"י התבוננות קען מען דאס מבאר זיין בעומק יותר וכו'.

וואס דאס איז די כוונה - אז מ'זאל אליין לערנען די ענינים, און דורך לערנען דאס בשכלו ווערט עס תורה שנקראת על שמו[38], ביז תורתו ממש.

יד. בנוגע די הלכה אין היינטיקן שיעור רמב"ם[39] "שתי גנות זו על גב זו והירק בינתיים בגוב עובי הארץ שביניהם, כל שהעליון יכול לפשוט את ידו וליטול אותו מעיקרו הרי הוא שלו כו', והשאר של תחתון כו'" - איז פאראן א מאמר פון דעם אלטן רבי'ן מיט הגהות פון דעם צ"צ[40] (און מסתמא איז אויך דא א ביאור בזה פון דעם מיטעלן

---

33) ברכות כח, א. וש"נ. 34) פכ"ט. 35) לח, ג. 36) ויחי מח, כב ובתרגום אונקלוס עה"פ. 37) משלי ט, ט. 38) ע"ז יט, א. 39) הל' שכנים פ"ט ה"ט. ממשנה ב"מ קיח, ב. 40) אוה"ת על מארז"ל ע' לו ואילך. וראה אוה"ת פרשתנו קיח, ב. בלק ע' תתקא.

הנחת הת' בלתי מוגה

רבי'ן, און רבותינו נשיאינו שלאח"ז).

דארטן איז ער מבאר דעם ענין אין עבודה, אז "שתי גנות זו על גב זו" גייט אויף גן עדן העליון וגן עדן התחתון, און "הירק בינתיים" גייט אויף דעם עמוד שבין ג"ע העליון וג"ע התחתון. ובעבודה - גייט דער "ירק בינתיים" אויף די עבודה פון אידן (נשמות ישראל[41]) דא למטה בעוה"ז הגשמי, "ירק נק' כל עניני אכילה ושתי' ושארי כל עניני תענוגי עולם הזה כו'".

ויש להוסיף, אז דורך די עבודה פון אידן למטה - ווערט מען א בעה"ב אויף דעם "ירק", "הרי זה שלו", ביז אז מ'ווערט דורך דעם א בעה"ב אויף ג"ע העליון און ג"ע התחתון.

ווארום "בראשית בשביל ישראל"[42], וואס "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ"[43] איז כולל אלע עשר ספירות (כמבואר בזהר[44]), און זיי זיינען אלע נשתלשל געווארן "בשביל ישראל", צוליב די עבודה פון אידן בעוה"ז התחתון, כמבואר בתניא[45] אז "תכלית השתלשלות העולמות וירידתם ממדרגה למדרגה אינו בשביל עולמות העליונים הואיל ולהם ירידה מאור פניו ית', אלא התכלית הוא עוה"ז התחתון כו'", וואס דוקא דארטן הויבט זיך אן די עלי'. און דערפאר ווערן אידן (דורך זייער עבודה) בעה"ב אויף אלע דרגות שלמעלה, כולל ג"ע העליון וג"ע התחתון.

ביז אז דורך דער עבודה פון אידן, מעשינו ועבודתינו דא למטה - ווערט "אתי מר" דא מלכא משיחא[46] בפשטות, ולא עכבן אפילו כהרף עין.

כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

אח"כ נתן את המזונות להר"ר מ.י. שיחי'.

------ * ------

41) ראה מאו"א מע' יו"ד אות לג. הובא באוה"ת בלק שם. 42) פרש"י בראשית א, א. 43) בראשית שם. 44) ראה זח"א רנו, ב. אוה"ת בראשית תפז, סע"ב ואילך. ד"ה בראשית תרנ"א (סה"מ תרנ"א ע' פס ואילך). 45) פל"ו. 46) לשון אגה"ק דהבעש"ט - נדפס בכש"ט (הוצאת קה"ת) בתחלתו. ובכ"מ.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

השלמות לשיחות הראשונות

טז. פון דעם ענין פון "ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים" – האט מען א הוראה ונתינת כח לכל אחד ואחת מישראל, אנשים נשים וטף,

אז בא יעדער איר דארף זיין שלימות אין זיין עבודה, שלימות ניט נאר אין א חלק פון זיינע כחות, נאר אין אלע זיינע כחות: שלימות אין כח התענוג והרצון, שלימות אין מוחין און שלימות אין מדות.

דאס הייסט: אפילו ווען עס רעדט זיך וועגן א קטן, וואס ע"פ דין איז קטן יש לו (נאר) מעשה[47] – האט ער אבער זיכער אויך תענוג ורצון, שכל ומדות, נאר דער עיקר איז ביי אים דער כח המעשה, אבער בכדי טאן א מעשה דארף מען האבן עפעס תענוג ורצון ושכל ומדות.

[ביז – ווי מ'האט גערעדט אין דער התוועדות שלפנ"ז[48] – בנוגע צו אברהם אבינו (און עד"ז בא שרה), אז אויך זייענדיק א קטן בן ג' שנים הכיר את בוראו[49]. ביז אפילו אלס א תינוק בן יומו, איז ביי אים געווען די התבוננות לזה, אלס הכנה צו הכרת הבורא צו ג' שנים. וכמדובר דעמולט, אז ביי אים איז געווען מעין המצב קודם המבול, וואס דעמולט איז בא קטנים געווען א שלימות אין אלע כחות, ווי עס שטייט אין מדרש[50] אז "כשהיתה אחת מהם יולדת..היתה אומרת לבנה צא והביא צור לחתוך טבורא כו'".

ועאכו"כ אז אזוי איז געווען קודם חטא עץ הדעת. ויש לומר, אז דאס איז אזוי פארבליבן אויך לאחרי זה (בא יחידי סגולה), ווייל די ירידה שלאח"ז האט אנגערירט נאר דארטן וואו דערנאך (נאך מתן תורה) איז שייך העלאה ע"י העבודה.

עד"ז איז בא יעדער איד, אפילו קטנים, פאראן אלע כחות, אנהויבנדיק פון שבע מדות (וואס אין דעם איז דער עיקר העבודה, כמבואר בתניא וכו'), און ניט נאר מלכות (מעשה), נאר אלע שבע מדות, אנהויבנדיק פון חסד, ואדרבה – חסד אזיל עם כולהו יומין[51] [וכמדובר בההתוועדות שלפנ"ז[52], אז ר' יוסי (בחי' גבורה ומלכות) האט ניט געזאגט קיין תורה ביז ר' יהודה (בחי' חסד) האט אים געזאגט "פתח פומך ולעי באורייתא כו'"[53]], און אויך שכל (חכמה ובינה), ביז תענוג ורצון.

---

47) חולין יב, ב ואילך. 48) שיחת ש"פ וירא. 49) נדרים לב, א. 50) ב"ר רפל"ו. ויק"ר פ"ה, א. 51) נת' בע"ח שער כה דרוש ב. פע"ח שער חה"ס פ"א. לקו"ת ד"ה האזינו (הג') פ"ו. ועוד. 52) שיחת ש"פ וירא סעיף יג. 53) זח"א קטו, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

טז. ואע"פ אז דאס איז לכאורה אן ענין נפלא, "נפלאת היא גו׳ מעבר לים היא" - דארף מען וויסן אז "לא נפלאת היא גו׳ ולא מעבר לים היא"[54], ווארום יעדער איד איז יורש די אלע כחות פון שרה אמנו.

וכמדובר כמ"פ, אז ירושה איז בדרך ממילא, דאס איז ניט תלוי אין בחירת היורש, נאר תיכף כשנולד איז ער יורש הכל[55]. און דאס וואס ער איז נולד וחי איז ניט תלוי בבחירתו - כמאחז"ל[56] "על כרחך אתה חי", ועאכו"כ בא ווען ער ווערט געבארן.

[און אע"פ אז מ׳געפינט אז די אמהות האבן מתפלל געווען אז זיי זאלן האבן קינדער, ד.ה. אז דאס איז געווען תלוי אין זייער עבודה - זאגט אבער די גמרא[57], אז "אין מזכירין מעשה נסים ואיבעית אימא מעשה דלאה בתוך ארבעים יום הוה כו׳"].

יז. אט דער כח אויף שלימות העבודה פון "מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים" - האט מען במיוחד במשך כל ימי השבוע ווען מ׳לערנט פ׳ חיי שרה. עאכו"כ אין שבת פ׳ חיי שרה, ווען מ׳לייענט די גאנצע פרשה, מיט אלע שבעה קרואים, כל אחד בברכה לפני׳ ולאחרי׳, ועאכו"כ בזמן הגלות - ווען עס קומט צו די קריאה השמינית [ע"ד ווי לע"ל וועט זיין דער אויפטו פון שמונה לגבי שבעה - כנור של שמונה נימין כו׳[58]] - די הפטרה און ברכות ההפטרה.

ובפרט אז אין דעם שבת גופא שטייט מען שוין נאך דעם צווייטן קידוש (דער קידוש בסעודת היום, לאחרי הקידוש בסעודת הלילה), בלשון הידוע[59] - "קידושא רבה". וואס אע"פ אז אנדערע זאגן דאס בלשון סגי נהור[60], איז דאס אבער זיכער בדיוק (ווי יעדער זאך אין תורה) - אז אע"פ וואס דער קידוש איז בקיצור (בערך צו די אריכות פון קידוש הלילה) איז דאס גופא באוויזט אז דאס איז באופן של "רבה".

ועאכו"כ ווען מ׳שטייט בזמן רעוא דרעוין - וואס דעמולט מאכט מען בכלל ניט קיין קידוש, און מ׳וואשט זיך ניט (כידוע די מנהגים בזה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[61], און אויך לפני זה), ויש לומר - אז דאס באוויזט אז דאס איז נאך א העכערע מדריגה. ע"ד המבואר בלקו"ת[62] (כמדובר בהתוועדות שלפנ"ז[63]) בנוגע צו מנהג ההקפות בשמחת תורה, אז וויבאלד אז דאס קומט מצד א מנהג ישראל (און דאס שטייט ניט אין תושב"כ און תושבע"פ) - באווייזט עס

---

54) נצבים ל, יא-יג. 55) ראה נדה מד, רע"א. 56) אבות ספ"ד. 57) ברכות ס, א. 58) ערכין יג, ב. 59) פסחים קו, א. וראה שער הכולל רפכ"ח. 60) ר"ן לפסחים שם. 61) ראה "היום יום" כב אדר א. 62) סוכות פ, סע"ג. 63) שיחת ש"פ וירא הערה 81.

SichosKodesh.com

אויף א דרגא הכי נעלית, דערפאר איז די שמחה דעמולט גרעסער.

יח. ונוסף לזה וואס די עבודה אליין איז בשלימות ("מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים") - קומט אויך צו די שלימות אז מ'טוט עס מתוך שמחה.

און אין שמחה גופא - בתכלית השלימות, בשעת די שמחה איז בציבור. כמבואר באגה"ק[64] די מעלה פון עבודה בציבור, ניט נאר בנוגע עבודת התפלה, נאר אויך בנוגע תורה ומצוות וכו'. עד"ז איז מובן אז שמחה האט אין זיך א מעלה בשעת דאס איז בציבור, כולל דעם ציבור פון אלע כחות - תענוג ורצון, שכל ומדות.

יט. און דורך די עבודה בתכלית השלימות באופן אז דאס נעמט דורך אלע פרטים, אז "כולן שוין לטובה", ד.ה. אז יעדער פרט של עבודה איז דורכגענומען מיט אלע אנדערע פרטים (מעשה - איז דורכגענומען מיט שלימות אין תענוג ורצון ושכל ומדות. ועד"ז מדות זיינען דורכגענומען מיט דער שלימות פון די אנדערע כחות וכו') - וואס אין דעם באשטייט די עבודה פון דירה בתחתונים, דוקא אן עבודה וואס נעמט דורך אלע פרטים, וואס דוקא דעמולט איז דאס א דירה בשלימות -

ווערט דאס א כלי הממשיך (כידוע אז כלים דקדושה זיינען אויך ממשיך) - די שלימות הדירה, פון בית המקדש השלישי, "מקדש אד' כוננו ידיך"[65], אין ארץ הקודש, ובשלימותה - נוסף אויף ארץ של שבע עממים (שבע מדות), די עשר ארצות, כולל קיני קניזי וקדמוני הארץ (די ג' ראשונות, כתר חכמה ובינה), וואס דאס איז אויך כולל - "ברצונו נתנה לנו"[66], וואס רצון ה' איז כולל חפץ ותענוג (פנימיות הרצון).

און אויך שלימות העם - ניט נאר ווי ס'איז געווען בזמן יאשיהו, ווען גלו העשרה שבטים, נאר אלע אידן ממש.

און שלימות התורה - ניט נאר ווי ס'איז געווען בזמן שלמה, ווען ס'האט מאיר געווען למטה שלימות חכמה עליונה, ביז אז דאס האט אויך דורכגענומען די אוה"ע, אז מלכא שבא איז צוגעצויגן געווארן און האט געבראכט ניצוצי קדושה צו שלמה המלך[67], נאר נאכמער - ווי ס'וועט זיין לע"ל, אז "תורה חדשה מאתי תצא"[68].

וואס דאס איז תלוי אין מעשינו ועבודתינו איצטער, "זרעכם

---

64) סכ"ג. 65) בשלח טו, יז ובפרש"י. 66) פרש"י ר"פ בראשית. 67) ראה תו"א בראשית ו, א. 68) ישעי' נא, ד. ויק"ר פי"ג, יג.

הנחת הת' בלתי מוגה

ושמכם"69 - "תלמודו בידו"70, אלס הכנה צו קבלת תורה חדשה.

און וויבאלד אז מ'האט שוין א ריבוי פון מעשינו ועבודתינו, און מ'האט שוין אויך צוגעפוצט די קנעפלעך71 - איז פארשטאנדיק אז משיח קומט גלייך ממש, ביז - בעגלא דידן ממש, און צוזאמען מיט די אלע דריי שלימויות - בפשטות, ולמטה מעשרה טפחים, תיכף ומיד ממש.

* * *

כ. [בנוגע לזה שהכריז בשמח"ת בעת ההקפות - שכתוב בתורה שארץ ישראל היא בבעלות של בנ"י - אמר:]

ע"פ וואס יענער געפינט זיך ניט דא, און כ'ווייס ניט ווי ס'וועט צו אים אנקומען - אבער "מזלייהו חזי", און זיכער וועט עס אויף אים ווירקן.

[סיום שיחה ב']:

כא. און מ'האט אויף דעם כח אז מ'וועט זיכער מצליח זיין, ביז באופן של קפיצת הדרך (ווי ס'איז געווען ביי אליעזר עבד אברהם כמסופר בפרשתנו) - קפיצת הדרך דכל סדר השתלשלות פאר יעדער איד.

ביז מ'קומט צו דער גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, און מ'האט אלע דריי שלימויות - דער חוט המשולש: שלימות העם, כולל די וואס געפינען זיך מעבר לנהר סמבטיון72, והקיצו ורננו שוכני עפר - אלע אידן במשך כל הדורות, צוזאמען מיט "כספם וזהבם אתם"73, און מ'גייט צו ארץ ישראל, "ארץ אשר גו' תמיד עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"74, און שלימות הארץ - "כי ירחיב ה' אלקיך את גבולך", צוזאמען מיט שלימות התורה ושלימות העבודה,

ובמהרה בימינו ממש.

* * *

[סיום שיחה ג']:

---

69) ישעי' סו, כב. וראה לקו"ת שה"ש בסופו. סד"ה כי כאשר תרע"ח. 70) פסחים נ, א. וש"נ. וראה לקו"ש חכ"ד ע' 570 הערה 19. וש"נ. 71) ראה שיחת שמח"ת תרפ"ס. 72) ירושלמי סנהדרין פ"י ה"ה. ב"ר פע"ג, ה. במדב"ר פט"ז טו. איכ"ר פ"ב, יג. ועוד. 73) ישעי' ס, ט. 74) עקב יא, יב.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

כב. שנה זו צייכנט זיך אויס מיט די צוויי ענינים פון הקהל און שמחה.

וואס דורך שמחה איז מען פורץ אלע גדרים, און ביחד עם זה - ווערט עס נמשך אין זמן ומקום - אז מ'איז מבטל חומריות העולם און מ'איז מברר ומזכך גשמיות העולם, ביז אז מ'זאל דארט קענען זען דעם כח הפועל בנפעל, כאטש אז איצטער קען מען דאס ניט זען.

און ווי עס שטייט אין הלכה[75], אז דורך א מצוה אחת (במחשבה, בדיבור אדער במעשה) קען א איד מכריע זיין את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות ומביא לו ולהם תשועה והצלה, און תשועה והצלחה לעולם, ביז די תשועה והצלחה האמיתית - די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

ובפרט אז מ'שטייט בזמן רעוא דרעוין, און מ'גייט באלד אריין אין מוצאי שבת, ווען מ'עסט סעודתא דדוד מלכא משיחא[76], צוזאמען מיט "כוסי רוי'"[77], כוסו של דוד מלכא משיחא, ווי דוד האט געזאגט "לי נאה לברך"[78].

וואס די הכנה לזה איז דורך דעם וואס מ'טוט איצטער אין הקהל און שמחה באופן של "רוי'", אנהויבנדיק נאך איצטער אין זמן רעוא דרעוין, און דערפון גייט מען גלייך אריין אין מוצאי שבת, סעודתא דדוא מלכא משיחא, צוזאמען מיט "כוסי רוי'" (כנ"ל).

ואע"פ אז בינתיים דארף מען מאכן "הבדלה", איז הבדלה ניט מבדיל נאר מחבר ומאחד, כמדובר כמ"פ. ובפרט לויטן פירוש אין "מלוה מלכה", אז מ'איז מלוה (און מ'געפינט זיך צוזאמען מיט) די מלכה. ובפשטות - אז מ'פראוועט דעם סוף פון רעוא דרעוין צוזאמען מיט דוד מלכא משיחא, ועאכו"כ מוצאי שבת קודש.

ומתוך שמחה - אז מ'טאנצט אלע צוזאמען, צוזאמען מיטן אויבערשטן, כמאחז"ל[79] "עתיד הקב"ה לעשות מחול לצדיקים כו' וכל אחד ואחד מראה באצבעו, שנאמר[80] ואמר ביום ההוא הנה אלקינו זה גו' זה ה' קינוי לו נגילה ונשמחה בישועתו", ב' פעמים "זה", כמבואר בנגלה בתורה, ועאכו"כ בפנימיות התורה.

ולא עכבן אפילו כהרף עין, בעגלא דידן ממש.

* ------

75) רמב"ם הל' תשובה פ"ג ה"ד. 76) סידור האריז"ל (להר"ש מרשקוב). פע"ח סוף שער השבת. 77) תהלים כג, ב. וראה יומא עו, א. 78) פסחים קיט, א. 79) סוף מס' תענית. 80) ישעי' כה, ט.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

לזכות

הרה"ת הוו"ח אי"א

ר' יששכר דוב וזוגתו מרים שיחיו

ווייס

בניו ובתו ובני משפחתם שיחיו

הכתובת להשיג ה"הנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 03-984887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448

שיחת
ש"פ תולדות, מבה"ח כסלו
ה'תשמ"ח



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה
שנת הקהל

SichosKodesh.com

מפתח

SichosKodesh.com

בס"ד. משיחת ש"פ תולדות,
מבה"ח וערב ר"ח כסלו ה'תשמ"ח.

א. דער היינטיקער כינוס השלוחים העולמי, פון די שלוחים שי' פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, בכל מרחבי תבל — הויבט זיך אָן דעם שבת, פ' תולדות.

לויט דער באַוואוסטער תורה פון דעם בעש"ט[1] אַז יעדע זאַך איז בהשגחה פרטית, און דערפאַר דאַרף אַ איד אַרויסנעמען אַ הוראה פון יעדער זאַך וואָס ער זעט אָדער הערט[2], על אחת כמה וכמה פון דער פרשת השבוע וואָס מ'לייענט און מ'לערנט אין דער צייט, כידוע די תורה פון דעם אַלטן רבי'ן[3] אַז מ'דאַרף דערמיט לעבן — איז פאַרשטאַנדיק, אַז היינטיקע פרשה האָט אַ שייכות און מ'קען דערפון אַרויסנעמען הוראות בקשר מיט דעם כינוס השלוחים.

אַמאָל דאַרף מען זוכן די שייכות און הוראה וואָס געפינט זיך אין אַ געוויסן ענין, אָבער אַמאָל — ובפרט אין דעם דור, וואָס „אכשור דרא (בתמי')"[4] — באַווייזט מען אידן קלאָרע און ליכטיקע הוראות, בכדי פאַרלייכטערן זייער עבודה אין דעם חושך כפול ומכופל פון גלות און עקבתא דמשיחא.

אַזוי איז אויך אין אונזער פאַל — אַז אין פ' תולדות זעט מען אָן אָפענע און קלאָרע הוראה בנוגע צו דעם כינוס השלוחים.

ב. דעם ערשטן מאָל וואו עס רעדט זיך אין תורה וועגן שלי־חות איז אין סיום פון היינטיקער סדרה[5] (אין דעם שיעור חומש פון שבת)[5] „וישלח יצחק את יעקב וילך גו'".

ואע"פ אַז אויך פריער, אין פרשת חיי שרה[7], ווערט דערציילט ובארוכה וועגן די שליחות וואָס אברהם אבינו האָט געשיקט אליעזר'ן (און אויך די שליחות איז געווען בנוגע דעם זעלבן ענין „לקחת אשה"[8]) — האָט אָבער אברהם אבינו געשיקט אליעזר'ן ניט אַלס שליח נאָר אַלס עבד. ווי דער פסוק איז מדגיש גלייך בתחלת הפרשה[9] „ויאמר אברהם אל עבדו", און אויך בתחלת דברי אלי־עזר[10] „עבד אברהם אנכי".

---

1) כתר שם טוב (הוצאת קה"ת) בהוספות סקי"ט ואילך.

2) שם סקכ"ז ואילך.

3) „היום יום" ב חשון. ס' השיחות תש"ב ע' 29 ואילך.

4) יבמות לט, ב ואילך.

5) משא"כ וישלח את היונה (נח ח, ח) — אין זה הגדר דשליחות דנדו"ד, כי היא בבן אדם דוקא. ויתרה מזה שאין שליחות לחש"ו „דלא בני דיעה נינהו" (גיטין כג, א).

6) כח, ה.

7) כד, ב ואילך.

8) שם, ד. כח, ו.

9) שם, ב.

10) שם, לד.

און כאָטש אַז אין ביידע זאַכן (שליח און עבד) איז דאָ אַ נקודה משותפת, אַז ער טוט דורך אַן אַנדערן — איז דאָך מובן, אַז עבד און שליח זיינען צוויי באַזונדערע גדרים:

דער גדר פון שליחות איז — אַז דער משלח גיט איבער דעם ענין צו אַ צווייטן מענטשן, אַז דער צווייטער זאָל עס טאָן פאַר אים.

און אע״פ אַז דאָס וואָס מעשה השליח קען אויפטאָן איז עס (ניט מצד עצמו, נאָר) מצד דערויף וואָס דער משלח האָט אים געגעבן (דורך ממנה זיין אים פאַר אַ שליח) די כחות און בעה״בטישקייט אויף דעם, אַז ער זאָל ווערן „כמותו״[11] — איז אָבער דער גדר פון דעם נתינת כח איז, וואָס דער משלח גיט כח צו אַ צווייטן מענטשן, אַז דער צווייטער זאָל האָבן בכח צו אויפטאָן.

משא״כ בשעת מען הייסט אַ עבד טאָן עפּעס, וויבאַלד אַז אַ עבד איז „כספו״[12] פון דעם אדון (און ניט קיין מציאות לעצמו) — איז דער אדון אַליין ממש[13] טוט עס[14].

ג. די סיבה אויף חילוק הנ״ל פון שליח און עבד:

דער תואר „שליח״ וועיזט אויף זיין מעלה, אויף דעם יחס של חשיבות וערך צווישן אים מיטן משלח — ער איז „כמותו״ דהמשלח.

און נאָכמער: בכדי צו קענען ווערן אַ שליח, דאַרף ער זיין (נאָך איידער ער ווערט אַ שליח) בדומה צום משלח — „מה אתם גו׳ אף שלוחכם״[15]. ומצד דערויף וואָס ער איז דומה צום משלח — קען ער ווערן דערנאָך (בשעת ער ווערט נתמנה פאַר אַ שליח) „כמותו״ דהמשלח.

משא״כ דער תואר „עבד״ וועיזט, אדרבה, אויף זיין פחיתות, אַז ניט נאָר וואָס ער איז ניט קיין „אדון״ (אַזאַ וואָס האָט בעל־הבית׳שקייט אויף אַ צווייטן), נאָר נאָכמער — ער איז אפילו ניט ווי סתם אַ מענטש, און נאָכמער — ער האָט ניט אַפילו בעל הבית׳שקייט אויף זיך, ער איז ניט קיין „בן חורין״.

און מצד דעם חילוק צווישן שליח און עבד אין זייער ערך און יחס צום משלח און אדון קומט אַרויס דער חילוק הנ״ל (ס״ב) שבי־ניהם, דער אופן ווי זייער פעולה טוט אויף פאַר דעם משלח און

11) משנה ברכות לד, ב. קידושין מא, ב: שלוחו של אדם כמותו.

12) משפטים כא, כא.

13) וצ״ע במקום שנאמר בשליח כמותו ממש (לע״ע מצאתי רק בתשובות הריב״ש סרכ״ח) אם הכוונה לדין מיוחד בשליח זה ואם בכ״ז מחולק מעבד — לדיעה זו. ולא מצאתי לע״ע שידונו בזה. ואכ״מ.

14) ונפק״מ לדינא, דלהדיעות ש„משלוח מנות״ צ״ל ע״י שליח דוקא (שד״ח אסיפת דינים מערכת פורים סוס״ו. משו״ת בנין ציון סמ״ד) יש לומר, דאינו יוצא במשלוח ע״י עבדו (אם לא כשמינה אותו לשליח, כדלקמן הערה 17).

15) קידושין מא, ב. וש״נ. ואין זה גזה״כ, אלא מובן גם בשכל, שבכדי שיהי׳ „כמותו״ דהמשלח צריך להיות בדומה אליו. וראה לקו״ת ויקרא א, ג.

SichosKodesh.com

אדון:

אַ שליח איז כמותו דהמשלח, דעריבער האָט ער בכח צו אויפ־טאָן דורך זיין פעולה, כאילו ווי דער משלח וואָלט עס געטאָן.

משא"כ דאָס וואָס מעשה העבד טוט אויף פאַר דעם אדון, „מה שקנה עבד קנה רבו"[16] — וויבאַלד אַז דער עבד איז ניט „כמותו" דהאדון ואדרבה — דעריבער איז ניט שייך צו זאָגן אַז ער האָט בכח צו אויפטאָן פאַר דעם אדון[17], נאָר אדרבה: מצד דערויף וואָס ער האָט ניט קיין „כחות", ער איז ניט קיין מציאות, ער איז קנוי לרבו — איז די מעשה וועלכע ער טוט איז עס דעם אדון'ס אַ מעשה, וואָס ער טוט דורך „קניני".

ד. ע"פ הנ"ל וועט מען אויך פאַרשטיין דעם חידוש אין די הוראה אין עבודת ה' וועלכע מען דאַרף אָפּלערנען פון פרשתנו וואו עס רעדט זיך וועגן שליחות, לגבי די הוראה וואָס מען דאַרף אָפּלערנען פון פ' חיי שרה וואו עס רעדט זיך וועגן עבד:

נוסף צו דעם וואָס אידן זיינען דעם אויבערשטנ'ס עבדים, כמ"ש[18] „כי לי בני ישראל עבדים" — האָט דער אויבערשטער גע־מאַכט אידן אויך פאַר זיינע שלוחים[19]. וואָס אין דעם איז דאָ אַ דאָ־פּעלטע מעלה:

(א) דאָס ווייזט אויף די חשיבות פון אידן [אַז נאָך איידער זיי זיינען געוואָרן „שלוחים" זיינען זיי בדומה כביכול צום אויבערשטן, אתם קרויים אדם[20] על שם „אדמה לעליון"[21]. ועל אחת כמה וכמה נאָך דעם ווי זיי זיינען געוואָרן שלוחים, וואָס דאַן זיינען זיי „כמותו" כביכול].

(ב) אַז אַלע ענינים וואָס זיי טוען אויף, איז עס דורך זייער עבודה. וואָס במילא איז פאַראַן אין דעם די מעלה פון „קב שלו", וואָס השם עשה את האדם באופן אשר „אדם רוצה בקב שלו מתשעה קבים של חבירו"[22].

און הגם אַז ס'איז ניט „כחי ועוצם ידי"[23] ח"ו, נאָר מ'באַקומט אויף

---

16) פסחים פח, ב. שו"ע יו"ד סרס"ז סכ"ב. ולהעיר מהדיעה (ראה רשב"א קידושין כג, ב) דמה שקנה עבד נקנה מלכתחילה לרבו.

17) ואף דאפשר למנות גם עבד לשליח* — הוא דוקא כשממנה אותו לשליח, דעי"ז הוא מחשיב אותו למציאות ונעשה כמותו דהמשלח. משא"כ כששולח אותו בתור עבד.

18) בהר כה, נה. וראה תניא פמ"א (נז, א).

19) ראה לקו"ת ויקרא א, ג.

20) יבמות סא, רע"א.

21) של"ה כ, ב. שא, ב. ובכ"מ.

22) ב"מ לח, א.

23) עקב ח, יז.

---

*) והא דאין עבד מקבל גט לחבירו מיד רבו שלו (גיטין כג, ב) — הוא משום „דיד עבד כיד רבו דמי וכשמסרו גט בידו לא יצא גט מרשותו" (רש"י שם), אבל כששולח אותו בתור שליח להולכה למסור גט שחרור לחבירו, מסתבר דמהני.

דעם כח פון דעם אויבערשטן — איז אָבער דער כח ווערט אָפּגע־געבן צו זיי, אַז דאָס ווערט זייערער אַ ענין, ווי גערעדט פריער בענין שליח אַז הגם דער שליח באַקומט כח פון דעם משלח — איז אָבער דער כח המשלח ווערט אָפּגעגעבן צו אים (דעם שליח), אַז ער זאָל קענען דורכפירן די שליחות.

ויש לומר, אַז נוסף צו דעם וואָס אין דעם ענין השליחות איז פאַראַן די מעלה פון „קב שלו" כנ"ל — איז דורך דעם פירט זיך דורך די כוונת הבריאה, וואָס „נתאוה הקב"ה להיות לו ית' דירה בתחתונים"[24]. וואָרום די שלימות פון „דירה בתחתונים", איז, אַז דאָס וואָס די „תחתונים" ווערן אַ „דירה" צום אויבערשטן, זאָל עס זיין (ניט נאָר מצד מלמעלה, נאָר אויך) מצד זייער טבע ומציאות, דורך עבודת (וכח) התחתונים גופא.

ה. אין תורה איז דאָך יעדער ענין בתכלית הדיוק — איז גלייך דעם ערשטן מאָל וואו עס רעדט זיך וועגן שליחות [וואָס דאָס איז אויך אַ הוראה אויף די שליחות פון אידן בכלל ובפרט], איז אָנגע־וויזן אויך אין וואָס עס באַשטייט די שליחות.

די שליחות „וישלח יצחק את יעקב" איז געווען ער זאָל גיין קיין חרן בבית לבן „לקחת לו אשה משם". און ווי עס איז געווען און אַרויסגעוויזן בפועל, אַז דוקא אין חרן („חרון אף של עולם"[25]), האָט יעקב אויפגעשטעלט זיין משפחה און דורכגעפירט דעם ציווי[26] „פרו ורבו גו'", ובאופן ד„מטתו שלימה"[27].

און נוסף וואָס ער האָט דאָרט אויפגעשטעלט זיין משפחה, האָט ער דאָרט אויך געמאַכט אַ דירה לו ית' בתחתונים, דורך דעם וואָס ער האָט מברר ומעלה געווען פון צאן לבן, ביז אַז עס איז געוואָרן באַ יעקב'ן (אין חרן) צאן רבות וגו', ובלשון החסידות מברר גע־ווען די נצוצות קדושה וואָס האָבן זיך געפונען אין צאן לבן[28],

ביז אַז אויך גייענדיק אין וועג, נאָך איידער ער איז אָנגעקומען קיין חרן (מקום שליחותו), איז „ויקח[29] מאבני המקום וישם מראשותיו", ער האָט גענומען אבנים (דומם, נברא הכי תחתון) און האָט זיי מעלה געווען, ביז אַז „והאבן[30] הזאת גו' יהי' בית אלקים".

וואָס דאָס איז אויך די הוראה צו יעדער אידן, אַז די שליחות פון זיין נשמה, וואָס ירדה למטה אין עולם הזה הגשמי (חרן, חרון אף של מקום בעולם)[31], איז —

---

24) ראה תנחומא נשא טז. בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא רפל"ו.

25) פרש"י ס"פ נח. וראה לקו"ש חט"ו ע' 63 ואילך.

26) בראשית א, כח.

27) ויק"ר פל"ו, ה. וראה פסחים נו, א. ספרי דברים ו, ד. ועוד.

28) ראה תו"א ויצא כג, ג. תו"ח שם לח, ב. שם ר"פ וישלח. אוה"ת שם רכח, א.

29) ויצא כח, יא.

30) שם, כב.

31) שעל זה קאי „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה" — אור החיים ויצא כח, יד. הובא ונתבאר בקיצורים והערות לתניא ע' כז. ד"ה ויצא תר"ל, תר"פ, תרפ"ז. וראה

SichosKodesh.com

צו אויפטאָן „פרו ורבו גו'", כפשוטו און ברוחניות, אויפטאָן אין אידישקייט מיט נאָך אַ אידן און נאָך אַ אידן דורך מצות, און תורה בפרט[32] (וואָס „המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו"[33]),

און אויך צו ווירקן אויף אומות העולם (די איינוואוינער פון חרן) אַז זיי זאָלן אָפּהיטן זייערע שבע מצוות[34],

ביז צו מאַכן די גאַנצע וועלט אויך דעם חלק שלמטה מהמדבר, ביז אויך דומם (אבני המקום) פאַר אַ דירה לו ית'[35].

ו. נוסף צו די הוראה פון „וישלח יצחק את יעקב" בנוגע צו די שליחות פון יעדער אידן — איז פאַראַן אויך אַ הוראה מיוחדת בנוגע צו די שלוחים בפשטות פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, וואָס זיין (צווייטער) נאָמען איז יצחק — „וישלח יצחק את יעקב".

אַז זיי זיינען געשיקט געוואָרן למקומות רחוקים, רחוקים ברוחניות, חרן [נוסף צו דעם וואָס עוה"ז בכלל איז חרן] צו אַזוינע ערטער וואָס אין עוה"ז גופא זיינען זיי חרן, בכדי צו אויפטאָן דאָרטן את כל הנ"ל (בנוגע צו זיך, בנוגע צו אַנדערע אידן, און אויך בנוגע צו די מצוות בני נח, כנ"ל).

ז. ויש להוסיף, אַז דורך „וישלח יצחק את יעקב" — אַז יעקב זאָל אַרויסגיין ממקומו של יצחק, און גיין דוקא אין פדן ארם „לקחת לו משם אשה" — האָט זיך אויפגעטאָן אַ ענין וואָס איז ניט געווען במקומו פון יצחק אויך ניט באַ יצחק'ן:

יצחק איז געווען אַ עולה תמימה[36], ובמילא איז באַ אים ניט געווען די עבודה פון מהפך זיין סט"א, זאַכען און מענשען פאַרקערטע פון קדושה צו קדושה [ניט ווי אביו ואמו, וואָס „אברהם הי' מגייר את האנשים ושרה מגיירת את הנשים"[37]]. און דורך דעם וואָס „וישלח יצחק את יעקב" אין פדן ארם, איז נוסף צו די בירורים וואָס ער האָט מברר געווען אין חוץ לארץ — איז געווען „מטתו שלימה", ביז אַז „אלה תולדות יעקב יוסף"[39], וואָס ענינו של יוסף איז „יוסף הוי' לי בן אחר"[40] — צו מאַכן אויך פון „אחר" אַ „בן"[41].

וואָס אַזוי איז אויך בנוגע צו די שלוחים פון נשיא דורנו, אַז די מטרה פון זייער שליחות איז אַנגעוויזן אין דעם ערשטן נאָמען פון

באַרוכה ד"ה ושבתי בשלום תשל"ח (קונטרס ר"ח כסלו תשמ"ח) ס"ז ואילך.

32) ראה לקו"ד ח"ד תשמו, א. ס' השיחות תש"א ס"ע 45 ואילך.

33) סנהדרין יט, ב. הובא בפרש"י עה"פ.

34) ראה רמב"ם הל' מלכים ספ"ח.

35) ראה בכ"ז ד"ה ושבתי בשלום הנ"ל.

36) פרש"י שבהערה 38.

37) ב"ר פפ"ב, ו. פרש"י לך יב, ה.

38) משא"כ יצחק, להיותו „עולה תמימה" אין חו"ל כדאי לו (רש"י פרשתנו כו, ב).

39) ר"פ וישב (לז, ב).

40) ויצא שם, כד.

41) ראה אוה"ת ויצא רכ, א ואילך. ויחי שפו, א ואילך. שד, א ואילך. שצז, ב ואילך.

דעם משלח — יוסף, יוסף הוי' לי בן אחר.

אַז דאָס וואָס ער האָט זיי געשיקט צו פדן ארם און אַמאָל אויך צו חרן (חרון אף של עולם), איז בכדי צו טרעפן זיך מיט אַנדערע אידן, אויך אַזוינע וואָס זיינען דערוויילע בבחי' „אחר", און זיי איבערמאַכן און בפרט דורך מגלה זיין ווי זיי זיינען בבחי' „בן", ביז בנו יחידו של הקב"ה, ביז „בנימין" — „בן ימין"[42], בן ארץ ישראל[43], ארץ אשר תמיד עיני ה"א בה (געטלעכקייט), ביז ארץ שרצתה לעשות רצון קונה[44].

ווי ער האָט איבערגעגעבן די שליחות במיוחד צו די שלוחים וואָס האָבן זיך איצטער צוזאַמענגעקליבן אין דעם כינוס — על מנת איינעם דעם צווייטן שטאַרקן און אָננעמען החלטות טובות ווי צו מוסיף זיין און פאַרברייטערן די עבודה וקיום השליחות פון „וישלח (יוסף) יצחק את יעקב".

ח. און כל זה — טאָן עס בתור שלוחים, ניט נאָר מצד קבלת עול (עבד), נאָר אַלס זיינער אַ אייגענער ענין (שליח), וואָס דאַן טוט מען-עס מיט אַן אַנדער חיות.

ואע"פ אַז אין קבלת עול (עבודת עבד) איז פאַראַן די מעלה פון ביטול — איז אָבער בשעת מען טוט די שליחות אַלס אַ אייגענעם ענין, טוט מען עס מיט מער חיות (כנ"ל), וואָס דאָס איז אויך מוסיף אין דעם קיום השליחות בפועל,

דעריבער, איז דער רצון המשלח אַז מען זאָל עס טאָן (אויך?) אַלס אייגענעם ענין, ובמילא, איז מצד דעם ביטול בקבלת עול גופא פאָדערט זיך אַז מען זאָל עס טאָן (ניט נאָר אַלס עבד, נאָר) אַלס שליח.

ואעפ"י אַז די עבודה פון די שלוחים דאַרף זיין במס"נ, וואָס מס"נ איז פאַרבונדן (לכאורה) מיט ביטול — זעט מען דאָך בפועל, אַז אַ סאַך מאָל איז מס"נ פאַרבונדן דוקא מיט תוקף המציאות: בשעת זיין מציאות איז בחלישות, איז בשעת אַז מילוי רצונו איז פאַרבונדן מיט שוועריקייטן ועאכו"כ מיט אַ סכנה, וועט עס אים אָפּהאַלטן פון דורכפירן זיין רצון; בשעת אָבער ער איז בתוקף המציאות — וועט קיין זאַך ניט אָפּהאַלטן אים פון משלים זיין רצונו, ער וועט עס טאָן אין אַלע אומשטענדן, אַפילו ווען עס פאָדערט זיך צוליב דעם מס"נ.

ט. אויך פון דעם סדר פון שליחות יצחק — קען מען אַרויסנעמען אַ לימוד אין דעם סדר השליחות פון „וישלח יצחק" שבדורנו:

איידער יצחק האָט געשיקט יעקב'ן קיין חרן — האָט ער אים גע-

42) פרש"י וישלח לה, יח.

43) פרש"י שם.

44) ב"ר פ"ה, ח.

SichosKodesh.com

בענטשט[45] „ויתן לך האלקים מטל השמים ומשמני הארץ ורוב דגן ותירוש וגו׳״[46].

און אַ ברכה שלא ע״ד הרגיל כלל — ויתן״, „יתן ויחזור ויתן״[47]: געוויינלעך בענטשט מען מיט עיקר הברכה און דערנאָך גיט מען אין דעם צו אַ הוספה על העיקר. ברכת יצחק איז געווען אין אַן אופן אַז מלכתחילה האָט ער אָנגעהויבן מיט דער הוספה (לכת־חילה אַריבער) — „ויתן״, דער וא״ו המוסיף נאָך פאַר דעם „יתן״.

און אויך דער תוכן פון ברכת יצחק איז „עיקר ומקור כל הבר־כות לעולם״, ווייל „עיקר ההשפעה ברבוי אור וחיות ביותר״ זיינען דוקא דורך יצחק, בחי׳ גבורות, „לפי שיש בהם תגבורת אור וחיות בכח עצום יותר כו׳״[48].

ולכל לראש זיינען זיי ברכות בגשמיות העולם — „ויתן לך מטל השמים ומשמני הארץ ורוב דגן ותירוש גו׳״ בפשטות, אין מקרא יוצא מדי פשוטו[49].

דערצו (אָבער פאַרשטענדליך אַז דאָס איז אַן עיקר) זיינען די ברכות כולל די אַלע פירושים שבזה במדרשי חז״ל. „מטל השמים זו מקרא, ומשמני הארץ זו משנה, דגן זו תלמוד, תירוש זו אגדה״[50], ועוד.

ונוסף צו די ברכות מיט וועלכע יצחק האָט געבענטשט יעקב׳ן קודם שליחותו לחרן — איז גלייך לאחר השליחות עצמה האָט ער אים גלייך נאָך און נאָך געבענטשט, „ויקרא יצחק אל יעקב ויברך אותו גו׳ וא־ל שד־י יברך אותך ויפרך וירבך והיית לקהל עמים, ויתן לך את ברכת אברהם לך וזרעך אתך לרשתך את ארץ מגוריך וגו׳״[51].

און דערנאָך, אויך בתחלת השליחות בפועל — בענטשט אים דער אויבערשטער, „והי׳ זרעך כעפר הארץ ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה ונברכו בך כל משפחות האדמה ובזרעך, והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך וגו׳״[52], ביז אַז דאָס האָט גלייך גע־פועל׳ט אויף יעקב׳ן, אַז „וישא יעקב רגליו, משנתבשר בשורה טובה

---

45) ויש לומר, שגם בזה נראה החידוש של שליחות (לגבי עבדות) — כי היות שהשליח הוא מציאות בפ״ע וצריך לקיים שליחותו (גם) בקב שלו, אפשר להיות אצלו כמה בלבולים בקיום שליחותו, ולכן זקוק הוא לברכות להסיר הבלבולים כו׳; משא״כ העבד בטל לגמרי אל אדונו, עד שהוא מציאות האדון, ובמילא אינו עושה שום חשבונות בקיום ציווי האדון.

46) פרשתנו כז, כח ואילך.

47) וזהו פשוטו של מקרא — פירוש הראשון בפרש״י.

48) סידור עם דא״ח שער התקיעות רמז, א־ב.

49) שבת סג, ב. וש״נ.

50) ב״ר פס״ו, ג.

51) פרשתנו כח, א ואילך. וראה שם, ז: וירא גו׳ כי ברך יצחק את יעקב ושלח אותו גו׳.

52) ויצא כח, יד.

שהובטח בשמירה נשא לבו את רגליו ונעשה קל ללכת״[53], ביז אַז „כחו גדול״[54].

יא. דערפון קען מען אויך אָפלערנען בנוגע צו „וישלח יצחק״ שבדורנו זה — בקשר מיטן היינטיקן כינוס השלוחים[54*]:

איידער „יצחק״ שבדורנו שיקט אַרויס אַ שליח — בענטשט ער אים, און מיט ברכות וואָס זיינען למעלה ממדידה והגבלה — „יתן ויחזור ויתן״, און די גרעסטע ברכות — „מקור כל הברכות לעולם״.

ולכל לראש — ברכות בגשמיות, „ויתן לך האלקים מטל השמים ומשמני הארץ ורוב דגן ותירוש גו׳״, מ׳זאָל האָבן פרנסה בהרחבה, „ויפרך וירבך גו׳״ — בני חיי ומזוני רויחי ובכולם רויחי.

און דערנאָך איז דאָס אויך כולל ברכות אין עבודה רוחנית פון דעם שליח, אין לימוד התורה, נגלה דתורה ופנימיות התורה, און קיום המצוות[55], און דער עיקר — ברכות אין מקיים זיין שליחותו בפועל אין הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה.

אויך בשעת מינוי השליח — בענטשט אים „יצחק״ נאָכאַמאָל. און אויך ווען ער גייט אַרויס בשליחותו, איז גלייך בתחלה באַקומט ער נאָך ברכות פון דעם אויבערשטן, אַז „והי׳ זרעך כעפר הארץ ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה ונברכו בך כל משפחות האדמה ובזרעך, והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך וגו׳״, אַז ער וועט מצליח זיין אין קיום השליחות פון „ופרצת גו׳״ — הפצת המעינות חוצה.

דאָס הייסט: נוסף אויף דעם וואָס דער משלח נשיא דורנו האָט אָנגעזאָגט, אַז ער האָט מקבל געווען די נשיאות פון זיין פאָטער בתנאי אַז אַלע ענינים זאָלן זיין בחסד וברחמים, וכמובן אַז דאָס גייט אויף אַלע זיינע שלוחים (שהם כמותו דהמשלח) — בענטשט דער משלח יעדער שליח איידער ער גייט אַרויס בשליחותו, און בעת מינוי השליחות, און דערנאָך אויך בתחלת השליחות.

און די ברכות ווערן נמשך על כל המשך זמן השליחות, און אויך צו „זרעך״, עד סוף כל העולם.

און ווי מ׳זעט בפועל קיום ברכות אלו — באַ די שלוחים (וואָס

---

53) שם כט, א ובפרש״י.

54) פרש״י שם, י.

*54) ובפרט שיום התחלת הכינוס הוא בשבת ק׳ מברכים וערב ראש חודש כסלו, שכל ראש חודש הוא מעין ראש השנה (ומקבל מברכת ראש השנה), ובפרט ר״ח כסלו — הכולל י״ט כסלו, ראש השנה לחסידות. והרי עיקר ההמשכה דראש השנה היא ע״י יצחק וברכת יצחק („ויתן לך״) — כמבואר בסידור שבהערה 48.

55) ע״ד סדר הנהגת הבעש״ט, שלכל לראש עזר לבנ״י בגשמיות (עוד קודם לגמרי מהתגלותו), ואח״כ — ברוחניות. — וראה בזכרונות כ״ק מו״ח אדמו״ר.

SichosKodesh.com

זיינען נתמנה געוואָרן לפני עשר שנה, עשרים שנה וכיו״ב) — אַז זיי האָבן זיך אַלע ב״ה מסתדר געווען, און אויפגעשטעלט משפחות מיט בנים ובנות עוסקים בתורה ובמצוות, בבני חיי ומזוני רויחי וב־כולם רויחי. ונוסף לזה — זעט מען די ברכות שלמעלה מדרך הטבע אין די הצלחה פון די שלוחים אין מילוי שליחותם בהפצת התורה והיהדות והמעינות חוצה.

וואָס דאָס זיינען ברכות הכי גדולות. נאָר מצד געוואוינהייט איז מען דערצו אַמאָל ניט משים לב כדבעי, און מ׳רעדט זיך אַמאָל איין אַז מ׳באַקומט ניט פון משלח אַלע ברכות וואָס מ׳דאַרף האָבן.

יב. דאָס איז אויך אַן ענטפער צו די שלוחים וועלכע פרעגן און בעטן ברכות אין פאַרשידענע ענינים, אַנהויבנדיק פון פרנסה בגשמיות, בכדי זיי זאָלן קענען אויספירן זייער שליחות במילואם אָן קיינע זייטיקע בלבולים:

דער משלח בענטשט יעדער שליח נאָך איידער ער גייט אַרויס אין זיין שליחות, און ער בענטשט אים ווייטער — מיט אַלע ברכות אין וועלכע ער נויטיקט זיך, ביז מיט די גרעסטע ברכות וואָס קענען זיין: „ויתן לך — יתן ויחזור ויתן — האלקים מטל השמים ומשמני הארץ גו״. און כו״כ פון די ברכות זיינען שוין מקויים גע־וואָרן בפועל — מ׳דאַרף זיך נאָר צוקוקן אויף דעם אייגענעם לעבן און דעם לעבן פון בני ביתו, און אין די הצלחה שבעבר אין קיום השליחות שלו למעלה מדרך הטבע — וועט מען זען די ריבוי ברכות המשלח שבזה.

ועוד והוא העיקר: די כוונה פון די אַלע ברכות איז — צוצוגעבן כחות און מרץ אין קיום השליחות בפועל, אַז עס ווערט „נשא לבו את רגליו ונעשה קל ללכת״ און „כחו גדול״ אין זיין שליחות בעולם, ניט קוקנדיק אויף די אַלע העלמות והסתרים ומניעות ועי־כובים אַרום אים.

ואדרבה: דורך די עבודה בקיום השליחות אין „חרון אף של עולם״ — זאָל ווערן „ויפרוץ האיש מאד מאד ויהי לו צאן רבות״[56], אַנהויבנדיק פון — עשירות בגשמיות, און אויך — עשירות ברוח־ניות: וויפל ביי אים איז געווען „כחו גדול״ ביז איצטער בקיום שלי־חותו — איז ביי אים שטענדיק „מעלין בקודש״[57], ומי שיש לו מנה רוצה מאתיים, מאתיים רוצה ד׳ מאות[58], א. אַ. וו.

יג. בכדי אַריינגעבן אַ חיזוק וקיום אין דער ברכה וואָס ווערט נתחדש בשבת זה „ויתן לך, יתן ויחזור ויתן״ — אַ קיום וואָס וועט

---

56) ויצא ל, מג.

57) ברכות כח, א. וש״נ.

58) ראה קה״ר פ״א, יג. פ״ג, י. רמב״ן ובחיי ס״פ חיי שרה. שערי תשובה לר״י ב, כז. מנורת המאור להר״י אלנקווה ח״ד פי״ד ע׳ 250.

פאַרבלייבן אויך שפעטער — וועט מען מאַכן אַ התחלה בפועל אין דעם „ויתן לך, יתן ויחזור ויתן":

אַלע שלוחים האָבן הוצאות כספיות. און כמה וכמה האָבן אַ הוצאה וואָס איז מרובה על ההכנסה.

וואָס דאָס איז אַמאָל פון די גרעסטע דאגות פון די שלוחים, וואָס שטערט צו קיום השליחות בפועל. איז בכדי אַראָפּנעמען אַ טייל פון די דאגות — איז מען מציע, ומפקחין על צרכי ציבור בשבת[59]:

די שלוחים וואָס וועלן צושטעלן (אין דער מחלקה מיוחדת וואָס מ'וועט באַשטימען אויף דעם ענין) אַ קלאָרן דין וחשבון פון זייער דעפיציט (ביז דעם ראש חודש כסלו, אָדער ראש השנה לחסידות הבע"ל), מיט אַן אישור פון אַן עורך חשבון — וועט מען זיי, בלי נדר, געבן, „יתן" (פון אַ קופה מיוחדת) — צען פּראָצענט (מעשר) פון זייער דעפיציט. „ויחזור ויתן" — האַלב פון די איבעריקע ניינציק פּראָצענט[60] אַלס אַ הלואה פאַר פיר אָדער פינף יאָר, אָנ־הויבנדיק פון ראש חודש כסלו שנה זו.

און כרגיל בכגון דאָ, זאָלן זיי אויך צושטעלן המחאות (טשעקס) אויף תשלומים אויף די הלואה אָנהויבנדיק פון דעם ערשטן תשלום לא יאוחר פון חודש כסלו תשמ"ט, און דער צווייטער תשלום — ביז ר"ח כסלו תש"נ, תשנ"א, תשנ"ב, אָדער תשנ"ג (לכל היותר).

ויה"ר אַז דאָס זאָל זיין אַ התחלה טובה אין דעם כינוס השלוחים — דאָס זאָל צוגעבן נאָכמער הצלחה אין די אַלע ענינים וואָס מ'וועט אָפּרעדן באַ דעם כינוס, ועוד ועיקר — מער הצלחה אין קיום השליחות בפועל, יעדערער במקומו.

יד. אין צוגאָב צו דעם — וועט מען אויך געבן, „יתן ויחזור ויתן", אַן ענין של תורה להבדיל, ושל צדקה — וואָס דאָס איז דאָך דער עיקר נתינת כח אין דער עבודה פון די שלוחים (נאָר מפני חושך הגלות מיינט מען אַמאָל אַז דער עיקר זיינען די הוצאות...):

מאָרגן, ראש חודש כסלו, נאָך מנחה — וועט מען געבן, „יתן", יעדער שליח, סיי די אנשים און סיי די נשים ובנות — אַ קונטרס, אַ מאמר חסידות ד"ה ושבתי בשלום, מלוקט ומיוסד אויף מאמרי רבותינו נשיאינו, וועלכער איז מבאר די ערשטע פסוקים פון פ' ויצא יעקב וילך חרנה בשליחותו של יצחק, כולל אַ ביאור אין די ברכות וואָס ער האָט דעמולט באַקומען און די תפלות וואָס ערהאָט געגעבטן בכדי מצליח זיין בשליחותו.

ובצירוף עם זה — „יחזור ויתן" — אַ שטר דאָלאַר אויף אָפּגעבן לצדקה.

---

59) ראה שבת קנ, א. טושו"ע (ואדה"ז) או"ח סש"ו ס"ו (סי"ב).

60) ולהעיר מהשייכות לתשעים שנה מהתייסדות ישיבת תומכי תמימים (תרנ"ז־תשמ"ז), שתלמידי התמימים הם הם השלוחים. וכידוע השיחה דכל היוצא למלחמת בית דוד כו' בקשר לתפקיד ושליחות התמימים.

SichosKodesh.com

טו. דער עיקר כוונה פון די נתינות („ויתן לך") — נוסף צו נתינת שאר כל הברכות — פון דעם משלח, איז בכדי אראפנעמען די מניעות צו מילוי וקיום השליחות, בכדי מ'זאל אין דעם נאכמער מוסיף זיין, כטבע האדם אז מי שיש לו מנה רוצה מאתים, ומי שיש לו מאתיים רוצה ד' מאות (כנ"ל).

ובפשטות:

יעדער שליח האט דאך ביז איצטער זיכער אויפגעטאן גדולות ונפלאות אין מילוי השליחות פון „וישלח יצחק את יעקב" — בכדי אויפשטעלן א משפחה כפשוטה וברוחניות (כנ"ל), און מברר זיין „חרון אף של עולם", ובעיקר — „יוסף ה' לי בן אחר", און „יצחק" — „כל השומע יצחק לי"[61], ובכללות — די עבודה פון „ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו גו' והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהי' בית אלקים", מאכן פון די דברים (אויך הכי) תחתונים שבעולם א בית ודירה לו יתברך.

ובמיוחד בשנה זו — „שנת הקהל" און „שנת תשמח" — די עבודה פון „הקהל[62] את העם, האנשים והנשים והטף[63] גו' ויראו את ה' אלקיכם ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת גו' כל הימים אשר אתם חיים על האדמה": און די עבודה (תשמח) מתוך שמחה.

לאחרי כל זה — דארף דער שבת פ' תולדות, מברכים וערב ר"ח כסלו, ווען עס ווערט באנייט דער „וישלח יצחק את יעקב" און די אלע ברכות פארבונדן דערמיט („ויתן לך גו'") — ארויסרופן א נייע החלטה בא יעדער שליח, צו פארשטארקן זיינע פעולות אין מילוי השליחות ביתר שאת וביתר עוז, ביז באופן שלא בערך.

ובפרט אז די החלטות הנ"ל ווערן אנגענומען אין א מקום קדוש, א בית גדול, שמגדלין בו תורה ותפלה[64] וצדקה — גיט דאס נאכמער כח אויף ממשיך זיין ובהוספה די ענינים אויך לאחרי זה[65].

טז. ולהוסיף, אז פון דאס אלעם אויבנגערעדטע בנוגע צו די

---

61) וירא כא, ו.

62) וילך לא, יב ואילך.

63) ולהעיר מהשייכות לפרשתנו ולהאמור לעיל: ברכת יצחק ליעקב הי' לאחרי ההקדמה דהבאת שני השעירים ע"י יעקב ליצחק, שהם כנגד קרבן פסח וחגיגה או שני שעירי יוהכ"פ (זהר פרשתנו קמב, א. וראה לקוטי לוי"צ לשם). ובשניהם מודגש ענין דהקהל כל העם:

ע"י אכילת החגיגה נאכל פסח על השובע — שאז כל ישראל שוים באכילת הפסח. נוסף על זה שפסח (קרבן יחיד) נקרא קרבן פרהסיא וציבור (ראה ירושלמי פסחים רפ"ו. וראה בארוכה לקו"ש חי"ח ע' 104 ואילך. וש"נ).

שני השעירים ביוהכ"פ — אחת בשנה — מורים על התאחדות המעלה מעלה (שעיר להשם) ומטה מטה (שעיר לעזאזל). והם ע"י הגורל שהוא כמו עשה"ד (תשובות הגאונים קושטא, של"ה. ירושלים, תש"כ — סי' ס. ווילנא, תשמ"ה — סי' נז).

64) מגילה כט, א.

65) ע"ד מ"ש בזהר (ח"ג רסג, ב. וראה רמ"א יו"ד סרפ"ה ס"ב) בנוגע למזוזה, שה' ישמור צאתך ובואך מעתה ועד עולם (תהלים קכא, ה), לא רק כשהוא נמצא בבית, אלא גם ביציאתו.

שלוחים וואָס זיינען זיך משתתף אין דעם כינוס השלוחים בשבת זה — האָבן זיכער אַלע אידן פון אונזער דור אַ הוראה ונתינת כח בנוגע צו זייער שליחות, אַלס שלוחים פון דעם אויבערשטן, צו מאַכן פון זייער חלק בעולם אַ דירה לו יתברך בתחתונים.

און אויך זיי — באַקומען דערויף אַלע ברכות פון דעם אויבערשטן, דורך „יצחק״ של דורנו, נשיא דורנו, סיי ברכות לפני השליחות, און סיי בעת השליחות.

יז. ויהי רצון, אַז די הוספה אין קיום השליחות פון „וישלח יצחק את יעקב״ אין גלות, „חרון אף של עולם״ — זאָל נאָכמער ממהר זיין קיום הברכות וההבטחות בפועל, אַז „ושבתי בשלום אל בית אבי״[66], בגאולה האמיתית והשלימה, וואָס דעמולט וועלן אַלע אידן קומען בשלום „אל בית אבי״ — „יאמרו ליצחק כי אתה אבינו״[67],

און אַלע אידן — והשלוחים בראשם — וועלן גיין אין ארץ ישראל, מקומו האמיתי פון יעדער איד זייענדיק אַ „בנימין״, „בן ימין״, בן ארץ ישראל, און אין ארץ ישראל גופא — אין ירושלים עיר הקודש, אין ביהמ״ק, אין קדש הקדשים.

והקיצו ורננו שוכני עפר[68] וכנ״ל — יצחק אבינו וכ״ק מו״ח אדמו״ר וכו׳ וכו׳,

ועוד ועיקר — תיכף ומיד ממש, ולא עכבן אפילו כהרף עין[69].

66) ויצא כח, כא.

67) שבת פט, ב.

68) ישעי׳ כו, יט.

69) ע״פ מכילתא ופרש״י בא יב, מא.



SichosKodesh.com

בס"ד. שיחת ש"פ תולדות, מבה"ח וערב ר"ח כסלו ה'תשמ"ח.

הנחת הת' בלתי מוגה

השלמות לשיחות הראשונות

[סיום שיחה א']:

א. און עס ווערט נתגלה ווי יעדער איד איז "בנימין", א בן ארץ ישראל – און אלע אידן, והשלוחים בראשם, געפינען זיך אין ארץ הקודש, "ארץ אשר גו' תמיד עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"[1], ובירושלים עיר הקודש, ובהר הקודש,

און מ'טוט דארטן די שליחות כללית פון "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם"[2], וואס דאס איז תלוי אין דער עבודה פון אידן במשך זמן הגלות ובפרט אין עקבתא דמשיחא[3], וואס די עבודה בקב שלו (ע"ד "והאבן הזאת גו' יהי' בית אלקים"[4]) טוט אויף אז דער ביהמ"ק השלישי זאל זיין א מקדש נצחי, "מקדש אד' כוננו ידיך"[5], "גדול יהי' כבוד הבית הזה האחרון יותר מן הראשון"[6] (לויט דעם פירוש אז דאס גייט אויף ביהמ"ק השלישי[7], נוסף אויפן דעם פירוש אז דאס גייט אויפן בית שני)[8].

און די נקודה עיקרית שבכל זה – אז באופן של "אחישנה"[9] קומט די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, און אין אן אופן של נקודה אחת.

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט די עבודה פון הקהל, וואס איז אויך א נקודה אחת פון אלע אידן "ליראה את ה' אלקיכם"[10],

און צוזאמען מיט דער נקודה אחת, ווערט דאס נתפשט באופן של בלי גבול, "פרזות תשב ירושלים"[11], "ויפרוץ האיש מאד מאד"[12], "ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה"[13],

ובפרט ווען מ'שטייט אין זמן פון רעוא דכל רעוין, וואס איז פארבונדן מיט נחלת יעקב, "נחלה בלי מיצרים...שכתוב בו ופרצת ימה וקדמה כו'"[14].

און מ'האט די נקודה אחת פון דעם ארון הקודש ולוחות הברית בקדש הקדשים, אין דעם "מקדש אד' כוננו ידיך", שבהר הקודש, שבירושלים עיר הקודש, שבארץ הקודש, ועתידה ארץ ישראל שתתפשט

---

1) עקב יא, יב. 2) תרומה כה, ח. וראה בכל הבא לקמן – לקו"ש תולדות השבועי. 3) ראה תניא רפל"ז. 4) ויצא כח, כב. 5) בשלח טו, יז ובפרש"י. 6) חגי ב, ט. וראה ב"ב ג, סע"א. 7) זח"א כח, א. וראה לקו"ש ח"ט ע' 28 הערה 29. 8) ב"ב שם. וראה לקו"ש ח"ט שם. 9) ישעי' ס, כב. סנהדרין צח, א. 10) וילך לא, יג. וראה שיחת ליל ה' דחגה"ס שנה זו. 11) זכרי' ב, ח. 12) ויצא ל, מג. 13) שם כח, יד. 14) שבת קיח, סע"א ואילך.

בכל הארצות[15],

ובמהרה בימינו ממש, למטה מעשרה טפחים, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו,

והקיצו ורננו שוכני עפר[16], ונשיא דורנו בראשנו.

* * *

[בענין הברכות ד"ויתן לך" - שלכל לראש הן ברכות בגשמיות, ואח"כ ברכות ברוחניות (כדאיתא במדחז"ל)]:

ב. ווי דער סדר איז אין לימוד התורה בכלל: לכל לראש לערנט מען מקרא - בן חמש שנים למקרא[17] - ואין מקרא יוצא מדי פשוטו[18], דערנאך ערשט קומט מען צו בן עשר שנים למשנה[17], וואס משנה באשטייט טאקע פון הלכות ברורות און דאס איז פירושה פון תורה שבכתב, אבער דאס איז ניט פירוש הכתובים בפשטות, און דערנאך ערשט קומט מען צו בן חמש עשרה לגמרא און מדרשי חז"ל וכו'.

ואע"פ אז מדרש איז נכלל אין "שליש במקרא"[19] (כמבואר בלקו"ת[20]), איז דאס אבער נאר לאחרי ווי מ'דערגרייכט דעם גיל ווען מ'לערנט מדרש, משא"כ א בן חמש - לערנט נאר מקרא.

[בהמשך לכל הברכות של המשלח, נשיא דורנו - אמר]:

ג. נאר אמאל מצד געוואוינהייט - איז מען דערצו ניט משים לב כדבעי.

אנשטאט טראכטן וועגן טאן די עבודה וואס מ'האט אים געגעבן - איז ער פארנומען טראכטן וואס עס טוט זיך ביי א צווייטן, במילא ווערט נתעורר קנאה, קנאת "סוחרים" וכו'; אדער ער איז פארנומען מיט טראכטן וועגן זיין עסק און וועגן שאפן געלט, אין גשמיות און חומריות - און ערשט לאחרי כל זה, ווען מ'זאגט אים אז ער דארף זיך מתבונן זיין אין "מה גדלו מעשיך ה'"[21], "מה רבו מעשיך ה'"[22] - זעצט ער זיך טראכטן, אבער וויבאלד אז ער איז א גאנצן טאג געווען פארנומען מיט טראכטן וועגן זיינע עקביים - געלט, וואס "ממונו של אדם מעמידו על רגליו" (ווי די גמרא זאגט[23] - ער האט נאך א ראי' לזה פון גמרא...) ווערט ער גלייך אנטשלאפן

---

15) ראה פס"ר פ' שבת ור"ח ב. ילקוט שמעוני ישעי' רמז תקנ. ועוד. 16) ישעי' כו, יט. 17) אבות פ"ה מכ"א. 18) שבת סג, א. ועוד. 19) קידושין ל, א. 20) ויקרא ה, ד. 21) תהלים צב, ו. 22) שם קד, כד. 23) פסחים קיט, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

אין מיטן דעם לערנען!

און דערנאך אז עס קומט דער יום שלאח"ז, ווען ער קען רעדן אויפן טעלעפאן, איז דער ערשטער זאך אין טאג איז ער פאנומען מיט הערן וואס טוט זיך דא און דארטן.

איז דאך דערנאך קיין פלא ניט פארוואס ער איז אזוי פאר'דאגה'ט, און האט ניט קיין צייט און כח אויף מקבל זיין די ברכות פון נשיא דורנו. ווארום בשעת ער שטייט אין מרה-שחורה און אין דאגות - איז דאך דאגה גוררת דאגה (אזוי ווי מצוה גוררת מצוה[24]).

און וויבאלד אז ער ווערט רגיל בזה (דאגה אחר דאגה) איז הרגל נעשה טבע[25], און ס'איז שווער פאר אים צו בייטן זיין הנהגה. און דאס שטערט בפועל צו לערנען חת"ת כדבעי, און ניט סתם יוצא זיין מיט לערנען תושב"כ באופן פון לא ידע מאי קאמר[26] - וואס ע"פ דין - טענה'ט ער - איז מען דערמיט יוצא. ווער רעדט נאך וועגן לערנען רמב"ם, ובאופן אז אנשטאט דאגה אחר דאגה, איז ביי אים לימוד הרמב"ם גורר נאך א לימוד אין רמב"ם - ווייל לאחרי ווי ער פארשטייט כדבעי דעם ענין אין רמב"ם וואס ער האט געלערנט, וויל ער גלייך וויסן וואס עס שטייט אין רמב"ם שלאחריו אדער אין רמב"ם שלפניו וכו'.

אויף דעם האט ער אבער ניט קיין צייט, ווייל ער איז פאר'דאגה'ט פון ענינים גשמיים און געלט. וכאמור - איין דאגה ברענגט גלייך א צווייטע דאגה.

אויף דעם האט מען די הוראה פון רבותינו נשיאנו[27]: בשעת דו וועסט טראכטן גוט, ניט נאר אז ער זאגט אז ער טראכט גוט אדער ער שרייבט אז ער טראכט גוט, נאר ער טראכט טאקע גוט - וועט זיין גוט.

טענה'ט ער אז דאס איז ניט זיין טבע. אויב דאס איז ניט דיין טבע - גיי צו א דאקטאר און נעם פון אים פילן בכדי דיר בארויקן. פונקט ווי אויב פון דיר רינט פון נאז דריי טעג נאכאנאנד (מער פון חזקה), בא דיר איז א "נאסטארק" (ווי מ'זאגט אויף רוסיש) - וועסטו ניט בלייבן זיצן אויף אן ארט, נאר דו וועסט לויפן צו א דאקטאר ער זאל דיר אויסהיילן, אזוי אויך אין דעם פאל - גיי צו א דאקטאר און הייל זיך אויס!

---

24) אבות פ"ד מ"ב. 25) ראה שבילי אמונה ד, ה. וראה יומא פו, א. ועוד. 26) ראה הל' ת"ת לאדה"ז ספ"ב. וש"נ. 27) ראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' תקלז. ח"ז ע' קצז. ובכ"מ.

הנחת הת' בלתי מוגה

בשעת ער בלייבט אבער בא זיין טבע פון דאגה'ן - מצד הרגל נעשה טבע - ברענגט עס אז וויפל ברכות ער זאל באקומען דאגה'ט ער ווייטער.

ובדידי הוה עובדא: איינער האט מיר געשריבן, און מ'האט אים געענטפערט און באווארנט דער ענין וועגן וואס ער שרייבט. דערנאך אויף מארגן באקום איך נאך א בריוו - און ס'איז צו מיר אנגעקומען באופן ישר בדרך נס - וואו ער שרייבט ווייטער - אז דאס איז א דבר ברור אז ס'איז דא א גזירה, אבער ער ווייסט אז מ'האט בכח צו מבטל זיין די גזירה, במילא בעט ער א ברכה אז מ'זאל אויף אים מעורר זיין און אוועקנעמען די "גזירה"!...

ס'איז ניטא קיין גזירה און קיינע ענינים, ואדרבה - מ'האט אלע ברכות פון נשיא דורנו. מ'דארף דערצו אבער מאכן א כלי מתאים - ניט דורך דאגה'ן, נאר דורך טראכטן גוט, וועט זיין גוט.

וכאמור לעיל, אז נשיא דורנו גיט אלע נויטיקע ברכות. מ'דארף דערצו נאר זיין א כלי מתאים - לכל לראש דורך ניט פאלן אין מרה שחורה, וואס די מרה-שחורה לאזט אין אים ניט אריין קיין ענין פון "מרה לבנה". אויב מ'וואלט אבער ארויסגענומען פון זיך די אלע דברים המעכבים כו', וואלט מען דעמולט געזען נאכמער ברכות און בעל-שם'סקע מעשיות פון נשיא דורנו ווי מ'האט געזען ביז איצטער!

און טאמער מ'רעדט זיך איין אז מ'האט ניט אלע ברכות - דארף מען זיך באטראכטן צי דאס וואס אים מיינט אז אים פעלט, דארף ער טאקע האבן. ניט זיין פאטער האט עס געהאט און ניט זיין זיידע האט עס געהאט - איז צוליב וואס דארף ער דאס האבן.

די אלע ענינים פון טלוויזי' וכו' - ברענגען נאר אריין נאך דאגות און בזבוז זמן, נוסף לזה וואס מ'באווייזט דארטן כל מיני ווילדע זאכן, און בשעת די קינדער זעען דאס, קומען זיי און ווילן וויסן וואס איז די צאצקע, און וואס איז יענע צאצקע, און מ'דארף זיך פארנעמען מיט זיי מסביר זיין.

אלא וואס דען, היות אז ס'איז דא א "מצות עשה להתפלל כו' שואל צרכיו שהוא צריך להם"[28] - מאכט ער זיך אַן צרכים, ער רעדט זיך אלייין איין אז ער דארף האבן די און די זאך וואס ער דארף בכלל ניט האבן!...

און טאמער מ'דארף נאך הילף אין דעם - דארף ער גיין צו

28) רמב"ם ריש הל' תפלה פ"ה ה"א-ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

זיין רב. ער איז אבער ניט שייך צו נעמען אן עצה ביי א צווייטן. ער האלט זיך פאר א גרויסער חכם - ווען באמת איז ער בכלל ניט קיין חכם. אבער אויב מ'וועט דאס אים זאגן - וועט זיין שבירת הכלים. זאגט מען אז ער איז א חכם, אבער אעפ"כ דארף זיין "עשה לך רב"[29]: ניט נאר אז ער באשטימט זיך א רב, און אפילו אז ער פרעגט ביי אים אמאל אן עצה - טוט ער ווי ביי אים קומט אויס, נאר "עשה לך רב", באופן של כפי', כמדובר כמ"פ[30].

ד. [סיום השיחה]:

און דורך דער החלטה שבזה איצטער - באקומט מען שוין דעם שכר (ווי עס שטייט אין שו"ע[31]), ובפרט אז מ'געפינט זיך אין א בית הכנסת, "בית גדול", מקום שמגדלין בו תפלה"[32], און א בית המדרש, "מקום שמגדלין בו תורה"[32] ווערט דערפון נמשך אויך לאחרי זה.

ע"ד ווי עס שטייט אין זהר בנוגע צו מזוזה[33], אז "ה' ישמור צאתך ובואך מעתה ועד עולם"[34], מיינט אז די שמירה איז אויך ביציאתו מן הבית.

און אין אן אופן אז כל הבית כולו ווערט דורכגענומען מיט דעם בית גדול - אז עס ווערט א "בית מלא ספרים", ד.ה אז כל הבית כולו - ניט נאר די פאליצע וואו עס ליגן די ספרים, נאר אויך דער כסא, מנורה, שולחן ומטה[35] - ווערט "מלא ספרים", ווייל די אלע ענינים ווערן דורכגענומען מיט די ספרים: ער האט א כסא בכדי קענען לערנען אין די ספרים בהתיישבות; דער שולחן איז בכדי לערנען אויף אים אין די ספרים; די מנורה איז בכדי ער זאל קענען לערנען בלילה, וואס דעמולט איז עיקר הלימוד, כמ"ש "קומי רוני בלילה"[36]; די מטה איז בכדי ער זאל זיך קענען אפרוען בין לימוד ללימוד, ע"ד "הפסקות משמשות ליתן ריוח כו' להתבונן בין פרשה לפרשה"[37].

און דורך לימוד התורה איצטער - האט מען "תלמודו בידו"[38] אלס הכנה צו "תורה חדשה מאתי תצא"[39], תורה אין א באנייטן אופן,

---

29) אבות פ"א מ"ו, שם מט"ז. 30) וראה שיחת ליל ו' דחגה"ס תשמ"ז. 31) ראה או"ח סתקע"א ס"ג. וראה תענית ח, ב. 32) מגילה כט, א. 33) נסמן בשיחה המוגהה הערה 65. 34) תהלים קכא, ח. 35) ראה מלכים ב ד, י. וראה זח"ב קלג, א. 36) איכה ב, יט. וראה שו"ע אדה"ז או"ח ס"א ס"ב. 37) פרש"י ר"פ ויקרא. 38) פסחים נ, א. וש"נ. וראה לקו"ש חכ"ד ע' 580 הערה 8. ועוד. 39) ישעי' נא, ד. ויק"ר פי"ג, ג.

הנחת הת' בלתי מוגה

בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, תיכף ומיד ממש.

* * *

ה. [בתחלת שיחה ג' נזכר]:

נאר א מיעוט פון די הנהגות פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו זיינען נתגלה געווארן. כמובן בפשטות: יעדער מענטש האט דאך א ריבוי הנהגות במשך ימי חייו. בפרט א שומר תורה ומצוות. עאכו"כ א נשיא בישראל. בשעת מ'זעט אבער וויפל הנהגות מ'האט דערציילט און מגלה געווען - איז דאס שלא בערך צו וויפל הנהגות זיינען געווען בפועל.

און דער טעם לזה איז אויך בפשטות: ער האט מגלה געווען נאר די ענינים וואס זיינען נוגע לרבים, און די ענינים השייכים ליחידי סגולה - האט ער מגלה געווען נאר צו יחידי סגולה, משא"כ שאר ההנהגות וואס זיינען נוגע נאר צו אים אליין האט ער ניט מגלה געווען, ווארום עס האט קיין ארט ניט סתם מגלה זיין א זאך וואס איז ניט נוגע לפועל - ווייל כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו[40], און א זאך וואס מ'קען ניט נוצן לכבודו, איז מען דאס ניט מגלה.

ו. [בנוגע להשתתפות בהוצאות השלוחים - נאמר]:

כמובן, אז מ'רעדט דוקא וועגן א שליח וואס האט חובות בפשטות. און ניט אז ער האט געלט וואס ליגט אין באנק אויף קלייבן פראַצענטן (צי דאס איז א סדר אדער ניט - זאל זיין בהצלחה), נאר דוקא אויב מ'האט חובות בפשטות.

וכמובן, אז ס'איז ניטא אין דעם אן ענין פון אויפבלאזן, אדער ממעט זיין - נאר איבערגעבן כמו שהוא דעם דין וחשבון אין די הוצאות און אין דעם דעפיציט - ניט מצד א סדר פון תהו, נאר דוקא תיקון, אבער אין תיקון גופא דארפן די הוצאות ניט אפהאלטן די ארבעט.

און איבערגעבן דעם חשבון אין א מעטפה מיוחדת, אין דער מחלקה מיוחדת - בכדי דאס ניט מישן מיט אנדערע בריוו.

ז. וואס דאס איז אויך אן ענטפער צו די שלוחים וועלכע האבן געשריבן וועגן זייערע הוצאות און די בלבולים וואס דאס איז גורם אין זייער ארבעט.

---

40) אבות פ"ו מי"א.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

וואס כאטש אז מ'ענטפערט זיי ניט בכתב, איז אבער דער עיקר – ניט דער ענטפער, נאר די געלט בכדי אראפנעמען די בלבולים בפועל!

און דאס וואס מ'רעדט וועגן דעם בשבת – וואס דאס איז לכאורה א דבר פלא – איז ווייל מפקחין על צרכי ציבור בשבת[41], עאכו"כ אן ענין פארבונדן מיט הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה.

ח. דערביי וויל מען צוגעבן, אז דער עיקר "יתן ויחזור ויתן" איז בנוגע צו די עבודה רוחנית:

עס זיינען דא אזוינע וואס מ'האט זיי ממנה געווען אלס משפיעים, און ס'איז שוין חדשים נאכאנאנד וואס זיי טוען גארניט!

ער זיצט אדער ליגט און שלאפט, און ערשט ווען א צווייטער קומט און צובערכט זיין טיר און גייט אריין אין שטוב, וועקט ער זיך אויף, דערנאך זאגט ער מודה אני, און וואשט אפ נעגל-וואסער מיט אלע כוונות, און ערשט דערנאך הויבט ער אן טראכן וועגן עפעס טאן!

ועד"ז בנוגע צו די וואס דארפן חזר'ן חסידות אדער די מגידי שיעורים אין נגלה – ווארטן זיי ביז מ'קומט צו זיי, און ביז דעמולט טוען זיי גארניט!

און די איינציקע סיבה לזה איז – ניט מצד בלבולים פון געלט (ווי דאס איז בא די שלוחים), ניט מצד די פרוי און קינדער און ניט מצד תאוות גשמיים, אדער מצד בלבולים פון רוחניות, נאר בלויז מצד אן איין און איינציקע זאך: דער חלל השמאלי, וועלכע זיי רייצן אויף זיך אן!

ועד כדי כך אז דאס ווירקט אויף אז זיין חלל הימני זאל לעבן אין א דמיון!

וכאמור, דאס קומט ניט מצד קיינע בלבולים גשמיים אדער רוחניים, נאר – פון דעם "מלך זקן וכסיל"[42], ניט פון חכמה, ניט פון בינה, ניט פון דעת, נאר פון דער אלטער זקן וכסיל!

ער לערנט תניא, אבער ער פארגעסט, אז דאס מיינט מען אים אליין – אז ער דארף מלחמה האבן מיט זיין חלל השמאלי!

---

41) ראה שבת קנ, א. טושו"ע (ודאדה"ז) או"ח סש"ו ס"ו (סי"ב). 42) קהלת ד, יג. זח"א קעט, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

אַי ער האט די טענה - אז די שלוחים גיט מען "טשעקס", וואס גיט מען אים?

גיט מען אים א סך בעסער פאר "טשעקס" - מ'גיט אים די קונטרסים און מאמרים און לקוטי דיבורים פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, כולל אויך דער ספר המאמרים תרס"ה וואס איז אנגעקומען דעם ערב שבת - וואס דארטן איז מבואר בארוכה אלע ענינים, און די תירוצים אויף אלע קשיות וכו'.

יעדערער דארף דאס נאר אויסנוצן בפועל. און מ'דערמאנט זיי בשמם: די משפיעים, און מגידי שיעורים אין חסידות און אין נגלה, וכיו"ב די אלע וואס דארפן טאן אין הפצת המעינות חוצה, און אין אהבת ישראל, "ואהבת לרעך כמוך"[43].

און ניט מסתפק זיין מיט דעם פירוש אין "רעך" - זה הקב"ה[44], נאר "רעך" כפשוטו. ואדרבה: דער אלטער רבי זאגט[45] - אז מ'קען ניט האבן אמת'ע אהבת ה' סיידן מ'האט אהבת ישראל ווארום אהבת ישראל איז א כלי צו "ואהבת את הוי' אלקיך[46]"!

ט. ויה"ר אז דורך די הוספה אין הפצת המעינות חוצה ברענגט מען גלייך דעם "לתקן עולם במלכות שד-י"[47], און "אז ימלא שחוק פינו"[48], דער ענין פון יצחק, און לע"ל יאמרו ליצחק כי אתה אבינו[49], ומתוך שמחה וטוב לבב.

* * *

י. מאמר (כעין שיחה) ד"ה ויאמר לו יהונתן גו'.

* * *

יא. [דובר כאן אודות חלוקת הקונטרס ד"ה ושבתי בשלום - לשלוחים ושלוחות. והוסיף]:

דאס וועט מען געבן דוקא צו די שלוחים, און ניט צו די עסקנים אין אנדערע מוסדות כו'.

ועד"ז אויך צו די שלוחות, וואס אויך זיי לערנען חסידות, בידוע אז כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געהייסן איבערזעצן חסידות

---

43) קדושים יט, יח. 44) פרש"י ד"ה דעלך סני - שבת לא, א. 45) "היום יום" ו תשרי. ובכ"מ. 46) ואתחנן ו, ה. 47) ב"על כן נקוה לך". 48) תהלים קכו, ב. 49) ראה שבת פט, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ספעציעל פאר נשי ובנות ישראל[50], און אויך זיי טוען אין הפצת המעינות חוצה (באופן של צניעות, כמובן), אדער וועלן אנהויבן טאן ביז מנחה מארגן.

ווען מען געבן די קונטרסים און אויך צדקה צו די שלוחים און די שלוחות – וואס העסק שלהם ושלהן איז אין הפצת המעינות חוצה.

און דאס ווערט נמשך אויך אין "שלהן" מיט א לאנגער נו"ן – וואס ווערט נמשך למטה מן השורה, כמבואר בכ"מ[51] בפירוש "ובו תדבקון"[52] (מיט א לאנגער נו"ן), און דאס ווערט נמשך (למטה מן השורה) פון "ובו" – עצמותו, ע"ד משנ"ת במ"א[53] בפירוש "נגילה ונשמחה בך"[54] – בעצמותך, און ניט נאר באופן פון "נגילה", וואס שטייט בהעלם, "וגילו ברעדה"[55], נאר "ונשמחה" בגלוי. ביז צו "שמחת עולם על ראשם"[56], און "הקהל" – "קהל גדול ישובו הנה"[57].

יב. ס'איז אויך רגיל אפצושטעלן זיך אויף אן ענין אין פרש"י בפרשתנו, אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר בפרשתנו, און אן ענין אין היינטיקן שיעור רמב"ם.

בנוגע צו פרש"י האט מען מעורר געווען אויף דעם וואס רש"י איז מפרש עה"פ[58] "ותלך לדרוש – לבית מדרשו של שם". און מ'האט געפרעגט: פארוואס האט רבקה געדארפט גיין צו בית מדרשו של שם – ווען זי האט געקענט גיין צו איר מאן, יצחק [וואס זיין תפלה – "ויעתר יצחק לה'"[59] האט דאך געהאלפן אז "ותהר רבקה אשתו"[59]], ובפרט אז ער איז געווען א צדיק.

אדער זי האט געקענט גיין לכל הפחות צו אברהם, איר שווער, וואס ער האט בפשטות געלעבט במסיכות מקום [כטבע האשה, אז ווען זי האט א שאלה גייט זי לכל לראש צו איר מאן אדער איר שווער], אדער עכ"פ צו עבר, וואס איז געווען א נאענטערער דור צו איר ווי שם?

יג. נאך אן ענין אויף וועלכע מ'האט זיך געשטעלט:

עס שטייט אין פסוק[59] "ויעתר יצחק לה' לנוכח אשתו כי עקרה היא". שטעלט זיך די שאלה אין פשוטו של מקרא: פון וואנעט ווייסט

---

50) ראה אגרות קודש שלו ח"ג ע' תסח ואילך. ח"ד ע' קפו ואילך. ח"ה ע' קסא. שלו ואילך. ועוד. וראה שיחת יום ב' דחגה"ש תשמ"ו סכ"א (סה"ש תשמ"ו ח"ג ע' 736 ואילך). 51) לקו"ת ראה כ, סע"ב. ועוד. 52) ראה יג, ה. 53) אוה"ת שה"ש ס"ע סז ואילך. וראה תו"א בשלח סב, ד. 54) שה"ש א, ד. 55) תהלים ב, יא. 56) ישעי' לה, י. שם נא, יא. 57) ירמי' לא, ז. 58) כה, כב. 59) פרשתנו שם כא.

הנחת הת' בלתי מוגה

מען אז "עקרה היא", אפשר איז דאס געווען א חסרון אין יצחק?

דערביי האט מען אויך געוואלט ענטפערן - ווי מ'האט מעורר געווען כמ"פ, אז ס'איז ניט גענוג פרעגן א שאלה, נאר מ'דארף אויך זוכן א תירוץ; אבער דערביי דארף מען זיך אויך משתדל זיין צו ענטפערן א תירוץ טוב:

מ'האט געוואלט ענטפערן, אז היות ס'איז געווען די הבטחה[60] "כי ביצחק יקרא לך זרע", דערפאר קען מען ניט זאגן אז יצחק איז געווען אן "עקר".

אבער דער תירוץ איז א דוחק, ווייל ווייטער וועט מען לערנען אז אע"פ וואס דער אויבערשטער האט מבטיח געווען יעקב'ן "והנה אנכי עמך גו'"[61], אעפ"כ האט יעקב מורא געהאט שמא גרם החטא[62]. ואע"פ אז דער בן חמש האט דאס נאך ניט געלערנט - איז דאס אבער א דבר המובן בשכל, אז א חטא קען שאטן די זכות והבטחות וואס מ'האט פון פריער. נוסף על זה וואס דער בן חמש וועט עס ווייטער לערנען (בנוגע צו יעקב). במילא - האט געקענט אזוי אויך זיין בא יצחק, קערט זיך אום די שאלה: ווי איז ער געווען זיכער אז דער חסרון איז ניט אים, נאר "עקרה היא"?

יד. נאך אן ענין בקשר מיט פרש"י:

עה"פ[63] "משמני הארץ וגו'" (בברכת יצחק לעשו) איז רש"י מפרש: "זו איטליא"ה של יון".

שטעלט זיך די שאלה: אויב "משמני הארץ" פאדערט א ביאור אין פשוטו של מקרא- פארוואס איז עס רש"י ניט מפרש בא דעם ערשטן מאל וואו עס שטייט בפרשתנו "משמני הארץ" - בברכת יצחק ליעקב[64]?!

אפילו אויב מ'וועט זאגן אז מ'קען ניט מפרש זיין אז "משמני הארץ" בא יעקב מיינט "איטליא"ה של יון", ענטפערט דאס אבער ניט די שאלה פארוואס רש"י איז גארניט מפרש אן אנדער פירוש בא "משמני הארץ" פון יעקב - ווען מ'זעט אז "משמני הארץ" (בא עשו) דארף האבן א פירוש?

וכפי שיתבאר לקמן.

טו. אין די הערות פון טאטן אויפן זהר בפרשתנו[65], שטעלט ער

---

60) וירא כא, יב. 61) ויצא כח, טו. 62) ראה פרש"י וישלח לב, יא. 63) כז, לט. 64) כז, כח. 65) ע' צז.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

זיך אויף דעם מאמר הזהר[66] בנוגע די שני גדיי עזים וועלכע יעקב האט געבראכט פאר יצחק'ן[67], אז "בההוא יומא ערב פסח הוה כו'", "היינו לנגד קרבן פסח וחגיגה שבערב פסח", "רבי יהודה אמר רמז הכא דזמינין בנוי דיעקב לקרבא שני שעירים חד לה' וחד לעזאזל ביומא דכפורי".

און ער איז דאס מבאר ע"פ קבלה, אבער ער איז ניט מבאר די הוראה דערפון אין עבודת ה'. וכפי שיתבאר לקמן.

טז. אין היינטיקן שיעור רמב"ם הויבט מען אן לערנען הל' עבדים.

וואס פון כללות הל' עבדים איז פאראן א הוראה אין עבודת כאו"א - ווארום אידן זיינען עבדים של הקב"ה, כמ"ש "לי בני ישראל עבדים"[68]. און ניט מצד דעם וואס "עבדא בהפקירא ניחא לי'"[69], נאר מצד זייער ביטול צו דעם אויבערשטן.

מ'דארף אבער אויך ארויסנעמען א הוראה פרטית בזה פון די הלכות פרטיות אין היינטיקן שיעור.

יז. כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה פאר א פתיחת "בית-חב"ד", און פאר פארשידענע התוועדויות - זאלן איצטער ארויפגיין און זאגן "לחיים", און מכריז זיין און איינלאדן די מסובים כאן, און זיי אויך געבן פון דער משקה בתור התחלה, און זיי ענטפערן "לחיים ולברכה" אדער "לחיים טובים ולשלום" (נהרא נהרא ופשטי'[70]).

און דורך אנהויבן מאכן די החלטות טובות איצטער, וועט דאס צוגעבן אין דער הצלחה, ביז אין אן אופן פון "ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה".

און מ'האט דערצו א סיוע מלמעלה - "הבא לטהר מסייעין אותו"[71],

ובפשטות - למטה מעשרה טפחים, במהרה בימינו ממש, ובעגלא דידן ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות כו', התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "והריקותי לכם ברכה"].

* * *

---

66) קמב, א. 67) כז, ט. 68) בהר כה, נה. 69) גיטין יג, א. 70) חולין ז'ח, ה. נז, א. 71) ראה שבת קד, א. יומא לח, ב. ובכ"מ.

הנחת הת' בלתי מוגה

יח. בנוגע צו די ביאורים בפרש"י - עכ"פ בקיצור - וועט מען אנהויבן מיט דעם ביאור עה"פ "כי עקרה היא", ווארום דאס האט א שייכות מיוחדת צו יעדער איד, זייענדיק א בן פון יצחק אבינו.

יצחק איז געווען זיכער אז ביי אים איז ניט געווען א חטא וואס זאל שאטן צו די הבטחה "כי ביצחק יקרא לך זרע" - ווייל ער איז געווען אן "עולה תמימה", און בשעת "הי' דעתו לרדת למצרים כמו שירד אביו בימי הרעב", האט אים דער אויבערשטער געזאגט "אל תרד מצרימה שאתה עולה תמימה ואין חוצה לארץ כדאי לך"[72]. ד.ה. אז דער אויבערשטער האט ספעציעל געהיט יצחק'ן אז ער זאל בלייבן אן "עולה תמימה", אן קיין חטא, בדוגמא ווי דער בעל אדער דער כהן היט אן "עולה תמימה" פון כל מום.

וואס דערפאר איז יצחק געווען זיכער אז דער חסרון איז ניט אין אים נאר אין רבקה - "כי עקרה היא".

ע"פ הנ"ל וועט מען פארשטיין דעם סיפור מיט ברכות עשו, דלכאורה: וואס האט דא פאסירט, אז פריער האט יצחק האט געהאט א קס"ד צו בענטשן עשו'ן, און דערנאך האט זיך אויסגעוויזן אז ער האט געבענטשט יעקב'ן.

נאר דערביי איז געווען ע"ד ווי בשעת יצחק האט געוואלט יורד זיין אין מצרים: בשעת בא יצחק איז געווען א קס"ד צו בענטשן עשו'ן, האט אים דער אויבערשטער געהיט מלמעלה (וויבאלד אז ער איז געווען אן "עולה תמימה"), אז ער זאל אים ניט בענטשן, און יעקב זאל קומען נעמען די ברכות.

עפ"ז איז אויך פארשטאנדיק וואס עס שטייט[73] "ויחרד יצחק חרדה גדולה עד למאוד", דלכאורה: פארוואס איז געווען "ויחרד" - אויף דעם וואס ער האט געמאכט א טעות?

ויש לומר דער ביאור בזה אין צוויי אופנים:

א) "ויחרד" איז געווען אויף דעם אז אפשר היט אים ניט מער דער אויבערשטער פון מאכן א טעות, און דערפאר האט ער בטעות (לכאורה) געבענטשט יעקב אנשטאט עשו. [ווארום ע"ד הפשט איז פארשטאנדיק אז יצחק דארף בענטשן זיין בכור עשו. ווי מ'וועט לערנען שפעטער[74] "והי' הבן הבכור לשנואה גו' לא יוכל לבכר את בן האהובה על פני בן השנואה הבכור כי את הבכור בן השנואה יכיר לתת לו פי שנים גו' כי הוא ראשית אונו לו משפט הבכורה". און אע"פ אז מ'האט עס נאך ניט געלערנט - איז דאס מובן בשכל צו א

---

72) פרש"י פרשתנו כו, ב. 73) פרשתנו כז, לג. 74) תצא כא, טו-יז.

SichosKodesh.com

בן חמש, אז דער בכור דארף מען בענטשן, אפילו אויב ער איז ניט כדבעי].

ב) "ויחרד" אויף דעם וואס זייענדיק אן "עולה תמימה" זאל ער האבן א קס"ד צו בענטשן עשו'ן און דער אויבערשטער האט אים געדארפט דערפון אפהיטן. און דערפאר האט יצחק געזאגט[73] "גם ברוך יהי'", ווייל ער האט פארשטאנען אז אזוי דארף זיין (זעענדיק ווי דער אויבערשטער האט אים געהיט און געבראכט אז ער זאל ניט בענטשן עשו).

דערמיט וועט מען פארשטיין נאך דיוקים אין דעם.

יט. דער ביאור אין פרש"י "ותלך לדרוש - לבית מדרשו של שם" - קען מען מבאר זיין אויף כמה אופנים:

א) אין פסוק שטייט "ותלך לדרוש את ה'". וואס דערפון איז מובן - אז זי איז ערגעץ געגאנגען (אוועק פון איר געוויינלעכער ארט, בסמיכות לאברהם ויצחק), ועיקר - זי איז געגאנגען "לדרוש את ה'", ניט יצחק ואברהם. ד.ה. אז זי איז געגאנגען אין א מקום מיוחד וואו ס'איז שייך "לדרוש את ה'" - וואס דערפאר שרייבט רש"י אז "ותלך לדרוש - לבית מדרשו של שם", ווארום ער (האט זיך אויסגעצייכנט פון יצחק ואברהם ועבר דערמיט וואס ער) איז געווען "כהן לא-ל עליון"[75], און דערפאר איז בבית מדרשו דער ארט וואו מ'גייט "לדרוש את ה'".

לפי"ז ווערט אבער די שאלה: פארוואס איז זי טאקע ניט געגאנגען צו יצחק אדער אברהם?

איז דער ענטפער אויף דעם - קען מען מבאר זיין אויף צוויי אופנים:

א) רבקה איז טאקע געגאנגען צו אברהם ויצחק, אבער זיי האבן ניט געוואוסט וואס איר צו זאגן - דעריבער איז זי געגאנגען ווייטער זוכן "לבית מדרשו של שם". און רש"י דארף דאס ניט זאגן, ווייל דער פסוק זאגט עס ניט, דערפאר וואס דאס איז דא ניט נוגע.

ב) רבקה האט ניט געוואלט מצער זיין יצחק'ן (און אברהם) דערמיט וואס לאחרי ווי יצחק האט געוואוסט וועגן די הבטחה אז "יקרא לך זרע", און לאחרי ווי ער האט מתפלל געווען צום אויבערשטן אז רבקה זאל האבן א קינד - אע"פ וואס "עקרה היא" - און ער האט אויפגעטאן אז "ותהר רבקה אשתו", האט זיך דערנאך

---

75) לך יד, יח.

אויסגעוויזן אז "ויתרוצצו הבנים בקרבה"[76] און רבקה האט די טענה "אם כן למה זה אנכי"[76].

ע"ד ווי עס שטייט פריער בנוגע צו שיחת אברהם להקב"ה בקשר מיט עקידת יצחק[77], "אפרש לפניך את שיחתי, אתמול אמרת לי כי ביצחק יקרא לך זרע וחזרת ואמרת קח נא את בנך, עכשיו אתה אומר לי אל תשלח ידך אל הנער כו'", פריער אזוי, דערנאך פארקערט, דערנאך ווידער אזוי[78]; נאר דארטן איז אברהם געווען מוכרח צו מפרש זיין "לפניך את שיחתי". משא"כ בנדו"ד האט רבקה ניט געדארפט גיין צו יצחק און אים מצער זיין דערמיט וואס ער וועט זען אז דער אויבערשטער פירט זיך אהין און צוריק (כביכול): פריער איז ער מבטיח "כי ביצחק יקרא לך זרע", דערנאך מאכט ער אז רבקה "עקרה היא", דערנאך איז יצחק מתפלל און "ותהר רבקה אשתו", און דערנאך ווייזט זיך אויס אז "ויתרוצצו הבנים בקרבה" און רבקה טענה'ט "למה זה אנכי".

דעריבער איז רבקה ניט געגאנגען צו יצחק'ן מיט די שאלה, ועד"ז ניט צו אברהם איר שווער - וואס אויך פאר אים וואלט דאס געווען א צער. נאר זי איז געגאנגען "לדרוש את ה'" בבית מדרשו של שם.

- אנדערע האבן געוואלט ענטפערן, אז רבקה איז ניט געגאנגען צו אברהם'ען, ווייל אברהם האט געהאט די הבטחה "תקבר בשיבה טובה"[79], און דערפאר האט מען אראפגענומען פינף יאר פון זיין לעבן בכדי ער זאל ניט זען ווי עשו יצא לתרבות רעה[80], דעריבער איז רבקה אים ניט געגאנגען דערציילן אז עשו מתרוצץ בקרבה, ווארום דעמולט וועט אברהם וויסן ווער עשו וועט זיין.

אבער דער תירוץ איז ניט אויסגעהאלטן, ווייל אויב רבקה האט געוואוסט דעם פירוש פארוואס "ויתרוצצו הבנים בקרבה" (אז "שני גויים בבטנך גו'"[81]) - וואלט זי ניט געדארפט גיין פרעגן ביי אברהם'ען (אדער ביי אן אנדערן) וואס דער פירוש בזה איז! [מ'קען נאר זאגן, אז דער אויבערשטער האט ניט מודיע געווען אברהם'ען וועגן דעם "ויתרוצצו", צוליב די הבטחה "תקבר בשיבה טובה"].

כ. דער ביאור בפרש"י עה"פ "משמני הארץ זו איטליא"ה של יון":

מ'האט אמאל גערעדט, אז רש"י איז גארניט מפרש בא דעם ערשטן מאל "משמני הארץ", ווייל אין פסוק דארטן פעלט גארניט אז

---

76) כה, כב. 77) פרש"י וירא כב, יב. 78) וראה שיחת ש"פ וירא סי"א. 79) לך טו, טו. 80) ראה פרש"י פרשתנו כה, ל. 81) כה, כג.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

רש"י זאל דארפן זאגן א פירוש. משא"כ בשעת מ'לערנט דערנאך אז לאחרי ווי יצחק האט געבענטשט יעקב'ן מיט "משמני הארץ", בענטשט ער אויך עשו מיט די זעלבע ברכה – ווערט די שאלה: יצחק האט שוין געבענטשט יעקב מיט דער ברכה, איז ווי קען ער בענטשן עשו'ן מיט די זעלבע ברכה?

דערפאר איז רש"י מפרש אז "משמני הארץ" בא עשו מיינט (ניט "משמני הארץ" כפשוטו, וואס דאס איז ברכת יעקב, נאר) אן אנדער זאך – "זו איטליא"ה של יון".

און מ'האט עס דעמולט מבאר געווען, לויט דעם וואס חז"ל זאגן[82], אז "איטליא של יון" איז א "כרך גדול שגדל בשביל עון משנה, שבשעה שהכניס צלם בהיכל[83] ירד גבריאל ונעץ קנה בים וגדל עליו חלקה גדול ונבנה לשם איטליא של יון כו'".

קומט אויס, אז בזמן ברכת יצחק איז נאך ניט געווען די מציאות פון איטליא של יון. דעריבער קען מען ניט זאגן אז יצחק האט אים דערמיט געבענטשט – ווייל דאס איז א דבר שלא הי' בעולם. אבער בשעת עס שטייט דערנאך אז יצחק האט געבענטשט עשו'ן מיט "משמני הארץ" – דארף רש"י זוכן א זאך וואס איז ניט נכלל אין "משמני הארץ" בברכת יעקב. דערפאר איז ער מפרש "איטליא של יון".

דער פירוש איז אבער ניט ע"ד הפשט, ווייל דער בן חמש ווייסט ניט פון דעם מאמר חז"ל הנ"ל.

דערפאר יש לומר באופן אחר:

דער חילוק צווישן "משמני הארץ" בברכת יעקב און "משמני הארץ" בברכת עשו איז מפורש אין פסוק: בא ברכת עשו שטייט "משמני הארץ יהי' מושביך", משא"כ בברכת יעקב שטייט "משמני הארץ" סתם. והחילוק:

יעקב איז געבענטשט געווארן מיט "משמני הארץ" סתם, ד.ה. ניט אז זיין מקום מושב שלו וועט זיין "משמני הארץ", נאר אין דעם ארט וואו ער וועט לעבן (אין ארץ ישראל), ניט קוקנדיק וועלכן ארט דאס וועט זיין – וועט ער דארטן האבן "משמני הארץ".

משא"כ בברכת עשו שטייט "משמני הארץ יהי' מושביך" – אז מקום מושב שלו וועט זיין "משמני הארץ", אבער ניט אז ער באקומט

---

82) רש"י ד"ה איטליא של יון – מגילה ו, ב. וראה סנהדרין כא, ב. שבת נו, ב. 83) ובסנהדרין שם: בשעה שנשא שלמה את בת פרעה.

הנחת הת' בלתי מוגה

"משמני הארץ" בכלל (ווייל דערמיט איז יעקב שוין געבענטשט געווארן).

לפי"ז ווערט אבער א שאלה: מקום מושב של עשו איז בהר שעיר[84], וואס א הר, ובפרט הר שעיר, איז א חלק קשה (א הארטער חלק בארץ) - ניט "משמני הארץ"?

דערפאר האט רש"י געזוכט בכל העולם כולו וואו איז דער שענסטער ארט בעולם אויף וועלכע מ'קען זאגן "משמני הארץ", און דאס איז "איטליא"ה של יון".

כא. [הביאור בלקוטי לוי"צ הוא בשיחה (המוגהה) הערה 63. ובהמשך להנאמר ע"ד גורל - אמר]:

ויה"ר אז עס זאל מקויים ווערן דער יעוד "ותנוח ותעמוד לגורלך לקץ הימין"[85] - וואס דאס גייט אויף די איצטיקע צייט, "אחרית הימים", אז מ'גייט זיך טאקע אפרוען ("ותנוח"), אבער דער אפרוען זיך איז זיכער על מנת מ'זאל דערנאך נתעלה ווערן נאך העכער, ביז צו "קץ הימין" בפשטות - גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ובעגלא דידן ממש.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

------ * -------

83) וישלח לו, ח. 85) סוף דניאל.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

לזכות

הרה"ת הוו"ח אי"א

ר' יששכר דוב וזוגתו מרים שיחיו

ווייס

בניו ובתו ובני משפחתם שיחיו

הכתובת להשיג ה"הנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 03-984887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448

שיחת
ש"פ ויצא, ז' כסלו
ה'תשמ"ח



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה
שנת הקהל

SichosKodesh.com

מפתח

בס"ד. שיחת ש"פ ויצא, ז' כסלו ה'תשמ"ח. הנחת הנ' ולוי מוגה

א. ב' שיחות הראשונות – הוגה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א וי"ל בפ"ע [השלמות לשיחות אלו נדפסו בסוף קונטרס זה].

* * *

ב. מאמר (כעין שיחה) ד"ה וישכם לבן בבוקר גו'.

* * *

ג. ס'איז אויך רגיל רעדן אן ענין אין דער פרשה בקשר מיט פרש"י, אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר דפרשתנו, און אן ענין אין היינטיקן שיעור רמב"ם.

דערצו איז אויך דא א דבר שהזמן גרמא: עס האט זיך איצטער אפגעדרוקט[1] (שלא ע"ד הרגיל) דער ספר "דרך אמונה" [פון דעם בעל המחבר עבודת הקודש, וועלכער ברענגט זיך א ריבוי פעמים אין חסידות – אין די מאמרים וואס זיינען שוין געדרוקט. ומזה מובן אויך בנוגע די מאמרים וואס זיינען נאך ניט געדרוקט],

וואס ער איז צווישן די ספרים וואס – מצד דעם מסבב הסיבות – האט מען איצטער אומגעקערט באופן של "פדיון שבויים", ואין כאן מקומו להאריך בזה.

און מ'האט עס גלייך אפגעדרוקט, בכדי באוויזן אז די כוונה בזה איז – ניט נאר אז דאס זאל בלייבן ליגן אויף דער פאליצע

– וואס דאס איז אויך אן ענין, אז ער ווייזט אז דער ספר איז ביי אים יקר, דורך דעם וואס ער לאזט זיך קאסטן און קויפט דעם ספר, וואס אפילו א פרוטה אחת יכול לקנות חיי נפשו[2]; אעפ"כ איז דער עיקר הכוונה בזה –

אז מ'זאל אין דעם לערנען בפועל.

ווי עס פארשטייט אפילו א קליין קינד, אז לאחרי די אלע עילויים אין האבן דעם ספר, ווי ער זעט ווי דאס איז יקר בא זיינע עלטערן, איז די כוונה – ניט אז דאס בלייבן ליגן אויפן טיש אדער אויף דער פאליצע, נאר מ'זאל דאס אויפעפענען און לערנען בפועל.

ס'איז ניט גענוג אז מ'זאל זיין בשמחה גדולה אויף דעם וואס מ'האט באקומען דעם ספר (ובפרט) באופן של "פדיון שבויים", און ס'איז ניט גענוג תפלה וצדקה – נאר מ'דארף בעיקר עפענען דעם ספר און אים לערנען, ביז אין אן אופן ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האט

---

1) בהוצאת קה"ת. 2) תניא פל"ז (מח, סע"ב).

SichosKodesh.com

געזאגט, אז דאס זאל אים לערנען!

ועאכו"כ אז מ'זאל ניט מבטל זיין פון די סדרי הלימוד בישיבה, ובפרט סדרים הקבועים מאז ומקדם - און ניט נאר וואס מ'פארמאכט דעם ספר וואס איז אומגעקערט געווארן, נאר מ'פארמאכט אלע ספרים, און מ'גייט טאפען מיט די פיס און זינגען ניגונים - באמצע זמן הלימוד, און דאס ציט זיך א שעה נאך א שעה, א טאג נאך א טאג!

און די הבהלה איז נאך גרעסער - אז אין איש שם על לבו!

זייערע מחנכים און משפיעים און ראשי ישיבות און מורי דרך און די וואס דארפן זיי אנווייזן די וועג, און דורכפירן די כוונה פון דעם מייסד הישיבה - שטייען אויף א זייט און לאזן דער נפש הבהמית פון דעם תלמיד ארויסגייען בויסטעווען!

און דערנאך ווען זיי זאגן עפעס יע - פאלגן ניט די תלמידים. און דער טעם לזה איז בפשטות: דער נפש האלקית פון דעם תלמיד זעט אז ער איז ניט קיין אמת'ער מחנך - במילא פועל'ט עס אז ער (זיין נה"ב) זאל אים ניט פאלגן!

און כאטש אז דער משפיע האט די כוונה און יענע כוונה וכו' - איז דעם תלמיד ניט נוגע כוונת המשפיע וכוונות המחנך וכוונת המנהל; אים איז נוגע נאר די הדרכה והוראה בפועל.

ובכדי מדגיש זיין דעם ענין וכוונה אין החזרת הספרים (אז דאס איז צוליב הלימוד בהספרים - האט מען געמאכט א התחלה בזה, און מ'האט געבעטן אז מ'זאל אפדרוקן איינער פון די ספרים וואס מ'האט אומגעקערט, איינער פון די ספרים וואס מ'האט געבראכט אויפן ציון הק', און דארט געמאכט א התחלה און געלערנט אין אים.

און דערנאך האב איך זיך געכאפט אז מ'דארף באווייזן א דוגמא חי' - דערפאר וועט מען איצטער רעדן אן ענין אין דעם ספר, בכדי מעורר זיין די סקרנות השמועים לדעת, אז זיי זאלן קויפן דעם ספר, און אריינקוקן אין אים און אים לערנען.

[חסר].

ד. עד"ז איז אויך בנוגע צו דער פרש"י:

בריש פרשתנו איז דא א פרש"י וואס איז תמוה לגמרי - ואעפ"כ האט זיך קיינער אויף דעם ניט געשטעלט:

אויף "ויצא" איז רש"י מפרש "לא הי' צריך לכתוב אלא וילך יעקב חרנה ולמה הזכיר יציאתו, אלא מגיד שיציאת צדיק מן המקום

עושה רושם שבזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה, יצא משם פנה הודה פנה זיוה פנה הדרה כו'".

שטעלט זיך די "קלאץ קשיא" - אויף וועלכע קיינער האט ניט מעורר געווען: וואס איז דער פירוש וחילוק צווישן "הודה", "זיוה" און "הדרה"?!

מ'האט מעורר געווען אויף כמה ענינים בפרש"י, אבער ניט אויף דער אויבנאויפיקער שאלה בפרש"י.

נאכמער:

בשעת מ'האט געזאגט אז מ'וועט רעדן אויף דעם פרש"י - האט מען מיר געזאגט אז כ'האב וועגן דעם שוין אמאל גערעדט. האב איך זיך געוואונדערט, ווי קומט עס אז ס'ליגט אינגאנצן ניט אין מיין זכרון, האב איך געבעטן אז מ'זאל עס מיר ווייזן אינעווייניק. האט מען מיר געוויזן וואו מ'האט אמאל גערעדט בזה[3] - אבער... מ'האט דאס דעמולט מבאר געווען ע"ד הקבלה, לויט א מאמר פון דעם צ"צ[4], וואו ער איז מפרש "הודה", "זיוה" און "הדרה" אין ספירות וכו'!

אמת טאקע, אז אין רש"י זיינען דא "ענינים מופלאים" (ווי דער של"ה איז מבאר[5], און עד"ז כ"ק מו"ח אדמו"ר[6]) - אבער לכל לראש איז רש"י פשוטו של מקרא[7].

ווערט דאך דא די תמי': זינט מ'האט וועגן דעם דעמולט גערעדט זיינען א דורך מער ווי צוואנציק יאר - ווי קומט עס אז די גאנצע צייט פון דעמולט ביז היינט האט קיין איין און איינציקער ניט געפרעגט: וואס איז דער ביאור בזה ע"ד הפשט?!

און נאכמער: ניט נאר וואס מ'האט וועגן דעם ניט מעורר געווען, נאר ווען מ'האט שוין געזאגט אז מ'גייט וועגן דעם רעדן - זאגט מען מיר: וואס הייסט - מ'האט וועגן דעם שוין גערעדט?!

ועד"ז איז דאס בנוגע לכו"כ ענינים, וואס מ'רעדט שוין מער ווי דרייסיק יאר, ואין איש שם על לב.

(הענין בספר "דרך אמונה" - י"ל בפ"ע. ואח"כ חזר להענין בפרש"י).

---

3) שיחת ש"פ ויצא תשכ"ה - לקו"ש ח"ה ע' 381. 4) אוה"ת לתהלים (יהל אור) ע' קד. 5) קפא, א. 6) "היום יום" כט שבט. 7) ראה פרש"י בראשית ג, ח. שם, כד.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

וכאמור לעיל, די "קלאץ קשיא" בפרש"י: וואס איז דער חילוק צווישן "הודה", "זיוה" און "הדרה".

מ'קען פרעגן בא די מלמדים אדער אידן מיט ווייסע בערד וואס זיצן דא בא די טישן - וועט מען זען צי זיי ווייסן דעם חילוק! [מ'דארף זיי ניט דוקא פרעגן איצטער, מ'קען דאס טאן נאך די התוועדות].

נאכמער:

דער מקור פון פרש"י איז אין בראשית רבה על אתר[8]. אבער דארטן שטייט נאר "זיוה" און "הדרה". אין רות רבה[9] ברענגט זיך אויך דער לשון "הודה" - אבער פארוואס זאל רש"י ברענגען א דריטער לשון ("הודה") פון א מדרש שלא על אתר, און ניט פון דעם בראשית רבה על אתר.

אויך דארף מען פארשטיין - די שאלה וואס אלע מפרשים פרעגן[10]:

ווי קען מען זאגן אז "יצא משם פנה הודה פנה זיוה פנה הדרה" - "הרי יצחק [ורבקה[11]] נשאר בעיר".

און אע"פ אז די מפרשים פארענטפערן, "כבר תרצו על זה בב"ר שאינו דומה זכותו של צדיק אחד לזכותן של שני צדיקים" - קען מען אבער אזוי ניט ענטפערן ע"ד הפשט בפרש"י. ווייל: (א) די מפרשים זיינען אליין מדגיש אז דער תירוץ איז "בב"ר". (ב) ועיקר: דאס שטימט ניט מיט לשון רש"י "יצא משם פנה הודה פנה זיוה פנה הדרה" - וואס "פנה" מיינט בפשטות - אינגאנצן אוועק, משא"כ לויט דעם פירוש הנ"ל במדרש קומט אויס אז אין עיר איז נאך געבליבן הודה וזיוה והדרה מצד יצחק (ורבקה), נאר דאס איז אינו דומה צו די הוד וזיו והדר וואס איז דא פון שני צדיקים.

וכפי שיתבאר לקמן.

ה. הענין בלקוטי לוי"צ ובשיעור היומי ברמב"ם - נכלל בהשיחה המוגהת שי"ל בפ"ע (בהערות 88, 92).

ו. כאן המקום המתאים אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה פאר מסיבות פארבונדן מיט הקהל וכיו"ב - זאלן ארויפגיין און זאגן "לחיים", און דערנאך מכריז זיין און מזמין זיין די מסובים כאן,

---

8) פס"ח, ז. 9) פ"ב, יב. 10) רא"ם, גו"א, שפ"ח. 11) שפ"ח שם.

און מאכן א התחלה בזה איצטער - דורך טיילן א חלק דערפון צו א טייל פון די מסובים כאן, וואס העצם כשאתה תופס בחלקו אתה תופס בכולו[12].

און דורך די החלטות טובות אין די אלע ענינים - האט מען שוין הצלחה רבה בכל זה, ובפרט אין די ענינים עיקריים בשנה זו (כמדובר בארוכה בהתוועדויות שלפנ"ז[13]) - שנת הקהל און שנת תשמח, ובפשטות למטה מעשרה טפחים, ולא עכבן אפילו כהרף עין[14].

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות כו' - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "והריקותי לכם ברכה"].

* * *

ז. דער ביאור בפרש"י:

לכאורה וואלט געווען א סברא זאגן, אז בכדי וויסן דעם פירוש אין "הודה", "זיוה" און "הדרה" - דארף מען זוכן וואו רש"י איז מפרש די ווערטער במקום אחר.

אבער מ'קען אזוי ניט זאגן, ווייל לויט דעם ווערט די קשיא נאך שטארקער: אויב די ווערטער דארפן האבן א פירוש (במקום אחר), האט זיי רש"י געדארפט מפרש זיין (אויך) דא.

דערפאר לייגט זיך זאגן לאידך גיסא: מ'דארף זוכן וואו די ווערטער שטייען אין חומש און רש"י איז זיי ניט מפרש, וועט מען דערפון האבן א ראי' אז די ווערטער דארפן ניט קיין פירוש ווייל זיי זיינען ווערטער אין לשון הקודש וועלכע דער בן חמש למקרא פארשטייט.

דער ווארט "הדרה" געפינט מען אין פ' קדושים[15] - "והדרת פני זקן", און רש"י איז אויף דעם גארניט מפרש, ווייל (כנ"ל) דער בן חמש פארשטייט אליין דעם פירוש אין "הדרת" - אז דאס מיינט אן ענין של כבוד.

דערפון איז מובן, אז אויך בפרשתנו, וואו רש"י שרייבט אז יעקב איז געווען "הדרה" (של העיר) - פארשטייט דער בן חמש, אז דאס מיינט אז וויבאלד יעקב איז געווען אן איש מכובד, האט ער גע'פועל'ט אז דער עיר וואו ער איז געווען זאל זיין אן עיר מכובד. און בשעת "ויצא יעקב" - "פנה הדרה", כבוד העיר.

---

12) כתר שם טוב בהוספות סקט"ז. וש"נ. 13) ראה קונטרס משיחת ש"פ לך שנה זו. ועוד. 14) מכילתא ופרש"י בא יב, מא. 15) יט, לב.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

"זיו" איז א פשוט'ער ווארט אין לשון הקודש - וואס מיינט, אז עס שיינט. ווי "זיו השמש", "זיו הלבנה", "זיו פני חמה (משה)"[16], "זיו פני לבנה (יהושע)"[16], וכיו"ב. ["זיו" איז ניט דער ענין פון אור עצמו, נאר אן אפשיין דערפון].

עפ"ז פארשטייט דער בן חמש דער לשון "זיוה" בפרש"י - "שבזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה כו' יצא משם פנה כו' זיוה": יעקב האט אין זיך געהאט (אויך) דעם ענין פון זיו, ווייל זיינע מעשים והנהגות זיינען געווען א דוגמא חי' צו אנדערע, ער האט געשיינט און באלויכטן מענטשן ארום אים. דעריבער איז ער געווען "זיוה" של העיר.

דערמיט איז אויך מובן די הוספה פון "זיוה" אויף "הדרה": אן עיר מכובד איז לאו דוקא אן עיר וואס שיינט (צו אנדערע) - ווייל דער עיר קען זיין מכובד מצד דעם וואס דארטן זיינען פאראן ספרים, כתבי יד, צדיקים, געלט (להבדיל) וכיו"ב - וואס די אלע זאכן מאכן אים פאר אן עיר מכובד, אבער לאו דוקא אן עיר וואס שיינט לאחרים (זיו).

יעקב האט אויפגעטאן נוסף צו "הדרה" של העיר (כבוד), אויך "זיוה", אז דער עיר איז א דוגמא וואס שיינט לאחרים.

לפי"ז דארף מען נאך אבער פארשטיין וואס איז די הוספה פון "הודה" לגבי "זיוה" - "הוד" מיינט אויך אן ענין וואס שיינט?

איז דאס פארשטאנדיק פון דעם וואס עס שטייט בא משה רבינו[17] "והנה קרן עור פניו וייראו מגשת אליו - מקרן הודו של משה היו מרתיעים ומזדעזים". זעט מען דערפון אז אע"פ וואס "הוד" מיינט אויך א שיין, איז דאס אבער א שטארקערער שיין ווי זיו, א שיין וואס פועל'ט דעם ענין היראה, "וייראו מגשת אליו", משא"כ "זיו" איז א שיין וואס שרעקט קיינעם ניט אפ, ואדרבה - פון "זיו השמש" און "זיו הלבנה" האט מען הנאה, ביז אז מ'מאכט דערויף א ברכה.

דערפון איז מובן בנוגע צו אונזער פרש"י, אז "הודה" קומט מוסיף זיין, אז נוסף צו "זיוה" און "הדרה", האט יעקב אויך געהאט און גע'פועלט דעם ענין פון "הודה", א שיין וואס רופט ארויס יראה.

עפ"ז וועט מען אויך פארשטיין פארוואס אין מדרש (על אתר) ברענגט ער ניט דעם לשון "הודה" - ווייל אין מדרש רעדט ער וועגן

16) פרש"י פינחס כח, כ. 17) תשא לד, ל ובפרש"י.

צדיקים בכלל, און ניט אלע צדיקים האבן דעם ענין פון "הוד" (נוסף צו "זיו"). משא"כ רש"י רעדט וועגן יעקב וואס ער האט געהאט "הוד" (נוסף צו "זיו") - ווי פארשטאנדיק בפשטות, אז יעקב, וועלכער האט באקומען אזוינע הויכע ברכות פון יצחק (ווי מ'האט געלערנט בסוף הפרשה שלפנ"ז[18]) - האט זיכער געהאט דעם ענין פון "הוד".

ח. מ'דארף נאך אבער פארשטיין שאלת המפרשים, ווי קען מען זאגן אז "יצא משם פנה הודה פנה זיוה פנה הדרה" - ווען יצחק ורבקה זיינען געבליבן בעיר?

איז דער ביאור בזה:

אויפן פסוק[19] "ואלקי יצחק" (וואס שטייט עטלעכע פסוקים נאך "ויצא יעקב") איז רש"י מפרש: "אע"פ שלא מצינו במקרא שייחד הקב"ה שמו על צדיקים בחייהם כו', ייחד שמו על יצחק לפי שכהו עיניו וכלוא בבית כו'".

דערפון איז מובן, אז זייענדיק "כלוא בבית", האט יצחק ניט געהאט קיין השפעה אין זיין עיר (שמחוץ לבית).

ועד"ז איז אויך מובן בנוגע צו רבקה - אז זי איז געווען רוב הזמן בבית ווייל (נוסף לזה וואס כל "כבודה בת מלך פנימה"[20] בכלל, איז) אויף איר בעיקר בפשטות געלעגן די ארבעט צו זיך מטפל זיין מיט יצחק (וועלכער איז געווען "כלוא בבית"), אים העלפן ארומגיין, און אים אפהיטן פון א מכשול, ועד"ז היטן די שטוב וכו' [נאר ביי אברהם שטייט "ובן משק ביתי הוא דמשק אליעזר"[21], משא"כ בא יצחק, כאטש ער האט געהאט עבדים, אבער ס'איז מובן אז עיקר הטיפול עמו איז געווען ע"י רבקה]. במילא קומט אויס, אז אויך רבקה האט ניט געהאט אזא השפעה אויפן עיר (שמחוץ לבית).

משא"כ יעקב איז ארויסגעגאנגען פון בית אין עיר, און די אנשי העיר האבן אים געקענט וכו' - ווארום אע"פ אז יעקב איז "יושב אהלים", "אהלו של שם ואהלו של עבר"[22] - האט ער אבער געדארפט גיין בדרך מביתו לביהמ"ד און צוריק, איז ער אדורך בתוך העיר.

און דעריבער איז דוקא בשעת ס'איז געווען "ויצא יעקב מבאר שבע" - איז געווען "פנה הודה פנה זיוה פנה הדרה", אע"פ וואס

18) תולדות כז, כח ואילך. 19) פרשתנו כח, יג. 20) תהלים מה, יד. 21) לך טו, ב. 22) תולדות כה, כז ובפרש"י.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

יצחק ורבקה זיינען געבליבן אין שטאט.

ט. הביאור בלקוטי לוי"צ - נכלל בהשיחה המוגהת שי"ל בפ"ע
ריהערה 88.

י. אין הײנטיקן שיעור רמב"ם לערנט מען[23] "השואל בבעלים אפילו נגנב או אבד בפשיעה פטור, שנאמר[24] אם בעליו עמו לא ישלם, ובלבד ששאל הבעלים תחלה עם החפץ, כמו שביארנו[25]".

ויש לומר דער ענין אין דעם אין "לתקן הדעות"[26]:

יעדער איד איז ווי א "שואל" פון דעם אויבערשטן, שכל הנאה שלו (פון דעם אידן) - כמאחז"ל[27] עה"פ[28] "מי הקדימני ואשלם".

דערביי קען דער יצה"ר (אדער א מלאך) קומען צו דעם אידן און טענה'ן: דו האסט דאך זיכער עובר געווען אויף א חטא קעגן דעם אויבערשטן - ווארום "אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא"[29], עכ"פ "יחטא" מלשון חסרון[30], אדער א פשיעה, אדער אפשר אפילו א שוגג - וואס אויך אויף דעם דארף מען האבן כפרה, ווי רש"י זאגט אין מס' שבועות[31]

- [דער טעם פארוואס מ'דערמאנט דעם מראה מקום - איז ניט בכדי באוויי֫זן בקיאות, נאר בכדי מעורר זיין אז נאכן התוועדות זאל מען אריינקוקן אינעווייניק, און לערנען דעם ענין בפועל. כמדובר לעיל, אז דער עיקר פון די אלע ענינים - איז ניט אז מ'זאל בלויז מיינען אז מ'שטופט אים א האלבע שעה, און דערפון קומט ניט ארויס קיין תועלת, נאר אז דערפון זאל זיין א המשך, אז עס קומט ביי אים צו אין לימוד התורה וקיום המצוות.

צי ער הערט וואס מ'האט גערעדט - איז א באזונדער זאך. צי דאס פועל'ט אויף אים - איז ווייטער א באזונדער זאך. עכ"פ זאל דערפון ארויסקומען, אז הערנדיק די ענינים וואס מ'רעדט, וואס בעיקר - זיינען זיי גענומען פון פריערדיקע ספרים וכו', זאל מען דערנאך נאכקוקן אין די מראה מקומות לזה, ובפרט בשעת מ'דערמאנט בפירוש דעם מראה מקום, בכדי אז אנקומענדיק אַ היים נאכן פארברענגען, זאל ער אריינקוקן אינעווייניק, און דאס וועט אים ברענגען אז ער זאל קוקן און לערנען נאך א פאר שורות, און נאך אן עמוד וכו', ומצוה גוררת מצוה[32] - דאס וועט ברענגען נאך

---

23) הל' שאלה ופקדון רפ"ב. 24) משפטים כב, יד. 25) הל' שכירות פ"א ה"ג. 26) ל' הרמב"ם סוף הל' תמורה. 27) ויק"ר פכ"ז, ב. 28) איוב מא, ג. 29) קהלת ז, כ. 30) לקו"ת מטות פב, א. 31) ב, א - ד"ה תולה. 32) אבות פ"ד מ"ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

א מצוה און נאך א מצוה.

ועד"ז ווען מ'דערמאנט וועגן לימוד הרמב"ם - איז דאס בכדי אויך מעורר זיין אז מ'זאל זיך סוף סוף מצרף זיין צו די וואס לערנען רמב"ם בכל יום ויום. און טאמער ער איז אונטערשטעליק, זאל ער מיטכאפן וואו אלע האלטן] -

ווארום שוגג קומט פון התגברות נה"ב[33], און אפשר אפילו א מזיד - במילא ביסטו אויף דעם חייב בעונשים ר"ל, ווארום דו ביסט א "שואל" פון דעם אויבערשטן, און א שואל איז חייב על הכל[34].

ענטפערט מען, אז דער איד דארף זיכער תשובה טאן, ווארום ער איז א פושע - אבער בנוגע צו עונשים האט ער די עצה: אז בתחלת היום - איידער ער איז "שואל" די חפצים פון דעם אויבערשטן ("ששאל הבעלים תחלה עם החפץ") - גלייך משניער משנתו, זאל ער זאגן "מודה אני לפניך מלך חי וקיים שהחזרת בי נשמתי", און ממשיך זיין בברכות השחר "ואתה משמרה בקרבי" - טוט ער דורך דעם אויף אז "בעליו עמו", דער אויבערשטער געפינט זיך מיט אים - במילא איז ער דעמולט פטור אפילו על הפשיעה, און מ'קען אים ניט מעניש זיין ח"ו!

זיכער טוט ער תשובה (כנ"ל), ואדרבה - "כל ימיו בתשובה"[34*], ווארום האבנדיק מיט זיך דעם אויבערשטן ("בעליו עמו") איז ידוע דער חומר אין אזא וואס "מחוו לי' במחוג כו' קמי' מלכא"[35] - אבער ער איז פטור מן העונשים.

דער תנאי לזה איז אבער, כאמור, "בלבד ששאל הבעלים תחלה עם החפץ" - ער זאל אויפטאן אז "בעליו עמו" גלייך בתחלת היום כשניער משנתו (דורך זאגן "מודה אני"), איידער ער ווערט א שואל (ביום זה), ווארום אויב ער טוט עס באמצע היום - קען מען ניט וויסן צי זיין כוונה איז צוליב די בהמה וואס ער איז שואל, אדער צוליב "בעליו"!...

יא. דערביי קען אבער איינער פרעגן א שאלה:

דער אלטער רבי זאגט אין תניא[36] אז מדת הבינוני איז "מדת כל אדם ואחרי' כל אדם ימשוך", און אויף דעם זאגט מען אז "קרוב אליך הדבר מאד גו'"[37]. במילא איז די שאלה, אז דער איד איז ניט

---

33) אגה"ק סו"ס כח. 34) רמב"ם הל' שכירות פ"א ה"ב. 34*) שבת קנג, א. 35) חגיגה ה, ב. 36) רפי"ד. 37) נצבים ל, יד. - נוסח השער דספר התניא.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

קיין "שואל" בלבד, ווארום ער גיט דעם אויבערשדטן א סך תורה ומצוות.

אויף דעם האט מען דעם ענטפער, אז דער דין אז "אם בעליו עמו לא ישלם" - איז בנוגע אלע פיר שומרים, ווי דער רמב"ם פסקנ'ט[38], אויך אזא וואס איז ניט בדרגת שואל, נאר בדרגת בינוני כו'.

יב. ויה"ר אז כשם ווי יעדערער איז פטור מעונשים מצד דעם וואס "בעליו עמו" - זאל דאס לכל לראש ברענגען אז מ'זאל פטור ווערן פון דעם ערגסטן עונש - הגלות המר הזה!

און אזא וואס איז ניט מרגיש די ביטערקייט פון דעם גלות - באווייזט עס אז ער געפינט זיך אין נאך א טיפערן אפגרונד פון חושך הגלות, עד כדי כך אז ער איז גארניט מרגיש די ביטערקייט אין דעם!...

און בשעת מ'רעדט וועגן שרייען "עד מתי", איז ער יוצא מיט דעם וואס ער איז מעורר אז א צווייטער זאל דאס שרייען, אדער אפילו אויב ער טוט א טובה און שרייט אליין - טוט ער דאס פאר'חלש'טערהייט...

און דורך דעם וואס עס ווערט בטל דער גלות און עס קומט די גאולה - וועט מען יוצא זיין די אלע עונשים כו' מיט דעם ענין ווי דאס שטייט אין תורה, ע"ד "יעקב ועשו אמורים בפרשה"[39] - ווארום די וועלט וועט זיין ווי קודם החטא, און נאכמער - בדרגת התורה וואס אלפיים שנה קדמה תורה לעולם[40] (אלפיים כנגד אאלפך חכמה אאלפך בינה[41], קנה חכמה קנה בינה[42]).

ובפשטות - אז מ'זאל אריינטאנצן אין דער דרגא פון אלפיים שנה קדמה תורה לעולם, ווי דאס ווערט נמשך אין עולם למטה מטה.

ובלשון פון "כתר" בתפלת מוסף - "הן גאלתי אתכם אחרית כבראשית להיות לכל אלקים, אני ה' אלקיכם".

ובפרט אז דורך דער עבודה אין זמן הגלות האט מען שוין צוגעגרייט די וועלט צו דעם מצב דלע"ל, און מ'האט שוין צוגעפוצט די קנעפלעך[43], און מ'איז שוין גרייט צו דער גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

---

38) הל' שכירות שם ה"ג. 39) פרש"י ר"פ תולדות. וראה לקו"ש ח"ב ע' 341 ואילך. ויצא תשמ"ז ס"ו. 40) ב"ר פ"ח, ב. תנחומא וישב ד. ועוד. 41) ראה לקו"ת שה"ש א, ד. ועוד. 42) משלי ד, ה. 43) ראה שיחת שמח"ת תרפ"ט.

הנחת הת' בלתי מוגה

והקיצו ורננו שוכני עפר[44], ובתוכם דער מיטעלער רבי - וואס זיין יום הולדת ויום ההילולא איז בט' כסלו, און יום גאולתו איז ביו"ד כסלו, און דער אלטער רבי - וואס זיין יום הגאולה איז בי"ט כסלו.

וואס ביידע גאולות האבן זיך אנגעהויבן און זיינען נכלל אין ראש חודש כסלו, עכ"פ אזוי ווי א ראש איז דער מקור החיות פון כל הגוף.

און "קהל גדול ישובו הנה"[45], ובפרט ע"י ההכנה לזה דורך דעם "קהל גדול" אין זמן הגלות - בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בפועל ממש.

* * *

יג. מ'דרוקט דאך לעצטנס קונטרסים - וועט מען אי"ה נאך שבת (מפקחין על צרכי ציבור בשבת[46]) אויך אפדרוקן דעם קונטרס[47] פון די מאמרים בשנת תרפ"ט פון כ"ק מו"ח אדמו"ר.

וואס איז פארבונדן מיט דעם ענין פון "פרזות[48] תשב ירושלים"[49], דער ענין פון הקהל - אז כאטש ס'איז א מצב פון "פרזות" ישראל[49*], ווערט "הקהל את העם האנשים והנשים והטף" אין א נקודה אחת, און מיט דעם צווייטן ענין בשנה זו (שנת תשמח) - "שמח תשמח רעים אהובים"[50], שמחת חתונה.

און די מאמרים זיינען פארבונדן אויך מיט דעם חודש במיוחד - די מאמרים פון דעם בעל הגאולה פון י"ט כסלו און יו"ד כסלו.

ויה"ר אז מ'זאל דאס אפדרוקן בזריזות - און מ'וועט יאגן דעם אפדרוקן - אבער אויך לפני זה זאל מען אין דעם לערנען, וואס דאס איז דאך די כוונה פון דעם דרוקן (כנ"ל בארוכה).

און דורך די החלטה בזה - זאל מען שוין גלייך באקומען דעם שכר (כפס"ד הידוע[51]) - אז ס'זאל זיין "שמח תשמח רעים אהובים כשמחך יצירך בגן עדן מקדם", בגאולה האמיתית והשלימה.

---

44) ישעי' כו, יט. 45) ירמי' לא, ז. 46) ראה שבת קנ, א. טושו"ע (ואדה"ז) סש"ו ס"ו (סי"ב). 47) דרושי חתונה - שנאמרו בעת חתונת כ"ק אדמו"ר שליט"א והרבנית שתליט"א בשנת תרפ"ט. נדפס גם בסה"מ קונטרסים ח"א טז, ב ואילך. 48) זכרי' ב, ח. 49) א' מהמאמרים בקונטרס הנ"ל הוא ד"ה א"ר אושעיא כו' צדקת פרזונו בישראל כו'. 49*) ראה המאמר שבהערה הקודמת. 50) נוסח ברכת נשואין. 51) שו"ע או"ח סתקע"א ס"ג.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

און אפילו נאך אין די לעצטע רגעים פון גלות - ווען "החושך יכסה ארץ וערפל לאומים"[52] - ווערט "וכבוד ה' עליך יזרח"[52], מ'האט "הודה", "זיוה" און "הדרה", ביז אז עס ווערט דער "דידן נצח" הכי עיקרי - גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

והקיצו ורננו שוכני עפר, וכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו בתוכם, און דער מיטעלער רבי און דער אלטער רבי בתוכם, וכנ"ל אז זייער גאולה האט זיך אנגעהויבן בר"ח כסלו,

ובנוגע לפועל - אז מ'הויבט זיך שוין אן גרייטן צו י"ט כסלו,

וכל זה - בפשטות, למטה מעשרה טפחים.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

אח"כ צוה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'".

------ * ------

השלמות לשיחות הראשונות

[בענין יפוצו מעינותיך חוצה - שמפיצים המעיינות עצמן (ולא רק מי המעינות)]:

כידוע אז די מעינות החסידות זיינען א לימוד וענין לעצמו, און ניט נאר א פירוש אויף א צווייטן ענין.

חסידות איז אויך א פירוש אויף קבלה וועלכע איז א באזונדער לימוד פון חסידות - ווי מ'זעט, אז ס'איז געווען א זמן וואס מ'האט געהאט קבלה אן הבנה והשגה פון תורת החסידות; אבער תורת החסידות איז בעיקר א לימוד בפ"ע.

ניט ווי פרש"י על התורה - וואס כל ענינו איז א פירוש אויף תורה שבכתב, און אויך פאר פרש"י האט מען געלערנט תושב"כ, און אויך לאחרי ווי רש"י האט געשריבן פירושו - לערנט מען פריער מיט א קינד חומש אָן פרש"י, ביז אז משהתינוק מתחיל לדבר אביו מלמדו תורה (דערוויילע) אָן פרש"י. און דער לימוד פון פרש"י קומט צו דערנאך, אבער אויך דערנאך - איז דאס ניט א לימוד בפ"ע, נאר א פירוש אויף תושב"כ.

---

52) ישעי' ס, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

[בשיחה ב' - בענין ההוראה בפועל]:

ובלשון הידוע - "טאפארו דא פלאחו", הגרזן והקרדום על העץ.

ד.ה. אז מ'נעמט א עץ, אבער ניט ווי דאס איז אין לשון הקודש, אדער אפילו אין תרגום הקרוב ללשון הקודש - "אעא שלא סליק בי' נהורא"[53], נאר תרגום בלשון של שבעים אומות - "פלאחו", און מיט דעם "טאפארו" שניידט מען אם דעם "פלאחו" משרשו ומקורו, און דורך דעם ווערט יתרון האור מן החושך, העכער פאר די עבודה הרגילה.

ביז אז דאס איז מובן אויך פאר א קינד, ווי מ'זעט בפשטות, אז צווישן די שפילעכצן פון קינדער איז אויך - אז דער קינד נעמט א שטיקל האלץ און שיילט עס אפ און מאכט דערפון שיינע קישוטים.

ועד"ז איז מובן, אז דער ענין קען מען געבן צו פארשטיין אויך צו א קינד אין ידיעות - אין עני אלא בדעת.

און דערפון קענען זיך אויך אפלערנען גדולים - וואו הגם אז דאס איז אן ענין וואס איז שייך צו א קטן, זעט מען דאך פון מצות הקהל אז דוקא דורך מיטברענגען טף ווערט דער "לתת שכר למביאיהם"[54]. וואס דערפון האט מען א קלארע הוראה - וואס קלערער קען ניט זיין:

דער גדול קען קערן ווערלטן אין לימוד התורה וקיום המצוות וכו'; ער קען אויך געבוירן א קינד, און אפגעבן דעם קינד לפקדון צו א מחנך - איז אבער כל זמן וואס ער ברענגט ניט דעם קינד אין עזרה במצות הקהל - באקומט ער ניט דעם שכר אמיתי!

[בענין מה שנאמר בתו"א סוף פרשתנו "ויעקב הלך לדרכו, בחי' יו"ד עקב, הלך ונמשך בחי' תורה ומצוות, דתורה איקרי דרך, וד"ל"]:

און איצטער, לאחרי די ריבוי החסידות וואס איז נתגלה געווארן, איז שוין אויסגעטייטשט געווארן דער "וד"ל", "ודי לחכימא ברמיזא"[55], ובפרט אז יעדער איד איז בדרגת "חכימא".

------ * ------

53) תניא פכ"ט. 54) פרש"י וילך לא, יב. 55) זח"ג כו, ב. ועוד.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

לעילוי נשמת

הרה"ח הרה"ת **אלחנן יהודה לייב**

בן הרה"ח הרה"ת **שמואל יצחק** ע"ה

רייצעס

נפטר ש"ק בוקר פ' ויצא, י"א כסלו, תשמ"ג

ת.נ.צ.ב.ה



נדפס ע"י

בנו הרה"ת **יוסף** וזוג' **הינדא ביילא** שיחיו

רייצעס

הכתובת להשיג ה"הנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 03-984887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448

שיחת

ש"פ וישלח, י"ד כסלו

ה'תשמ"ח



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי

"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי   ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה

שנת הקהל

SichosKodesh.com

מפתח

בס"ד. משיחת ש"פ וישלח, י"ד כסלו ה'תשמ"ח

א. שוין גערעדט כמה פעמים בנוגע צו שמות הסדרות, אַז אע"פ אַז לכאורה זיינען זיי געגעבן געוואָרן בלויז אַלס סימן צו באַצייכענען די סדרות (מיט וועלכע זיי ווערן אָנגערופן) — איז וויבאַלד אָבער, אַז די שמות הסדרות זיינען אַ חלק פון תורה[1] (זיי זיינען דאָך נקבע געוואָרן ע"פ מנהג ישראל, וואָס מנהג ישראל תורה הוא[2]), דאַרף מען זאָגן, אַז אויך אין די ווערטער גופא (מיט וועלכע די סדרות ווערן אָנגערופן) איז דאָ אַ הוראה אין עבודת ה'[3], וויבאַלד זיי זיינען (אַ חלק פון) תורה מלשון הוראה[4].

און ווי מען געפינט בספרי גדולי ישראל הוראות און לימודים פון פאַרשידענע ענינים אין תורה וועלכע זיינען לכאורה נאָר אַ סימן. לדוגמא: יע"ל קג"ם[5], וואָס אע"פ אַז בפשטות איז דאָס נאָר אַ סימן אויף זעקס הלכות וועלכע הויבן זיך אָן מיט די אותיות (יאוש שלא מדעת וכו'), פונדעסטוועגן, וויבאַלד אַז די ווערטער יע"ל קג"ם זיינען אַ חלק פון תורה, איז פאַראַן אויך אין זיי גופא אַ תוכן און אינהאַלט[6]. ועד"ז „משך בתורא קדש בכספא"[7], וואָס אע"פ אַז די ווערטער זיינען לכאורה נאָר אַ סימן אויף די פרשיות בתורה וועלכע מען לייענט בחג הפסח, איז דאָ אַ תוכן אויך אין די ווער־טער גופא[8]. ועוד.

די זעלבע זאַך איז בנוגע שמות הסדרות וואָס זיינען אַ חלק פון תורה (כנ"ל) — ובנוגע לענייננו, דער נאָמען פון אונזער סדרה, „וישלח" — אַז נוסף צו דעם וואָס דער וואָרט „וישלח" איז דער נאָמען פון די גאַנצע סדרה, דאָס הייסט, אַז דער איין און איינצי־קער וואָרט (וישלח) דייט אָן אויף אַלע פרשיות ופסוקים און ווער־טער פון די גאַנצע סדרה, איז דאָ אויך אַ הוראה אין דעם וואָרט גופא.

און וויבאַלד אַז אין תורה איז יעדער ענין בתכלית הדיוק, איז מסתבר לומר, אַז די צוויי ענינים אין „וישלח" (ועד"ז אין די שמות פון אַלע סדרות) — (א) דער תוכן און די הוראה פון דעם וואָרט גופא, (ב) וואָס ער איז דער נאָמען און דער באַדייט פון אַלע ענינים וועלכע שטייען אין די סדרה — האָבן צווישן זיך אַ שייכות.

---

1) ראה לקו"ש ח"ה ע' 57־58. ובכ"מ.

2) ראה תוד"ה נפסל — מנחות כ, ב. מהרי"ל הובא ברמ"א יו"ד סי' שע"ו ס"ד. מנהגים ישנים מדורא ע' 153. וראה ירושלמי פסחים פ"ד ה"א.

3) במכל שכן מתורת הבעש"ט בנוגע לכל מאורע בעולם — כתר שם טוב הוספות סקכ"ז ואילך.

4) ראה רד"ק לתהלים יט, ח. ספר השרשים שלו ערך ירה. וראה זח"ג נג, ב.

5) ב"מ נד, ב ובפרש"י. וש"נ.

6) ראה תורת לוי"צ ע' קלט. ועוד.

7) מגילה לא, א. טושו"ע או"ח סת"צ ס"ה. שו"ע אדה"ז שם ס"ח.

8) אוה"ת עקב ע' תקלד.

SichosKodesh.com

ב. דער תוכן פון „וישלח״ איז אַ ענין כללי אין עבודת האדם[9], כמדובר באריכה אין די פריערדיקע התוועדות׳ן[10], אַז דער אויבער־שטער האָט געמאַכט יעדער אידן פאַר זיין שליח[11], און (אַראָפּ)־געשיקט זיין נשמה דאָ למטה אין עולם הזה הגשמי, אויף מאַכן פון דער גשמיות׳דיקער וועלט אַ דירה צום אויבערשטן, דירה[12] לו ית׳ בתחתונים[13].

און בכדי אַז אַ איד זאָל קענען דורכפירן די שליחות, האָט דער אויבערשטער (אַראָפּ)געשיקט אויך די תורה מיט אירע מצוות[14] דאָ למטה, בכדי אַז אַ איד, דורך זיין לימוד התורה וקיום המצוות, און דורך פאַרשפּרייטן תורה ומצוות אויך אין זיין סביבה וכו׳, זאָל קענען דורכפירן זיין שליחות, צו איבערמאַכן דעם עוה״ז הגשמי ער זאָל ווערן אַ דירה צום אויבערשטן.

ג. בכדי צו דורכפירן די שליחות — צו מאַכן דעם עולם הגשמי התחתון פאַר אַ דירה לו ית׳ — זיינען נוגע צוויי ענינים, וועלכע זיינען כמו הפכיים:

(א) צום אַלעם ערשטן — די ידיעה און הכרח, אַז ער איז שלוחו של הקב״ה, ובמילא — ניט משנה זיין ח״ו פון דעת ורצון המשלח. דאָס מיינט, צו ניט משנה זיין ח״ו פון רצון הקב״ה וואָס ער האָט אָנגעוויזן בתורתו, אפילו ווען אים דוכט זיך אויס אַז דורך דערויף וועט ער מער משפיע זיין אויף דער סביבה. און אויב אַ שליח איז משנה פון דעת המשלח ווערט ער אויס שליח ר״ל[15].

און נאָכמער: האָבן די הכרה אַז אַלץ וואָס ער טוט אויף אין וועלט, איז עס ניט בכחו ועוצם ידו[16] ח״ו, נאָר דאָס איז בכחו פון דעם משלח (הקב״ה), וואָס דער אויבערשטער האָט אים געמאַכט פאַר אַ שליח און געגעבן אים דעם כח אַז ער זאָל ווערן „שלוחו[17] של אדם (העליון[18]) כמותו״, ביז „כמותו ממש״[19].

(ב) אָבער צוזאַמען דערמיט, איז בכדי צו פאַרשפּרייטן אידיש־קייט אין זיין סביבה און באַאיינפלוסן די מענטשן פון דער סביבה, דאַרף ער נוצן זיין שכל. וואָס אויך דאָס איז אַ תנאי אין שליחות, ווי

---

9) ראה גם לקו״ש חכ״ה ע׳ 364 ואילך.

10) שיחת ש״פ תולדות. ש״פ ויצא.

11) ראה לקו״ת ויקרא א, ג.

12) ראה תנחומא נשא טז. ועוד. תניא רפל״ו.

13) להעיר גם מאוה״ת פרשתנו רמח, ב ש„נש״י נשתלחו להמשיך דירתו ית׳ בתחתונים״.

14) ראה תניא פ״ה „ומשם נסעה וירדה כו׳״. ובנוגע למצוות — מפורש במדרש (תנחומא ויגש וא״ו) „היו מכבדין את המצוות שהן שלוחי״. וראה לקו״ת ויקרא ב, א. יוהכ״פ סח, ב. אוה״ת שם. ד״ה ויצב שם מזבח תרמ״ד, תרנ״ו.

15) רמב״ם הל׳ שלוחין ושותפין פ״א ה״ב ואילך. שו״ע חו״מ סי׳ קפב ס״ב ואילך.

16) עקב ח, יז.

17) משנה ברכות לד, ב. קידושין מא, ב.

18) ראה לקו״ת ויקרא א, ג.

19) לקו״ת שם. וכ״ה הלשון (כמותו ממש) בתשובות הריב״ש סרכ״ח.

דער דין איז[20], אַז אַ שליח מוז זיין אַ בר דעת.

ד. ויש לומר, אַז די צוויי ענינים הנ"ל וועלכע פאָדערן זיך אין דורכפירן די שליחות צו אויפמאַכן אַ "דירה לו ית' בתחתונים", זיינען בהתאם צו צוויי ענינים (כללים) אין "דירה בתחתונים" גופא, די הדגשה פון "דירה" און די הדגשה פון "בתחתונים".

די הדגשה אין "דירה (בתחתונים)" איז, אַז דער גילוי אלקות דאָ למטה (בתחתונים) זאָל זיין אין אַזאַ אופן ווי אַ מענטש (להבדיל) געפינט זיך באַ זיך אין זיין דירה.

בשעת אַ מענטש גייט אין גאַס אָדער ער געפינט זיך באַ אַ צווייטן, מוז ער זיין באַשריינקט (מצומצם) לויט דעם אָרט וואו ער געפינט זיך. משא"כ באַ זיך אין דירה — איז ער בגילוי ובהרחבה.

וואָס דאָס איז דער פירוש פון "נתאוה הקב"ה להיות לו ית' דירה בתחתונים"[12], אַז דער גילוי אלקות למטה זאָל זיין בגילוי וב־הרחבה.

און נאָכמער: דער דין באַ אַ מלך איז "אין רואין אותו כו' כשהוא ערום"[21] (ס'איז היפך כבוד המלכות), און אעפ"כ באַ זיך אין דירה, איז פאַראַן (בזמנים שונים) דער מצב ווי דער מלך איז ערום.

דער טעם פון דעם וואָס באַ אַ דירה פון מלך בשר ודם איז דאָ אויך דער מצב, איז עס (ווי אַלע ענינים למטה וואָס "נשתלשלו" פון די ענינים ווי זיי זיינען למעלה[22]) ווייל די כוונה פון "דירה לו ית' בתחתונים" איז, אַז די התגלות פון אויבערשטן למטה (בתחתונים) זאָל סו"ס זיין "בלי שום לבוש"[23], ווי עס שטייט אויף לע"ל (וואָס דאַן וועט זיך דורכפירן די כוונה פון דירה בתחתונים) "ולא יכנף עוד מוריך"[24], "שלא יתכסה ממך בכנף ולבוש"[23].

אָבער צוזאַמען דערמיט איז אויך די הדגשה פון "(דירה) בתח־תונים", אַז דער גילוי אלקות דאָ למטה, זאָל זיין ניט נאָר מצד דערויף וואָס אלקות איז בגילוי, אַז דער גילוי איז אַזוי שטאַרק ביז אַז ער איז אויך למטה (אָבער צום מהות ואיכות המטה האָט עס ניט קיין שייכות[25]), נאָר עס זאָל זיין אויך "בתחתונים" — אין די "תחתונים", אין זייער גדר ומהות[26].

ה. ויש לומר, אַז דאָס איז אויך די הסברה אויף דעם וואָס אין די שליחות פון אידן צו מאַכן די "דירה בתחתונים", געפינט מען צוויי ענינים[27]:

---

20) גיטין כג, א.

21) משנה סנהדרין כב, א. רמב"ם הל' מלכים פ"ב ה"ג.

22) ראה תניא רפ"ג.

23) תניא פל"ו.

24) ישעי' ל, כ.

25) ע"ד אתכפיא לגבי אתהפכא.

26) ראה ד"ה תקעו תרס"ז (בהמשך תרס"ו). לקו"ש חי"ב ע' 73. חט"ו ע' 88 ואילך ובהערות שם. ועוד.

27) ושני ענינים אלו (דלקמן) הם גם בתורה ומצוותי': כל המצוות הם רצון העצמי

SichosKodesh.com

א) אַ נקודה משותפת באַ אַלע אידן גלייך, וואָס יעדער איד איז אַ שליח פון אויבערשטן, כנ״ל. און די נקודה איז באַ אַלע אידן (אנשים נשים וטף) בשווה.

ב) וואָס יעדער איד האָט זיין שליחות מיוחדת, אַזוי ווי דער חילוק הכללי פון יושבי אהל און בעלי עסק („ישכר״ און „זבולון״)[28], וואָס די שליחות פון „ישכר״ באַשטייט (בעיקר) אין לימוד התורה, און די שליחות פון „זבולון״ באַשטייט (בעיקר) אין גמילות חסדים. ועד״ז אויך אין ישכר גופא, און אַזוי אויך אין זבו־לון גופא, האָט יעדער איינער זיין שליחות מיוחדת.

ביז אַז אויך באַ יעדער אידן גופא, זיינען פאַראַן תרי״ג כחות הנפש, וואָס יעדער כח האָט אַ שליחות ותפקיד מיוחד.

נוסף צו דעם חילוק בהתאם להגיל שלו — בן חמש למקרא, בן עשר למשנה, בן שלש עשרה למצוות, בן חמש עשרה לגמרא וכו׳, ביז בן מאה שנה כו׳[29].

וואָס די צוויי ענינים זיינען בהתאם צו די צוויי ענינים אין „דירה בתחתונים״: די שליחות פון אידן אויף מאַכן אַ „דירה לו ית׳״, עס זאָל נמשך ווערן למטה גילוי אלקות ביז „בלי שום לבוש״ — אין דעם זיינען אַלע אידן בשווה. אין דעם איז ניט נוגע דער מצב הפרטי פון דעם אידן (צי ער איז פון „ישכר״ אָדער „זבולון״: ווי אַלט ער איז, צי ער איז נאָך קלענער פון „בן חמש״ אָדער ער איז אַ „בן מאה״), אין דעם איז נוגע איין זאַך — דאָס וואָס ער איז שלוחו של הקב״ה, „שלוחו של אדם העליון כמותו״.

[ואע״פ אַז בכדי צו ווערן „כמותו דהמשלח״ דאַרף דער שליח (נאָך איידער ער ווערט אַ שליח) האָבן אַ גדר של חשיבות, ביז צו אַזאַ חשיבות וואָס איז בדומה צום משלח („מה אתם כו׳ אף שלו־חכם״)[30], וואָס דוקא דורך דעם קען ער ווערן (בשעת ער ווערט נתמנה פאַר אַ שליח) „כמותו דהמשלח״[31],

איז וויבאַלד אָבער עס רעדט זיך וועגן דעם אויבערשטן, וואָס „ואל מי תדמיוני ואשוה גו׳״[31] — איז דאָך מובן בפשטות, אַז אויך דער גדול שבגדולים האָט ניט קיין ערך צום אויבערשטן. און דאָס וואָס אַ איד קען ווערן שלוחו של הקב״ה איז עס מצד דערויף וואָס ער האָט אַ נשמה וואָס זי איז אַ חלק אלוקה ממעל ממש[33], וואָס

של הקב״ה, וביחד עם זה יש בכל מצוה (גם) ענינה הפרטי, ועד״ז בתורה, שעם היותה תורה אחת למעלה מהתחלקות (לקו״ת במדבר יג, ב), ישנם ד׳ הסוגים דפרד״ס, שיתא סדרי משנה (כנגד ו׳ המדות, כל סדר מדה פרטית), אין למדין איסורא מממונא (ברכות יט, ב. כתובות מ, ב. וש״נ). ועוד. וראה לקמן הערה 36.

28) ראה אגה״ק סו״ס ה. ביאוה״ז לאדהאמ״צ כה, א־ב. ולהצ״צ ע׳ קלד. ועוד.

29) אבות ספ״ה.

30) קידושין מא, ב. וש״נ. וראה לקו״ת ויקרא א, ג.

31) ראה קונטרס משיחת ש״פ תולדות ס״ג.

32) ישעי׳ מ, כה. רמב״ם הל׳ יסוה״ת פ״א ה״ח.

33) תניא רפ״ב.

מצד דערויף ווערט ער אָנגערופן בשם „אדם״[34] מלשון אדמה לעליון[35].

און וויבאַלד אַז די נשמה איז דאָ באַ יעדער אידן, דערפאַר איז יעדער איד (אויך אַ קינד) שלוחו של הקב״ה, און „כמותו דה־משלח״, ביז סו״ס „כמותו ממש״].

און דעריבער, איז דורך יעדער פעולה טובה וואָס אַ איד טוט במילוי שליחותו, אפילו דורך אַ פעולה קטנה (לכאורה) פון אַ קליין קינד (ווי אמירת „מודה אני״ פון אַ אידיש קינד וואָס איז נאָך ניט קיין „בן חמש״), ווערט נמשך עצמותו ית׳:

בכדי אָבער צו אויפטאָן די דירה לו ית׳ בתחתונים, אַז די „תח־תונים״ (לשון רבים) זאָלן ווערן אַ דירה צום אויבערשטן אויך מצד זייער גדר ומצב — דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך פרטים, פאַר־שידענע פרטים*[35] (בהתאם לענינים השונים שבעולם)[36], און יעדער איד האָט זיין שליחות מיוחדת דורך וועלכע ער איז מברר און מזכך זיין חלק בעולם, און מאַכט פון אים אַ דירה לו ית׳.

ו. ע״פ הנ״ל וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס עס שטייט אויף לע״ל[37] „ולא ילמדו עוד איש את רעהו גו׳ כי כולם ידעו אותי למ־קטנם ועד גדולם״:

---

34) יבמות סא, רע״א.

35) של״ה כ, ב. שא, ב. ובכ״מ.

*35) ויש לומר, שגם הענין ד„דירה בתחתונים״ הוא מצד זה שהאדם העושה את הדירה הוא שלוחו של הקב״ה ו„כמותו דהמשלח״ — כי מכיון דההעלם והסתר דעולם הוא (לא רק זה שנתוסף בו ע״י חטא עה״ד וכיו״ב, כי אם) שנברא כן שיהי׳ „תחתון במדריגה שאין תחתון למטה ממנו בענין הסתר אורו ית׳״ (תניא פל״ו), הרי האפשרות לעשות את העולם לדירה לו ית׳ — הפיכה מן הקצה אל הקצה (מתכלית ההעלם והסתר שאין למטה ממנו, עד לתכלית הגילוי) הוא מצד זה ש„נתאוה כו׳ דירה בתחתונים״, ד„תאוה״ זו היא בעצמותו ית׳, ומי יאמר לו מה תעשה. ומזה מובן, שבכדי שהאדם יוכל לעשות „דירה בתחתונים״ — הוא (לא ע״י ענינים הפרטים דהשליחות, אלא) מצד זה שהוא שלוחו של זה ש„נתאוה״ (עצמותו ית׳) ו„כמותו״.

ומ״ש בפנים, דזה מה שהתחתונים נעשים דירה הוא ע״י הענינים הפרטיים (דהשליחות) — הכוונה בזה היא (לא להפיכת ההעלם דהתחתון, הצד השווה שבכל הנבראים, כי אם) להתכונות והגדרים דפרטי הנבראים, שבכדי שהתכונות וגדרי הפרט דכל נברא יהיו כלים לאלקות, זה נעשה ע״י הענינים הפרטים דהשליחות. ועיין לקו״ש חי״ז ע׳ 98.

36) ועד״ז בתומ״צ, שלהיותם (ג״כ) „שלוחי״, שעל ידם נעשה דירה לו ית׳ בתחתונים (כנ״ל סעיף ב׳) — לכן יש בהם שני ענינים (כנ״ל הערה 27): נקודה העיקרית שבתורה (שבכל חלקי התורה בשווה) — „שאורייתא וקוב״ה כולא חד״, ועל ידה „אותי אתם לוקחים״ (המשכת העצמות). וכן במצוות — שכל המצוות הם רצונו ית׳; וחילוקי הפרטים שבהם שע״י כל מצוה נמשך אור מיוחד (רמ״ח פקודין רמ״ח אברין דמלכא), ועד״ז בתורה (מה שד׳ הסוגים פרד״ס הם כנגד ד׳ עולמות, וכיו״ב) — עי״ז נעשה זיכוך הפרטים דהאדם (רמ״ח מצוות כנגד רמ״ח אברים של אדם (מכות כג, סע״ב. זח״א קע, ב)), ועי״ז — זיכוך הפרטים דעולם. וכמרז״ל (מכות שם, ב במשנה) „רצה הקב״ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצוות״, שאחד הביאורים בזה, שהטעם על זה ש„הרבה להם תורה ומצוות״ (מה שיש ריבוי ענינים חלוקים בתורה ומצוות) הוא בכדי „לזכות את ישראל״, „לזכות״ מל׳ „זיכוך״ — ראה בארוכה לקו״ש חי״ז ע׳ 412 ואילך.

37) ירמי׳ לא, לג.

SichosKodesh.com

פון איין זייט שטייט אין דער פסוק גופא אַז (אויך) לע״ל וועלן זיין „קטנים״ און „גדולים״, דאָס הייסט, אַז עס וועט זיין אַ חילוק צווישן זיי אין ידיעת אלקות; און צוזאַמען דערמיט זאָגט ער „כולם ידעו אותי״, כולם בשווה[38].

איז דער ביאור אין דעם: די ידיעת אלקות לע״ל איז אַ שכר אויף די עבודה איצטער. און די צוויי ענינים אין ידיעת אלקות לע״ל זיינען בהתאם צו די צוויי ענינים הנ״ל אין די שליחות איצטער:

דורך דעם וואָס יעדער איד איז מקיים זיין שליחות פרטית, וואָס אין דערויף איז דאָ אַ חילוק צווישן קטנים און גדולים (בן חמש למקרא בן עשר למשנה וכו׳) — וועט זיין די ידיעה אין ענינים ומדריגות פרטיות פון אלקות, און אין דעם וועט זיין אַ חילוק צווישן קטנים ביז גדולים:

אָבער מצד די נקודת השליחות, דער ענין פון שלוחו של אדם כמותו, וואָס אין דעם זיינען אַלע אידן בשווה — איז „ידעו אותי״ (דעם אויבערשטן אַליין), און אין דער ידיעה (ידעו אותי) וועט ניט זיין קיין חילוקים — „כולם ידעו אותי״ כולם בשווה.

ז. און דאָס איז אויך די הסברה וואָס בכדי צו דורכפירן די שלי־חות פון לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים, פאַדערן זיך די צוויי ענינים פון ביטול און פון דעת (כנ״ל סעיף ג׳):

בכדי צו זיין „כמותו דהמשלח״ — פאַדערט זיך דער ביטול צום משלח, כמ״ש[39] „מרום וקדוש אשכון ואת דכא ושפל רוח״[40]; ובכדי צו אויפטאָן אַז די דירה זאָל זיין „בתחתונים״ (אין זייער גדר), וואָס אין דעם איז נוגע די כחות פרטיים און די שליחות פרטית (כנ״ל ס״ה) — פאַדערט זיך אַז דער שליח זאָל זיין אַ בר דַעת. כמובן אויך בפשטות, אַז בכדי צו באאיינפלוסן די מענטשן וואָס אַרום אים, ניט נאָר מעורר זיין זיי בהתעוררות כללית דורך די דברי תורה וואָס ער זאָגט זיי (המשכה מלמעלה), נאָר פועל׳ן אויף זיי בפנימיות, מוז מען דאָס טאָן במועצות חכמה, צופאַסן צו יעדער איינעם וכו׳.

ח. וע״פ כל הנ״ל קען מען אויך מבאר זיין די צוויי ענינים (הנ״ל סעיף א׳) אין „וישלח״, (א) דער תוכן פון דעם וואָרט גופא, און (ב) וואָס ער איז דער נאָמען פון דער סדרה:

צום אַלעם ערשטן קומט די הוראה פון דעם וואָרט „וישלח״ גופא — אַז יעדער איד איז שלוחו של הקב״ה, און אַז ער דאַרף ממלא זיין זיין שליחות: און דערנאָך איז מען מוסיף, אַז „וישלח״ איז אַ נאָ־

---

38) דמכיון ש„כולם ידעו אותי״ הוא טעם („כי״) על „ולא ילמדו איש את רעהו״ — הרי מוכרח, דפירוש „כולם ידעו אותי״ הוא שידיעה זו של כולם תהי׳ בשווה. וראה לקוטי לוי״צ לזח״ג ע׳ רי.

39) ישעי׳ נז, טו.

40) משא״כ כשהוא בהרגש דגאוה, לא רק שא״א שיהי׳ „כמותו דהמשלח״, אלא יתירה מזו ש„אין אני והוא יכולין לדור בעולם״ (סוטה ה, א).

מען פון אַ גאַנצער סדרה וועלכע אַנטהאַלט אַ ריבוי פסוקים וכו׳ — אַז אין די שליחות זיינען פאַראַן אַ ריבוי פרטים ואופנים, וועלכע זיינען מרומז אין דעם ריבוי ענינים פון דער סדרה.

אָבער אויך נאָך דעם ווי מ׳לערנט די ענינים הפרטיים פון דער סדרה, דאַרף מען געדענקען אַז דער נאָמען פון די אַלע ענינים איז „וישלח״. דאָס הייסט, אַז אויך נאָך דעם ווי דער איד איז זיך עוסק אין די פרטי השליחות, וואָס צו דעם פאָדערט זיך אַז ער זאָל נוצן זיין שכל (כנ״ל) — דאַרפן די אַלע פרטים זיין דורכגענומען פון דעם כללות ענין השליחות („וישלח״), די נקודה עיקרית (דער נאָמען) פון אַלע פרטים.

* * *

ט. נאָך אַ הוראה עיקרית פון דעם וואָרט „וישלח״:

דער טייטש פון „וישלח״ איז — ער האָט געשיקט. ניט נאָר וואָס ער אַליין איז אַ שליח, נאָר ער מאַכט אויך אַנדערע פאַר שלוחים[41] — „שליח עושה שליח״[42].

די הוראה דערפון איז: אַז די שליחות פון אַ אידן צו באַלייכטן די וועלט באור התורה והמצוה, דאַרף זיין אין אַזאַ אופן אַז ער זאָל פועל׳ן אויף די מענטשן וואָס אַרום אים אַז אויך זיי זאָלן ווערן סו״ס שלוחים לפרסם אלקות בעולם[43].

י. עפ״ז קען מען אויך מבאר זיין דעם המשך פון די דריי סדרות ויצא, וישלח און וישב, וואָס די אַלע דריי סדרות רעדן בנוגע יעקב׳ן[44] (ויצא יעקב, וישלח יעקב, וישב יעקב[45]):

צום אַלעם ערשטן איז „ויצא יעקב״ (דורך וישלח יצחק[46]) —

---

41) כפירוש המדרש ב„וישלח יעקב מלאכים״ — „אלו שלוחי בשר ודם״ (ב״ר פע״ה, ד). ולהעיר שגם לפי פירוש השני שם („מלאכים ממש״) המלאך הוא ע״ש ענין השליחות — לקו״ת ויקרא א, ג. ועוד. וראה תניא קו״א קנט, א. ד״ה ויצב שבהערה 14.

42) קידושין מא, א.

43) וע״ד דרשת רז״ל עה״פ (וירא כא, לג) „ויקרא שם בשם ה׳ א־ל עולם״, „אל תקרי ויקרא אלא ויקריא כו׳״ (סוטה י, סע״א ואילך).

44) להעיר, שג׳ פרשיות אלו („ויצא״, „וישלח״, „וישב״) כולם מתחילים עם אות וא״ו — דרגתו של יעקב, כנגד אות וא״ו, מדת האמת מדתו של יעקב. ולהעיר שג׳ וא״וין בגימט׳ ח״י — שזה שייך ליעקב, כי יעקב לא מת (תענית ה, ב).

ויש לומר, שהם ע״ד הג׳ וא״וין ד„ויסע ויבוא ויט״ (בשלח יד, יט־כא. וראה אוה״ת עה״פ (בשלח ע׳ תיט ואילך). וש״נ. לקוטי לוי״צ פרשתנו (ע׳ קלו)), שהם גם כנגד הג׳ אבות אברהם יצחק יעקב (וראה לקו״ת ס״פ ואתחנן. אוה״ת שם. לקוטי לוי״צ שם) — חג״ת. וזה מתאים עם המבואר לקמן בפנים, ד„ויצא״ הוא השליחות להאיר את העולם מלמעלה למטה, חסד: „וישלח״, שפועל גם על עניני העולם שיהיו „שלוחים״ — זיכוך העולם והעלאתו מלמטה למעלה, גבורה: „וישב״, השלום והשלוה (שיהי׳ בעיקר בגאולה העתידה, שאז יהי׳ בתמידות) החיבור וההתכללות דשני הענינים, תפארת.

ויש לומר שבפרטיות כל ג׳ ענינים אלו הם ביעקב ששייך לח״י (ג״פ וא״ו), כנ״ל.

45) כך נק׳ סדרות אלו ברמב״ם בסוף „סדר תפלות כל השנה״ (בסו״ס אהבה).

46) תולדות כז, ה.

SichosKodesh.com

וואָס דער איד גופא ווערט אַ שליח. ער גייט אַרויס פון די ד׳ אמות של תורה ושל תפלה (באר שבע) און גייט אין „וועלט״ (חרן), צו פאַרשפּרייטן דאָרט תורה און אידישקייט[47].

דערנאָך קומט „וישלח יעקב״, אַז ער באַנוגנט זיך ניט דערמיט וואָס ער אַליין טוט די שליחות, נאָר ער פּועל׳ט אויך אויף אַנדערע אַז זיי זאָלן ווערן „שלוחים״[48].

און נאָכמער — „וישלח יעקב מלאכים גו׳״: ער פּועל׳ט אויף זיי, אַז זיי זאָלן טאָן זייער שליחות (צו באַלייכטן די וועלט) איבער און מער פון זייערע כחות[49] (הרגילים), ביז צו ניט רעכענען זיך מיט „חשבונות״ פון טבע פון וועלט, בדוגמת מלאכים[50] וואָס זיינען ניט מוגבל אין די גדרים פון עולם הזה.

און דורך די עבודה פון „ויצא״ און „וישלח״, גייט מען אַריין גלייך אין (פרשת) „וישב יעקב״, „(ביקש יעקב) לישב בשלוה״[51] — ביז אין די גאולה האמיתית והשלימה, וואָס דאַן וועט זיין די שלימות׳דיקע און אמת׳ע שלוה.

יא. ע״פ הנ״ל קען מען אויך מבאר זיין די שייכות פון די דריי סדרות צו חודש כסלו:

דער ענין העיקרי פון חודש כסלו (אין וועלכן ער איז אויסגע־טיילט פון אַנדערע חדשים) איז סיום (וחותם) שלו — חנוכה.

דער נס חנוכה קבעו בנרות[52], וועלכע מ׳צינדט „על פתח ביתו מבחוץ״[53]. איינער פון די לימודים בזה: אַ איד דאַרף אנצינדן זיין

47) ראה בארוכה קונטרס משיחת ש״פ ויצא. וש״נ.

48) ראה ד״ה ויצא שם מזבח הנ״ל (הערה 14), שישראל הוא שלוחו של הקב״ה, כמותו דהמשלח (לא רק מפני קיום המצוות שהן „שלוחי״, כ״א גם „בעומק יותר״) מפני שישראל הוא הוא העושה את המצוה ל„שלוחי״ של הקב״ה (ולולא זה ה״ז תשמישי מצוה כו׳). ולהעיר שענין זה נתבאר שם גבי יעקב שנקרא „א־ל אלקי ישראל״ (כי שלוחו של אדם כמותו), ע״פ המשך דברי תנחומא הנ״ל („היו מכבדין את המצוות שהן שלוחי כו׳״), „אין אדם שכבד את המצוות ועשה את התורה כיעקב כו׳״, וכמ״ש „ואת יהודה שלח לפניו גשנה״ (ולהעיר שדרשת תנחומא הנ״ל היא על פסוק זה).

49) ולהעיר שכחות נקראים בשם „מלאכים״ (מו״נ ח״ב פ״י).

50) „מלאכים ממש״ (ב״ר שבהערה 41).

51) פרש״י ר״פ וישב (לז, ב). — שבודאי בקשת צדיק מתקיימת* (כפי שהי׳ בין רוגזה של דינה ורוגזו של יוסף (ב״ר פפ״ד, ג), וכן אח״כ בי״ז שנים האחרונות שלו במצרים, י״ז שנים המובחרות שלו — בעה״ט ר״פ ויחי): וגם „רוגזו של יוסף״ הי׳ בכדי שיהי׳ אח״כ העלי׳ נעלית יותר לאחרי הירידה בגלות מצרים, עד להעלי׳ דגאולה העתידה, „אנכי אעלך גם עלה״ (ראה תו״א ר״פ שמות):

עפכ״ז — לאחרי ריבוי העבודה בגלות מצרים וגליות שלאח״ז, בפרט בגלות האחרון (אדום) — מובן שעתה הגיע הזמן (ועד מתי ?) לקיום בקשת יעקב „לישב בשלוה״ בתכלית השלימות.

52) שבת כא, ב ובפרש״י.

53) שבת שם.

*) ובמכ״ש מצדיק גוזר והקב״ה מקיים (תנחומא וירא יט. וראה שבת נט, ב). ויתירה מזו הקב״ה גוזר וצדיק מבטל (מו״ק טז, ב. וש״נ).

„נר מצוה ותורה אור"[54], ובמיוחד — פנימיות התורה (שמן שב־תורה[52]) — „על פתח ביתו מבחוץ", באלייכטן אויך דעם „חוץ".

און ניט נאָר באַלייכטן דעם חוץ („ויצא"), נאָר אויך איבערמאַכן דעם „חוץ", „עד[56] דכליא ריגלא דתרמודאי"[57], ביז צו — „בהעלותך את הנרות, עד שתהא שלהבת עולה מאלי"[58] — צו מאַכן אויך פון דעם אַרום, אַז ער זאָל ווערן אַ „עולה מאליו", „נר להאיר" („וישלח").

און דורך דעם קומט מען צו די גאולה האמיתית והשלימה, גאולה נצחית (שאין אחרי' גלות[59]) — בדוגמת ווי די נרות חנוכה וואָס „הנרות הללו אינן בטלין לעולם"[60] („וישב — לישב בשלוה").

יב. ענין הנ"ל שטייט בגלוי נאָכמער לאחרי ווי ס'איז נתגלה געוואָרן בדורות האחרונים דער חג הגאולה פון דעם אַלטן רבי'ן (מייסד תורת חסידות חב"ד) בי"ט כסלו, וועלכער ווערט גע־בענטשט פון דעם שבת פ' וישלח[61] [און דערנאָך — אויך דער חג הגאולה פון דעם מיטעלן רבי'ן ביו"ד כסלו, וואָס עליית יום גאולה זה איז אין דעם שבת[62]]:

י"ט כסלו האָט זיך אָנגעהויבן „דער עיקר פון יפוצו מעינותיך חוצה"[63]:

דער חידוש פון „יפוצו מעינותיך חוצה" (וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן נאָך י"ט כסלו) ליגט אין די דריי ווערטער „יפוצו מעינותיך חוצה"[64]:

אין מים המטהרים זיינען פאַראַן פאַרשידענע דרגות. די העכסטע דרגא איז מי המעין, וואָס איז מטהר בכל שהוא ומטהר כל דבר[65]. אַזוי איז אויך בנוגע צו בחי' „מעין" אין תורה — וואָס דאָס גייט אויף עצם התורה, וואָס איז איין זאַך מיט דעם אויבערשטן, „אורייתא וקוב"ה כולא חד"[66], ובמיוחד אין פנימיות התורה — וואָס איז איין זאַך מיט סתים דקוב"ה[67], ביז עצמותו ית', „בעסק סתים

---

54) משלי ו, כג.

55) אמרי בינה שער הק"ש פנ"ד ואילך. ועוד.

56) שבת שם.

57) להעיר מהפירוש ב„כליא ריגלא כו'" שהם גופא יבאו לבחי' כלות הנפש כו' (סד"ה מצותה משתשקע תרע"ח).

58) ר"פ בהעלותך ובפרש"י.

59) ראה מכילתא בשלח טו, א. הובא בתוד"ה ה"ג ונאמר — פסחים קטז, ב. וראה פע"ח סוף שער החנוכה.

60) תנחומא בהעלותך ה. במדב"ר פט"ו, ו — ע"פ רמב"ן ר"פ בהעלותך.

61) ראה זח"ב סג, ב. פח, א.

62) כידוע בענין „ויכולו" — אוה"ת בראשית מב, ב ואילך. תקח, א ואילך. ועוד.

63) ס' השיחות תורת שלום ס"ע 112 ואילך.

64) ל' אגה"ק הידועה דהבעש"ט — נדפסה בכתר שם טוב בתחלתו. ובכ"מ.

65) ריש מס' מקוואות. רמב"ם הל' מקוואות פ"ט.

66) ראה זח"ג עג, א. תניא פ"ה. ועוד.

67) ראה זח"ג שם. לקו"ת ויקרא ה, ג. נצבים מו, א. ועוד. וראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ע' תקלה.

SichosKodesh.com

ופנימיות התורה מאיר בזה העצמות בגילוי יותר כו׳״[68].

און די מעינות דפנימיות התורה (ניט נאָר מי המעין, נאָר דער מעין עצמו) ברענגט מען אין חוצה. און אין אַן אופן „יפוצו״.

וואָס דאָס איז געווען דער אויפטו פון דעם אַלטן רבי׳ן בתורת חסידות חב״ד — ער האָט מסביר געווען די מעינות פון פנימיות התורה בהבנה והשגה פון חכמה בינה דעת, באופן פון „יתפר־נסון״[69] מיני׳ [און מיט נאָכמער הרחבה — דורך דעם מיטעלן רבי׳ן, באופן פון „רחובות הנהר״ פון בינה[70]], ביז אין שכל פון נפש הבהמית („חוצה״ שבהאדם[71]), ביז אין „חוצה״ (שמחוץ להאדם), ביז אין דעם סאַמע נידעריקסטן „חוצה״ שאין למטה ממנו.

און נאָכמער: דער אמיתית הענין פון „יפוצו מעינותיך חוצה״ איז, אַז ניט נאָר אַז די „מעינות״ קומען אָן אין „חוצה״ („ויצא״), נאָר זיי מאַכן איבער דעם „חוצה״ גופא („וישלח״), אַז דער אָפּלייג פון דעם שכל פון נפש הבהמית איז אין אַ אופן וואָס זיין שכל גופא ווערט בהתאם צו די „מעינות״[72]. ועד״ז אויך בנוגע צו „חוצה״ כפשוטו.

און דורך „יפוצו מעינותיך חוצה״ ווערט „קא אתי מר דא מלכא משיחא״[73] — דער „לישב בשלוה״ וואָס וועט זיין אין דער גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו.

יג. אין חודש כסלו עצמו שטייט מען היינט — אין: א) יום השבת, ב) י״ד כסלו.

יום השבת (דער סיום פון ימי השבוע) איז פאַרבונדן מיט מהלך השמש („ויהי ערב ויהי בוקר״). י״ד כסלו, יום בחודש, איז פאַר־בונדן מיט מהלך הלבנה, ובזה גופא סמוך וערב ט״ו בחודש, ווען „קיימא[74] סיהרא באשלמותא״[75].

דער חילוק ביניהם אין עבודת השם:

דער שמש, וואָס ווערט ניט נשתנה, איז מרמז אויף די עבודה באופן פון „תמידים כסדרם״. און די לבנה, וואָס ווערט שטענדיק

---

68) המשך תער״ב ח״ב פשס״ב.

69) לשון התקו״ז תיקון ו׳ בסופו. וראה הקדמת המקדש מלך לספרו. כסא מלך לתקו״ז שם. ועוד.

70) ראה זח״ג קמב, א. אגה״ק סו״ס טו. ובארוכה לקו״ש חכ״ה ע׳ 349 ואילך. וש״נ.

71) ראה אוה״ת לתהלים (יהל אור) ע׳ תנה.

72) היינו, דזה שמונח בשכלו הענינים דפנימיות התורה הוא באופן שמצד ההסברה דתורת החסידות הוא מוכרח להודות שכן הוא האמת, ועד שזה נעשה שכל שלו.

73) אגה״ק הנ״ל הערה 64.

74) ראה זהר ח״א קנ, א. רכה, ב. וראה שמו״ר פט״ו, כו.

75) שהרי: א) החודש הוא לא ל׳ ימים שלמים, כ״א כ״ט יום וי״ב שעות ותשצ״ג חלקים (רמב״ם הל׳ קידוש החודש פ״ו ה״ג), נמצא שחצי החודש הוא באמצע יום הט״ו. ובפרט בחודש כסלו זה — שמולד הלבנה הי׳ בשבת לפנות הבוקר, שכבר עברו יותר מי״ד יום. ב) מוצאי שבת זה, שבו מלוין את המלך (שו״ע אדה״ז או״ח ס״ש ס״ב) — הוא ט״ו בחודש.

נשתנה (בחצי ראשון של החודש — הולכת ומתגדלת, בחצי שני — הולכת ומתמעטת), איז מרמז אויף די עבודה באופן פון „מוספים כהלכתם״, וואו עס דאַרף שטענדיק זיין (שינויים ו)הוספות ועליות בקודש, עליות אין המשכת האור („נר מצוה ותורה אור״), און עליות אין עבודת הביטול (ומיעוט בחומריות וגשמיות האור), אַלס הכנה צו יחוד שימשא וסיהרא אין דעם נייעם ראש חודש[76].

איז בשעת מען שטייט ביום השבת, די שלימות פון ימי השבוע[62], און ביום י״ד לחודש, ווען „קיימא סיהרא באשלמותא״ — איז דאָ אַ נתינת כח ביחוד, אַזביידע עבודות הנ״ל (תמידין כסדרן און מוספים כהלכתם) זאָלן זיין בשלימות.

און די שלימות העבודה אין ביידע ענינים דאַרף זיין ניט נאָר בנוגע צו זיך אַליין, נאָר אין אַן אופן פון „להאיר על הארץ״[77] (וואָס דאָס איז דער תפקיד פון דער שמש ולבנה, (צו און) זיי באַלייכטן כל הארץ, דומם צומח חי ומדבר) — משפיע זיין און באַלייכטן די מענטשן אַרום זיך, ביז אויך די סוגים (חי, צומח און דומם) שלמטה ממדבר.

און ניט נאָר באַלייכטן זיי (מבחוץ), נאָר אויך פועל'ן אויף זיי און דורכנעמען זיי בפנימיות — ע״ד ווי דער אור השמש און אור הלבנה וואָס פועל'ן אויך בפנימיות אויף די נבראים שבארץ, כמ״ש[78] „וממגד תבואות שמש וממגד גרש ירחים״[79], ועאכו״כ אויף חי ומדבר — וואָס זיי זיינען נהנה פון דעם אור השמש והלבנה, ביז אַז דאָס האָט בכח זיי מרפא זיין[80], וכיו״ב.

יד. נאָך אַ לימוד פון שבת:

אויפן פסוק[81] „ויכל אלקים ביום השביעי מלאכתו אשר עשה״ (וואָס דערביי ווערט די שאלה: וכי אפשר דבר זה שעשה מלאכה ביום השביעי[82]) שטייט אין מדרש[83] אַז דאָס איז „כזה שהוא מכה בקורנוס על גבי הסדן הגביהה מבעוד יום והורידה משתחשך״, וואָס אויך דאָס („מכה בקורנוס על גבי הסדן״) ווערט אָנגערופן „מלאכתו אשר עשה״, אָבער וויבאַלד אַז „הגביהה מבעוד יום

---

76) ראה בכ״ז דרושי מחר חודש (סה״מ תקס״ז ע׳ מח ואילך. ועם הגהות — אוה״ת בראשית ד, סע״ב ואילך. ועוד). קונטרס משיחת ש״פ וירא שנה זו.

77) בראשית א, טו.

78) ברכה לג, יד ובפרש״י.

79) וגם השפעה על הדומם — כמבואר בספרים ש„לירח כח מוסיף ומיוחד ביסוד המים, והראי׳ על זה תוספת הימים והנהרות בתוספת הירח כו׳, לניצוץ השמש מניע יסוד האש כו׳ כמו שתראהו מהתפשט החום במציאות עם השמש כו׳״ (מו״נ ח״ב פ״י. וראה רבינו בחיי עה״פ ברכה שם).

80) כמ״ש „שמש צדקה ומרפא בכנפי׳״ (מלאכי ג, כ. הובא בפרש״י פרשתנו לב, לב).

81) בראשית ב, ב.

82) רש״י לב״ר שבהערה הבאה.

83) ב״ר פ״י, ט.

SichosKodesh.com

והורידה משתחשך״ איז דאָס ניט אסור[84].

דערפון איז דער לימוד פאַר יעדער איד. ובהקדים, אַפילו אַז מ׳האָט אַ הסברה ווי די מלאכה איז געוועזן מותר; אָבער צוליב וואָס האָט דער אויבערשטער געדאַרפט טאָן, כביכול, אין אַן אופן אַז דאָס זאָל אַריין אין „יום השביעי״? ובלשון רש״י[81] — „נכנס בו כחוט השערה ונראה כאילו כלה בו ביום״ — פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער דאָס געטאָן אַזוי אַז עס זאָל זיין „נראה כאילו כלה בו ביום״?

איז דער ביאור בזה — אַז דערמיט גופא האָט דער אויבער־שטער אָנגעוויזן אַ תורה, הוראה פאַר אַ אידן — עד כמה מ׳דאַרף טייער האַלטן און וויפל ס׳איז וויכטיק יעדער רגע און יעדע פעולה.

וכשם ווי באַ מלאכת הבריאה, איז דורך די „קליינע״ פעולה (הוריד הקורנס) איז נשלם געוואָרן די גאַנצע מלאכת הבריאה („ויכל גו׳ מלאכתו״), און פון דערויף איז מען גלייך אַריין אין „וישבות ביום השביעי״[81],

עד״ז איז אויך באַ אַ אידן, וואָס יעדער איד איז שלוחו של הקב״ה וכמותו דהמשלח (כנ״ל בארוכה), אַז אפילו ווען עס רעדט זיך וועגן אַ איין און איינציקע פעולה טובה, און אפילו ווען עס רעדט זיך וועגן גאָר אַ קליינע פעולה וואָס איז מערניט ווי „כחוט השערה״ — דאַרף ער וויסן, אַז ס׳קען זיין, אַז די קליינע פעולה איז דער „מכה בפטיש״, אָדער נאָך „נעענטער״ דער הוריד הפטיש, דורך וועלכע עס ווערט נשלם די גאַנצע עבודה דזמן הגלות, און גלייך (נאָך די פעולה) גייט מען אַריין אין דעם „יום שכולו שבת ומנוחה״[85]. וכהפס״ד בהרמב״ם[86]: עשה מצוה אחת הרי הכריע את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות וגרם לו ולהם תשועה והצלה.

טו. לויט דעם האָט מען אויך אַ הסברה אויף דעם וואָס מ׳האַלט אין איין שטורעמען אַז אַ איד דאַרף זיך יאָגן צו מוסיף זיין נאָך אַ פעולה און נאָך אַ פעולה אין תומ״צ, הפצת היהדות והמעינות חוצה, ובפרט בשנה זו — אין די ענינים פון „הקהל״ און „תשמח״ (שמחה), ווייל דערמיט קען מען ברענגען משיח׳ן אַ רגע פריער.

ולכאורה: אידן וואַרטן דאָך אויף משיח׳ן שוין טויזנטער יאָרן[87], און מ׳האָט שוין געטאָן אַ ריבוי תורה ומצות במשך אַלע דורות?!

ע״פ הנ״ל איז דאָס מובן: וויבאַלד אַז עס רעדט זיך וועגן אויס־פירן שליחותו של הקב״ה צו מאַכן פאַר אים אַ דירה בתחתונים — און דער אויבערשטער איז דאָך ניט באַגרעניצט צי דאָס זאָל זיין דורך אַ פעולה קטנה אָדער גדולה, צי דורך אַ גדול שבגדולים,

---

84) הביאור — ראה במפרשי המדרש שם. לקו״ש ח״ה ע׳ 32 ואילך.

85) סוף מס׳ תמיד.

86) הל׳ תשובה פ״ג ה״ד.

87) כמבואר בפרשתנו בנוגע ליעקב ובפשוטו של מקרא — פרש״י (לג, יד בסופו).

אדער אַ קטן שבקטנים — איז רעכט אַז אַט די איין פעולה פון אַ קליין קינד זאָל זיין דער „מכה בפטיש״ וואָס וועט ברענגען גלייך די גאולה.

טז. און די ידיעה גופא גיט צו נאָכמער מרץ און חיות צו יעדער איד אין זיין עבודה בפועל:

פאַרשטאַרקן אַלע זיינע פעולות אין אויספירן שליחותו של הקב״ה בעולם אין מאַכן אַ „דירה בתחתונים״, דורך קיום התורה ומצוות, און הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה אויך ביי אַנדערע אידן, ביז אויך בנוגע צו הפצת שבע מצוות בני נח באַ ניט אידן[88],

און ניט נאָר אין אַן אופן פון „ויצא״ — אַליין אַרויסגיין טאָן די שליחות, נאָר „וישלח״ — מאַכן (אָדער פאַרשטאַרקן) אַז אויך אַנדערע זאָלן ווערן (נאָך שטאַרקער און מער אַנטפלעקטע) „שלוחים״ פון דעם אויבערשטן, ביז מיט כחות פון „מלאכים ממש״, כנ״ל.

און ווי ס׳איז במיוחד אונטערשטראָכן בדורנו זה, וואָס דער נשיא הדור איז שמו — „יוסף״, על שם „יוסף לי ה׳ בן אחר״[89], די עבודה פון איבערמאַכן אַז אויך אַן „אחר״ זאָל ווערן אַ „בן״[90] (בגלוי) להקב״ה. און „יצחק״, על שם „כל השומע יצחק לי״[91]: אפילו אַזאַ וואָס איז דערווייליע נאָר אַ „שומע״, ער הערט נאָר וואָס מ׳רעדט (אָבער נאָך ניט קיין „רואה״ — וואָס זעט דאָס, כאילו מיט די אייגענע אויגן), און אין „שומע״ גופא — „כל השומע״, אפילו אויב ער הערט דאָס נאָר בחיצוניות (ער טראַכט זיך אין דעם ניט אַריין, און דערהערט ניט וכיו״ב) — ווערט ער אויך „יצחק לי״, אַ שליח וואָס איז גורם צחוק ותענוג אין דעם משלח, ביז אין דעם משלח הראשון — דער אויבערשטער כביכול אַליין, דורך דעם וואָס דער „שומע״ איז ממלא די תאוה ותענוג (כביכול) של הקב״ה צו האָבן אַ דירה בתחתונים[92].

יז. ובשנה זו — דאַרף זיך די עבודה הנ״ל במיוחד אויסשטעלן אין די צוויי אויסגעטיילטע ענינים פון שנה זו, „שנת הקהל״ און „שנת תשמח״[93]:

א) אויסנוצן יעדע געלעגנהייט אויף „הקהל את העם האנשים והנשים והטף״, בכדי אויפטאָן אין זיי „ליראה את ה׳ אלקיכם גו׳ כל הימים אשר אתם חיים על האדמה״[94]. ד. ה. זיך ניט באַגנוגענען מיט די אייגענע יראת ה׳ און מיט זיין אַ דוגמא חי׳ פאַר אַנדערע, נאָר

88) ראה רמב״ם הל׳ מלכים ספ״ח.

89) ויצא ל, כד.

90) ראה אוה״ת ויצא רכ, א ואילך. ועוד.

91) וירא כא, ו.

92) ראה תו״א ויצא כא, ג. וראה קונטרס משיחת ש״פ ויצא שנה זו ס״ב.

93) ראה בארוכה קונטרס משיחת ש״פ לך לך שנה זו.

94) וילך לא, יב ואילך.

SichosKodesh.com

מקהיל זיין אויך אַנדערע אידן, און ברענגען זיי (אָדער מוסיף זיין באַ זיי) צו „ליראה את ה' אלקיכם", ביז צו אַזאַ יראת ה' וואָס איז „כל הימים".

און דערביי איז אויך אונטערשטראָכן, אַז ס'איז ניטאָ אין דעם הקהל קיין חילוק צווישן „האנשים והנשים והטף" — ווייל מצד די נקודה פון „ליראה את ה' אלקיכם", גלייכן זיי זיך אַלע אויס [ע"ד ווי גערעדט פריער בנוגע די עבודת השליחות פון „דירה בתח־תונים"].

ב) צוגעבן אין שמחה, עבודת ה' בקיום שליחותו מתוך שמחה וטוב לבב[95]. סיי באַ זיך אַליין — „תשמח" (תי"ו בחיריק) לשון ציווי ולשון הבטחה. און סיי „תשמח" (תי"ו בשוא) אחרים (וואָס שלימות השמחה איז בשעת מ'פראַוועט דאָס צוזאַמען מיט אַנדערע), אַז אויך אַנדערע זאָלן זיין בשמחה („כל השומע יצחק לי").

און דורך מקיים זיין די שליחות מתוך שמחה — ווערן אַלע אידן נאָכמער פאַראייניקט, ווייל שמחה איז פורץ אַלע גדרים וחי־לוקים צווישן מענטשן[96].

יח. ובפרטי פרטיות — יש לעורר בענין שהזמן גרמא:

מ'זאָל מאַכן בכל מקום ומקום די פּאַסיקע הכנות — „הכנה רבתי"[97] — צו פראַוועַן י"ט כסלו און די התוועדויות פון י"ט כסלו, אין אַן אופן פון „ברב עם", און אין אַננעמען החלטות טובות אין נאָכמער פאַרשטאַרקן די עבודה פון „יפוצו מעינותיך חוצה".

און דערנאָך — פראַוועַן די ימי החנוכה[98], און „מבצע חנוכה", זעען אַז אַז יעדער איד זאָל וויסן און מקיים זיין די מצוות פון חנוכה, און דערפון אויך אַרויסנעמען די פּאַסיקע־הוראות — צו זיין אַ „נר להאיר", „על פתח ביתו מבחוץ", אין „נר מצוה ותורה אור".

יט. ויהי רצון, אַז לאחרי ווי ס'איז שוין געווען די עבודה פון „ויצא" און „וישלח" — זאָל איינע פון די פעולות נוספות הנ"ל שוין זיין דער „מכה בפטיש" וואָס וועט ברענגען דעם „וישב" — „לישב בשלוה", ביום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים,

„קהל גדול ישובו הנה"[99], און „שמחת עולם על ראשם"[100], ביז „שמח תשמח רעים האהובים"[101] — די נישואין פון דעם

---

95) תבוא כח, מז. וראה תניא פכ"ו (לג, רע"א). רמב"ם סוף הל' לולב.

96) ראה בארוכה המשך שמח תשמח תרנ"ז (ע' רכג ואילך).

97) ראה ביצה ב, ב. ד, א. ובכ"מ. וראה אנציקלופדי' תלמודית ערך הזמנה (א) ס"ג. וש"נ.

98) שתחלתם מתברכים משבת הבאה, השבת שבתוך ג' ימים מי"ט כסלו.

99) ירמי' לא, ז.

100) ישעי' לה, י. נא, יא.

101) נוסח ברכות נישואין.

אויבערשטן און אידן, באופן פון „והיו לבשר אחד״[102] — „ישראל (אורייתא) וקוב״ה כולא חד״[67], „ולא יכנף עוד מוריך והיו עיניך רואות את מוריך״ — די שלימות הגילוי פון דירה לו יתברך בתח־תונים, גילוי עצמותו ית׳ אין אַלע פרטים פון „תחתונים״, ביז „ולא ילמדו איש את רעהו כי כולם ידעו אותי מקטנם ועד גדולם״,

ובמהרה בימינו ממש.

102) בראשית ב, כד.



SichosKodesh.com

בס"ד. שיחת ש"פ וישלח, י"ד כסלו ה'תשמ"ח. הנחת הת' בלתי מוגה

השלמות לשיחות הראשונות

[בענין ששם הסדרה מורה על ענין שלם לעצמו - אמר:]

א. ועד"ז ווי שם התקופה, "שני אלפים תורה, שני אלפים ימות המשיח"[1], וכיו"ב - איז נאר א סימן (פון איין ווארט ("תורה") אדער צוויי ווערטער "ימות המשיח")) אויף א גאנצע תקופה וועלכע איז כולל א ריבוי זמנים וענינים. עד"ז שמות הספרים - בראשית, שמות וכו'. ועד"ז שמות הסדרות.

אעפ"כ דארף מען זאגן, אז אויך דער שם כשלעצמו האט א תוכן. ובמכ"ש דערפון וואס יעדער ווארט אין תורה איז אן ענין ולימוד לעצמו, כידוע דער כלל (וואס ברענגט זיך אמאל בשם הרס"ג, אדער בשם הבעש"ט[2]) אז העצם כשאתה תופס במקצתו אתה תופס בכולו. ועאכו"כ אז דאס איז אזוי בנוגע צו תורה, וואס איז אן עצם צווישן אלע עצמיים.

[ובהמשך הענין ע"ד ה"שליחות" של תורה למטה - אמר:]

וכשם ווי די שליחות ("וישלח") פון תורה למטה באשטייט פון א נקודה אחת - צו מאכן א דירה לו יתברך בתחתונים [נאר בפרטיות - שטעלט זיך דאס אויס אין כמה ענינים שונים: ניתנה תורה כדי לעשות שלום בעולם[3]; "דורך תורה "אותי אתם לוקחים"[4], וכיו"ב] - אזוי איז אויך בנוגע צו אידן, וואס ווערן געגליכן צו א ספר תורה[5], "זאת התורה אדם"[6], "זה ספר תולדות אדם"[7] - אז זייער שליחות ("וישלח") למטה באשטייט פון די נקודה צו מאכן א דירה בתחתונים [נאר אויך בא זיי שטעלט זיך דאס אויס בפרטיות אין פארשידענע אופנים פרטיים: "זה ספר תולדות אדם" - תולדותיהם של צדיקים (ועמך כולם צדיקים[8]) מעשים טובים[9], ע"ד לעשות שלום בעולם, וכיו"ב].

און דעריבער איז די שליחות נרמז אין איין און איינציקער ווארט "וישלח", ווייל דער "וישלח" באדייט א נקודה אחת - די נקודה פון מאכן א דירה בתחתונים.

וואס די כוונה פון נתאוה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים איז א נקודה אחת, אבער ניט ווי א נקודה מצד איר הגבלה, וואז זי איז למטה פון קו ושטח כו' [און מ'דארף אנקומען צו א"ס נקודות (וואס א"ס איז שלימות) בכדי עס זאל ערשט צוזאמענגעשטעלט ווערן א קו, און א"ס קוים שטעלן אויף א שטח, און א"ס שטחים מאכן אויף אורך רוחק ועומק; נאר א נקודה עצמית וואס ווערט אנגערופן נקודה

---

1) סנהדרין צז, א. 2) כתר שם טוב הוספות סקט"ז. וש"נ. 3) רמב"ם סוף הל' חנוכה. 4) שמו"ר פל"ג, ו. ויק"ר פ"ל, יג. 5) מו"ק כה, א. 6) חוקת יט, יד. 7) בראשית ה, א. 8) ישעי' ס, כא. 9) פרש"י ר"פ נח.

ווייל דאס איז העכער פאר אלע ענינים, און נעמט ארום אלע ענינים[10].

וואס וואס דאס איז דער פירוש אין דעם וואס דער אלטער רבי זאגט[11] בנוגע צו "נתאוה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים", אז אויף א תאוה איז קיין קשיא ניטא - ווייל עצמות ומהות (וואס דארטן איז דער "נתאוה") ית', איז העכער פאר כל הגדרים פון טעמים והסברות, און בכלל פון אלע חילוקי דרגות, עליות וירידות כו'.

[בהביאור שעשיית דירה בתחתונים היא דוקא בכח העצמות (ששלוחו של הקב"ה הוא כמותו דהמשלח) - כיון שעושין דירה (תכלית הגילוי) בתחתונים (תכלית ההעלם, שנברא כן ע"י הקב"ה)]:

ב. דער עצם מהות פון עולם (יעדער עולם) ווי דער אויבערשטער האט אים לכתחילה באשאפן איז, אז ער איז (אן עולם) מלשון העלם והסתר.

וואס דאס איז אזוי אפילו אין די עולמות עליונים (וועלכע ווערן אויך אנגערופן בשם "עולם"), ביז אין עולמות הא"ס - העלמות עד א"ס [ע"ד ווי "שלשת אלפים משל"[12], וואס א משל איז מעלים ומסתיר אויפן שכל המלובש בהמשל[13]]. על אחת כמה וכמה בנוגע עולם הזה הגשמי והחומרי, וואס איז באשאפן געווארן באופן כזה, "והוא התחתון במדריגה שאין תחתון למטה ממנו בענין הסתר אורו ית' כו'".

משא"כ דער ענין פון "דירה לא יתברך" איז פונקט פארקערט: אין א דירה געפינט זיך דער אדם הדר בו (ניט סתם בגילוי, נאר) בתכלית הגילוי וההתפשטות וההרחבה. [ובפרט אין א "דירה נאה", וואס איז מרחיב דעתו של אדם]. ביז אז אפילו א מלך, וואס בכלל אין רואין אותו ערום (דאס איז היפך כבוד המלכות), איז אין זיין דירה מוז ער אמאל זיין ערום (בשעת ער בייט די לבושים וכיו"ב).

שטעלט זיך די שאלה: ווי האט א איד בכח צו אויפמאכן א "דירה", וואו דער אויבערשטער געפינט זיך בתכלית הגילוי, אין "תחתונים" וועלכע זיינען מעלים ומסתיר אויף אלקות מצד בריאתו של הקב"ה.

בשלמא אויב דער העלם והסתר העולם וואלט געקומען מצד חטא

---

10) ראה גם קונטרס משיחת ש"פ האזינו שנה זו הערה 23. 11) המשך תרס"ו בתחלתו (ס"ע ז). ד"ה שוקיו תש"ב פי"ט. 12) מ"א ה, יב. 13) ראה ספר הליקוטים דא"ח צ"צ ערך משל. וש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

האדם, קען דער אדם דאס מתקן זיין דורך תשובה; אבער וויבאלד אז דער אויבערשטער האט באשאפן עולם, ועאכו"כ תחתונים, אין אן אופן אז זיין עצם מהות איז מעלים ומסתיר אויף אלקות - ווי קען אן אדם (אפילו דער גרעסטער גדול ובר דעת) דארט מאכן א "דירה לו יתברך".

איז דער איינציקער ביאור אויף דעם: וויבאלד אז דער אויבערשטער האט געמאכט א אידן פאר זיינעם א שליח, ושלוחו של אדם כמותו, דעריבער קען ער דאס אויפטאן בכח העצמות, וואס עצמותו ית' איז העכער פאר דעם גאנצן גדר פון העלם וגילוי.

און מצד די נקודה (שליחות פון עצמותו ית') זיינען אלע אידן בשווה ממש אלס שלוחים פון דעם אויבערשטן.

ג. בשעת מ'קומט אבער אויספירן די שליחות בפועל בעולם בתחתונים - אין אן עולם וואס איז באשאפן געווארן פון דעם אויבערשטן אין אן אופן פון ריבוי התחלקות, דערביי ווערן חילוקים ותנאים אין קיום השליחות, אפגעמאסטן לויט דעם אדם המקיים השליחות, און די תנאי הזמן והמקום כו'. [וואס אויף אויף דעם (קיום השליחות פרטית) באקומט אויך כח פון דעם אויבערשטן, כמאחז"ל[14] "איני מבקש כו' אלא לפי כחן"].

וע"ד ווי ס'איז געווען בא דעם "ושכנתי בתוכם"[15] אין משכן און בית המקדש - אז דערצו האט מען געדארפט האבן כמה וכמה תנאים והכנות: א ציווי ונתינת כח פון משה רבינו, "ויקחו לי - לשמי"[16], "חכמי לב"[17] וכו'.

ועד"ז ברוחניות הענינים: אויב עס וואלט זיך גערעדט וועגן מאכן א "דירה" אויף די דרגא פון אלקות אין די עולמות עליונים, אצילות, בריאה, יצירה ועשי' - וואלט דעמולט געווען א חילוק ווער עס טוט עס און אין וועלכן אופן, ווארום יעדער עולם שטייט אויף א געוויסע דרגא און, ובכדי מאכן א כלי ("דירה") צו די דרגא, דארף מען זיין בערך צו די דרגא און ראוי ומוכן לזה כו'.

משא"כ בנוגע מאכן א דירה לעצמותו - פאדערט זיך ניט קיינע תנאים והכנות, ווארום דער אויבערשטער האט געמאכט יעדער איד, אנשים נשים וטף, באיזה מעמד ומצב שיהי' - איז שלוחו של הקב"ה (עצמותו כמותו), און מיט יעדער פעולה שלו בעולם - האט ער בכח אויפמאכן א דירה בתחתונים.

---

14) במדב"ר פי"ב, ג. 15) תרומה כה, ח. 16) שם, ב ובפרש"י. 17) תצוה כח, ג.

הנחת הת' בלתי מוגה

[בענין התנאי של ביטול שצ״ל בקיום השליחות, ולא הרגש של גאוה ח״ו - אמר:]

ד. וואס דאס קומט אלס א מאמר המוסגר, וואס ווערט נסגר און ארויסגעווארפן פון כלל ישראל - "תשליך במצולות ים כל חטאותם"[18], און מ'האט נאר דעם "וישב, לישב בשלוה", און מ'ווערט נתעלה אין קדושה עצמה.

[סיום השיחה:]

ה. און דער עיקר, אז מ'טוט אפ די לעצטע שיריים פון מעשינו ועבודתינו, ווארום ס'איז דאך שוין "כלו כל הקיצין", ניט נאר דעם גלות, נאר אויך דעם קץ הגלות, און איצטער דארף בלויז זיין דער "מכה בפטיש" וואס זאל ברענגען די גאולה.

וכידוע בהלכה אז "מכה בפטיש" האט ניט קיין שיעור, באורך רוחב ועומק כו', דאס קען זיין ברגע כמימרא, "כהרף עין", וביחד עם זה - איז דאס נחשב למלאכה, ביז אז באם אויבערשטן האט דאס אריינגעבראכט דעם יום השבת. עד"ז אין עבודת האדם - איז רעכט אז אז דורך א פעולה קטנה פון "מכה בפטיש" זאל ער גלייך ברענגען דעם יום שכולו שבת ומנוחה!

כפס"ד הרמב"ם אז דורך א מצוה אחת, במחשבה, בדיבור אדער במעשה, קען א מענטש ברענגען תשועה והצלה לו ולכל העולם כולו.

ועד כדי כך איז בגלוי די הוראה פון "מכה בפטיש" - אז מ'זעט אז אפילו ביי אומות העולם איז די הנהגה, ווי אין קאנגרעס וכיו"ב, אז לאחרי א שקו"ט ארוכה וריבוי פלפולים כו', איז דער עיקר וסיכום ומסקנא תלוי דוקא אין דעם מכה בפטיש!

און בשעת ס'איז דא א איד ועמען מ'באווייזט דאס - דארף ער וויסן תורת הבעש"ט אז ער דארף זיך דערפון אפלערנען בנוגע צו זיין עבודה. און עס קען גאר זיין - אז צוליב דעם אליין האט מען דא אים באוויזן, בכדי ער זאל זיך דערפון אפלערנען בנוגע צו זיין "מכה בפטיש" - בכדי דיר מעורר זיין אז ניט קוקנדיק אויף אלע ענינים וואס דו האסט שוין אויפגעטאן, דארפסטו פארענדיקן דיין לעצטער קלאפ, דיין "מכה בפטיש"!

און מ'קען גאר ניט וויסן וואס איז דער עיקר - כידוע דער סיפור וואס נשיא דורנו האט דערציילט[19] וועגן א תלמיד נסתר פון

18) מיכה ז, יט. 19) "היום יום" ה אייר. אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ע' קעד. ע' רצה. ח"ד ע' תקכא. ועוד.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

דעם בעש"ט (און עס קען גאר זיין אז ער איז געווען זיינער א חבר) - אז א נשמה קומט אראפ דא למטה און לעבט זיבעציק אכציק יאר בכדי א טובה טאן א אידן.

וואס דאס האט זיך גערעדט וועגן א תלמיד פון בעש"ט, וואס ער האט דאך געלייגט תפילין, און געפאסט יוהכ"פ, ועיצומו של יום מכפר[20] וכו', און האט אויך מפיץ געווען די מעינות חוצה, אעפ"כ זאגט מען, אז ס'איז רעכט אז ירידת הנשמה בגוף איז געווען נאר צוליב איין און איינציקער מאל א טובה טאן א אידן!

און דאס האט איבערגעגעבן נשיא דורנו - וואס ענינו איז געווען נשיאות, גלייך משנולד, ווי עס שטייט בנוגע צו משה רבינו אז "ומשה הי' רועה"[21] גלייך משנולד, עד"ז בנוגע צו נשיא דורנו, ובפרט אז ער איז געווען א בן יחיד.

במילא זאגט מען דעם איד וואס האט געזען די הנהגה פון "מכה בפטיש" ביי אוה"ע - אז דער בעש"ט זאגט אז מ'האט עס דיר באוויזן בכדי דו זאלסט זיך דערפון אפלערנען אין דיין עבודה צו דינען דעם אויבערשטן.

פרעגט מען: וואס האט דער בעש"ט ותורת הבעש"ט פאר א שייכות מיט א הנהגה פון אוה"ע, אין קאנגרעס וכיו"ב?!

האט דאס דער בעש"ט אליין באַוואָרנט: דער בעש"ט זאגט[22] אז התהוות כל העולם איז בכל רגע ורגע מחדש. ד.ה. אז יעדער זאך אין וועלט איז זיין פנימיות - אלקות. כולל אויך א הנהגה פון אוה"ע בנוגע צו "מכה בפטיש" - איז די פנימיות בזה - אלקות, דער לימוד דערפון אין עבודת ה', ווי דורך א פעולה פון "מכה בפטיש" קען מען פארענדיקן דעם גאנצן ענין.

ועאכו"כ בשעת מ'האט געזען דעם "מכה בפטיש" ניט בלויז איין מאל, נאר דריי מאל נאכאנאנד!

נאר וויבאלד מ'איז מושקע אין חומריות איז מען דערצו ניט משים לב...

ס'איז דאך ניט קיין ענין זאגן מוסר. ווי אפילו א קינד פארשטייט, אז שמייסן העלפט ניט. און ווי ישעי' הנביא האט געזאגט, אז וואס זאגט מען אידן מוסר, דאס וועט ניט העלפן - זאל מען זיי בעסער געבן גשמיות, "משביע לכל חי רצון", און דוקא

---

20) רמב"ם הל' תשובה פ"א ה"ג-ד. 21) שמות ג, א. 22) הובא בשעהיוה"א.

הנחת הת' בלתי מוגה

חסדים גלויים (ניט חסדים נסתרים, וואס מ'איז נאך ניט קיין כלי אויף מקבל זיין), און זאלן זיי זיך פאשען און פאשען (ווי בהמות), און דערנאך וועט די בהמה (שבו) סו"ס ווערן דם ובשר כבשרו (פון דעם אדם עצמו).

ביז ער וועט אויפגעהויבן ווערן למעלה, און כל מציאותו וועט אויפגעהויבן ווערן, אויך זיינע רגלים, היז אויך זיין ממון, המעמיד אדם על רגליו[23].

[חסר קצת].

ו. און דעריבער יאגט מען מערער און מערער בנוגע די פעולות אין תומ"צ בכלל און בפרט הקהל און תשמח - ווייל דאס קען זיין דער "מכה בפטיש" וואס וועט גלייך ברענגען די גאולה.

און עס ווערט "וישב יעקב", "לישב בשלוה" - "ושבתי בשלום אל בית אבי", ארץ הקודש, "אשר גו' תמיד עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"[24], "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[25], באופן פון "הקהל את העם האנשים והנשים והטף", וכספם וזהבם אתם[26],

צוזאמען מיטן גאנצן שטורעם פון הקהל און תשמח (שמחה), און מיטן גאנצן שטורעם פון "רעש גדול", און דעם גאנצן שטורעם פון "קול דממה דקה"[27].

ובפשטות - גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ולא עכבן אפילו כהרף עין, און נאך שנעלער פאר "הרף עין", ולמטה מעשרה טפחים.

* * *

[סיום שיחה ב']:

ז. און "שמח תשמח" - וואס "שמח" איז דער מקור ושרש אויף לשון שמחה - איז כולל אלע ענינים אין שמחה, סיי לשון נוכח, הוה עבר ועתיד, סיי שמחה בעצמו און סיי משמח זיין א צווייטן.

און די אלע ענינים ווערן א הכנה קרובה צו "קהל גדול ישובו הנה", אז אלע אידן, "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו", גייען אין ארץ הקודש, און מ'האט תכלית השלימות פון "יעקב ועשו" און אלע אידן, ובאופן פון "שמח תשמח" - מתוך שמחה.

---

23) פסחים קיט, א. 24) עקב יא, יב. 25) בא י, ט. 27) מ"א יט, יב.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ובפשטות - גאולה האמיתית והשלימה, ובפשטות שבפשטות.

* * *

ח. מאמר (כעין שיחה) ד"ה אשר ברא ששון ושמחה כו'.

* * *

ט. ס'איז אויך רגיל אפצושטעלן זיך אויף אן ענין בפרשתנו בקשר מיט פירוש רש"י, אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר דפרשתנו, און אן ענין אין היינטיקן שיעור רמב"ם.

בנוגע צו פרש"י וועט מען זיך אפשטעלן אויף כמה ענינים וועלכע מ'האט מעורר געווען, אנהויבנדיק פון א פרש"י ארוך - עה"פ בסוף הפרשה[28] "ואלה המלכים אשר מלכו בארץ אדום גו'".

[השאלות והביאור בפרש"י זה - הוגה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א, ונדפס בסוף הקונטרס].

י. נאך אן ענין אויף וועלכן מ'האט מעורר געווען [ומפני קיצור הענין - וועט מען זיך אפשטעלן אויך אויף דעם]:

פארוואס איז רש"י ניט מפרש פארוואס עס שטייט "וילן שם בלילה ההוא"[29] און ניט "ההיא" - ווארום "לילה" איז לכאורה לשון נקבה, ע"פ הכלל אז א ווארט וואס ענדיקט זיך מיט א ה"א איז לשון נקבה [ע"ד "אשה" לגבי "איש"].

ובפרט אז אין פ' ויצא[30] איז רש"י מבאר פארוואס עס שטייט "וישכב עמה בלילה ההוא - "הקב"ה סייע שיצא משם יששכר".

מ'האט אויך מעורר געווען אויף דעם וואס רש"י איז מפרש עה"פ[31] "ויאבק איש עמו" - "מנחם פי' ויתעפר איש מלשון אבק ["דאסט"] כו'". פארוואס זאגט רש"י דעם שם בעל המאמר - "מנחם פי'".

וכפי שיתבאר לקמן.

יא. אין די הערות פון טאטן אויפן זהר[32] שטעלט ער זיך אויף דעם וואס שטייט אין זהר[33] עה"פ[34] "חיים שאל ממך נתת לו" - "חיים שאל ממך דא דוד מלכא דהא כד ברא קב"ה גנתא דעדן אטיל בי' נשמתא דדוד מלכא ואסתכל בי' וחמי דלית לי' חיים מדילי' כלום",

---

28) לו, לא. 29) לב, יד. 30) ל, טז. 31) לב, כה. 32) ע' קל. 33) ח"א קסח, א. 34) תהלים כא, ה.

הנחת הת' בלתי מוגה

און ער האט באקומען זיינע שנים פון אדם הראשון און די אבות (אברהם ויעקב) ויוסף - "מאדם קדמאה הוו שבעין שנין דאתקיים דוד מלכא בעלמא כו'".

ועד"ז שטייט אין אנדערע ערטער[35], אז "אדה"ר נתן לו לדוד ע' שנה משלו כשהראה לו הקב"ה דור דור ומנהיגיו וראה דוד שהי' בר נפלא כו'"[36].

- ועד"ז שטייט בנוגע צו דוד מלכא משיחא, אז ער איז א "בר נפלי"[37], און ער באקומט אויך זיינע שנים פון אדה"ר און די אבות[38] -

און דער טאטע איז מבאר דעם ענין ע"ד הקבלה אין זיינע הערות. אויך דער צמח צדק אין ספר המצוות שלו מצות מינוי מלך - איז דאס מבאר.

זיי זיינען אבער ניט מבאר דער לימוד דערפון אין עבודת ה'.

מ'האט שוין אמאל גערעדט[39] וועגן דעם ענין פון משיח אין עבודת ה', און דאס וואס ער איז א "בר נפלי" - מ'האט אבער דעמולט ניט מבאר געווען א "קלאץ קשיא" אין דעם ענין:

ווי קען זיין אז אדה"ר "ראה דוד שהי' בר נפלא" (ועד"ז הקב"ה "חמי דלית לי' חיים מדילי' כלום") - וויבאלד אז ער איז געווען א "בר נפלא", ניט קיים מציאות קיימת, וואס האבן זיי געזען?!

מ'קען ניט ענטפערן אז דוד איז געווען א "בר נפלא" וואס וואלט געלעבט א שנה אחת - ווייל דעמולט האט אדה"ר אים געדארפט געבן 69 יאר און ניט שבעים שנה [בדוחק וואלט מען געקענט זאגן אז ער וואלט געלעבט א יום אחד]!

מ'קען אויך ניט ענטפערן אז זיי האבן געזען דעם ענין אין זיין נשמה (און בא משיח - אין יחידה שבנפש)[40], ווייל מ'רעדט דאך דא וועגן דוד ווי ער דארף זיין א מלך ישראל, "דוד מלך ישראל חי וקיים", אלס א נשמה בגוף [ועד"ז בנוגע צו משיח אלס א נשמה בגוף] - און אלס א נשמה בגוף איז ער געווען א "בר נפלי", היינט אויב אזוי - וואס האט אדה"ר געזען?!

---

35) זהר שם נה, סע"א. יל"ש בראשית רמז מא. 36) לשון הצ"צ בסהמ"צ מצות מינוי מלך. 37) סנהדרין צא, סע"ב. 38) ראה גם שיחת ש"פ וישלח תשמ"ה סמ"ה 39) שיחה שבהערה הקודמת. ועוד. 40) רמ"ז לזח"ג רס, ב. ועוד.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

נוסף לזה - דארף מען אויך פארשטיין די הוראה דערפון אין עבודת ה', כנ"ל.

וכפי שיתבאר לקמן.

יב. אין היינטיקן שיעור רמב"ם - אין הל' מלוה ולוה - שרייבט דער רמב"ם[41]: "שטר שלוה בו ופרעו אינו חוזר ולוה בו שכבר נמחל שעבודו ונעשה כחרס".

פאדערט זיך הסברה:

א) פארוואס זאל מען טאקע ניט קענען נוצן דעם זעלבן שטר אויף נאך א הלואה, אפילו ניט "בו ביום" (ווי מפרשים זאגן[42]): וויבאלד אז דער שטר איז דאך (לכאורה) נאר א ראי' אויף די הלואה, ניט ווי א שטר קידושין וואס איז א שטר קנין, דאס טוט אויף דעם ענין הקידושין ("האשה נקנית כו' בשטר"[43]), אדער א גט כריתות, וואס טוט אויף דעם ענין [ע"ד ווי די צוויי אופנים אין עדות: עדי בירור און עדי קיום ()] - איז פארוואס זאל מען עס ניט קענען נוצן אויף נאך א הלואה צווישן דעם מלוה ולוה?

ב) וואס איז דער דיוק אז דער שטר "נעשה כחרס", וואס האט א שויות, און ניט אז דער שטר ווערט כעפרא דארעא?

ג) וואס איז דער לימוד דערפון אין "לתקן הדיעות כו'"[45]?

וכפי שיתבאר לקמן.

יג. דער "לתקן הדיעות" פון כללות שנה זו - שנת הקהל - איז, אז אידן זאלן זיך צוזאמענקלייבן, צוליב א חנוכת בית הכנסת כו', אדער א חסיד'ישע פארברענגען וכיו"ב.

דעריבער איז איצטער דער זמן המתאים, אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה [המשמח אלקים ואנשים[46]] פאר פארשידענע מסיבות זאלן ארויפגיין און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט און וואו, און מזמין זיין די מסובים כאן, און מאכן א התחלה בזה איצטער - דורך זאגן "לחיים", און טיילן א חלק פון די משקה.

און די התחלה זאל צוגעבן הצלחה בכל ענינים אלו. און דער עיקר - הצלחה בהמשך הענין.

---

41) פי"ד ה"ז. 42) כס"מ שם - מב"מ יג, א. 43) ריש מס' קידושין. 44) ראה לקו"ש חי"ט ע' 188. וש"נ. 45) רמב"ם סוף הל' תמורה. 46) ספר שופטים ט, יג.

הנחת הת' בלתי מוגה

ויה"ר אז דאס זאל זיין די מחשבה אחת, דיבור אחד אדער מעשה אחד - וואס וועט מכריע זיין "את העולם לכף זכות" און ברענגען "תשועה והצלה", ותשועה והצלחה - גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות כו' התחיל לנגן "והריקותי לכם ברכה"].

* * *

יד. הביאור בפרש"י עה"פ "ואלה המלכים אשר מלכו בארץ אדום גו'" - נדפס בסוף הקונטרס, כנ"ל.

טו. דער ביאור אין דעם פסוק "בלילה ההוא":

"לילה" איז לשון זכר און ניט לשון נקבה. ווי עס שטייט ווייטער[47] - "בלילה אחד" (ניט "אחת"). דערפאר שטייט "ההוא" און ניט "ההיא".

[און דאס וואס רש"י איז מפרש אין פ' ויצא (אויף "וישכב עמה בלילה ההוא") איז ניט צו מבאר זיין דעם לשון "ההוא", נאר דעם כללות הענין].

און אע"פ אז ס'איז דא דער כלל אז א ווארט וואס ענדיקט זיך מיט א ה"א איז לשון נקבה - איז: א) דער בן חמש למקרא ווייסט ניט און האט ניט געלערנט וועגן דעם כלל. ב) דער כלל האט אין זיך יוצאים מן הכלל [ווי רש"י האט מפרש געוועזן פריער[48] "המחנה האחת והכהו - מחנה משמש לשון זכר ולשון נקבה"], און "לילה" איז איינער פון די יוצאים מן הכלל. ג) נאכמער: דער בן חמש בזמן רש"י ווייסט בפשטות אז "לילה" איז לשון זכר - ווייל נוסף לזה וואס רש"י לערנט מיט אים פירוש הכתובים רעדט ער מיט אים בע"פ, אזוי ווי יעדער מלמד איז ניט נאר מפרש די פסוקים פאר די קינדער, נאר ער רעדט מיט זיי - ער זאגט זיי "גוט מארגן", זאגט מיט זיי "מודה אני" וכיו"ב - במילא איז בל ימלט, אז ער זאל אים ניט זאגן אז "לילה" איז לשון זכר.

טז. דער טעם פארוואס רש"י דערמאנט דעם שם בעל המאמר "מחנם פי'":

וויבאלד אז רש"י נעמט ניט אן דעם פירוש פון "מנחם" (ווי ער איז דערנאך ממשיך "ולי נראה כו'") - דעריבער דארף רש"י זאגן

---

47) וישב מ, ה. 48) לב, ט.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ווער זאגט דעם פירוש; און וויבאלד אז דער מקור הפירוש איז ניט פון א תנא ואמורא אין מדחז"ל - וואס דעמולט דארף רש"י ניט דערמאנען שם בעל המאמר, ווייל אויב דער תלמיד וויל דאס וויסן קען ער זיך נאכפרעגן - נאר א פירוש פון "מחנם", אזא וואס האט געלעבט בערך 100, 150 יאר פאר זמן רש"י און האט זיך געקאכט און געשריבן א חיבור אין פירוש הכתובים ע"ד הפשט, במילא וועט דער תלמיד ניט קענען אליין געפינען דעם מקור הפירוש - דעריבער זאגט רש"י אז דער "מנחם פי'".

יז. דער ביאור אין רמב"ם:

א שטר הלואה האט אין זיך א תוקף לגבי המלוה על פה - ווי דער דין איז, אז מיט א שטר הלואה קען דער מלוה גובה זיין פון נכסים משועבדים[49].

וואס עפ"ז איז מובן אז א שטר הלואה איז ענלעך אין א פרט צו א שטר קידושין - ווייל ע"ד ווי א שטר קידושין איז ניט נאר אלס ראי', נאר דאס טוט אויף קנין הקידושין, עד"ז א שטר הלואה איז ניט נאר אלס ראי', נאר דאס טוט אויף אז מ'זאל קענען גובה זיין מנכסים משועבדים.

דערפאר איז דער דין אז "שטר שלוה בו ופרעו אינו חוזר ולוה בו שכבר נמחל שעבודו".

און דער רמב"ם גיט צו "ונעשה כחרס" - ווייל מ'קען ניט זאגן אז דער שטר איז כעפרא דארעא, וואס האט ניט קיין שוויות, ווארום דער שטר האט עפעס א שוויות; מ'קען דאס טאקע ניט נוצן אויף נאך א הלואה, אבער מ'קען דאס נוצן אלס א פראפקע על פי הצלוחית וכיו"ב.

יח. דער לימוד דערפון אין "לתקן הדיעות":

מ'האט היינט באטאג געזאגט אין "כתר" בתפלת מוסף "וישמיענו כו' לאמר הן גאלתי אתכם אחרית כבראשית".

וידוע אז אמירתו של הקב"ה חשיב מעשה[50] [ווי מ'זעט אז בריאת העולם בפועל איז געווארן דורך דיבורו ואמירתו של הקב"ה - עשרה מאמרות], במילא קומט אויס אז די אמירה ("לאמר") הנ"ל של הקב"ה "הן גאלתי אתכם כבראשית" איז חשיב מעשה און איז אזוי ווי א "שטר חוב" פון דעם אויבערשטן צו אידן, אז ער וועט זיי גואל זיין בגאולה העתידה, "אחרית כבראשית".

---

49) רמב"ם הל' מלוה ולוה פי"א ה"ד. 50) ב"ר פמ"ד, כב.

הנחת הת' בלתי מוגה

וע"פ הנ"ל דארף אויסקומען, אז בשעת דער אויבערשטער האט גואל געווען אידן פון מצרים (די גאולה "ראשית"), איז יענער "שטר חוב"[51] בטל געווארן, און דערנאך קען מען אים ניט ווייטער נוצן בנוגע צו די גאולה העתידה - ווארום לאחרי דער גודל הירידה וואס איז געווען אין דעם גלות, איז אינגאנצן ניט מספיק גאולת מצרים.

און דאס איז טאקע דער דיוק "אחרית כבראשית", מיט א כ"ף הדמיון למעליותא - ווייל די גאולה העתידה וועט זיין באופן חדש (א שטר חדש), כידוע אז בגאולה העתידה וועלן זיין נפלאות אפילו בערך די נפלאות בא יצי"מ[52] (כמ"ש[53] "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"), אזוי אז גאולת מצרים איז אזוי ווי א (כ"ף ה)דמיון ("כבראשית") לגבי די גאולה אחרונה ("אחרית").

דערפון האט מען אויך דער לימוד אין עבודת ה':

וויבאלד אז די גאולה העתידה איז תלוי אין מעשינו ועבודתינו[54] - דארף די עבודה פון א אידן אויך זיין באופן כזה, אז יעדע עבודה שלו דארף זיין באופן חדש.

אנהויבנדיק פון דעם וואס בכל יום ויום חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא היום ממצרים[55] - דארף דאס זיין אין אן אופן, אז ער איז זיך ניט מסתפק מיט די "יציאת מצרים" ביום שלפניו, ווארום לאחרי ווי עס גייט דורך דער טאג ווערט דער "שטר חוב" בטל, און אויף מארגן דארף ער האבן א שטר חדש (אזוי ווי ס'איז געווען בנוגע צו גאולת מצרים בכלל, כנ"ל).

עד"ז בכללות עבודת האדם: ס'איז ידוע וואס שטייט אין תניא[56], אז עסק התורה ומצות והתפלה הוא ג"כ ענין מסירת נפש ממש כו'", ומבואר באגה"ק[57] אז תפלה איז א גאולה פרטית ("פדה בשלום נפשי"[58]). דארף די עבודה זיין אין אן אופן, אז יעדער מאל וואס ער איז מקיים א מצוה אדער איז מתפלל איז דאס א מסירת נפש חדשה און א גאולה פרטית חדשה. ער האט געדאווענט שחרית און געהאט א גאולה פרטית - איז ער זיך דערמיט ניט מסתפק, און ווען עס קומט מנחה ווערט א נייע גאולה פרטית.

און דאס ווערט א הכנה צו די גאולה כללית באופן חדש.

און דאס ווערט א הכנה צו די גאולה כללית באופן חדש, ולא

---

51) ראה פרש"י פרשתנו לו, ז. 52) אוה"ת עה"פ מיכה ז, טו. 53) מיכה שם. 54) תניא רפל"ז. 55) שם רפמ"ז. וראה פסחים קטז, א במשנה. 56) פמ"א (נח, א). 57) ס"ד. 58) תהלים נה, יט.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

יכנף עוד מוריך והיו עיניך רואות את מוריך, בעגלא דידן ממש.

יט. דאס האט אויך א שייכות צו דעם ביאור אין דעם ענין אין זהר:

עבודת דוד המלך, ועד"ז דוד מלכא משיחא, איז – תכלית הביטול ביז צו מסירת נפש, כמ"ש[59] "אם לא שויתי ודוממתי"[60]. ד.ה. אז אפילו אלס א מציאות פון א נשמה בגוף איז ער געשטאנען בתכלית הביטול ומס"נ. דערפאר איז ער געווען א "בר נפלא" – מצד זיין תכלית הביטול.

עפ"ז איז פארשטאנדיק דאס וואס אדה"ר "ראה דוד שהי' בר נפלא" – ער האט געזען א נשמה בגוף וואס קען לעבן שבעים שנה, אבער מציאותו איז בתכלית הביטול לאלקות – "בר נפלא".

עפ"ז ווערט די שאלה לאידך גיסא: וויבאלד אז דוד האט געהאט יארן נאר זיי זיינען געווען דורכגענומען מיט תכלית הביטול – איז דאך תבוא עליו ברכה, דאס איז לכאורה שלימות העבודה; פארוואס האט מען אויב אזוי געדארפט מאכן א גאנצן טומל און צונעמען יארן פון אדה"ר און די אבות אויף אפגעבן צו דוד'ן?!

איז דער ביאור בזה: תכלית שלימות העבודה איז דוקא אז לאחרי עבודת הרצוא זאל זיין עבודת השוב. און דעריבער האבן זיי אים געגעבן די יארן, בכדי ער זאל האבן דעם כח אויף עבודת השוב אלס א נשמה בגוף במשך שבעים שנה.

כ. דערפון איז אויך דער לימוד אין עבודה לכאו"א:

בתחלת היום דארף מען טאקע שטיין אין א מצב פון תכלית הביטול לה' – "שויתי ה' לנגדי תמיד"[61], ווי דער אלטער שרייבט אין אנהויבס סידור (פאר "מודה אני"); דערנאך דארף אבער זיין עבודת השוב, בכדי וואשן נעגל-וואסער (לדוגמא) ניט צוויי מאל און ניט פיר מאל אויף יעדער האנט, נאר דוקא דריי מאל, און וויסן וואו דער קווארט איז און וואו דער שיסל איז, בכדי ניט אויסגיסן די וואסער אויפן פאדלאווע, און אפווישן די הענט מיט א האנטאך וכו'. ועד"ז – כללות עבודת השוב במשך היום.

ווי ס'איז פארשטאנדיק אויך פאר א קינד, ווארום דאס שטייט אין סידור השוה לכל נפש. – דער ענין ההתבוננות אז "שויתי ה' לנגדי תמיד" שטייט טאקע מיט אותיות אן נקודות (ניט ווי "מודה

---

59) תהלים קלא, ב. 60) ראה סהמ"צ להצ"צ מצות מינוי מלך בתחלתה.
61) תהלים טז, ח.

אני" וואס שטייט מיט נקודות) - ווייל אדרבה: אויב עס וואלט געשטאנען מיט נקודות, וואלט דאס געווען מובן נאר פאר אזא קינד וואס קען לייענען מיט נקודות; בשעת עס שטייט אבער אן נקודות - איז דאס שייך צו אלעמען, ווייל אויך אזא וואס קען דאס נאך ניט לייענען, פרעגט ער זיך נאך וואס דארטן שטייט, זאגט מען אז עס שטייט אז מלך מלכי המלכים הקב"ה שטייט לעבן אים - ווערט ער גלייך א "בר נפלא".

ווארום א קינד ווייסט ניט פון קיינע קונצן. מ'זאגט אים אז דער אויבערשטער שטייט לעבן אים - ווערט ער בטל במציאות, במכ"ש דערפון וואס אים פאלט אן א פחד פון דעם מלך בשר ודם, אדער פון דער פאליסמאן וואס שטייט אויפן קארנער וואו ער וואוינט, הערנדיק פון זיין מאמען אז אויב ער וועט זיך ניט אויפפירן כדבעי - וועט אים דער פאליסמאן ארייננעמען אין "חד גדיא"!...

דערנאך דארף אבער זיין עבודת השוב - די עבודה אין עולם.

ובהמשך לזה איז כאן המקום להאיר (מיט אן אל"ף) ולעורר וועגן דעם וואס מ'האט שוין גערעדט בארוכה כמ"פ במשך שנה שעברה[62], אז יעדער קינד זאל האבן זיין אייגענעם סידור. און די כוונה פון דעם דיבור איז געווען - אז מ'זאל דאס טאן בפועל ממש.

אבער... כרגיל, מ'האט דערפון געמאכט א רשימה, און איר אוועקגעלייגט אויף דער פאליצע, און דערנאך איבערגעגאנגען צו א צווייטן ענין, ועד כדי כך, אז כ'האב געפרעגט איינעם צי ער האט אן אייגענעם סידור, האט ער ניט נאר דאס ניט געהאט, נאר ער האט ניט געוואוסט וועגן דעם גאנצן ענין!

עד"ז וואס מ'האט גערעדט וועגן "עשה לך רב"[63], איז די כוונה בזה אז מ'זאל דאס טאן בפועל, און דער וועמען מ'האט ממנה געווען אלס א "רב", דארף וויסן זיין אחריות אויף אויספירן זיין תפקיד.

כא. ויה"ר אז דורך מעשינו ועבודתינו בכלל, זאל מקויים ווערן הבטחתו של הקב"ה "הן גאלתי אתכם אחרית כבראשית", ושלא בערך מער ווי ס'איז געווען "כבראשית" (כנ"ל),

ובפשטות - אז ס'קומט די גאולה האמיתית והשלימה, און ניט בלשון עתיד נאר בלשון הוה - ברגע זה ממש, גאולה האמיתית

---

62) מכתב לכל ילדי ישראל שי' "בין יו"ד וט"ו בשבט תשמ"ז. קונטרס משיחת ש"פ תרומה תשמ"ז. ועוד. 63) אבות פ"א מ"ו. מט"ז. וראה קונטרס משיחת ש"פ דברים תשמ"ו וש"פ נח תשמ"ז.

הנחה הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

והשלימה ע"י משיח צדקנו.

* * *

כב. [דובר כאן ע"ד ההכנות לחגיגת י"ט כסלו וחנוכה - נכלל בשיחה המוגהת. ובסיום הענין אמר:]

און טאן דאס אלעם מתוך שמחה, וואס איז פורץ אלע גדרים ומדידות והגבלות ועאכו"כ - אלע מניעות ועיכובים, אז אלע ענינים פון אידן זאלן זיין נאר מתוך הרחבה, "ירחיב".

און דאס אלץ איז ממהר דעם "אחישנה" אין אלע ברכות פון דעם אויבערשטן - אנהויבנדיק פון הצלחה אין כל הנ"ל, ומתוך הרחבה, ובטוב הנראה והנגלה, בגשמיות וברוחניות וברוחניות ובגשמיות גם יחד, מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, און אויך "הגדושה" (ווי עס שטייט אין בעש"ט'ס סידור), אז ס'גיסט זיך איבער.

ביז דער עיקר ברכה - גאולה האמיתית והשלימה, "ושבתי בשלום אל בית אבי", בארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, אין ביהמ"ק השלישי, ושם נעשה לפניך כמות רצוניך[64], בתכלית השלימות, ווי דער מיטעלער רבי איז מבאר[65], אז דעמולט וועט זיין שלימות אין אלע ד' סוגים פון דצח"ם (וואס אין א קרבן זיינען פארא אלע פיר זאכן), ועד"ז שלימות אין דצח"ם שבהאדם: שערות - דומם שבו, די שערות שבראש וגידול הגוף בכלל - צומח שבו, חיות ורגש - חי שבו, און זיין שכל - מדבר שבו, ווי דאס איז אויך ביי א קינד כמובן וגם פשוט,

בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בעגלא דידן ממש.

----- * -----

---

64) תפלת מוסף דר"ח. 65) תו"ח ויחי צה, א. צו, ג-ד.

א. על הפסוק[1] ״ואלה המלכים אשר מלכו בארץ אדום לפני מלך מלך לבני ישראל״ — מעתיק רש״י התיבות ״ואלה המלכים וגו׳״, ומפרש: ״שמונה היו, וכנגדן העמיד יעקב וביטל מלכות עשו בימיהם, ואלו הן, שאול ואיש בושת דוד ושלמה רחבעם אבי׳ אסא יהושפט, ובימי יורם בנו כתיב[2] בימיו פשע אדום מתחת יד יהודה וימליכו עליהם מלך, ובימי שאול כתיב[3] אין מלך באדום נצב מלך״.

ואינו מובן:

ענינו של רש״י — ״אני ליישב פשוטו של מקרא באתי״[4], ובנדו״ד, מהו הקושי בפשוטו של מקרא כאן שבגללו צריך רש״י לפירוש, ועד לפירוש ארוך, ״שמונה היו, וכנגדן העמיד יעקב וביטל מלכות עשו בימיהם וכו׳״, ענין שאירע בזמן מלכי ישראל לאחרי כו״כ דורות?!

ב. הרא״ם כותב שכוונת רש״י ״לקיים מה שנאמר[5] ולאום מלאום יאמץ, כשזה קם זה נופל, והראי׳, על ביטול מלכות עשו בימי השמונה מלכים שמלכו על ישראל, שבימי שאול כתיב אין מלך באדום נצב מלך, ובימי יורם כתיב בימיו פשע אדום מתחת יד יהודה, משמע, דמזמן שאול עד אותו זמן הי׳ אדום משועבד תחת מלכי ישראל, ומלכות עשו בטלה בימיהם של שמונה מלכים שמשאול ועד יורם״.

ועד״ז כותב הגו״א — ״לקיים מה שנאמר[6] אמלאה החרבה, כשזה קם זה נופל, ולפיכך כשקם דוד המלך בטל את המלכות מהם. והא דאמר העמיד ח׳ מלכים ובטל המלכות מהם, כדי לקיים שני גוים, ר״ל שוים, כמו שהעמיד זה העמיד זה״[7].

אבל, לכאורה תירוצם אינו בדרך הלימוד דפשוטו של מקרא, כי:

א) ענינו של רש״י לבאר פשוטו של מקרא, ולא ״לקיים מה שנאמר וכו׳״, כלומר, אם אין קושי בפשוטו של מקרא, לא צריך רש״י לפרש.

ב) ועיקר: איך יתכן לומר שכוונת רש״י ״לקיים מה שנאמר ולאום מלאום יאמץ״ — בה בשעה שמדגיש בפירושו שבימי יורם ״פשע אדום מתחת יד יהודה וימליכו עליהם מלך״, היינו, שרק במשך התקופה דח׳ מלכים אלו ״בטלה מלכות עשו״, משא״כ לאח״ז, נתקיימה מלכות עשו לצד מלכות ישראל, היפך מה שנאמר ״ולאום מלאום יאמץ״?!

---

1) פרשתנו לו, לא.

2) מ״ב ח, כ.

3) מ״א כב, מח. — ואף שפסוק זה נאמר בימי אסא ויהושפט, הרי, הפירוש הוא שמצב זה נמשך עד לזמנם, וכמ״ש רש״י במלכים: ״בימי דוד הנציב הוא המלך, וכאן נכתב לפי שבימי יהורם בנו (של יהושפט) שקילקל בימיו פשע אדום וימליכו להם מלך, אבל בימי יהושפט עדיין היו כפופין לו״, ומצב זה (שלטון דישראל על אדום) התחיל בזמן שאול, שנאמר בו (שמואל א׳ יד, כז) ״וילחם סביב בכל אויביו וגו׳ ובאדום וגו׳ ובכל אשר יפנה ירשיע״.

4) פרש״י פרשתנו לג, כ. וראה פרש״י בראשית ג, ח. ועוד.

5) תולדות כג, כה ובפרש״י.

6) יחזקאל כו, ב (הובא בפרש״י תולדות שם).

7) ולהעיר גם מפרש״י בפסוק ״ואלה המלכים״ שבדברי הימים (א׳ א, מג), שמביא מב״ר (בין השאר) ״בשעה שזה מעמיד כו׳ זה מעמיד כו׳, זה העמיד ח׳ וזה העמיד ח׳״.

SichosKodesh.com

[ועד״ז נשאלת השאלה בנוגע לתקופה שקדמה ל״אלה המלכים אשר מלכו בארץ אדום לפני מלך מלך לבנ״י״:

מובן וגם פשוט שלא יתכן לומר שבמשך תקופה הכי ארוכה, מזמנם של יעקב ועשו עד לזמן שאול, כמה מאות שנים[8], מלכו באדום שמונה מלכים! ועכצ״ל ששמונת מלכי אדום היו במשך תקופה מסויימת, ומלבד זה הי׳ משך זמן רב שלא הי׳ מלך.

ועפ״ז, איך נתקיים ״ולאום מלאום יאמץ״ בתקופה שאצל שניהם — ישראל ואדום[9] — לא הי׳ מלך].

ג. ויובן בהקדם שאלה נוספת: מדוע מספרת התורה, ובארוכה, אודות ״המלכים אשר מלכו בארץ אדום״ — למאי נפק״מ ב״תורת משה לבנ״י״ לדעת מה נעשה במלכות אדום?!

לכאורה יכולים לשאול שאלה זו בנוגע לכללות הסיפור ד״ואלה תולדות עשו גו׳״[10], ובפרט ״אלה בני שעיר החורי יושבי הארץ גו׳״[11], ״שהיו יושבי׳ קודם שבא עשו לשם״[12] (שכאן לא מדובר אודות עשו, כי אם, אודות החורי שהוריש עשו) — דלכאורה, למאי נפק״מ כל זה בתורה?!

אמנם, בנוגע לכללות הסיפור ד״תולדות עשו״, והסיפור אודות ״בני שעיר החורי״, יש לומר[13] שהתורה כתבה כל זה (גם) כדי להדגיש קיום ברכתו של יצחק לעשו[14], שבגלל זה היו לו ריבוי אלופים כו׳, והצליח להוריש את ״בני שעיר החורי יושבי הארץ״[15].

משא״כ בנוגע לסיפור אודות מלכי אדום — אי אפשר לומר שהתורה מספרת זה כדי להדגיש גדלו וחזקו של עשו (כתוצאה מברכתו של יצחק), שהרי אדרבה: מפורש בקרא שמלכים אלו לא היו מזרעו של עשו[16], אלא ״מבצרה״ (״מערי מואב היא״)[17], ״מארץ התימני״[18], וכיו״ב[19], כלומר, מלכים

---

8) קרוב לשבע מאות שנה (ראה סדה״ד ב״א קצ״א — תתפ״ב).

9) משא״כ בנוגע ליעקב ועשו עצמם — שהרי מפורש בכתוב ״ולאום גו׳״, ״אין לאום אלא מלכות״ (תולדות כה, כג ובפרש״י), היינו, שאין הכוונה ליעקב ועשו כשהיו בזמנם ששה נפש או אפילו שבעים נפש, שאין זה לאום כלל, ובפרט — פשוטו של מקרא! וכנ״ל דהיינו מלכות.

10) פרשתנו לו, א, ואילך.

11) שם, כ ואילך.

12) פרש״י עה״פ.

13) באם את״ל שיש פשטנים דלא ס״ל כמפורש ברש״י ר״פ וישב ״אחר שכתב לך ישובי עשו ותולדותיו בדרך קצרה שלא היו ספונים וחשובים לפרש היאך נתיישבו וסדר מלחמותיהם איך הורישו את החורי, פירש לך ישובי יעקב ותולדותיו בדרך ארוכה כו׳״, ובפרט בנוגע ל״בני שעיר החורי״, כמ״ש רש״י (פרשתנו לו, יב־כד) ״לא הוזקק לכתוב לנו משפחות החורי אלא מפני תמנע״, ״להודיע גדולתו של אברהם כמה היו תאבים לידבק בזרעו כו׳״.

14) ועד״ז בנוגע לתולדות ישמעאל (ס״פ חיי שרה) — קיום ההבטחה ״ולישמעאל שמעתיך וגו׳״ (לך לך יז, כ).

15) ראה גם דברים ב, יב: ״ובשעיר ישבו החורים לפנים ובני עשו יירשום גו׳ וישבו תחתם״, ובפרש״י: ״נתתי בהם כח שהיו מורישים אותם והולכים״.

16) וטעם הדבר — מכיון שנאמר ״ורב יעבוד צעיר״ (תולדות כה, כג), ובברכת יצחק ליעקב — ״הוה גביר לאחיך״ (שם כז, כט), שלכן, לא יתכן שיהיו לעשו מלכים כמו ליעקב (ראה לקו״ש חט״ו ע׳ 296).

17) פרשתנו לו, לג ובפרש״י.

18) שם, לד.

19) ראה ב״ר, רד״ק וספורנו עה״פ. שמו״ר פל״ז, א. מו״נ ח״ג פ״נ (ודלא כברמב״ן, בחיי ועוד שם). ובבמדב״ר (פי״ד, י. וראה אברבנאל פרשתנו שם) מחלק דג׳ מהם היו מבני אדום, והשאר, ״משאר מקומות היו ומשאר אומות״.

משאר מקומות ואומות שבאו ומלכו בארץ אדום — בזיון לעשו[20], שהמלך בארצו הוא ממקום ואומה אחרת!

וא״כ, הדרא קושיא לדוכתא: מדוע מספרת התורה, ובארוכה, אודות מלכי אדום?!

ד. ויש לומר, שבפירושו "שמונה היו וכנגדן וכו׳" כוונת רש״י לתרץ בהרחבה[21] קושיא הנ״ל, כדלקמן.

וקושיא גדולה יותר — שגם היא מתעוררת אצל בן חמש למקרא:

סיפור זה הוא בסתירה (לכאורה) לברכת יצחק, כי, לאחרי שיצחק אמר בברכתו[22] ליעקב "הוה גביר לאחיך"[23], ואמר לעשו "ואת אחיך תעבוד"[24] (ומזה מובן — במכ״ש וק״ו — שיעקב צריך להיות במעלה יתירה לגבי עשו), היו "מלכים אשר מלכו בארץ אדום", היינו, שאדום קיימה מלכות בפ״ע (במקום לעבוד את יעקב), ולא עוד, אלא, שמלכות אדום היתה "לפני מלך מלך לבני ישראל"?!

ועל זה מתרץ רש״י[25] — "שמונה היו, וכנגדן העמיד יעקב וביטל מלכות עשו בימיהם וכו׳":

בסך־הכל — אומר רש״י לבן חמש — מסופר כאן אודות שמונה מלכים בלבד, "וכנגדן (כנגד כל השמונה) העמיד יעקב וביטל מלכות עשו בימיהם", היינו, שכאשר יעקב העמיד שמונה מלכים שלו (שמנאם רש״י), ביטל עי״ז מלכות עשו, אדום הי׳ משועבד תחת מלכי ישראל.

וזהו הדיוק בכתוב "ואלה המלכים אשר מלכו בארץ אדום לפני מלך מלך לבני ישראל" — שקיומה של מלכות אדום לא הי׳ אלא "לפני מלך מלך לבני ישראל", שכן, תיכף ומיד כשהעמיד יעקב מלכים שלו, ביטל מלכות עשו.

ועפ״ז מובן טעם הסיפור אודות מלכי אדום — כדי להדגיש את קיומה של ברכת יצחק ע״ד מעלת יעקב לגבי עשו[26]:

"ואלה המלכים אשר מלכו בארץ אדום" — בארץ אדום בלבד, ותו לא, ופשיטא, שלא על בנ״י (ונוסף לזה, שמלכי אדום לא היו מזרעו של עשו, אלא משאר אומות, כמ״ש בהמשך הכתובים (כנ״ל ס״ג)), וכל זה — "לפני מלך מלך לבני ישראל", כי, תיכף ומיד כשהעמיד יעקב מלכים שלו, ביטל מלכות עשו, והיו משועבדים תחת מלכי ישראל ("מלך אין באדום נצב מלך").

ה. ולהוסיף — ליתר ביאור:

אין כוונת רש״י "לקיים מה שנאמר ורב יעבוד צעיר, הוה גביר לאחיך, ואת אחיך תעבוד" — שהרי (נוסף לכך שענינו אינו אלא לפרש פשש״מ) שאלה

---

20) להעיר ממארז״ל עה״פ "הנה קטן נתתיך בגוים בזוי אתה מאד" — שלא היו מעמידים מלך בן מלך (פרש״י עה״פ עובדי׳ א, ב — מע״ז יו״ד, א).

21) ולא נצטרך לומר שכל הפרשה נאמרה בשביל פסוק אחד, וגם בו הענין ברמז.

22) נוסף על מה שנאמר כבר לרבקה "ורב יעבוד צעיר".

23) תולדות כז, כט.

24) שם, מ.

25) וכדרכו, שאינו מקדים את השאלה, אלא כותב פירושו, ובדרך ממילא מתורצת השאלה.

26) וההמשך להתחלת הפרשה שבה מדגיש הכתוב קיום ברכת יצחק לעשו (כנ״ל ס״ג) — שהברכה לעשו היא אך ורק בתנאי שאין זה בסתירה לגדלותו של יעקב, כפשוט.

SichosKodesh.com

זו נשארת (א) בנוגע למשך חייהם של יעקב ועשו[27], (ב) בנוגע לכל משך הזמן שלפני מלך מלך לבני ישראל — שהרי סוכ"ס לא נתקיים "ורב יעבוד צעיר", (ג) מזמנו של יורם ואילך ש"בימיו פשע אדום מתחת יהודה גו' עד היום הזה" — כיצד מתאים זה עם ההבטחה "ורב יעבוד צעיר", "ואת אחיך תעבוד"[28].

ורש"י אינו מתרץ קושיא זו — כמו שאין מבאר שאר "קלאָץ־קושיות" דוגמתם. ולדוגמא: הובטח ליעקב "היטב איטיב עמך"[29], ואעפ"כ, לא ישב בשלוה[30], וימי שני חייו היו "מעט ורעים"[31]. ובפרשיות שלפנ"ז — הובטח לאברהם ובברית (ובהתחלתה) קיני קניזי וקדמוני[32], ועד היום הזה רואה בן ה' למקרא שעדיין לא נתקיים!

אלא, כוונת רש"י היא, כאמור, לתרץ את השאלה שמתעוררת אצל הבן חמש למקרא בפסוק זה: (א) מדוע מספרת התורה אודות מלכי אדום, (ב) ויתירה מזה, הסיפור אודות מלכי אדום הוא בסתירה (לכאורה) לתוכן ברכת יצחק?! ועל זה מתרץ רש"י "שמונה היו וכנגדן העמיד יעקב וביטל מלכות עשו בימיהם", כנ"ל בארוכה.

---

27) דמכיון שבענין זה לא נאמר "לאום" (ראה לעיל הערה 9), משמע, דקאי (גם ולכל לראש) על יעקב ועשו עצמם.

28) ואין לתלות זה בהענין ד"והי' כאשר תריד (כש"עברו ישראל על התורה, אזי) ופרקת עולו מעל צוארך" (תולדות כז, מ ובפרש"י) — שהרי*: יעקב עצמו בודאי הי' בתכלית השלימות, ואעפ"כ, לא מצינו שמלך על עשו. ובנוגע לזמן שלפני מלך מלך לבנ"י — לא מסתבר שבמשך כל הזמן הי' מצב גרוע יותר מאשר בתקופת שמונת המלכים. ובפרט שבין שמונת המלכים עצמם** היו גם רחבעם ואבי' שעשו הרע בעיני ה'. ולאידך, בזמן שלאחרי יורם — היו כמה מלכים שעשו הטוב בעיני ה', כמו, יואש ואמציהו ועזרי' כו'.

---

*) נוסף לכך שעדיין לא מתורץ בנוגע להבטחה ד"ורב יעבוד צעיר", שבזה לא נתפרש שום תנאי.

**) נוסף לכך שמכיון ש"ויפשעו ישראל בבית דוד" ע"ז שהמליכו את ירבעם על עשרת השבטים (כעונש על הנהגת שלמה — מ"א יא, יא ואילך. שם יב, יט) — בטלה רוב מלכות יעקב, שעיקרה מלכות בית דוד.

---

29) פרשתנו לב, יג.

30) פרש"י ר"פ וישב.

31) ויגש מז, ט.

32) לך לך טו, יט.

לזכות

כ"ק אדמו"ר שליט"א

והרבנית שתליט"א

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ"י שליט"א קוממיות לארצנו הקדושה



נדפס ע"י

משפחת נמדר

לזכות

הרה״ח **יוסף יצחק** בן **אלטע נחמה גיטל**

וזוגתו **רבקה** בת **מתי׳ה**

וב״ב

בלה ובעלה **חיים זאב** בן **יהודית**

וילדיהם **חנה, שלמה מרדכי ואפרים צבי בלוי**

מנחם מענדל דוב, חנה ורחל

יוזביץ

לזכות

יוסף יצחק בן **הינדא מלכה**
שטערנא שרה בת **רבקה בלימא**
חי' מושקא בת **שטערנא שרה**
ובעלה **מנחם מענדל** בן **מארייאשא באדאנע שרה** גראנער
ובתם **חנה** בת **חי' מושקא**
ובנם **לוי** בן **חי' מושקא**
ובתם **דבורה לאה** בת **חי' מושקא**
שלום דובער בן **שטערנא שרה**
חנה בת **שטערנא שרה**
ובעלה **שניאור זלמן** בן **אסתר הדסה** ראסקין
ובתם **חי' גנעשא בת חנה**
דוד בן **שטערנא שרה**
פייגא בת **שטערנא שרה**
ובעלה **אליהו צבי** בן **פערל** גורעוויטש
דבורה לאה בת **שטערנא שרה**
מנחם מענדל בן **שטערנא שרה**
נעכא רייזל בת **שטערנא שרה**
שניאור זלמן בן **שטערנא שרה**
פנינה יהודית בת **שטערנא שרה**

לו

לברכה והצלחה רבה בכל מעשה ידיהם
למעלה מן המשוער
ושיזכו לגרום רק נחת רוח
לכ"ק אדמו"ר נשיא דורנו

לזכות

שלום דובער הלוי בן **אסתר** ומשפחתו

שליט״א

לזכות

מושקא בת **דבורה לאה**

מנחם מענדל בן **דבורה לאה**

אליעזר בן **דבורה לאה**

מוקדש

לחיזוק ההתקשרות

להוד כ״ק אדמו״ר זי״ע